STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01165

PIONERN FUN YIDISHER POEZYE IN AMERIKE

N. B. Minkoff

Permanent preservation of this book was made possible
by Lewis & Josephine Schneider
in memory of
Ike Kahanowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע

דאָס סאָציאַלע ליד

ערשטער באַנד

ניו־יאָרק — 1956

N. B. MINKOFF

PIONEERS OF YIDDISH POETRY IN AMERICA

The Social Poetry

Volume I

Copyright, 1956,
by N. B. Minkoff
New York, N. Y.

Prnted in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORPORATION
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
(166)

געווידמעט
מיין פרוי

אינהאַלט:

הקדמה:

דער נייער סאָציאַלער נוסח — 7
דאָס אַרבעטער־ליד און דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד — 8
דעם דיכטערס עובדא — 12
שיכטן און פסעוודאָנימען — 13
דער מאַנד און דער פריהייטס־פּאַראַדיז — 14

מאָרים ווינטשעווסקי:

דער נייער דיכטער — 19
ווינטשעווסקיס ווירקונגען — 22
השפּעות אויף ווינטשעווסקין — 32
ווינטשעווסקיס געפיל־סאָציאַליזם — 32
ליטעראַרישע השפּעות — 36
צונזער און קרילאָוו — 37
משלדיקער רעאַליזם — 41
פּובליציסטישע פּאָעזיע — 45
אויפן וועג צו קאָנקרעטן רעאַליזם — 51
קאָנקרעטער רעאַליזם — 56
סאָציאַלער טרויער — 67
„וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע" — 72
ליריק — 78

דוד עדעלשטאַט:

עדעלשטאַט — די שטים פון זיין דור — 89
„פאַבריק־גיהנום — מיין פּאַרנאַס" — 91
לעגענדאַרישע געשטאַלט און פּאָעטישע דערגרייכונגען — 94
סיבות פון סתירותדיקע באַציאונגען — 96
אין אַן אומגעריכט הייליק ליכט — 97
פּאָעטישע דערגרייכונגען — 102
היסטאָרישע און קינסטלערישע באַדינגונגען — 107
פון איין קולטור אין דער צווייטער — 109
רוסישער פאָלקיזם און עדעלשטאַטס ליד — 110
פּאָעטישע קרובהשאַפט — 114
דעם דיכטערס עובדא און ליריזם — 117
ליריקער און טריבון — 120
רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק און עטישער ליריזם — 123

יוסף באָוושאָווער:

צווישן די נעמען פון די מייסטערס — 131
זיין לעבנסוועג — 132
פאַרשיידענע טעאָריעס — 135
ווירקלעכקייט און אַנטרינונג — 140
מ. טורבאָוו — 141
פרייהייט — 154
תנך־סטיל — 157
בעיזל האהל — 159
קונסט — 173
וועגן פּאָעזיע — 174
קלאַסישקייט — 179
נאַטור — 184
אוניווערסאַלע טענער — 185
„אָ, מעלאַנכאָליע מיין" — 188

דוד גאָלדשטיין:

זיין גאַנג — 195
ביאָגראַפישע פּרטים — 196
די אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע לידער — 200
נאַציאָנאַל־יידישע לידער — 208
מלחמה־לידער — 210
אינטים־יחידישע לידער — 212

יצחק ריינגאָלד:

„דער גרעסטער דיכטער פון דער וועסט" — 223

אָפּשטאַם, משפּחה — — — — — — — 224
פּאָעט, זינגער און די שוויץ־פאַבריק— 225
טעאַטער־לידער און שקלאַפערײַ — 229
ספקות — — — — — — — — — 233
דער פּאָעט פון שקלאַפן־ליד — — 237
דער טרויעריקער אַרבעטער־זינגער — 239
דער סאָציאַלער קופּלעטיסט — — 248
די השפּעה פון „פּאָפּולער סאָנגס” — 254
דער סענטימענטאַלער באַלאַדיסט — — 263
דער ליריקער — — — — — — — 273

נחום מ. באַבאַד :

נאַאום — נחום — נעיטן — — — — 281
דערינערונגען וועגן קינדהייט — — 283
זיין לעבן אין ניו־יאָרק — — — — 285
ביים ראַנד פון טויט — — — — — 288
קאַליפאָרניע — — — — — — — — 291
די ערשטע לידער — — — — — — 294
זיינע מאָטיוון — — — — — — — 301
די ליכטיקע וועלט — — — — — — 305
די סאָציאַלעווירקלעכקייט — — — — 306
זיין קראַנקייט — — — — — — — 308
די זעל, וואָס פילט און דענקט — — 313

היימאַן סטרונסקי :

ביאָגראַפישע פּרטים — — — — — 317
זיינע לידער — — — — — — — — 321
לידער פון סאָציאַלער עלנט — — — 322
סאַטירישע לידער — — — — — — — 330
דער רעוואָלוציאָנערער מאָטיוו — — 332

ב י ל ד ע ר :

מאָריס ווינטשעווסקי — — — — — 17
מאָריס ווינטשעווסקי אויף חער עלטער— 79
דוד עדעלשטאַט — — — — — — — 87
יוסף באָווּשאָווער — — — — — — 129
דוד גאָלדשטיין — — — — — — — 193
יצחק ריינגאָלד — — — — — — — 221
נחום מ. באַבאַד — — — — — — — 279
היימאַן סטרונסקי — — — — — — 315

הקדמה

דער נייער סאָציאַלער נוסח

כמעט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור איז, אין תוך, אַ סאָציאַלע. אירע שאַפער זיינען דאָס רוב געווען פאָלקסמענטשן. און די, וואָס האָבן דערגרייכט העכערע אינטעלעקטועלע מדרגות, אויך זיי זיינען געווען געקניפּט־און־געבונדן מיטן פאָלק. די פאָלקס־עלעמענטן זיינען דעריבער, שטאַרק ניכר כמעט אין יעדער תקופה און אין יעדן מין ליטעראַטור.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אויך אויסנאַמען. די שפּילמאַן־תקופה, למשל, — פון אַן ערך דעם 14טן ביזן מיטן 16טן יאָרהונדערט — איז געווען דורכגענומען מיט אַן אייגנאַרטיקן ליטעראַרישן איינשטעל. אין אונדזער צייט האָבן מיר דעם איינשטעל אַ נאָמען געגעבן — „קונסט־פאַר־קונסט". דאָס טעמאַטישע שטאָף האָט דעמאָלט געשפּילט אַ קלענערע ראָלע ווי די פאָרם. אָבער אויך אין דעם דאָזיקן מעטאָד קומט צום אויסדרוק דעם פאָלקס פּסיכיק — ווי אַזוי דאָס פאָלק נעמט־אויף געשעענישן, עטיש און סאָציאַל. און נאָך אַ וויכטיקערע זאַך קומט צום אויסדרוק: דעם פאָלקס היסטאָרישע דערפאַרונג. דאָס ליגט אין דער שפּראַך, וואָס איז — ניט מער און ניט ווייניקער — ווי דעם פאָלקס פולסטע היסטאָרישע איינזאַמלונג.

אַ צווייטן אויסנאַם זעען מיר, למשל, אין 20סטן יאָרהונדערט. טייל אימפּרעסיאָניסטן — „די יונגע" — האָבן אָנגענומען „קונסט־פאַר־קונסט" הן אין דער קינסטלערישער מחשבה, הן אין דער פּראַקטיק. אָבער אויך זיי האָבן זיך געגערט מיטן פאָלקסליד — מיט זיין פּשטות און דינקייט.

אַחוץ די דערמאָנטע צוויי בולטע אויסנאַמען, טרעפן מיר דעם „קונסט־פאַר־קונסט" איינשטעל אויך ביי וואָרט־קינסטלער אין אַנדערע תקופות. למשל, — אין עטלעכע לידער ביי ד״ר שלמה עטינגער, אָדער ביי רש״י קאַצענעלענבאָגען. אָבער דער דרך אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ סאָציאַלער. מיר זעען עס אין די מוסר־ספרים און אין אַ סך מעשיות. די גאַנצע השכלה־ליטעראַטור איז אַ סאָציאַלע.

אויך אין דער חסידישער מעשה געפינען מיר סאָציאַלע פּעדעם. „אַפילו פּראָסטע מענטשן קאָנען זיך אַרויסנעמען גרויס מוסר פון די מעשיות". אַזוי שרייבט ר' נתן אין זיין הקדמה צו ר' נחמן בראַסלאַווערס „ספורי מעשיות".

צווישן די סאָציאַלע לידער אין דער יידישער פּאָעזיע פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט — די קלאָג־לידער. אין דעם פּרט קאָן מען אָנווייזן אויף אַ גאַנצער טראַדיציע. אונדז איז באַקאַנט אַ „ניי קלאָגליד אויף אַ משרת (שמש) פון פראַנקפורט", בניגון „אני הגבר", באַזעל, 1708. דאָס איז אַ קלאָגליד פון אַרעמעלייט אויף דעם שמש יעקב פּולוואַסער, וואָס לאָזט זיי ניט אַריין קיין פראַנקפורט צו בעטלען. פאַראַן נאָך אַן עלטער ליד, פון סוף 16טן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ סאַטירע און אַ קלאָגליד אויף די האַמבורגער פּרנסים („מיר אָרמען מוזן קלאָגן וואָס אויפקומט אום עולם, וואָס דאָ איז געשען אים האַמבערגער לאַנד, ווי די פּרנסים אָנטון דען אָרמען גרויסע שאַנד", אאַז"וו). דאָס ליד געפינט זיך אין אייזיק וואַליכס זאַמלונג.

ווי דערמאָנט — דער סאָציאַלער מאָטיוו איז ניט געווען ניי. אָבער אין אַמעריקע — אַ ביסל פריער, אין ענגלאַנד — איז אויפגעקומען אַ סאָציאַלער נוסח, וואָס איז באמת געווען ניי. דאָס איז געווען דער פּראָלעטאַרישער נוסח. זיינע מאָטיוון זיינען געווען: וועקן, רופן, שילדערן דאָס אומגליקלעכע שקלאַפן־לעבן און דעם רעוואָלוציאָנערן טרוים.

דאָס אַרבעטער־ליד און דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד

דאָס אַרבעטער־ליד און דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד — זיי זיינען געווען אַ דירעקטער אויסדרוק פון דעם מאַסן־אימיגראַנטישן לעבן אין די 80ער און 90ער יאָרן לעצטן יאָרהונדערט. דאָס דעמאָלטיקע לעבן אין אַמעריקע האָט זיך געפורעמט אין גאַנג פון וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם. עס האָט זיך געפורעמט אין דער אומברחמנותדיקער טעמפּאָ פון אינדוסטריאַליזאַציע. צוזאַמען מיט דעם איז געוואַקסן אַ שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע. דאָס אַליין פאַר זיך איז געווען גענוג צו ברענגען אומגליק און צעשטערונג אין לעבן פון די אונטערדריקטע. אָבער די יידיש־אימיגראַנטישע טראַגיק איז געווען נאָך טיפער. אין דעם אַמעריקאַנער אינדוסטריעלן גיהנום איז מען אַריינגעפאַלן פון אייראָפּעאישע

שטעט און שטעטלעך, וואו דאָס לעבן איז געווען ניט ווייניקער אָרעם, אָבער דערפאַר מער רואיק. אין געוויסע פאַלן — ממש אידיליש, אין פאַרגלייך מיטן גיהנום אין די אַמעריקאַנער וואַקסנדיקע שטעט.

דער איבערבייט אין אָרט לעבן איז געווען אַן אומדערוואַרט פּיינלעכער. די איבערפלאַנצונג, דאָס דראַסטיש־געביטענע אימיגראַנטן־לעבן — זיי האָבן אַריינגעבראַכט שאַרפע שינויים אין אַלע ווערטן. דערצו זיינען די יידישע אימיגראַנטן אַליין געקומען פון פאַרשיידענע לענדער, געגנטן, קלימאַטן. זיי זיינען געווען ווי אומצייליקע, אַנדערשדיקע שבטים, וואָס האָבן זיך אין אַמעריקע צום ערשטן מאָל צונויפגעטראָפן אין גרויסע מאַסן. יעדן אייגנעמס היינטערגרונט איז געווען אַן אַנדערער. דאָ האָבן זיך געמישט אין איין כאַאָס מענטשן פון פאַרשיידענע שטאַפּלען, מיט פאַרשיידענע דערציאונגען, דערפאַרונגען און מנהגים. נייע באַגריפן, נייע פירונגען, האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דאָס האָט געשאַפן כאַאָס און יסורים. און דאָס איז שטענדיק געוואַקסן אינאיינעם מיט אַנטוישונג, היימווי. און די ווירקלעכקייט איז געווען — שקלאַפערייַ אין די שוויצפאַבריקן, אין די קליינע קרעמלעך אָדער ביי די פּעדלער־שטעלעכלעך. אָט די צערודערונג האָט ממש דערשיטערט דאָס גאַנצע אימיגראַנטישע לעבן, זי האָט דערשיטערט דאָס סאַמע טיפסטע אין דעם אימיגראַנטס נשמה. דאָס אימיגראַנטישע לעבן איז באמת געוואָרן אַ נייער עמק הבכא. דאָס וואָרט „יאַמערטאָל" איז ניט געווען קיין פּאָעטישע מליצה, נאָר אַ ברוטאַלע ווירקלעכקייט.

פאַרצווייפלונג און שפּלות, אויפגערייצטקייט און אויפברויז, טראַגישע בענקשאַפטן און רעטונג־חלומות — דאָס איז געווען דער דינאַמישער צושטאַנד פון דער גאַנצער תקופה. און דאָס איז געווען — על־פּי רוב — אונדזער פּראָלעטאַרישע תקופה סוף לעצטן יאָרהונדערט.

דער נייער סאָציאַלער מאָטיוו, דער פּראָלעטאַרישער מאָטיוו, געבוירן אין אַמעריקע, איז, דעריבער, ניט געווען קיין צופאַל. מיט דעם דאָזיקן נייעם מאָטיוו איז געווען דורכגענומען אויך די קינסטלערישע פּראָזע, די דראַמע, די קריטיק, די פּובליציסטיק. דאָס גאַנצע יידישע אימיגראַנטן־לעבן איז דעמאָלט געווען סאָציאַל, פּראָלעטאַרישבאַוואוסטזיניק. יעדער פּראָגרעסיוו־געשטימטער מענטש האָט געאָטעמט מיט דעם דאָזיקן נעפּיל־לעבן. און יעדער נייער פּאָעט האָט זיך טאָג־טעגלעך אָנגעשטויסן אויף דעם דאָזיקן פאַרשאַרפטן סאָציאַלן מאָטיוו. פאַר אַ פּאָעט, וואָס האָט געלעבט אין דער פּראָלעטאַרישער

אַטמאָספּערע, איז געווען אוממעגלעך ניט צו שרייבן אין דעם נייעם סאָציאַלן נוסח. ראשית — דאָס איז דעמאָלט געווען די הערשנדיקע שטימונג. שנית — דער גרעסטער רוב האָט באמת געהערט די אָנקומענדיקע טריט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. טייל האָבן אַפילו געגלויבט, אַז ס׳איז אַ פראַגע פון עט׳לעכע יאָר, אָדער גאָר — פון חדשים. דאָס האָט געשאַפן אַ שטאַרקע איבערצייגונג ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך אויפפירן. עס איז געווען אַ מוז פאַר יעדער „טראַכטנדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט" זיך מוסר־נפש זיין פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס קלאַפּט שוין אין טיר. קונסט — דאָס וועט מען לאָזן אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי די גאַנצע מענטשהייט וועט ווערן באַפרייט. „ווי אַזוי קען איך זיך אָפּגעבן מיט פאָרם, ווען עס גיסט זיך אַרבעטער־בלוט אין די גאַסן". אַזוי האָט געטענהט דער אידעאַלער עדעלשטאַט. אַזוי האָבן געטראַכט כמעט אַלע פּאָעטן אין די 80ער, 90ער יאָרן.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער מעטאָד און די טעמאַטיק ביי די אַרבעטער־פּאָעטן? דער מעטאָד איז על־פּי רוב געווען אַ רעאַליסטישער. דאָס מיינט — אַ קאָנקרעטער. דער צוגאַנג צו דער טעמע איז געווען אַ דירעקטער.

טעמאַטיש, ווידער, קען מען סדרן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין פינף גרונט־מאָטיוון:

דער ערשטער מאָטיוו איז: נויט און מיטלייד. נויט פון דעם דערשלאָגענעם און עקספּלואַטירטן און מיטלייד מיט אים. דאָ קומען אויף די באַרימטע טרערן־לידער. אַחוץ טרערן־לידער געהערן אַהער אויך אַלע סאָציאַל־סענטימענטאַלע לידער. די שענסטע פון זיי זיינען, למשל, מאָריס ראָזענפעלדס „מיין יינגעלע" (איך האָב אַ שיינעם יינגעלע), מאָריס ווינטשעווסקיס „דריי שוועסטער" (אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער, אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער, אין סקווער שטייען טעגלעך דריי שוועסטער, די מיידלעך — זיי קען ווער־ניט־ווער). ווינטשעווסקיס „דריי שוועסטער" איז אפשר דאָס שענסטע ליד פון דעם סעטנטימענטאַלן זשאַנער.

דער צווייטער מאָטיוו איז דאָס ליד פון קאַמף: „איר קענט אונדזער קערפּער בלויז טייטן, אָבער ניט אונדזער הייליקן גייסט" (עדעלשטאַט). דאָ קומען אַלע רופלידער, אַלע וועקלידער.

דער דריטער מאָטיוו איז די סאַטירע. אין דער סאַטירע דעמאָס־

קירן די פּאָעטן די דריי שונאים פון דער מענטשהייט: קאַפּיטאַל, די מלוכה און די כוחות, וואָס העלפן זיי.

דער פערטער מאָטיוו איז די סאָציאַלע ליריק. דער קלאָרסטער ביישפּיל דערפון איז באָוושאָווערס „מיין פריינדין". די דאָזיקע ליריק איז ניט „טרערנדיק". זי איז סימבאָליש און יאושדיק.

אין דעם פינפטן מאָטיוו האָט, באַזונדערס, עדעלשטאַט אַריינגעבראַכט אַזעלכע ווערטן, וואָס זיינען פריער ניט געווען אין יידישן ליד. דער דאָזיקער מאָטיוו איז שוין לגמרי ניט קיין רעאַליסטישער. ער איז אינגאַנצן אַ ראָמאַנטישער, אַ הויך־ראָמאַנטישער. ער איז אַ פּאָעטישער, אָנגעזאַפּט מיט העראָאישע טענער, מיט פאַרצוויפלונג. דאָ זעען מיר ווי דער סאָציאַלער עלעמענט ווערט צונויפגעשמאָלצן מיטן ראָמאַנטישן. און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ סאָציאַלע מיסטעריע. אָט אין דער סאָציאַלער מיסטעריע קומען־אויף צוויי פּאָעטישע סימבאָלן: דער קרבן־סימבאָל און דער סימבאָל פון מאַרטירער. עדעלשטאַטס שורה — „פאַרמשפּט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער" — איז דער בעסטער ביישפּיל; אויך זיין ווענדונג —

> איך וואָלט געוואָלט, אַ פאַלק, דיין רויטן זעגל
> נאָך מאַכן רויטער מיט מיין הארצן־בלוט".

ניט ווייניקער רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטיש איז חיים אַלעקסאַנדראָווס:

> און ביסטו געפאַלן אַ טויטער,
> די אויגן די ליבע פאַרמאַכט,
> איך וויקל דיך איין אין דער פאָנע דער רויטער
> און פאַל אין דער בלוטיקער שלאַכט.

ווי מאָדנע דאָס זאָל קלינגען, — אין דער סאָציאַלער ליריק און אין דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק קען מען דערהערן אַ מאָטיוו, וואָס האָט פאַרפלייצט די יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע מיטן אָנקומען פון די „יונגע" אין 1907. דאָס איז דער פערזענלעכער מאָטיוו. געגריט האָבן דעם מאָטיוו טאַקע די סאָציאַלע פּאָעטן, ניט אין זייער רעאַליסטיש סאָציאַל ליד, נאָר, דער עיקר, אין זייער ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנער ליד. דאָ האָט געווירקט דער קרבן־מאָטיוו, דער מאַרטירער־עלעמענט. ער איז געווען ווי אַ סימבאָל, אָבער ווי אַ סימבאָל פון אַן אויסדערוויילטן יחיד. אָבער ביי זעליגנען הערט מען שוין אַן איינ־

בראַך אין דעם האַלב־מיסטישן עקזאַלטירטן מאַרטירער־מאָטיוו. ביי זעלינגען, ווי ביי אַנדערע, הערט מען שוין טענער, וואָס עדעלשטאַטן זיינען זיי נישט כאַראַקטעריסטיש. ביי דעם תהומיק־ערנסטן עדעלשטאַטן הערט מען אין זיינע ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערע טענער אַ מיסטיש־פּאַטעטישן נאָכקלאַנג. צייטנוויז, אַ פֿאַרצווייפלטן, טראַגישן ציטער. אָבער ביי זעלינגען און אַנדערע הערט מען שוין טענער פון רעזיגנאַציע, און ווי נאָר דער טאָן פון רעזיגנאַציע קומט־אויף, קומט אויך אויף דאָס פּערזענלעכע ליד, דאָס יחידישע, אַפילו דאָס פּריוואַט־יחידישע. דאָס איז דאָס ליד, וואָס האָט באַהערשט אַ גרויסן טייל „יונגע".

דעם דיכטערס עובדא

די גרויסע, וואונדערלעכע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זייער אַ סך צוגעטראָגן צו דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. איר גרעסטער ביישטייער איז געווען: אידעאַליזם, עטישקייט, מיטגעפיל, קולטור־באַוואוסטזיין און פּאָליטישע רייפקייט. אָט־די וויכטיקע יסודות זיינען געווען די טרייבקראַפט היינטער אַלע דראַמאַטישע און טראַגישע פּראָצעסן.

קיינער וועט נישט לייקענען דאָס מסירת־נפש און דעם גרויסן אויפטו פון די ראַדיקאַלע פּיאָנערן אין דער יידישער אַמעריקע. די דערקלערונג און אַגיטאַציע האָט זיך געשפּרייט צווישן די מאַסן דורך דער גרויסער פּרעסע, די פאַרזאַמלונגען, לעקציעס. דער פּובליציסט, דער זשורנאַליסט — זייער אויפטו איז אין לשער. נישט ווייניקער האָבן די אָרגאַניזירער אָפּגעטאָן. נישט ווייניקער — די מאַסן גופא.

דער פּובליציסט, דער זשורנאַליסט, דער אַגיטאַטאָר — זיי האָבן געלערנט, דערצויגן דעם עולם. זיי האָבן אים אויפגעקלערט זיין אייגענע לאַגע. זיי האָבן אים געעפנט די אויגן, געוועקט, גערופן.

דער פּאָעט, אָבער, איז צוגעקומען צו זיין הארץ. דער פּאָעט האָט אָנגערירט די עמאָציאָנעלע סטרונעס אין דעם מענטשן. קאָנטיק, אָט־דער אַקט איז געווען ממש אַ צינדנדיקער.

„אָ, גוטער פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן, טראָגט צו מיין קבר די רויטע פאָן" — דאָס האָט אַ ריס געטאָן די סאַמע טיפסטע עמאָציאָנעלע פאַרבאָרגענישן אין דעם אַרבעטערס נשמה. דאָס איז געווען מער צינדנדיק ווי אַלע אינטעלעקטועלע אויסטייטשונגען וועגן קאַרל מאַרקסעס „מערווערט"־טעאָריע. דער ברויזנדיקער עמאָציאָנאַליזם

האָט דאָ מער צערודערט די געמיטער ווי אַלע שכל־הישרדיקע אויס־טייטשונגען. אַט־די געהעכערטע עמאָציאָנעלע טעמפּעראַטור האָט מער אויפגעטאָן ווי אַלע צוזאַמען. אַ מין הויכער סימבאָליזם האָט נעפּלדיק אויפגעלעבט אין אַרבעטערס דמיון. אַ מין תהומיקע מאַרטירער־גרייט־קייט, אַ מין טיף געפיל פאַר יושר האָט געזוכט תיקון. דאָס האָט געריסן צו קאַמף און מסירת־נפש. דאָ ליגט אפשר דער טיפסטער מקור, וואָס האָט געשטויסן צום אַרבעטער־באַוואוסטזיין. דעמאָלט האָט מען עס אפשר ניט געזען אַזוי בולט, מ'האָט ניט געקענט אָנטאַפּן. אָבער דער עמאָציאָנעלער עלעמענט האָט מער ווי אַלע געווירקט אויף די טיף־עטישע געפילן פונעם אַרבעטער. חוץ דעם — דער תהומיקער טרויער, די טראַגיק פון סאָציאַלן ליד האָט געשטימט מיט דעם אַרבעטערס ווירקלעכקייט אין די שוויצפאַבריקן. און די רעוואָלוציאָנערע פּאָעטיק — דאָס האָט געשטאַרקט זיינע האָפענונגען אין זיין מאַרטירער־גרייטקייט.

עס איז אַן אַנטפּלעקונג — ווען מען דערזעט פּלוצים דעם לידס ווירקונג אויף די ערשטע יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַזוי אויך — די ראָל, וואָס די איצט־פאַרגעסענע פּאָעטן האָבן געשפּילט אין דעם.

ניט קיין וואונדער, וואָס פּאָעטן פלעגן אויפטרעטן כמעט אויף יעדער זיצונג און פאַרזאַמלונג. ניט קיין וואונדער איז, וואָס רעוואָלוציאָנערער געזאַנג האָט זיך געהערט אין דער שוויצפאַבריק, אין דער היים, אין גאַס בעת דעמאָנסטראַציעס, און אויף מיטינגען. געווען איז דאָס ניט קיין צופאַל. דאָס איז געווען אַ מוז. אפשר האָט מען עס דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען גענוי. אָבער אַזוי איז עס געווען.

זיכער האָט זיך דער דיכטער באַטראַכט פאַר אַ מענטש, וואָס דריקט אויס דאָס טראַגישע אין לעבן און ברענגט טרייסט מיט זיינע חלומות וועגן אַ געערעכטער צוקונפט. זיין עגאָצענטריזם איז ניט געווען אַזוי נאַרציסטיש פאַרשאַרפט. ער האָט זיך דאָך באַטראַכט פאַר אַ דינער פון דער רעוואָלוציע. און זיין עובדא איז געווען ניט קיין דער־קלערערישע, נאָר אַ ריין־עמאָציאָנעלע.

שיכטן און פּסעוודאָנימען

פאַרשטעלונגס־קראַפט און געפיל — דאָס זיינען צוויי וויכטיקע יסודות אין מענטשלעכן לעבן. זיי זיינען וויכטיק ווי דער אויסדרוק פון

מענטשנס אינערלעך לעבן. זיי זיינען אויך וויכטיק זוי ווירקונגס־מיטלען.

ניט אומזיסט האָבן אַזויפיל מענטשן אין די 80ער און, באַזונדערס, אין די 90ער יאָרן געשריבן לידער. יעדער רעדנער, אַגיטאַטאָר, זשורנאַליסט, און אַ גרויסע צאָל פאָלקס־אינטעליגענטן האָבן זיך געווענדט צו דער פּאָעטישער פאָרם. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי אַב. קאַהאַן און מאָריס הילקוויט. אַ סך זיינען ניט געווען זיכער, צי זיי וועלן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. אַ סך האָבן געהאַט ספקות צי ס׳פּאַסט פאַר סאָלידע פּובליציסטן און אַרבעטער־פירער זיך פאַרנעמען מיט לידער. דערפון האָבן זיך גענומען אַזויפיל פּסעוודאָנימען, וואָס מ׳קען זיי ביז היינט ניט דעשיפרירן.

אַן ערך הונדערט אָדער הונדערט און פופציק מענטשן האָבן געדרוקט פערזן אין יענע יאָרן, טייל אָפט און טייל זעלטן. ווען מ׳באַטראַכט איצט יענע תקופה קען מען זען דריי שיכטן פערזן־שרייבער: צו דער ערשטער שיכט געהערן נעמען, וואָס מיר גדעדנקען: מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, שפּעטער אין אַ געוויסער מאָס — אברהם ליעסין. צו דער צווייטער שיכט געהערן אַרום צוואַנציק פּאָעטן, איצט שוין פאַרגעסענע אָדער וויניק־באַקאַנטע. זיי זיינען ניט געווען סתם פערזן־שרייבער. זיי זיינען געווען פּאָעטן. און וועגן זיי וועט דער לייענער געפינען מאַטעריאַלן אין איצטיקן בוך. צו דער דריטער שיכט געהערט די גרעסטע צאָל פערזן־שרייבער. די אַלע דריי שיכטן ווייזן אָן, אַז דער פּראָלעטאַרישער דרך איז באמת געווען אַ ריכטונג, אַ שולע. און מ׳קען זי באַצייכענען ווי די סאָציאַלע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

אין דעם איצטיקן בוך האָבן מיר זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף ראָזענפעלדס און ליעסינס אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע לידער. וועגן זיי האָט דער איצטיקער מחבר פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אין זיין בוך „יידישע קלאַסיקער פּאָעטן". סיי־ווי — זיי זיינען אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פון אַ תקופה.

דער מאַנד און דער פרייהייטס־פּאַראַדיז

דער דייטשמעריזם אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך פאַרשטאַרקט במשך דער השכלה־תקופה. די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָבן אים אויך שטאַרק געענערט. דער דייטשמעריזם אין

דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע האָט דורכגעפירט אַ וויכטיקע פונקציע.

די דאָזיקע פונקציע האָבן די מאָדערניסטן ניט פאַרשטאַנען. עס געדענקט זיך געננוי, ווען מ׳האָט געלאַכט פון „מאָנד" און „וואַהרע ליבע", פון „יאַמערטאָל" און „טיראַנאַי". אונטער דער טיראַניע פון די מאָדערניסטן האָבן אַפילו די עלטערע פּאָעטן אַנגעהויבן לאַכן פון די דאָזיקע פּאָעטישע דייטשמעריזמען. זיי האָבן דערמיט געוואָלט זיך ווי פאַרענטפערן פאַר זייערע חטאת־נעורים.

דער אמת אָבער איז גאָר אַנדערער. די „לבנה" איז בפירוש געווען זייער אַ געוויינלעך, פּשוט וואָרט. אָבער „מאָנד" — דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָס וואָרט איז געווען ניי. נאָכמער — דאָס איז געווען אַ הויכער לירישער שליסל. ווען דער יונגערמאַן האָט געזאָגט דעם מיידל: דו ביסט שיין ווי דער מאָנד, — איז זי געוואָרן אויפגעציטערט און באַוועלטיקט. „וואַהרע ליבע" האָט געמיינט אַ סך מער ווי אמתע ליבע. דער „פרייהייטס־פּאַראַדיז" איז געווען אַ הויכער לירישער טרוים. „פּאַראַדיז" איז געווען מער ווי גן־עדן. „פּאַראַדיז" איז געווען מער פּאָעטיש. אַזוי איז געווען „קראַנקעס הערץ". ווי הויך־ליריש עס האָט געקלונגען פאַר די שטעטלדיקע אימיגראַנטן ראָזענ־פעלדס „ניט זוך מיך דאָרט וואו פאָנטאַנען שפּריצן". „פאָנטאַנען שפּריצן" איז געווען ליריש, עקזאָטיש און פון אַ וויטער, הערלעכער וועלט.

אייגנטלעך — יעדע ליטעראַטור קען אויפווייזן גאַנצע תקופות, ווען מ׳האָט פאַרלאַכט די לעקסיק און דעם סינטאַקס פון די פריער־דיקע תקופות. דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכע רעאַקציע, אַפילו אַ גע־וואונטשענע. אָבער ס׳קומט אַ צייט ווען מ׳דאַרף פאַרשטיין דעם אמתן לירישן מיין פון פריערדיקע ווערטער, געבויען, זשעסטן און סינטאַקסישע אייגנטימלעכקייטן.

ווען מ׳פאַרשטייט די פריערדיקע לירישע שליסלען, אַנטפּלעקן זיך „דער מאָנד", „דער פרייהייט־פּאַראַדיז", „דאָס קראַנקע הערץ" ווי שיינע פּאָעטישע ווערטער. זיי זיינען געווען עסטעטישע באַדער־פעניש, אַן עסטעטישער מוז, אין דעם טראַגישן, אימיגראַנטישן יאַ־מערטאָל.

מאָריס ווינטשעווסקי



1932 — 1856

מאָריס ווינטשעווסקי

דער נייער דיכטער

ווינטשעווסקי איז געווען נאָך זייער יונג ווען מען האָט אים אָנגעהויבן באַצייכענען מיטן נאָמען — דער זיידע פון יידישן סאָציאַליזם. ער איז ניט געווען דער ערשטער סאָציאַליסט ביי יידן. ער איז אָבער געווען דער ערשטער יידישער סאָציאַליסט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט יידיש אין אַ ליטעראַרישער כלי. סאָציאַליזם אין יידיש איז אויפגעקומען ווי אַ נייע זאַך אָנהייב 80ער יאָרן, אין לאָנדאָן. געמיינט האָט עס — נייע מחשבות, נייע פאַרטיפונג און נייע פאָרם. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס אַלץ געווען ניי. און ווינטשעווסקי איז, אַזוינאָך, געוואָרן דער פיאָנער פון סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דער יידישער ליטעראַטור.

דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער שרייבער איז נאָך זיין נאַטור נאָך געווען אַ סענטימענטאַלער ליריקער. און אַ מערקווירדיקער זיווג איז דאָס געווען —. סאָציאַליסטישע מחשבה און סענטימענטאַלער ליריזם. דער דאָזיקער זיווג האָט אונדז געגעבן אַן אמתן נייעם דיכטער. און דער נייער דיכטער האָט, פאַרשטענדלעך, געבראַכט — נייע דיכטונג. זיין השפעה איז אינגיכן געוואָרן זייער גרויס. אַדאַנק אים איז דער גרעסטער טייל יידישער ליטעראַטור אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, אין די 80ער און 90ער יאָרן, געוואָרן פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנער געשטימט. ווינטשעווסקי איז דער פיאָנער פון אַ זייער שטאַרקער ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין די 80ער יאָרן זיינען די פּאָפּולערסטע יידישע פּאָעטן — אליקום צונזער און אברהם גאָלדפאַדען. גאַנץ ניכּר איז ביי זיי דער סאָציאַלער מאָטיוו. דאָס איז, אייגנטלעך, די טראַדיציע אין דער משכּילישער ליטעראַטור. סאָציאַל איז דער מאָטיוו, ווייל ער איז געווען רעאַליסטיש. ביי צונזערן — דורכן יידישן מאָמענט. ביי גאָלדפאַדענען — דער עיקר אין זיינע לידער וועגן דלות. ביי ווינטשעווסקין איז דער סאָציאַלער מאָטיוו געוואָרן אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. נאָכמער — ער איז געוואָרן דער אויסשליסלעכער מאָטיוו אין זיין פּאָעזיע. ווינטשעווסקי איז געווען אַ באַוואוסטזיניקער סאָציאַליסט, האָט ער זיין

גאַנצע פּאָעטישע ענערגיע קאָנצענטרירט אויף דעם סאָציאַלן מאָטיוו. ביי אים איז ער אָבער געוואָרן אַ נייער מאָטיוו — ניט סתם סאָציאַל, נייערט פּראָלעטאַריש, רעוואָלוציאָנער. און ווייל ווינטשעווסקי איז געווען אַ סענטימענטאַלער ליריקער, איז זיין ליריזם געווען פרעמד די „דידאַקטיק אין גראַמען", די דירעקטע אויפקלערונג. אַדאַנק זיין סענטימענטאַלן ליריזם איז זיין פּראָלעטאַריש ליד געוואָרן פול מיט הייסן מיטלייד, טרויער און טיפער פאַרצווייפלונג. ווען ווינטשעווסקי איז נאָך געווען אַ קינד האָט ער געגעני געוואוסט וואָס איז אָרעמקייט. ער האָט זיי גוט געקענט, די קרבנות פון דלות. ער האָט דאָך געלעבט מיט זיי אין „הונגער־פעסטונג אויפן גרינעם באַרג", אין דעם אָרעמען קוואַרטאַל אין דער גרויסער שטאָט קאָוונע. אין לאָנדאָן האָט ער דעם גרויס־שטאָטישן דלות געזען מיט די אויגן פון אַ באַוואוסטזיניקן סאָציאַליסט. און דער דלות אין דעם אינדוסטריעל־וואַקסנדיקן לאָנ־דאָן איז געווען נאָך שרעקלעכער ווי אין קאָוונע. דער סאָציאַלער אומ־יושר איז דערגאַנגען ביז פאַרברעכן. אָן שום אויסוועג איז געווען די אַכזריותדיקע אינדוסטריעלע טראַגיק. אין אַנגעזיכט פון דעם אַלעם איז אין ווינטשעווסקין אויפגעקומען דאָס פּראָלעטאַרישע האַרץ־רייסנ־דיקע ליד. גאָר נייע טענער האָבן זיך דערהערט אין ווינטשעווסקיס סענטימענטאַלן, פאַרצווייפלטן ליריזם. דאָס זיינען געווען: טראַגישע וואָר און טרייסט, קאַמף קעגן אכזר און רוף צום אויפשטאַנד.

ווינטשעווסקי איז ניט געווען אַ סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער. אַ „רייסנדיקע", אַגרעסיווע נאַטור איז ער אויך ניט געווען. האָט דער פּיאָנער ווינטשעווסקי זיך באַנוגנט מיט אַנדערע עובדות. ער איז גע־וואָרן אַ לערער פאַר די מאַסן, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט און אַ וועקער. פאַר אים האָט געגילט יעדער מיטל, יעדער אופן, — כל־זמן ער האָט דער־מיט געקענט עפענען די אויגן די דערשלאָגענע מאַסן. איז דער לערער, פּראָפּאַגאַנדיסט און וועקער געוואָרן אַ פּובליציסט און פעלעטאָניסט, אַ בעלעטריסט און אַ דראַמאַטיקער, אַ פּאָעט און אַן איבערזעצער. זיין גאַנצע ליטעראַרישע אַרבעט איז ביי אים געווען אויף אַזויפיל וויכ־טיק, אויף וויפל ער אַליין האָט געקענט מיט איר דינען דעםליידנדיקן פאָלק:

אין אַלע ריטמען וואָלט איך זינגען
צו וועקן דיך צום שטרייט;
אין אַלע גלאָקן וואָלט איך קלינגען,
צו מעלדן דיר די צייט;

אין אַלע שפּראַכן וואָלט איך רעדן, —
אַ פלאַמענצונג — צו דיר,
אין שטראַלן די געדאַנקען קליידן,
פאַר דיר, מיין פאָלק, פאַר דיר.

(„פּאָרווערטס, פּאָרויס!")

ווינטשעווסקי איז, אַזוי נאָך, דער פּיאָנער אין יידישער סאָציאַ־ליסטישער פּובליציסטיק, אין פעלעטאָן, אין זיין סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אויף יידיש. אָבער זיין תיקון האָט ער געפונען אין פּאָע־זיע. ער איז אין זיין נאַטור געווען אַ ליריקער. האָט ער זיין טיפערן באַוואוסטזיין, זיינע אינטימערע וואונטשן און טרוימען געקענט אויס־דריקן מער אין דער לירישער פאָרם. און זיין לירישע פאָרם איז געווען ניי. דאָס האָט דאָך געפאָדערט דער נייער טעמאַטישער מאַטעריאַל. דער נייער דיכטער האָט דאָך געשילדערט אַ קלאַס, זיינע קאַמפן און ביטער לעבן, וואָס זיינען געווען ניי אין דער יידישער ליטעראַטור. און דער נייער דיכטער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט שילדערן. אַחוץ שילדערן האָט ער זיך געמיט אָנרירן די פאַרבאָרגענע וואָרצלען פון דעם אומגליקלעכן אַרבעטער־לעבן. זיין ציל איז געווען — אָנ־ווייזן אויפן מקור פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אומגליקן, דערקלערן אים און אויסטייטשן. אַזוינאָך וועלן די אומגליקלעכע שקלאַפן קענען אויפ־שטיין, זיך אויפהייבן, ניט סתם קעגן סדר העולם, נאָר קעגן באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע איינשטעלן, אינסטיטוציעס און מענטשן. און אַזוי איז אויפגעקומען דאָס וועקליד און דער רוף. די טעמע איז געוואָרן קאָנצענטרירט. זי איז געוואָרן צילבאַוואוסט. אַז וױ נאָר די יידישע מאַסן האָבן אָנגעהויבן דערקענען זייער אייגן לעבן, דערזען די פאַר־באָרגענע כוחות הינטער זייער לעבן, — האָט זייער האַרץ דאָס באַלד אויפגענומען. געענטפערט האָבן זיי תיכף אויף די וועקלידער און רופלידער.

מאָריס ווינטשעווסקיס גרויס פאַרדינסט איז ניט דאָס, וואָס ער איז געווען דער ערשטער פּראָלעטאַרישער דיכטער. דאָס האָט געקענט זיין ריינער צופאַל. אין די זעלביקע אומשטענדן וואָלט יעדער פּיאָנער, מן־הסתם, אַריינגעבראַכט די פּראָלעטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע טעמאַטיק. ווינטשעווסקי איז אָבער אַ נייער דיכטער דערמיט, וואָס אינסטינקטיוו און אָרגאַניש האָט ביי אים די נייע פאָרם געאָטעמט מיט דער נייער טעמאַטיק. דעריבער איז זיין ליד געווען — אַ באמת נייע ווענדונג אין דער יידישער פּאָעזיע.

ווינטשעווסקיס ווירקונגען

ווינטשעווסקיס אַרבעטער־לידער זיינען געווען אויף אַזויפיל ניי, אַז זיי האָבן באַאיינפלוסט די גאַנצע פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע. ניטאָ כמעט קיין איין פּראָלעטאַרישער פּאָעט, וואָס איז ניט געווען אונטער זיין השפעה. צווישן די ערשטע אַרבעטער־פּאָעטן איז מאָריס ראָזענ־פעלד געווען אונטער ווינטשעווסקיס איינפלוס. גערעכט איז דער פאַר־דינסטפולער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער קלמן מרמר מיט זיין באַמערקונג: „מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער־לידער, איבערהויפּט די, אין וועלכע עס קומען פאָר פראַגן און ענטפערס, אָרעמקייט־סצענעס, אַרבעטער־קינדער, זיינען דירעקט באַאיינפלוסט פון מאָריס ווינטשעוו־סקיס לידער. דאָס גלייכן פילט זיך ווינטשעווסקיס פאָרם און שפּראַך אין מאָריס ראָזענפעלדס פּעליעטאָנען, סאַטירישע אַרטיקלען, דורכ־געפלאָכטן מיט פּערזן" („דער אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ז. 64). ס׳איז גענוג צו דערמאָנען ווינטשעווסקיס ליד „קליין־עטעלע". אויף דעם ווייזט אָן דער פּאָעט און קריטיקער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי („פיר זיינען זיי געווען"). דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די שורות:

איך קען אַ קליינע מיידעלע,
אַן אַרבעטערס אַ קינד,
איר צורקעלע, די איידעלע,
דערפרייט דאָס הויזגעזינד

דער דאָזיקער אַקאָרד דערמאָנט אונדז גלייך אין ראָזענפעלדס ליד:

איך האָב אַ קליינעם יינגעלע,
אַ זונעלע גאָר פיין.
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

ווייטער גייט ביי ווינטשעווסקין:

ער זיצט אָפט ביי איר בעטעלע
פאַראומערט אויף אַ שטול,

און ביי ראָזענפעלדן אינעם ליד „מיין יינגעלע" לייענען מיר:

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זע, און הער און שאַ!

אַזוי זיינען אויך אַנדערע שורות אָנגעהויכט מיט ווינטשעווסקיס געמיט. שרייבט ווינטשעווסקי וועגן קליין־עטעלעס פאָטער:

דאָך דוכט זיך מיר, ער זעט קומענדיק
אַ שווערע, שווערע צייט,
און אָפטמאָל מאַכט אים אומעטיק
זיין טאַטערס ליבלעכקייט.

און ביי ראָזענפעלדן לייענען מיר:

איך בלייב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פאַרביטערט און איך קלער:
„ווען דו דערוואַכסט אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מער!"

דעם גאַנצן איינפאַל — אַרבעטער־פאָטער און קינד — האָט ראָזענפעלד גענומען ביי ווינטשעווסקין. אַזוי זיינען פאַראַן אַ סך לידער ביי ראָזענפעלדן, איינגאַנצן אונטער ווינטשעווסקיס איינפלוסן. דאָס אויבנדערמאָנטע ליד האָבן מיר געבראַכט נאָר ווי אַ דוגמא.

ווינטשעווסקיס שטאַרקע השפעה אויף עדעלשטאַטן איז אַ דבר ידוע. אין זיין בוך וועגן עדעלשטאַטן דערוויזט עס קלמן מרמר זייער גענוי, אין די קאַפּיטלען „די וואָרהייט" און „ווינטשעווסקיס ווירקונג". דאָס אינטערעסאַנטסטע אין יענע קאַפּיטלען זיינען יענע פאַקטן, וואָס ווייזן אין וואָס די צוויי פּאָעטן אונטערשיידן זיך. אָבער דאָס מינערט אויף אַ האָר ניט די באַוויזן וועגן ווינטשעווסקיס השפעה אויף עדעלשטאַטן.

איידער עדעלשטאַט האָט אָנגעשריבן זיין ערשט יידיש ליד, האָט ער זיך באַטראַכט פאַר אַ רוסישן פּאָעט. ער האָט געשריבן אויסשליסלעך רוסישע לידער. רוסיש איז געווען זיין מוטערשפּראַך. יידיש

האָט ער ניט געקענט. האָט זיך אָבער אונטערגערוקט אַ צופאַל און עדעלשטאַט האָט אָנגעשריבן זיין ערשט יידיש ליד. דער צופאַל איז געווען — דאָס גרינדן „די װאַרהייט״ (דעם 15טן פעברואַר, 1889). די צייטווייליקע רעדאַקטאָרן זיינען געוואָרן הלל זאָלאָטאַראָוו און דוד עדעלשטאַט. עדעלשטאַטס חברים האָבן אים דערמוטיקט, ער זאָל באַגריסן די נייע אַרבעטער־צייטונג, און טאָן זאָל ער עס אין אַ ליד. אָנגעפילט מיט ספקות צי ער וועט עס קענען אָנשרייבן, האָט ער גע־זוכט אַ מוסטער. דעם מוסטער האָט ער געפונען אין ווינטשעווסקיס „צורוף צום אַרבעטער־פריינד״ (יולי, 1885). און זיין ליד האָט עדעלשטאַט געפורעמט נאָך ווינטשעווסקיס ליד נאָך. מיר געפינען דאָרט ענלעכע אויסדרוקן און די זעלביקע גראַמען. ווינטשעווסקיס איינפלוס פילט זיך אויך אין עדעלשטאַטס לידער „פאַרבלוטיקטע גייסטער״, „אין קאַמף״, „די פאָלקס־שטימע״, „די פרייהייט־געטין״, „עס טאָגט״, „אַ טרויעריקער געלעכטער״ א. אַ.

אין די 80ער יאָרן זיינען געווען זייער ווייניק פּאָעטן, וואָס מען האָט געקענט נעמען פאַר אַ מוסטער. באַזונדערס איז דאָס אמת, ווען מען האָט געזוכט אויסצודריקן אויסשליסלעך דעם פּראָלעטאַרישן מאָ־טיוו, ניט אין אַ דידאַקטישן, נאָר אין אַ פּאָעטישן שליסל. איז דאָך ווינטשעווסקי געווען דער ערשטער פּראָלעטאַרישער זינגער. דאַרף מען זיך ניט חידושן, וואָס אַלע סאָציאַלע פּאָעטן אין יענער צייט האָבן זיך מיט יראת הכבוד באַצויגן צו ווינטשעווסקין. זיי האָבן אין זיינע טענער דערפילט זייערע אייגענע האַרץ־באַגערן און טרוימען. עדעלשטאַטס ליד צום „משוגענעם פילאָסאָף״ (מ. ווינטשעווסקי) איז סימבאָליש פאַר אַלע סאָציאַלע פּאָעטן אין יענער צייט:

איך בין פאַרליבט אין זיינע ציילן,
אין זיי לעז איך מיין אייגענעם שמערץ;
איך קען מיט זיי מיינע וואונדן היילן,
טרייסטן מיין ליידנדעס הערץ.

איך זע אין זיי, ווי אין אַ שפּיגל
מיין לעבנס־יאָמערטאָל;
איך זע דאָרט מיין גייסט מיט פאַרוואונדעטע פליגל,
ווי ער רייסט זיך צום זונען־שטראַל!

איך זע ווי עס צאַפּלען זיך דאָרטן געדאַנקען,
די װעלבע, װאָס ליגן האַלב־טויט
אין מיין אָרעמען האַרצן, צעבראָכענעם, קראַנקן,
פון אייביקע ליידן און נויט

ווי זיי קומען צו אים, דאָס קען איך ניט זאָגן,
דאָך זיי זיינען מיינע, איך שווער!
פיליכט האָט צו אים זיי דער שטורעם פאַרטראָגן,
די װעלן פון רוישנדן מער.

זיינע געדאַנקען זיינען צעשלאָגן
אויף טויזנטער רייַנע אַלמאַזן,
ער קען מיט איינפאַכע װערטער אונדז זאָגן,
װאָס מיר מיט קלינגענדע פראַזן.

אַלזאָ, איך דריק ווי אַ ברודער זיין האַנט
און האָף, ער וועט ענטפער מיר געבן,
ווי קומט עס, װאָס ער איז אַזוי גוט באַקאַנט
מיט די שמערצן און קאַמף פון מיין לעבן!

זיין שרייבן דערפילט מיך מיט האָפנונג און מוט,
דאָך קען איך זיך גוט ניט דערקלערן:
ווי קומט אין זיין טינטער מיין האַרצנס־בלוט?
ווי קומען צו אים מיינע טרערן?

אויך די מעטריק ווינטשעווסקיס האָט געווירקט אויף אַ סך פּאָעטן. ס'איז געגוג אָנצואווייזן אויף ווינטשעווסקיס באַליבטער פאָרם — די דאַקטילישע שורות — אין, למשל, באַבאַדס ליד „מיין פידל" (לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", דעם 29סטן אַפּריל, 1892):

נאָר אין די זאַלן באַפּוצטע, באַלייכטעטע,
פון אַלע זייטן מיט שקלאַפן באַוואַכטעטע,
הערט זיך נאָך שפּילן מוזיק.
ניט פון קרבנות, אומשולדיק געשלאַכטעטע,
ניט פון מאַרטירער פון קערקער פאַרשמאַכטעטע,
פילט מען דאָרט רירנדע שטיק.

אַלע געשטאַלט־לידער אין דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע אין די 80ער און 90ער זיינען אוגטער דער דירעקטער השפּעה פון ווינטשעווסקיס געשטאַלט־לידער. די ווירקלעכקייט אין יענע יאָרן האָט דיקטירט וואָס פאַר אַ געשטאַלטן מען זאָל שילדערן. אַזוי האָבן זיך איינגעבירגערט אין אונדזער פּאָעזיע די געשטאַלטן: דער קראַנקער אַרבעטער; די יונגע אַלמנה מיט די קליינע יתומימלעך — נאָכן פרייצייטיקן טויט פון איר מאַן דאַרף זי זיך און די קינדער דערנערן; דאָס פאַראומגליקטע מיידל — אַ קרבן פון סאָציאַלער אַכזריות; אומגליקלעכע קינדער, פאַרוואַנדלט אין פאַרברעכער; אַרויסגעשטויסענע זקנים, אַלטע אַרבעטער אָן כוחות. אַלע זיינען זיי קרבנות פון דער וואַקסנדיקער אינדוסטריעלער עלנט. דער גרעסטער טייל געשטאַלט־לידער איז דורכגענומען מיט צער, געוויין, מיט טרערן. „איך בין אַ טרערן־מיליאָנער" האָט מאָריס ראָזענפעלד באַצייכנט זיך ווי אַ קרבן פון דער שוויץ־פאַבריק. ווינטשעווסקיס השפּעה וואָס שייך געשטאַלט־לידער האָט ניט אויסגעמיטן קיין איינציקן פּאָעט אין יענער צייט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען מאָריס ראָזענפעלדס „דער בלייכער אָפּערייטער":

> איך זע דאָרט אַ בלייכן אָפּערייטער
> פאַרקאָכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
> און זייט איך געדענק אים אַלץ נייט ער
> און לייגט זיינע קרעפטן אַוועק.

אָדער זיין ליד „די געפאַלענע" — „זי איז אַ פרוי ווי אַלע פרויען, די בלום פון מענטשלעכן געשלעכט". „אָט פונקט אַזוי איז זי געפאַלן, אַזוי האָט זי פאַרוועלקט אין גויט". אָן אַ צאָל זיינען ראָזענפעלדס געשטאַלט־לידער און אַלע זיינען זיי געקומען פון איין השפּעה־קוואַל — פון מאָריס ווינטשעווסקין. ווען מיר לייענען ראָזענפעלדס „צו אַ באָרוועסער מיידל", ווי ביאַלאָסטאָצקי ווייזט אָן, דערמאָנט עס אונדז גלייך אין ווינטשעווסקין. ראָזענפעלדס ליד איז ניט ענלעך צו ווינטשעווסקיס „אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט". דאָך דערמאָנט אונדז דאָס ליד אין ווינטשעווסקין — מחמת דעם ענלעכן געדאַנק, דער פּאָעטישער פאַרטראַכטונג און דער אַלגעמיינער שטימונג. ראָזענפעלדס ליד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער, וואָס באַציען זיך אויף איין באָרוועס מיידל. ביי ווינטשעווסקין איז דאָס אַ ליד וועגן צוויי עופעלעך, יתומימלעך.ביידע לידער זיינען אויסערגעוויינלעך רירנדיקע. ווינטשעווסקיס ליד

רופט אַרויס מער גרויל. דער באַלאַדע־טאָן ביי ווינטשעווסקין און זיין כלומרשטע פּשטות פאַרוואַנדלען דאָס ליד אין אַ מין געשפּענץ־שיל־דערונג, אין אַ מיסטישן טראַגיזם פון דער אינדוסטריעלער נויט. עפנט זיך דאָס ליד ביי ווינטשעווסקין מיט די פּשוטע ווערטער:

וואָס טוען צוויי עופעלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט ?

ביי ראָזענפעלדן:

עס האָט אי געשנייט, אי גערעגנט,
און גייענדיק שנעל דורכן גאַס,
אַ מיידעלע האָב איך באַגעגנט,
האַלב־נאַקעט און באָרוועס, און נאַס.

די אַלגעמיינע השפּעה אין ליד ווערט קלערער, ווען מען פאַרגלייכט אַזעלכע שורות ווינטשעווסקיס —

וואו גייען צוויי קינדערלעך קליינינקע היינט,
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט ?

מיט ראָזענפעלדס

קליין מיידעלע, זאָג מיר, וואו גייסטו,
דורך רעגן, דורך שניי און דורך קעלט ?

ניט נאָר ביי ראָזענפעלדן, נאָר ביי יעדן אַנדערן פּאָעט זיינען ניכר ווינטשעווסקיס השפּעות אין די געשטאַלט־לידער. מיר מוזן דאָ נאָך אַמאָל באַטאָנען: עס גייט דאָ ניט אין באַוויזן עַנלעכע שורות, בילדער, מחשבות. עס גייט אין באַוויזן, אַז דער עצם געדאַנק — שילדערן געשטאַלטן, קומט פון ווינטשעווסקין. עדעלשטאַטס „קוילנגרעבער" איז אָנגעהויבט פון ווינטשעווסקיס „געשפּענץ". געשטאַלטן האָט גע־שילדערט באָוושאָווער אין זיין ליד „אויפן שטערבע־בעט". ביי ראַ־דוצקין, למשל, געפינען מיר געשטאַלט־לידער: „דאָס פאַרשקלאַפּטע

וויב" („פאַרשפאַרט, פאַרריגלט אין שטוב בין איך אימער, אַ, שוואַרץ איז מיין לעבן, וויסט איז מיין וועלט"), „דער שווינדזיכטיקער" („ער הוסט און הוסט, ס׳צערייסט מיין ברוסט, פילט אַן מיין האַרץ מיט ווי..."), „דאָס קעמפנדע מיידל", „די רייכע זומערביים ים", „אָן אַרבעט", „דער מידער קעמפער", „עלעגיע" (וועגן אַן אַרבעטער־קינד). אַפילו יצחק ריינגאַלד האָט איבערגענומען ביי ווינטשעווסקין דעם באַגריף „גע־שטאַלטן". מען דאַרף דערביי געדענקען: ריינגאַלד איז געווען מער גענייגט צו גאָלדפאַדענען און אליקום צונזערן ווי צו ווינטשעווסקין. ריינגאַלדס ליד „צוויי חברים" שילדערט שמואליקן און עזריאליקן. ווען זיי שפּילן זיך אין פערדלעך, איז שמואליק דער שמייסער און עזריאליק איז דאָס פערד. אַזוי זיינען זיי אויך אין אַמעריקע, וואו שמואליק איז אַ „באָסל", און עזריאליק איז זיין „האַנט". אַזוי אויך אויף יענער וועלט — איינער איז אַ שמייסער, דער צווייטער — דאָס פערד. דאָס דאָזיקע ליד דערמאָנט אונדז אין ווינטשעווסקיס „סענ־דער און וועלוול", הגם אין ווינטשעווסקיס ליד פאַרפירן ביידע מלכים אַ מלחמה (צאַר אַלעקסאַנדער און קאַיזער ווילהעלם), כדי „ביים רודער צו בלייבן".

אין זיין ליד „דער פאָלקסזינגער" זאָגט ראדוצקי:

איך בין אַ קינד פון פּראָסטן פאָלק
און זינג מיר פּראָסטע לידער;
און ווינען זיי פאַרפאַסט אָן טאָלק,
באַשולדיקט מיך ניט, ברידער.

מיר הערן כמעט די זעלביקע טענער אין ווינטשעווסקיס ליד „מיינע פאָלקסלידער":

פון יידישע ווערטער, אַלט־מאָדישע,
פון איינפאַכע רייד אָן אַ קלאַנג,
פון טענער אָפט ווייניק מעלאָדישע
פאַרפאַס איך מיין פּראָסטן געזאַנג.

אויך אַנדערע טענער זיינען ענלעך אין גייסט. ביי ראדוצקין לייענען מיר ווייטער:

אונהזער לעבן איז אויך אַן אַ טאָלק,
אַן ליכט דאָס גאַנצע לעבן;
נו, ווי קען אַ ליידער פאָלק
אייך בילדער העלע געבן.

דעם זעלביקן געדאַנק לייענען מיר ביי ווינטשעווסקין:

זיי זיינען דער אָפּקלאַנג פון טעגלעכע,
פאַרשטיקטע געשרייען פון פאָלק;
דאָס מאַכט די מוזיק פאַר אַ קלעגלעכע,
דעם טעקסט פאַר אַ זיפץ און אַ טאָלק.

אויך אין פאָרם האָט ווינטשעווסקי משפיע געווען אַ סך פּאָעטן. די שורה מיטן דאקטילישן סוף איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ווינ־טשעווסקין. זעען מיר עס ביי אַ סך פּאָעטן פון זיין צייט. מיר לייענען, למשל, ביי פרענאַוויצן, אין זיין ליד „די אומשולדיקע מערדערין":

אַ, קליינע, שיינע, מיידעלע,
אַ, זאָג מיר, ליבעס קינד:
איך זע, דו ביסט זאָ אײלנדיק,
וואו לויפסטו זאָ געשווינד?
וואָס טראָגסטו דאָ אין קערבעלע?
דיין קערבעלע — ווי שיין!
אַ, זאָג מיר, קליינע מיידעלע,
וואו ווילסטו איצטער גיין?

די ווינטשעווסקי־ריטמיק הערט מען אין פרענאַוויצעס „מאָנאָלאָג פון די פריהייט":

זעט איר די שטערן,
וואָס ברענען זאָ גערן —
אָט די וועלכע ווערן
אין הימל געשטעלט?
דאָרט אין די רייען,
וואו ס'הערט זיך קיין ווייען,

קיין יאָמער־געשרייען —
אָט דאָרט איז מיין וועלט
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

פאַראייניקט, ווי ברידער,
די הערצער, די גלידער,
און שטעלט זיך אַנידער
ווי העלדן — אַ מאַכט!
פאַרניכטעט די בייטן,
פון ארמוט און נייטן,
און קעגן די קייטן
גייט, שטעלט זיך אין שלאַכט!

געווען אויך פּאָעטן אין איראָפּע, וואָס אויף זיי האָט ווינטשעווסקי געהאַט אַן השפּעה. גענוג צו דערמאָנען פרצעס „מיין ניט די וועלט איז אַ קרעטשמע". דאָס ליד האָט פרץ געשריבן אונטער דער ווירקונג פון ווינטשעווסקיס „די וועלט פון די רייכע":

זיי באַטראַכטן די וועלט ווי אַ מאַרק
און די אָרעמע מענטשן ווי וואָרן,
און זיי זיצןביים פאָלק אויפן קאַרק,
פון דער הויך צו באַטריגן די נאַרן.

הן אין געדאַנק, הן אין ריטמיק פילט מען ווינטשעווסקיס איינ־פלוס אויף אברהם רייזענס באַרימטע שאַפונג „דאָס נייע ליד":

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום —
דאָך קומען וועט,
צי פרי צי שפּעט,
די צייט עס איז קיין חלום.

אַ סך פריער פאַר רייזענען האָט ווינטשעווסקי פאַרעפנטלעכט

זיין ליד „פערדינאַנד לאסאל”. הייבט זיך אָן דער דריטער טייל פון ליד מיט די ווערטער:

און ווען די צייט
די בייע צייט,
די פרייע צייט,
וועט קומען, —
מיט דאַנקבאַרקייט
טראָגט, אַרבעטסלייט,
פון נאָנט און ווייט
קרענץ בלומען...

ביי רייזענען אין דעם זעלביקן ליד, אין דער צווייטער סטראָפע, הערן מיר אָפקלאַנגען פון ווינטשעווסקיס „דער יאָמער־קול”. ווינטשעווסקי זינגט:

איך הער אַ קול, אַ יאָמער־קול,
אַ שמערצלעכן געשריי;
איך הער אים, דוכט מיר, אויף אַ מאָל,
אין ערטער אַלערליי.

ביי רייזענען לייענען מיר:

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פרייד,
די מעכטיקסטע געזאַנגען —
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען!

גערעכט איז ביאַלאָסטאָצקי מיט זיין אָנווייזן אויף אַ גאָר וויכטיקן פּרט. ווינטשעווסקי האָט פריי איבערגעזעצט טאָמאָס הודס „דאָס ליד פונעם העמד”. די השפעה פון דעם דאָזיקן ליד פילט מען אין פרצעס „דריי בייטאָרינס” און „ביים פרעמדן חופה־קלייד”.

מען וואָלט גרינג געקענט אָנווייזן ווינטשעווסקיס השפעה אויף

זייער אַ סך פּאָעטן פון זיין צייט. גערעכט איז קלמן מרמר ווען ער שרייבט: „ווינטשעווסקי האָט דירעקט באַאיינפלוסט די שפּראַך פון די טאַלאַנטפולסטע אַרבעטער־דיכטער און הומאָריסטן אין אַמעריקע. אומדירעקט איז קענטיק זיין איינפלוס אויך אין דער יידישער אַרבע־טער־פּאָעזיע פון אויסלאַנד, וואו זיינע לידער זיינען געווען די ערשטע צו ווערן געזונגען אין רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרייזן" („דער אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", ז. 64). מע קען דאָ צוגעבן: ווינטשעווסקי האָט באַאיינפלוסט ניט נאָר „די שפּראַך ביי די טאַלאַנטפולסטע אַרבעטער־דיכטער און הומאָריסטן אין אַמעריקע", נאָר אויך זייער ריטמיק, מעטריק, בילדער, געשטאַלטן און פּאָעטישן געדאַנק.

פאַרוואָר, זיינע פאַרדינסטן זיינען געווען אומגעהייער גרויס.

השפעות אויף ווינטשעווסקין

זייער גרויס איז געווען ווינטשעווסקיס השפעה אויף דער רעוואָ־לוציאָנערער אַרבעטער־פּאָעזיע פון זיין צייט. פון וואַנען זיינען אָבער געקומען ווינטשעווסקיס געפילן און מחשבות, וואָס מיט זיי האָט ער באַאיינפלוסט אַ גאַנצע תקופה? ער איז דאָך געווען דער פּיאָנער פון אַ נייעם דרך אין דער יידישער פּאָעזיע. אויך פּיאָנערן ווערן באַ־איינפלוסט. זיי טראָגן אין זיך די השפעות פון פּערזענלעכן און גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. איז כדאַי זיך באַקענען מיט יענע באַדינגונגען, וואָס האָבן געפורעמט ווינטשעווסקין דעם פּאָעט.

די שטאַרקסטע ווירקונג אויף ווינטשעווסקין זיינען געווען: סאָ־ציאַליזם און דער פּאָעטישער קלימאַט פון זיין צייט.

ווינטשעווסקיס געפיל־סאָציאַליזם

ווינטשעווסקיס סאָציאַליזם איז געווען אַן אָרגאַנישער. ניט טעאָ־ריעס, נאָר זיין פּערזענלעך לעבן האָט אים געפירט צום סאָציאַליזם. דריי גרויסע איינפלוסן האָבן איבערגעלאָזן טיפע סימנים אין זיין נשמה: זיין זיידע, זיין באָבע און דער פינצטערער דלות.

אין זיינע זכרונות גיט ווינטשעווסקי איבער אַ סך וויכטיקע פּרטים וועגן די דערמאָנטע דריי דערפאַרונגען. אַן ענגלישער סאָציאַליסט

האָט אַמאָל געפרעגט ווינטשעווסקין ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ סאָ־ציאַליסט. ווינטשעווסקי האָט אים געגעבן אַ מאָדנעם ענטפער: ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט איידער ער איז געקומען אויף דער וועלט, פינף און צוואַנציק יאָר איידער ער איז געבוירן געוואָרן. דער ענגלי־שער סאָציאַליסט איז, מן הסתם, געווען זייער איבערראַשט פון אַזאַ ענטפער. ווינטשעווסקי האָט אים דערציילט וועגן זיין זיידן, דעם קדוש ר׳ יצחקן. ר׳ יצחק איז אומגעקומען פון „קאַזאַקן אָדער אַנדערע רו־סישע סאָלדאַטן״, פינף און צוואַנציק יאָר איידער ווינטשעווסקי איז געבוירן געוואָרן. ר׳ יצחק האָט אַנטייל גענומען אין דעם ערשטן פוי־לישן מיאַטשעזש, אין 1831. דאָס איז געווען אַ בלוטיקער אויפשטאַנד קעגן דעם רוסישן באַצווינגער. אין דער משפּחה און ביי די אַרומיקע איז ר׳ יצחק געוואָרן אַ לעגענדע. פאַר דעם צוקונפטיקן פּאָעט איז ער געווען דער סימבאָל פון מרידה קעגן מאַכט און תקיפות. „מיין טאַטע — גיט איבער ווינטשעווסקי — פלעגט זיך אונטערשרייבן: יואל זוסמאַן בן הקדוש ר׳ יצחק״. אין שאָטן פון אָט־דעם קדוש האָבן זיך געשטאַלטיקט ווינטשעווסקיס חלומות און זיין פּאָעטיש געמיט.

אַ גאָר שטאַרקע מאָראַלישע ווירקונג אויף ווינטשעווסקין האָט געהאַט זיין באָבע צילה. זי איז תמיד געווען גאַטספּאָרכטיק און פרום. אָבער זינט איר מאַנס אומקום אין פוילישן אויפשטאַנד, האָט זי אינ־גאַנצן פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין איר פּערזענלעך לעבן. זי האָט גע־לעבט נאָר פאַר אַנדערע. וואו נאָר אַן אָרעם קינד, אַ יתום, אַן אונ־טערגעוואָרפן עופעלע, אַ קימפעטאָרין, אַ חולה — צו זיי אַלעמען איז די באָבע צילה געווען ווי אַן אייגענע מאַמע. „נשים צדקניות, קליי־בערקעס — שרייבט ווינטשעווסקי אין זיינע זכרונות — זיינען ביי יידן דאָ כמעט אין יעדער שטאָט אין גאַנצן תחום. פון זיי אָבער האָט זיך די באָבע צילה אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס זי האָט, ערשטנס, כמעט לחלוטין קיין אייגן פּערזענלעך לעבן ניט געהאַט, און, צווייטנס, וואָס זי האָט קיינמאָל ביי קיינעם ניט געבעטן אַ נדבה״.

„יעדן טאָג פלעגט זי דורכגיין צווישן די קראָמען, אָנהייבנדיק מיט מיין מאַמעס קראָם, און זאָגן יעדן קרעמער: „גוטן טאָג אייך״, צי ער האָט וואָס געגעבן צי ניט. און כדי מענטשן ניט מבייש צו זיין, אין דעם פאַל ווען זיי קאָנען ניט געבן, פלעגט זי מיט פּאַרמאַכטע אויגן אויסשטעלן איר טיכל, אָדער די פּושקע, און פלעגט געבן געגנוי דעם זעלביקן „גוטן טאָג אייך״ און די זעלביקע ברכה צי מען האָט

איר וואָס געגעבן, צי ניט" („ערינערונגען", „געזאַמלטע ווערק", ב. 9, ז. 17).

מיר קענען זיך גרינג פאָרשטעלן דער באָבע צילהס ווירקונג אויף איר אייניקל. געזען האָט ער אין איר די פאַרקערפּערונג פון צדקות. אָבער אַרום איר האָט ער געזען קרבנות פון פינצטערן דלות, פון אומיושר און רשעות. און יסורים פון דלות האָט ער אַליין איבער־געלעבט פון קינדהייט אָן. במשך די ערשטע זעקס יאָר פון זיין לעבן האָט ווינטשעווסקי דורכגעלעבט שרעקלעכע געשעענישן: פון עלף קינדער, וואָס די מאַמע האָט געבוירן, זיינען אַכט געשטאָרבן. און דער מלאך המות איז געווען — די טיפע אָרעמקייט, דאָס אומגעהייערע דחקות. און צו זעקס יאָר איז ווינטשעווסקין געשטאָרבן דאָס סאַמע טייערסטע אין זיין לעבן — זיין באָבע צילה. אויב אין זיין אונטער־באַוואוסטזיין האָט געלעבט די שאַטנדיקע לעגענדע — זיין זיידע דער קדוש, איז זיין מאָראַלישער וועגווייזער אין לעבן געווען זיין באָבע די צדקנית. ער האָט זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. צוואַנציק יאָר נאָך איר טויט האָט ער אין איר אָנדענק אָנגעשריבן אַ שיר מיטן נאָמען „צילה". פון די זיבעצן סטראָפן אין זיין שיר זיינען אונדז באַקאַנט בלויז צוויי — די זיבעטע און די פופצנטע (זע קלמן מרמרס „נאָכבאַ־מערקונגען פונעם רעדאַקטאָר". ב. 9. ווינטשעווסקיס געזאַמלטע ווערק). די דאָזיקע צוויי סטראָפן זיינען זייער רירנדיקע:

ידה פתוחה, אך סגורות שפתותיה,
אלה ושבועה עליהן לא תעלינה;
דברים מעטים, ספורות אמרותיה,
אך רבים פעליה, עצומים מעשיה,
צילה מחרשת וצדקתה תהללנה.

של נעליך, עובר אורח, אם רגליך
ינועו אל מקום שם עפרה ינוח;
אדמת קודש האדמה אשר תחתיך,
קבר אשה נפלאה תחזינה עיניך,
קבר אשה לא בשר — אך רוח.

(איר האַנט איז אָפן, נאָר פאַרמאַכט די ליפּן,
קללות, שבועות קומען אויף זיי ניט אַרויף;

ווייניק ווערטער, געציילטע, רעדט זי,
נאָר אַ סך זיינען אירע טואונגען, אומציילמיק אירע מעשים,
צילה שווייגט, איר צדקות לויבט איר (רעדט פאַר איר).
טו אויס די שיך, פאַרבייגייער, אויב דיינע פיס
וואַנדערן צום אָרט, וואו עס רוט איר שטויב;
הייליקע ערד איז די ערד אונטער דיר,
דיינע אויגן באַנעמען (זעען) דעם קבר פון אַ זעלטענער פרוי,
דעם קבר פון אַ פרוי ניט קיין גוף (לייב) — נאָר גייסט).

ליכטיקע געשטאַלטן זיינען געווען זיין זיידע דער קדוש, און זיין באָבע די צדקות. אויך זיינע עלטערן, קרובים, שכנים זיינען געווען זעלטענע געשטאַלטן. אָבער אויף זיי אַלע זיינען געלעגן שאָטנס טרויער און אומעט. אין דעם קינדס מילדן כאַראַקטער האָט דאָס אַלץ באַשאַפן שטילע, פאַרבאָרגענע יסורים. און די דאָזיקע יסורימדיקע מילדקייט האָט געפירט צו סענטימענטאַלע טרערן — פאַרהוילענע, פאַרבאָרגענע, שווייגנדיקע.

די צילה־טראַדיציע איז געווען אַזוי שטאַרק אין הויז, אַז אַז ווינטשעווסקיס פאָטער, אי דאָס יונגע ייִנגל זיינען געגאַנגען אין אירע דרכים. ווינטשעווסקי האָט געזען דאָס אומגליק פון די אביונים און בעטלער, בלוטיקע אָרעמלייט און די קרבנות פון די „נאַבאָרן" (מיליטערישע פריזיוון). ער האָט צוגעזען ווי, געטריבן פון דלות, ווערן אָרעמע יונגעלייט „אָכוואָטניקעס". פאַר דריי־פיר הונדערט רובל פאַרקויפן זיי זיך. זיי גייען דינען דעם קייסער שטאָט די רייכע זינדלעך. דאָס אַלץ האָט ער געזען ביי זיך אין הויז. אַלע האָבן דאָך אויסגעקליבן דעם טאַטן זיינעם פאַר אַ „שליש".

אויפן באַרימטן „באַרג" אין קאָוונע — דאָס אָרט פון גרעסטן דלות אין שטאָט — האָט אונדזער צוקונפטיקער פּאָעט געלעבט צווישן אַרויסגעשטויסענע, אַרויסגעשפּיגענע אָרעמע קינדער — אונטערגעוואָרפענע ממזרים, יתומים, קינדער פון דלפנים. גרויס רחמנות האָט אים שטענדיק געמאַטערט. און אין צילהס דרכים איז אים געווען ניט שווער צו גיין. איז אָבער צו אַלץ פאַראַן אַ גרענעץ. ווען ער האָט שוין מער ניט געקענט קריגן ברויט פאַר די אומגליקלעכע, האָט ער אָנגעהויבן גנבענען ברויט. איז פון גרויס רחמנות איז ער גאָר געוואָרן אַ גנב און אַ ליגנער. און דאָס האָט זיין קינדערש האַרץ פאַרשאַפט נאָך מער יסורים.

די אומגליקלעכע מענטשן, דאָס לעבן אָן שום טרייסט, אינאיינעם מיט די הייליקע שאָטן־געשטאַלטן: דער זיידע, די באָבע — דאָס אַלץ האָט שטאַרק געווירקט אויף דעם מיטפילנדיקן יינגל. אין דער מילד־קייט פון זיין נאַטור, אין דער באָבע צילה־טראַדיציע צו העלפן גע־פאַלענע, אין דעם פירכטלעכן זיידע־סימבאָל, דעם קרבן־סימבאָל, אין דעם עמק הבכא פון נויט — דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען איז געווען דער מקור פון ווינטשעווסקיס שפּעטערדיקן געפיל־סאָציאַליזם.

ליטעראַרישע השפּעות

מאַראַלישער תכלית — צו דעם האָבן געפירט אַלע השפּעות אויף ווינטשעווסקין. אין זיינע זכרונות דערציילט ווינטשעווסקי אַ פּרט וועגן זיין באָבען. דער דאָזיקער פּרט איז אָבער אויך כאַראַקטעריס־טיש פאַר ווינטשעווסקין גופא. איינמאָל האָט זיך זיין פאָטער אומגע־קערט אַהיים נאָכדעם ווי ער איז געווען אין דער פרעמד אַ יאָר צייט. ביי דער סעודה פרייטיק־צו־נאַכט האָט די באָבע צילה כמעט גאָרנית געגעסן. ווי נאָר מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט זי שוין „געהאַט צונויפגעגאָסן די איבערגעבליבענע אין אַ פענדל און צוזאַ־מענגענומען פונעם טיש אַלעס אַנדערע וואָס איז... געבליבן”, און זי גייט. דער פאָטער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן איר פירונג, האָט ער איר דערמאָנט — זי האָט פאַרגעסן בענטשן. ענטפערט גלייך די פרומע, גאָטספאַרכטיקע באָבע: „בענטשן ? ער, הענט־ניט־געוואַשן, קאָן וואַרטן, די קימפעטאָרין קאָן ניט”.

הינטער דעם מאַראַלישן תכלית האָט געלעבט אַ סך אַ טיפערער געפיל — רחמנות. ווינטשעווסקיס מאַראַלישער תכלית האָט זיך געפּאָרט מיט מיטלייד, מיט טרערן. אַ רך לב איז ער געווען. איז דער גאַנצער יסודים־וועג געווען דורכגענומען מיט סענטימענטאַליזם, אָבער ניט מיט ראָמאַנטיזם. סתם ראָמאַנטיזם וואָלט ביי אים גע־מיינט — פאַנטאַזיעס, בטלנות. דאָ האָט אויך געווירקט דער פאָטער. דעם פאָטער האָט ער ליב געהאַט ביז טרערן, מער ווי די מוטער. און ער האָט אים נאָכגעטאָן, באַוואוסטזיניק צי ניט־באַוואוסטזיניק. און בטלנות האָט דער פאָטער פיינט געהאַט. און אויף זיין אופן האָט ווינטשעווסקיס פאָטער ממשיך געווען דעם מאַראַלישן תכלית פון באָבע צילה.

טיף מיטלייד איז אַ יחידיש־רעפלעקטיוו געפיל וועגן רחמים. טיף מיטלייד קען אויך זײַן אַ סאָציאַל געפיל. ביי ווינטשעווסקין איז דאָס געווען אַ לייטמאָטיוו. „איך האָב סימפּאַטיזירט מיט די אָרעמע לייט — שרייבט ער אין זיינע זכרונות — און איך געדענק ניט אַ טאָג אין מיין לעבן, ווען דאָס איז ניט געווען דער פאַל" (ז. 54). אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען זיין סאָציאַליזם, איידער ער איז געקומען קיין דייטשלאַנד אין יאָר 1873: „ער האָט זיך אויס־געדריקט אין אַ מעכטיקער ליבע צו די אָרעמע און באַזולטע, אין אַ הייסן וואונטש עפּעס צו טאָן פאַר זיי, אָבער ווי אַזוי דעם וואונטש צו פאַרווירקלעכן און ווי די ליבע אויסצודריקן האָב איך קלאָר ניט געוואוסט" (ז. 169). אַחוץ אין פּראַקטישער סאָציאַליסטישער אַרבעט האָבן זיך זיינע געפילן אויסגעלייטערט שפּעטער אין זיין פּאָעזיע. אָבער אין אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האָבן אויף אים געווירקט אַזעלכע לידער, וואָס אין זיי האָט ער געפונען — מיטלייד און תכלית. אינאיינעם מיט שילדערן צרות און יסורים האָט ער זיך געמיט אַרויס־ברענגען אַ מאָראַל, זאָגן מוסר.

צונזער און קרילאָוו

מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען אַ שטאַרקער בעל־זכרון. ווי יעדער מענטש האָט ער אָבער פאַרגעדענקט יענע זאַכן אין זיין קינדהייט, וואָס האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. און זיי האָבן טאַקע איבערגעלאָזן בולטע סימנים אין זיין שרייבן. צום בעסטן, ווייזט אויס, בלייבט אין זכרון, וואָס מען וויל געדענקען. ווינטשעווסקי האָט אין דער יוגנט געענדיקט אַ רוסישע פאָלקשול, געחלומט אַריינטרעטן אין קאָוונער גימנאַזיע, זיך געגרייט אין ווילנע אָנקומען אין דער ראַבינער שול. העברעאיש האָט ער גוט געקענט, געווען שפּעטער איינער צווישן די גאָר געציילטע פּיאָנערן, וואָס האָבן געשריבן סאָציאַליסטישע לידער אין העברעאיש. דער העברעאישער פעליעטאָן האָט אויפגעבליט אַדאַנק אים. ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, האָט ער שוין געקענט לייענען ביכער אין עטלעכע שפּראַכן: יידיש, העברעאיש, רוסיש און דייטש. און ער האָט אַ סך געלייענט. צו פערצן יאָר, בעת ער האָט זיך אין ווילנע געגרייט אַריינטרעטן אין דער ראַבינער־שול, האָט אים איינ־גאַנצן פאַרכאַפּט דער יידיש־דייטשער שרייבער—לודוויג בערנע. דאָס

איז געווען אפשר די שטאַרקסטע השפּעה אין זיין לעבן. איבער בער־נען האָט פּיסאַרעוו ניט געקענט אים אַזוי באַוועלטיקן, ווי ער וואָלט געדאַרפט. מיט דריי יאָר שפּעטער האָט פּיסאַרעווס ניהיליזם געזיגט. „אין מיין וועלטל — שרייבט ווינטשעווסקי — וואו לודוויג בערנע איז ביז איצט געווען דער אויטאָקראַטישער הערשער, איז אויפגעקומען אַן אויפשטאַנד, און עס איז אַנטשטאַנען אַ נייער קעניג. דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן אונטער דער פאָן פון ניהיליזם, און דער נייער קעניג איז געווען פּיסאַרעוו" (ז. 65). פריער ווי פּיסאַרעוון און בערנען האָט ער געלייענט דעם העברעאישן פּיסאַרעוון — אברהם אורי קאָוונערן. אָבער אין ווילנע האָט ווינטשעווסקי געוואָרפן אַן אומחן אויף אַלע סטו־דענטן אין דער ראַבינער־שול. אין זיינע אויגן זיינען זיי אַלע געווען „פון גרונט־אויס פאַרדאָרבן, אויסוואורפן און היפּאָקריטן". אין די שפּע־טערדיקע יאָרן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט צופיל איבערגעטריבן. ער האָט אָבער יאָרנלאַנג געלעבט מיט זיינע ערשטע איינדרוקן. נאָכ־מער: „יעדער באַזונדער ראַבינער, — שרייבט ווינטשעווסקי — יעדער העברעאישער מחבר איז פאַר מיר געווען אַ שילער פון ווילנער ראַ־בינער־שול... יעדער איינער, וואָס רעדט גוט רוסיש, יעדער, וואָס שרייבט העברעאיש און האָט אַ דיפּלאָם אין קעשענע, איז געווען אין מיינע אויגן אַ מיאוסער מענטש, מיט וועמען אַנשטענדיקע לייט האָבן קיין עסק ניט".

אַן אויסנאַם איז פאַר אים געווען קאָוונער. ער האָט אים באַטראַכט פאַר אַ מענטשן פון בערנעס שניט. אָבער ווען קאָוונער האָט געפעלשט אַ טשעק און מען האָט אים פאַרשיקט אין סיביר, האָט ער באַשלאָסן, „אַז צווישן די העברעאישע שרייבער איז ניטאָ איינער קיין רעכטער".

אויב קאָוונער האָט אין די ערשטע יאָרן געוועקט רעוואָלט אין ווינטשעווסקין, האָט אים בערנע ממש געעפנט אַ נייע וועלט. און די נייע וועלט איז געווען — פרייהייט. ווינטשעווסקין איז זייער געפעלן בערנעס מילדע סאַטירע. בערנעס „מיין טאָגבוך אויס זאדן" איז פאַר ווינטשעווסקין געווען אויסערגעוויינלעך וויציק און פּאָעטיש. אָבער מער ווי אַלץ האָט אים פאַרכאַפּט בערנעס באַגריף — פרייהייט. דאָס איז געווען די לייזונג פאַר אַלע צרות אויף דער וועלט. אויך בערנע איז געווען מער אַ געפיל־סאָציאַליסט.

איידער ווינטשעווסקי האָט זיך אין ווילנע באַקענט מיט בערנעס שריפטן, האָט ער געקענט צוויי דיכטער: צונזערן און קרילאָוון. צו דרייצן יאָר (1869) האָט ער געקויפט אַ ביכעלע צונזערס לידער. דאָס

איז, מן הסתם, געווען צונזערס ערשט ביכל לידער „שירים חדשים" (1861). די לידער אין דעם ביכל ווי אויך אַנדערע צונזערס לידער זיינען שוין דעמאָלט געווען גוט באַקאַנט אין יידישן תחום.

זייער אָפּט לאָזן זיך מענטשן באַאיינפלוסן פון דעם, וואָס איז אין הסכם מיט זייערע מחשבות און געפילן. אַזוי איז עס געווען מיט צונזערס השפעה אויף ווינטשעווסקין. אַזוי איז אויך געווען מיט דער נאָך שטאַרקערער השפעה — קרילאָוו. ווינטשעווסקי דערמאָנט אין זיינע זכרונות: אגדתות און אַנדערסענס מעשיות. אויך זיי האָבן אים געוויזן דעם וועג צו ווערן אַ שרייבער. אָבער מעשיות זיינען געווען פאַר אים ניט מער און ניט ווייניקער ווי פאַנטאַזיעס. און ווען זיין גלויבן איז געוואָרן אונטערגעגראָבן, האָבן די אגדתות אים אויסגעזען משונה־ווילד. „איך פאַרשפּאַר צו זאָגן — שרייבט ער — אַז אין מיינע אויגן האָבן די „אגדתות" (מעשהלעך) אויסגעזען לעכערלעך. זיי זיינען מיר פאַרגעקומען ווי געבויט אויף זאַבאַבאָנעס, וואָס איז אַ שאַנד פאַר יעדן אויפגעקלערטן מענטשן ניט בלויז צו גלויבן אין זיי, נאָר אויך אויס־צוברענגען צייט זיי צו לייענען". אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אינגאַנצן געביטן זיין „קאָראַאימישן" בליק אויפן תלמוד און די אגדתות. אים איז שפּעטער קלאָר געוואָרן זייער קולטור־היסטאָרישער און פּאָע־טישער ווערט.

אָבער אין דער פריער יוגנט האָט ער זיי ניט אויפגענומען. אויפ־גענומען האָט ער צונזערן און קרילאָוון. פאַרוואָס בלויז זיי? דער ענטפער קען זיין בלויז איינער — מאָראַלישער תכלית. זיי ווייזן אָן אויף מענטשלעכע ליידן, אויף די חסרונות אין אונדזער לעבן. און דער גרויסער מיטלייד פירט זיי צו — מוסר, צו מאָראַל. און דער מוסר איז ניט געווען פרעמד דער יידישער פּסיכיק. יאָרהונדערטער ווי יידן האָבן געשאַפן מוסר און אַליין זיך מיט דעם גענערט.

ביי די צוויי דערמאָנטע דיכטער האָט ער בולט דערזען אַ וויכ־טיקן דרך. זיי פּערזאָניפיצירן מענטשלעכע אייגנשאַפטן, געשעענישן און מחשבות. דאָס האָט ער גוט באַנומען. צונזערס אַלעגאָריע איז געלעגן אויבנאויף. עס איז געגנוג צו דערמאָנען „דאָס ליד פון זייגער" (1854). אין זיין ליד „דער פראָם" דערקלערט צונזער די אַלעגאָריע גלייך ביים אָנהייב:

דאָרט ביים ווילנע גיי איך שפּאַצירן,
זע איך דעם פּראָם אויפן טייך,

הין און צוריק טוט ער איבערפירן,
זאָג איך: ברידער, דאָס מיינט מען אייך.
די וועלט איז דער טייך, טיף און שטרענג,
דער פּראָם דאָס איז די צייט;
אינעווייניק מענטשן אָנגעשפּאַרט ענג,
און ער שיפט עס צו יענער זייט.
די שטראָמען מיט די גאוות
איז די וועלטלעכע תאוות,
וואָס זיי טרייבן דעם פּראָם;
מער ניט די ליניע,
דאָס איז די אמונה,
לאָזט אונדז ניט פאַרטרינקען אין תהום.

פאַר ווינטשעווסקין איז וויכטיקער געווען דער מוסר־השכל ווי די אויבנאויפיקע אַלעגאָריע. אויך ביי קרילאָוון איז אים מער ווי אַלץ געפעלן דער מוסר־השכל. קרילאָווס השפּעה איז געווען נאָך אַ שטאַר־קערע. זי איז געווען אַ באַוואוסטזיניקע. צוויי־דריטל פון קרילאָווס פּאַמלען האָט ער געקענט אויף אויסווייניק, ביי זיך האָט ער באַשלאָסן: ער'ט ווערן אַ פאַבל־דיכטער. ניט אומזיסט האָט ווינטשעווסקין גע־צויגן צו פאַבלען. ער האָט זיי אויך געשריבן.

אַחוץ דעם מוסר־השכל האָט ער ביי קרילאָוון אויך געזען די אינ־טערעסאַנטע פּערזאָניפיקאַציעס. דאָס זיינען געווען באַשיינפּערלעכע אַנאַלאָגיעס פון פיקטיווע און אמתע האַנדלונגען. דאָס איז דאָך דער בילדלעכער פּאַראַלעליזם. און ער ליגט אויבנאויף און איז זייער פאַר־שטענדלעך. דער רמז איז דאָ ניט קיין אַבסטראַקט־סימבאָלישער און ער שפּיגלט אָפּ דאָסווירקלעכע לעבן.

ביי קרילאָוון האָט ווינטשעווסקי געזען נאָך אַ בולטע אייגנשאַפט: סאַטירע. און אין סאַטירע האָט ווינטשעווסקי זיך שפּעטער אויסגע־צייכנט. זיין סאַטירע איבער די הערשער און בלוטזויגער האָט געוויזן דעם וועג פאַר דער סאַטירע אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אַר־בעטער־פּאָעזיע.

צוזאַמען מיט קרילאָוו — ביידע האָבן געווירקט אויף דעם יונגן ווינטשעווסקין מיט דעם, וואָס זייערע לידער זיינען געווען דידאַקטיש, מאָראַליזירנדיק אין גייסט און אין ציל. דער יסוד איז ביי ביידן געווען דאָס רעאַלע לעבן. און די נאַטור איז געווען אָנגעווענדט אויפן מענטשן.

מיטן משל זיינען זיי אויסן געווען אַנצואווייזן אויפן מענטשנס פּריוואַט און געזעלשאַפטלעך לעבן.

משלדיקער רעאַליזם

מיר זיינען ניט באַקאַנט מיט ווינטשעווסקיס ערשטע פּאַבלען. אָט־די ערשטע פּרוכט פון זיין פּען האָט ער פאַרלאָרן. מיר קענען זיך אָבער גרינג פאָרשטעלן דעם געבוי פון זיינע פּאַבלען. אין זיי איז ער דאָך נאָכגעגאַנגען קרילאָווס טריט. די טעמאַטישע עלעמענטן זיינען זיכער געווען ענג געבונדן איינער מיטן צווייטן. יעדער מאָטיוו איז געווען ווי אַ מוז פאַרן צווייטן. טעמאַטיש איז יעדער עלעמענט געווען מאָטיווירט. די עצם־טעמע האָט מען געזען אויבנאויף. און די אידייע, דער געדאַנק — דאָס איז געווען דער נמשל. און דער משל האָט געפירט צו דעם דאָזיקן נמשל. דער סיפּור־המעשה איז אינגאַנצן דער משל, אָבער די טעמע איז אַ קאָנקרעטע.

אַנדערש איז עס מיט צונזערן. דער משל ליגט אויך אין גרונט פון צונזערס טעמע. על־פּי־רוב אָבער איז די טעמע אין צענטער. אַרום דער טעמע קומען־אויף מחשבות, רעפלעקסן. יעדער רעפלעקס באַוועגט זיך צו דעם צענטער, ד. ה. צו דער טעמע. אַזוי איז מיט יעדן ווייטערדיקן רעפלעקס. און יעדער רעפלעקס באַלייכט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די טעמע.

עס איז אפשר בלויז ריינער צופאַל, וואָס ווינטשעווסקי האָט געקענט פריער צונזערן איידער קרילאָוון. אַגב, עס איז זייער ריזיקאַליש צו בויען השערות אויף די צופאַלן אין די קינדער־יאָרן פון אַ פּאָעט. און ניט דאָס דאַרף זיין דער וועגווייזער. ווען מען אַנאַליזירט אָבער ווינטשעווסקיס העברעאישע לידער, זעט מען אַ באַשטימטע טענדענץ. מיט זייער קליינע אויסנאַמען זיינען אַלע לידער צונויפגעשטעלט פון אַ קרייז געדאַנקען, וואָס ציען זיך צום צענטער, צו דער הויפּט־טעמע. אַזוי איז עס געווען ביי צונזערן, און ניט ביי קרילאָוון. ווען מען זעט דאָס, ווערט קלאָר דער געדאַנק וועגן ווינטשעווסקיס העברעאישער פּאָעזיע. אין זיינע פּאַבלען האָט זיך ווינטשעווסקי זיכער געהאַלטן אין דעם שטרענג־מאָטיווירטן סיפּור־המעשה. ווי נאָר ער האָט גענומען שרייבן אַ ליד, איז עס געווען אין סטיל פון זיין צייט — צום צונזער־סטיל.

אין זיין ערשטן העברעאישן שיר „תהפוכות העתים״ („המגיד״, 8טער סעפּטעמבער, 1875) זעען מיר דעם סטיל זייער בולט. די טעמע איז — די איבערקערעניש, וואָס די צייטן האָבן געבראַכט. אין יעדער סטראָפע איז פאַראַן אַן אַנדער בילד. און איטלעך נײַ בילד פירט ווידעראַמאָל צום צענטער, צו דער טעמע. אויך דער געבוי אין יעדער סטראָפע איז דער זעלביקער. אין דעם ערשטן טייל סטראָפע דערציילט דער פּאָעט, וואָס עס איז געקומען אַ מענטשן פאַר אַזעלכע און אַזעלכע זינד. אינעם צווייטן טייל — היינטיקע צייטן... אדרבא אדרבא, פאַר די זעלביקע שיינע מעשים באַלוינט מען איב גאָר.

איש כי יצית לפנים אש בבית,
או הפך כרם וגן לשמיר ושית,
הלא שלם ישלם זה מבעיר הבערה;
ועתה יקומו חדשים לבקרים
מציתי בתיהם וגם בתים זרים,
ושלם ישלמו למבעיר הבערה.

לפנים הלכו יחף נביאי האל,
ובהטיפם לעם הרם הרימו קול,
ומרוחם האצילו על שומעי תורתם;
ועתה נביאי הבעל, יודעי תעלומות,
יובלו במרכבות, לרוב סוסים רתומות,
אוכלים ושותים וזאת תהלתם.

(אַ מענטש, ווען ער האָט אַמאָל אונטערגעצונדן פייער אין אַ הויז אָדער פאַר־וואַנדלט דעם ווייגאָרטן און סאָד אין דערנער און ריטער, — באַצאָלט דאָך דער וואָס צינדט אָן דאָס פייער. און איצט שטייען־אויף יעדן פרימאָרגן די אונטערצינדערס פון אייגענע און אויך פרעמדע הייזער — און זיי באַצאָלן גאָר דעם אונטערצינדער.

אַמאָל זיינען געגאַנגען באָרוועס גאָטס נביאים, און אַז זיי האָבן געפּריידיקט צום פאָלק פלעגן זיי אויפהייבן דאָס קול, און מיט זייער גייסט האָבן זיי באַשטראַלט די וואָס הערן זייער תורה, און איצט — די פאַלשע נביאים, מיסטעריע־ווייסער, ווערן גע־בראַכט אין קאָטשן, געשפּאַנטע צו אַ סך פערד, עסן און טרינקען, און דאָס איז זייער לויב.)

די דאָזיקע סטרוקטור געפינען מיר אויך אין די אַנדערע סטראָפעס.

און אין דער לעצטער סטראָפע געפינען מיר די אַלגעמיינע באַ־טראַכטונג:

כן התהפכו הדברים כחומר חותם,
הזמן יחליף, יהפך ישנה אותם,
הכר לא יכיר גדולים לפני קטנים;
הכל כאשר לכל ישנה בשובה ונחת.
ועלינו לברך על הכל — באחת;
ברוך משנה העתים ומחליף הזמנים.

(אַזוי פאַרוואַנדלען זיך די זאַכן ווי אַ שטאָף, וואָס בייט די פאָרמען. די צייט בייט, קערט־איבער און ענדערט זיי, זי אַנערקענט ניט גרויס פאַר קליין, אַלץ מיטאַנאַנדער ענדערט זי האַכט און רואיק. און אויף אַלץ אינאיינעם דאַרפן מיר מאַכן איין ברכה: געלויבט איז דער, וואָס ענדערט די צייטן און בייט די סעזאָנען).

אויך דער שיר „זכר ליציאת מצרים" („המגיד", דעם 5טן אַפריל, 1876) שילדערט באַזונדערע מחשבות וועגן יידישן לעבן — יידישן דלות, יסורים און נגישות, גזרות רעות און פיין. און די לעצטע שורה אין יעדער סטראָפע ווייזט אָן אויף דעם צענטער, אויף דער הויפּט־טעמע. די לעצטע שורה באַטאָנט: אַט דאָס אַלץ דערמאָנט די צייט פון יציאת מצרים.

און דער טעמאַטישער סך־הכל ווערט באַטאָנט ביים סוף. דער איינדרוק איז ווי ער וואָלט אַלץ צוגעפירט צום צענטער, צו דער הויפּט־טעמע:

תלאות מצאנו כמו יוצאי מצרים
אך מתי כמוהם נראה הרוחה,
מתי יסורו ממנו יגון ואנחה,
מתי יעברו העבים מעל פני השמים,
והאדמה תבלע עדת קרח חיים
כימי צאתנו מארץ מצרים!

(מאַטערנישן האָבן אונדז געטראָפן ווי צו די אַרויסגייער פון מצרים. אָבער ווען, ווי זיי, וועלן מיר דערזען די ישועה? ווען וועלן זיך אָפּקערן פון אונדז טרויער און זיפץ, ווען וועלן אַריבער די וואָלקנס אונטערן הימל, און די ערד וועט איינשלינגען

דאָס קרח־געוועמל לעבעדיקערהייט, אַזוי ווי אין דער צייט, ווען מיר זיינען אַרויס פון לאַנד מצרים).

באַוועגן זיך פון דער פעריפעריע צום צענטער — אָט־דער פּאָע־טישער איינשטעל איז זייער נאָענט צום קופּלעט. ווי פריער דערמאָנט, מיינט עס — באַוועגן זיך אַלעמאָל פון אַן אַנדער פעריפעריע־פּונקט צו דער הויפּט־טעמע. ווען די סאַטירע איז דערביי אינגאַנצן קלאָר און בולט, איז עס נאָך נעענטער צום קופּלעט. נאָכמער ווערט עס אַזוי, ווען עס איז נאָך דאָ אַ רעפרען. דעם זשאַנער האָט קולטיווירט דער גרעסטער סאָציאַלער קופּלעטיסט — בעראַנזשע, ווי אויך זיינע רוסישע תלמידים — קוראָטשקין, זשולעוו, מינאַיעוו, מיכאַילאָוו א. אַ.

צווישן ווינטשעווסקיס ערשטע העברעאישע לידער געפינען מיר טאַקע אַזאַ סאָציאַלן קופּלעט „עשה למענך אם לא למעננו" (טו דאָס פון דיינעטוועגן, אויב ניט פון אונדזערטוועגן). אין זיינע דערינערונגען, ז. 135, גיט ער איבער דעם אינהאַלט פון דעם קופּלעט. מיר שטעלן זיך פאָר, אַז פאַר יעדן איינעם, וואָס ער סאַטיריזירט, גיט ער אָפּ אַ סטראָפע. ער קריטיקירט דעם מחבר, וואָס שרייבט נאָר צוליב געלט. די סטראָפע ענדיקט זיך מיטן צורוף, מיטן רעפרען: „טו דאָס פון דיי־נעטוועגן, אויב ניט פון אונדזערטוועגן". ווייטער קריטיקירט ער דעם דאָקטער, וואָס וויל ניט היילן די אָרעמע אומזיסט. אויך אָט־די סטראָפע ענדיקט זיך מיטן זעלביקן צורוף. נאָכדעם קריטיקירט ער דעם ביור־ראָקראַטישן שול־אינספעקטאָר, דעם צייטונג־קאָרעספּאָנדענט, דעם אַד־וואָקאַט, דעם רעדאַקטאָר. און יעדע סטראָפע ענדיקט זיך מיטן זעלביקן רעפרען. דאָ האָבן מיר אַ פולשטענדיקןביישפּיל פון אַ קופּלעט. ווינ־טשעווסקי אַליין רופט אָן דעם מין לידער מיטן ריכטיקן נאָמען — קופּלעט.

אַן אַנדער ביישפּיל איז זיינס אַ סאַטיריש ליד „דברי קהלת", געדרוקט אין „המגיד", דעם 11טן אָקטאָבער, 1876. אין זיינע דער־ינערונגען, ז. 133, זאָגט ער: "דער אַרויספאָר איז אַ ברייטלעכער, אַ סאָציאַלער און פאַר יענער צייט אין אַ יידישער צייטונג אַ געוואַג־טער. איך זאָג:

האדם לעמל, לעבודה יולד,
אפס לא הכל יעבדו, יעמולו,

ומפרי ידיהם לא רבים יאכלו.
הנה כי כן הוא, בני עמי, עלי חלד.

(דער מענטש איז געשאַפן פאַר אַרבעט, פאַר פראַצע,
נאָר ניט אַלע אַרבעטן, פראַצעווען,
און ניט פיל עסן די פרוכט פון זייערע הענט.
אַט־אַזוי גייט עס, מיינע קינדער (פאָלקס־ברידער), אויף דער וועלט).

אָבער אַרויס קומט דערפון אַ ריי קופּלעטן, אַ האָרעלע צו ערנסט צו ווערן דעקלאַמירט פון אַן אַקטיאָר, אַ ביסל צופיל פון סאַרקאַסטישע שמייכלס און אויגן־פינטלעריי, כדי צו נעמען מענטשן ביים האַרצן".

פובליציסטישע פּאָעזיע

ניט אַלץ וואָס צונזער האָט געשריבן באַשטייט פון קופלעטן. פאַראַן ביי אים וויכוחים־לידער, מחשבות, באַטראַכטונגען. ביי קרילאָוון האָבן די פאַבלען אַ קאָנקרעטן סיפור־המעשה. זיי האָבן אין זיך דעם עלעמענט פון אַ דערציילונג. זיי זיינען אָבער געווען אויסגעדריקט אַלעגאָריש. אין פאַבלען האָט עס אויך ווינטשעווסקי אַזוי געטאָן. אָבער אין שירים האָט ווינטשעווסקי ניט געוואָלט זיין אַלעגאָריש. ער האָט געוואָלט זיין: רעאַליסטיש און קאָנקרעט. דער סיפור־המעשה־רעאַליזם — דאָס האָט אים צונזער ניט געגעבן. און פון דער צווייטער זייט — קרילאָוו איז ניט געווען בפועל־ממש רעאַליסטיש־קאָנקרעט, הגם ער האָט פאַרמאָגט אומעטום אַ פאַבולע.

דער קופלעט האָט ווינטשעווסקין לאַנג ניט געקענט באַפרידיקן. אומבאַוואוסטזיניק האָט זיך ווינטשעווסקי באַוועגט — פון אַבסטראַקט־משלדיקן צו קאָנקרעט־רעאַליסטישן טראַכטן. אַזוי איז עס אויך געווען מיט זיין סאָציאַליזם. פון מיטלייד צו אָרעמע האָט אים דער וועג געפירט צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. און אין זיין שרייבן האָט ער זיך אַנטוויקלט פון סתם באַשרייבן אומגערעכטיקייט ביז צו סאַטירישע קופלעטן. ריין־ליטעראַריש גערעדט, מיינט עס — פון צונזער־אַלעגאָריע און פון צונזער־קופלעט ביז אַ בעראַנזשע־קופלעט. און ווען ער האָט פאַרוואָרפן דעם קופלעט, איז עס געשען דעמאָלט ווען ער איז שוין געווען אַ באַוואוסטזיניקער סאָציאַליסט, באַפרייט פון „פאָל־

קיזם". אין זיינע דערינערונגען, ז. 106, שרייבט ער וועגן דעם: "נאָר אין מיין יוגנט האָב איך איבערגעכאַפּט די מאַס, האַלטנדיק פונעם קופּלעט מער ווי פון דעם עכטן ליד. שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן אַ סאָציאַליסט און איך בין אַרויסגעטראָטן אינעם קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, האָב איך אויפגעהערט צו גיין אין קור־ראַטשקינס דרכים, נאָר אין די דרכים פון נעקראַסאָוו, פרייליגראַט, הערוועג, וויקטאָר הוגאָ (עטוואָס) בין איך אויך ווייטער געגאַנגען." דער לעצטער זאַץ לייענט זיך זייער גרינג. אָבער ווינטשעווסקיס וועג צום קאָנקרעט־רעאַליסטישן ציל, צום קאַמף־ליד, איז ניט געווען אַזוי גרינג.

בשעת ווינטשעווסקי האָט אָנגעהויבן זיין פּאָעטישע קאַריערע אין 70ער יאָרן, האָט ער געשריבן זיינע שירים אויסשליסלעך אין העברע־איש. קיין סך פאָלקיסטישע אָדער סאָציאַליסטישע שירים אין העברע־איש זיינען דעמאָלט כמעט ניט געווען. אין דער העברעאישער פּאָעזיע איז ווינטשעווסקי דעמאָלט געווען צווישן דער קליינער צאָל פּיאָנערן ווי, למשל, יהל"ל, קאַמינער, ליליענבלום. דאָס גאָר ערשטע סאָ־ציאַליסטישע ליד אין העברעאיש האָט אָנגעשריבן י. ל. קאַנטאָר. דאָס ליד האָט זיך געדרוקט אין "השחר", סעפּטעמבער 1872. דער 16־יעריקער ווינטשעווסקי האָט עס געלייענט. קאַנטיק, עס האָט אויף אים ניט איבערגעלאָזן קיין שטאַרקן איינדרוק. מעגלעך, ער האָט ניט געגעבן פאַרשטאַנען דאָס ליד. געהייסן האָט דאָס ליד "מאמינים אנחנו! — קול בני הנעורים". דאָס איז אַ טיף־ערנסט און שטאַרק ליד. עס איז שטאַרק מחמת דעם קלאָרן אינהאַלט, די שאַרפע רייד. מער ווי אַלץ איז עס שטאַרק מחמת דער אַנאַפּאָרע ביים אָנהייב פון כמעט אַלע סטראָפעס: די ווערטער "מאמינים אנחנו" (מיר גלויבן) חזרט איבער, באַפעסטיקט און באַטאָנט דעם אָנטשלאָסענעם אָנהייב פון יע־דער סטראָפע. מיינען מיינט עס — דעם אויפסנייי אָנגעהויבענעם ריטם. און דער ריטם איז דאָ אַ שטאַרקער, אַן איבערצייגנדיקער. דערצו — ער קומט נאָך דער ערשטער פעסטשטעלונג, נאָך דעם שאַרפן אַרויסרוף. און דער אַרויסרוף ביים סוף סטראָפע איז אויך שטאַרק איבערצייגנדיק:

הן רבות ידבת־עם באזנינו שמענו
כי נכחש בכל, אין כל קדש לנו,
בני בלי־אמון נחנו, לא נאמין כמאום;

למראה עין נשפוט על שפל ורום;
כי נדע אך שכל משפט וגו,
נתכחש לרוח רגש ולב.
שקר הדבר, מאמינים אנחנו,
רך אמונת שוא, רק הבל זנחנו.

(אַ סך מאָל האָבן מיר געהערט מיט אומזיסטע אויערן דאָס מורמלען פון פאָלק, אַז מיר לייקענען אין אַלץ, ס׳איז ביטאָ קיין הייליקייט פאַר אונדז, אומגלויביקע זיינען מיר, מיר גלויבן אין גאָרנישט; אויבנאויף משפטן מיר וועגן נידעריק און הויך, אַז מיר אָנערקענען נאָר פאַרשטאַנד, לאָגיק און מאַטעריע, און פאַרלייקענען גייסט, געפיל און האַרץ. ס׳איז אַ ליגן, מיר זיינען גלויביקע, נאָר איבערגלויבן אין הבלים האָבן מיר פאַרלאָזן.)

נאָך דעם שטאַרקן אַרויסרוף קומען די סטראָפעס מיט די אַנאַפאָ־רעס. ווי אַ האַמער איז דער אָנשלאָג פון יעדער סטראָפע. מיט טיפן ערנסט און מיט פייער איז דורכגענומען יעדער אָנהייב:

מאמינים אנחנו, כי לא לנצח
ישלטו עול ואון, מרמה ורצח,
כי יבוא יום בהיר, שמש תופיע!
יש תקוה לאדם! שמש זו תביע.

מאמינים אנחנו כי לא גויי הארץ
יביאו איש על רעהו כליון וקרץ
כי בעד כברת ארץ לא קשת ידרוכו
ובעד הבל דמים לא ישפוכו.

מאמינים אנחנו כי יאיר לנו בעתיד,
ולא יקרא צדיק עול וצבוע חסיד,
כי ישכלו אדם, יבינו ידעו,
ולמועיל לרעיו אך לו טוב יקראו

מאמינים אנחנו, כי לכת יחישו
כל האדם קדימה, לא ישן יקדישו,

יבינו, כי אין חיים, מבלי החליף צורה,
ובכן כל החיים אך תנועה ותמורה.

(מיר גלויבן, אַז ניט אויף אייביק וועט געוועלטיקן עוולה און אומרעכט, פאַלשקייט
און רציחה,

ס׳וועט קומען אַ קלאָרער טאָג, די זון וועט אויפגיין!
ס׳איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַרן מענטשן!
וועט אָט די זון עס אויסדריקן.

מיר גלויבן, אַז ניט די פעלקער פון דער וועלט
וועלן ברענגען פאַרניכטונג און אומקום איינער אויפן אַנדערן,
אַז צוליב אַ שטיקל לאַנד וועט מען ניט אָנציען דעם בויגן
און פאַר נאַרישן כבוד וועט מען קיין בלוט ניט פאַרגיסן.

מיר גלויבן, אַז ס׳וועט אונדז ליכטיק זיין אין דער צוקונפט,
און דער צדיק וועט ניט ווערן אָנגערופן אַ רשע, און דער צבועיאַק — אַ חסיד,
ווייל מענטשן וועלן קלוג ווערן, זיי וועלן פאַרשטיין און וויסן,
און דעם וואָס ברענגט נוצן זיינע מיטמענטשן, נאָר אים וועט מען רופן דער גוטער.

מיר גלויבן, אַז אַלע מענטשן וועלן זיך איילן גיין פאָרויס, זיי וועלן ניט פאַרהייליקן
דאָס אַלטע,

זיי וועלן פאַרשטיין, אַז ס׳איז ניטאָ קיין לעבן, וואָס בייט ניט פאָרמען
אַזוי אַרום איז דאָס גאַנצע לעבן נאָר באַוועגונג און ענדערונג).

אַזעלכע אַנאַפאָרעס „מאמינים אנחנו״ זיינען פאַראַן אויך אין די ווייטערדיקע דריי סטראָפעס, ביים סוף ליד, אָבער, דערפילט מען אַ מין פובליציסטישן אָפּגלאַנץ. קומען קומט עס פון אַ צווייטער אַנאַפאָרע. דאָס איז דאָס וואָרט „כי״ (אַז), וואָס געפינט זיך אין מיטן יעדער ערשטער שורה: מאמיני אנחנו, כי לא לנצח א. אַז. וו. (מיר גלויבן, אַז ניט אייביק א. אַז. וו.) ביים סוף ליד ווערט דער „כי״ (אַז) איבערגעחזרט אַ סך מאָל. דערביי — ביים אָנהייב סטראָפע. דאָס איז דערקלערעריש, בולט דידאַקטיש. בעסער געזאָגט — דרויסנדיק דידאַקטיש:

כי מסתרי התולדה כלם יתגלו למו...

— — — — — — — — — — — — — — —

כי לא יעבד עוד האדם בזעת אפים,
כי כוחות הטבע יהיו לו לידים.
כי כל בני האדם את־ערכם ידעו,
— — — — — — — — — — — — — — —
כי תצא השמש לא תבא עוד אהלה

אַז די אַלע פאַרבאָרגענישן פון באַשאַף, וועלן זיך אַנטפּלעקן צו זיי
— — — — — — — — — — — — — — —
אַז עס וועט שוין ניט אַרבעטן דער מענטש מיט זיין שווייס פון פּנים,
ווייל די נאַטור־כוחות וועלן זיין זיינע הענט (מעגלעכקייטן),
ווייל אַלע מענטשן וועלן וויסן זייער ווערט
— — — — — — — — — — — — — — —
ווען די זון וועט אויפגיין, וועט זי שוין ניט פאַרגיין.

דאָס איז געווען דער פובליציסטישער עלעמענט אין דער סאָציאַליסטישער פּאָעזיע אין העברעאיש אין די 70ער יאָרן.

ביי יהל״לן איז די פובליציסטיק זייער בולט. ניטאָ די דיסציפּלין פון קופּלעט, פון אַנאַפאָרעס, הגם די סטראָפעס זיינען פראַזאַדיש אויסגעהאַלטן און געשלאָסן. די בילדער, אָבער, זיינען פובליציסטישע. זיי זיינען עמאָציאָנאַליזירטע געדאַנקען, און ניט אימאַזשן. כדי דאָס צו דערזען קלאָר, איז גענוג צו נעמען יהל״לס „עבד לעבדים״ („השחר״, ב, 6 זז. 206־215, טבת, תרל״ה, דעצעמבער, 1874, אָדער, אָנהייב יאַנואַר, 1875):

עבד הנני, חפש לא אועה,
עברו רב שנותי ומשעבד עודני —
ומשעבד כן אחיה עדי אגועה
כי עצה תוצאות נכחדו ממני.
אדונים לי שונים על פיהם אחי,
מזה אל זה אצא — מדחי אל דחי...

במעי אמי, מסוף עולם עד סופו,
צופה חייתי ושבע ענג אני
והנה בא המלאך, הניף אגרופו
מחמדת עינים בחזקה הסיעני

ולחנם ענה כחי, הוביש המח,
ללמוד כל התורה, ואחר־לשכח!

למען ינוב איש מהון ועשר יתר,
לעבוד יום וליל בל כחי תתי,
ובביתי אין לחם, יבואני אך חסר,
עד כי לא אחיה רק אשר לא מתי. —
זאת מנת חלקנו עשוקים, אביונים,
מיד עשקינו כח אחינו האדונים!

(אַ קנעכט בין איך, פון פריהייט ווייס איך ניט פאַרביי שוין ס׳רוב מיינע יאָרן און איך בין נאָך אַלץ פאַרשקלאַפט — און פאַרשקלאַפט וועל איך אַזוי זיין ביז איך וועל פאַרגיין. ווייל ראט און טאַט זיינען פון מיר פאַרשניטן. כ׳האָב פאַרשיידענע האַרן, לויט זייער באַפעל לעב איך, פון דעם צו דעם גיי איך אַרויס — פון איין שטרויכלונג צו דער אַנדערער.

אין מיין מוטערס אינגעווייד האָב איך געקוקט מיט אַ סך פאַרגעניגן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן. איז געקומען דער מלאך, אויפגעהויבן זיין פויסט און האָט מיך פון דער אייגן־גלוסטעניש מיט כוח אַוועקגעריסן. און אומזיסט האָט ער געפייניקט מיין כוח, געטריקנט מיין מוח צו לערנען די גאַנצע תורה און דערנאָך — פאַרגעסן!

כדי דער מענטש זאָל וואַקסן אין מער פאַרמעגן און רייכקייט, האָב איך טאָג און נאַכט געאַרבעט מיט מיין גאַנצן כוח. און ביי מיר אין שטוב איז ניטאָ קיין ברויט און עס קומט צו מיר נאָר די נויט, אַזוי אַז פאַר מיר איז ניט געלעבט און ניט גע־שטאָרבן. דאָס איז אונדזער גאָב — באַרויבטע אָרעמע לייט. פון אונדזערע רויבער קומט די מאַסט פון אונדזערע ברידער די האַרן.)

דאָס זיינען אַלץ מחשבות, דידאַקטישע רייד. אַזוי איז עס אויך אין זיין „כשרון המעשה״ („אַרבעט און לוין״), אַזוי — אין זיין „קצף אין־אונים״ („אומגערעכטע פאַרטיילונג פון גיטער״). אויך ביי דר. קאַמינערן זעען מיר די זעלביקע נטיה. און עס מאַכט ניט אויס, וואָס זיין פאָרם דערמאָגט אין פיוט.

אין דעם דאָזיקן פּאָעטישן קלימאַט האָט אויך ווינטשעווסקי גע־שאַפן זיינע ערשטע לידער, אין העברעאיש. ווען ער האָט אָנגעהויבן אָפּוואַרפן דעם קופּלעט, אין זיין דיסציפּלינירטער פאָרם, האָט ער גע־מוזט אַרויף אויפן וועג פון פובליציסטישער דידאַקטיק.

ווען ווינטשעווסקי האָט אין 1876 אָנגעשריבן דאָס ליד „שומר מה מלילה?" און שפּעטער דאָס ליד „למי אני עמל?" האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף זיך ווי אויף אַ סאָציאַליסטישן פּאָעט. פריער האָט ער אויסגעדריקט אין זיינע לידער מחשבות און געפילן וועגן אומגליקלעכן לעבן, וועגן בלוטזויגערס. ער האָט אויסגעדריקט אַלגעמיינע מחשבות, — „פּאָלקיסטישע" און „ניהיליסטישע". די נאָרוואָס־דערמאָנטע צוויי לידער האָט ער שוין באַטראַכט ווי באַוואוסטזיניקע, ציל־געווענדטע סאָציאַלע לידער.

דאָס איז געווען ריכטיק וועגן דעם אינהאַלט. דער סטיל, אָבער, האָט זיך אַלץ געהאַלטן אין די גרענעצן פון פּובליציסטישער דידאַק־טיק. ווינטשעווסקי האָט זיך אָבער אונטערשיידט פון די אַנדערע העַ־ברעאישע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן דערמיט, וואָס ער האָט געוואָלט קאָנקרעטיזירן זיין טעמע און זיין סטיל.

אויפן וועג צו קאָנקרעטן רעאַליזם

אין „שומר מה מלילה" דערציילט דער דיכטער ווי ער האָט אין שלאָף פאַרגעסן אַלע הונגעריקע און דערשלאָגענע. פּונקט ווי עס פאַר־געסן די זאַטע. ער קען אָבער לאַנג ניט שלאָפן. ער כאַפּט זיך אויף, גייט אַרויס אין גאַס און טרעפט אָן דעם נאַכטוועכטער. אויף זיינע אַלע פראַגעס ענטפערט אים דער וועכטער:

הטרם תדע כי על גפוי כל קרת
יושבים בולעי חיל רשים, והם בני־השם,
למו „נדיבים" יקראו, למו קרני ראם.
המה ראשי המדברים, ביום מועד ועצרת?

(ווינטשעווסקי זעצט עס איבער אין פּראָזע: ווייסטו דען ניט, אַז פון אויבן אין יעדער שטאָט זיצן די, וואָס פרעסן דעם אָרעמאַנס פאַרדינסט, און זיי זיינען די מענטשן מיט אַ נאָמען, די וואָס מען רופט פילאַנטראָפּן, די וואָס ווערן פאַרערט און זיינען די פירער, די ערשטע רעדנער ביים פעסט און ביי דער פאַרזאַמלונג).

דער דיכטער דערקלערט דעם וועכטער: מיטן וואָרט נאַכט

מיינט ער די היינטיקע סיסטעם, די גאַנצע ציוויליזאַציע. און אין איינער צווישן אַ סך פראַגעס, פרעגט ער:

ומתי יחלו להכיר ערכם בחלד,
מתי יבינו העובדים בזעת אפים,
כי שכר עבודה — עבודה ואין לפעל ידים
כל כופר? פועלים אנו, ולא לבטלנים נולד.

(ווינטשעווסקי זעצט עס איבער: און ווען וועלן זיי (די אַרבעטער) אָנהייבן צו פאַרשטיין זייער אייגענעם ווערט אין דער וועלט? ווען וועלן זיי פאַרשטיין, אַז פאַר אַרבעט איז דאָס איינציקע געצאָלט — אַרבעט, אַז דערפון קען זיך קיינער ניט אויס־קויפן? ווייל צו זיין אַרבעטער, ניט ליידיקגייער וערן מיר געבוירן).

אין דעם דאָזיקן ליד איז שוין דאָ אַ קלאָרער סאָציאַליסטישער געדאַנק. פאַראַן אַ סיוזשעט — דאָס גיין שלאָפן אַ זאַט־באַרואיקטער, זיך אויפכאַפּן, אַרויסגיין אין גאַס, דאָס שמועסן מיטן וועכטער. אָבער די שמועסן זיינען פּאָעטיש־פּובליציסטישע.

דאָס ליד „למי אני עמל?" איז אויך אַזוי. דאָס איז שוין געווען „אַ פראָלעטאַריער־ליד מיט אַלע קליפּערלעך". און ווינטשעווסקי איז מוסיף: „דער אויפגעוואַכטער פרעגט: למי אני עמל — פאַר וועמען אַרבעט איך? און דאָס ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין. אָט־דער פון שלאָף אויפגעשטאַנענער פּראָלעטאַריער ווייס שוין וואו די מכה זיצט. הגם ער רעדט נאָך ניט פון קיין הייל־מיטל. ער ווייס שוין, אַז רייכטום הייסט אָנגעזאַמלטער, געראויבטער „מערוועדט" (ב. 9, ז. 186).

מבקר עד ערב ידי מלאות עבודה,
ונפשות ביתי גועות באין לחם ושמלה;
לכל נפרד לתאוה רק מחרבני ימלא,
לכל פוחז וריק, הדור בלבושו אסגדה.
מה שכרי מכל עמלי, זולתי פת חרבה?
ולמה זה הבל איגע, לא אדע מנוח,
למה איגע לריק, למה אלך שחות,
למי אני עמל ובחסר נפשי מטובה?

(ווינטשעווסקי זעצט עס איבער: — פון מאָרגן ביז אָוונט זיינען מיינע הענט

פול מיט אַרבעט, און דאָך גייט אויס מיין פאַמיליע אָן ברויט און אָן קליידונג; פאַר יעדן הולטאַי, וואָס ווערט פול מיט מיין חורבן, פאַר יעדן ליידיקגייער מוז איך מיך בוקן; וואו איז דער לוין פון מיין אַרבעט אַחוץ אַ טרוקן שטיקל ברויט? און פאַר־וואָס זאָל איך האָרעווען אומזיסט, ניט וויסן קיין רו, אַרבעטן אויפן ווינט, אַרומגיין געבויגן; פאַר וועמען קוועל איך מיך און פאַרליר אַלדאָס גוטס?).

אויך אין דעם ליד איז דער סטיל אַן עמאָציאָנעל־פּובליציסטישער. אין יענער תקופה, אָבער, האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן רעאַליסטישערע סימנים אין זיין דיכטונג. פריער איז ער פון דיסציפּלינירטן קופּלעט אַריבער צום ערנסטערן פּובליציסטיש־פּאָעטישן זשאַנער. און פון דעם דאָזיקן שטייגער שרייבן איז ער אַוועק ווייטער — צו מער קאָנקרעטע לידער. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז, אָבער, ניט פאָרגעקומען אַזוי בהדרגהדיק ווי מיר שטעלן עס דאָ פאַר צוליב קלאָרקייט. געוועןיאָרן אין זיין שרייבן ווען די אַלע זשאַנערן האָבן זיך געמישט. מען דער־קענט זיי נאָר מחמת דעם דאָמינירנדיקן טראָפּ.

ווינטשעווסקי דערציילט אין זיינע דערינערונגען, ז. 128, וועגן דריי איבערזעצונגען, וואָס ער האָט געמאַכט פון דריי פאַרשיידענע פּאָעטן. די איבערזעצונגען זיינען אַלעקסאַנדער יאַכאָנטאָווס „מיסלי״ (געדאַנק), פרידריך שילערס „קינדער־מערדערין״ און ניקאָלאַי נעקראַ־סאָווס „אָגאָראָדניק״ (דער גערטנער). ווען מיר אַנאַליזירן די דריי לידער, באַקענען מיר זיך מיט אַ נייעם דרך אין ווינטשעווסקיס פּאָעזיע: דעם קאָנקרעטן רעאַליסטישן.

אין יאַכאָנטאָווס „מיסלי,״ למשל, איז ניטאָ דער פּובליציסטישער טאָן, ס'איז אָבער, אויך דאָרטן ניטאָ דער קאָנקרעט־רעאַליסטישער סיפּור־המעשה. „דער געדאַנק״ גיט איבער ווי אַזוי ער איז ריין און איידל, פריי אין די רוימען און שנעלער ווי אַ בליץ, אין די תהומען אַזוי גוט ווי אין די הימלען:

Скорблю над океаном бед
И заблуждений века,
В дела людей вношу я свет
И в сердце человека.
Наука мною создана —
Предвестница свободы —
И довершать я призвана
Красу и строй природы.

(איך טרויער אויפן אוקינוס צרות, און אויף דער פאַרפירעריש־קייט פון יאָר־

הונדערט. אין דעם מענטשנס מעשים טראַג איך אַריין ליכט, און אויך אין מענטשנס האַרץ. די וויסנשאַפט האָב איך באַשאַפן — די אָנזאָגערין פון פרייהייט — און איך בין גערופן צו ברענגען צו שלימות דער נאַטורס שיינקייט און איר בוי).

דעם געדאַנק איז, אָבער, ניט באַשערט צו לעבן פריי, צו בלייבן רוחניותדיק. מען האָט אים געגעבן דאָס אָרעמע וואָרט, איז עס געוואָרן ווי אַן אײַזערנע קייט. און אויף דער ערד איז דער געדאַנק געוואָרן אַ קנעכט, אָן פליגל, דערנידעריקט און צעקרימט מיטן וואָרט. זיין ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן, מער וועקט ער ניט קיין געפילן צום שיינעם, צום הייליקן. ער דינט דעם עגל הזהב. אויף זיין שטערן האָט זיך פאַרלאָשן דער שטראַל פון אינספּיראַציע, און אין דעם נעפּל האָט ער פאַרלאָרן דעם אָנבליק פון אידעאַל. און ער בעט זיך: קערט מיר אום די פרייהייט פון פעלדער, קערט אום די פליגל. אָ, ציטערט ניט, פאַרן פרייהייט־אָטעם ווי איר ציטערט פאַר פייער. איך וועל צוריק ווערן פריי. כ׳וועל דעמאָלט ניט דאַרפן די אַלע פאַלשקייטן און דאָס רמאות,

Я буду истине служить,
Светла и благородна.

(איך וועל דינען דעם אמת, ליכטיק און איידל).

יאַכאָנטאָוו האָט געשריבן דאָס ליד אין 1875, כמעט אין דער זעל־ביקער צייט ווען ווינטשעווסקיס טאַלאַנט האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערוויקלען. דאָס ליד איז האַלב־אַלעגאָריש, פּאָעטיש־אַבסטראַקט. דער קערן, פאַרשטייט זיך, איז אינגאַנצן אַן עטישער. קאָנטיק, די אַנדערע לידער האָבן ווינטשעווסקין מער באַפרידיקט.

שילערס „קינדער־מערדערין" האָט אַ קאָנקרעטן סיפּור־המעשה. אין רגע פון שטאַרקער פאַרצווייפלונג, אין בליץ פון משוגעת, דער־שטיקט לואיזע איר קינד, וואָס זי האָט געהאַט פון דער פאַרפירער און פאַררעטער יאָזעף. מען הערט ניט אין ליד קיין שום פּובליציס־טישע טענער. דאָס ליד האַלט זיך אויף דער שיינער ראָמאַנטישער רעטאָריק. דעם ראָמאַנטישן שליסל דערהערט מען גלייך ביים אָנהייב: „האָרך — די גלאָקן האַללען דומפּ צוזאַמען, אונד דער צייגער האָט פאָללבראַכט דען לאַוף. / נון, זאָ זאַי׳ס דענן! — נון, אין גאטעס נאמען! / גראַבגעפּעהרטען, ברעכט צום ריכטפּלאַץ אַוף" („הער, די גלאקן שאלן

דומפּ אינאַיינעם!/ און דער זייגער האָט פּאַרענדיקט זיין גאַנג./ נו, זאָל עס אַזוי זיין! — נו, אין גאָטס נאָמען!/ איר לוויה־באַגלייטער, פּראַלט־אויף דעם ריכט־פּלאַץ.״)

אַזוי איז אויך דער סוף פון ליד: „צעהרען? צעהרען אין דעם ווירגערס בליקען?/ שנעל די בינדע אום מיין אַנגעזיכט!/ הענקער, קאַנסט דו קיינע ליליע קניקען?/ בלייכער הענקער, ציטרע ניכט!״ (טרערן? טרערן אין דעם תליונס בליקן?/ שנעל, די פּעטליע אַרום מיין פּנים!/ תלין, קענסטו קיינע ליליען פליקן?/ בלייכער תלין, ציטער ניט!״.

ווינטשעווסקין האָט געצויגן צו אַזעלכע לידער פון מיטלייד פאַר די געפאַלענע, די אומגליקלעכע. דאָס איז געווען ניט נאָר די עיקרדיקע שטימונג ביי דער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ. דאָס האָט טאַקע גע־שטימט מיט ווינטשעווסקיס אייגענעם כאַראַקטער. ער איז געווען אַ רך לבֿ. עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס טייל נעקראַסאָווס לידער האָבן אים אויפגערודערט ביז די טיפענישן. אין זיינע „דער־ריינערונגען״, ז. 128, דערמאָנט ער זיינע עטלעכע פּאָעטישע איבער־זעצונגען אין העברעאיש. ער האָט זיי, אַגבֿ, קיינמאָל ניט געדרוקט. צווישן זיי דערמאָנט ער נעקראַסאָווס „אָגאָראָדניק״ („דער גערטנער״). וועגן דעם דאָזיקן מאָטיוו זאָגט ער: „דער דאָזיקער (מאָטיוו) פאַרנעמט מיך פאַרן האַרצן״. אָבער ניט דאָס איז פאַר אונדז וויכטיק. וויכטיק איז ווינטשעווסקיס באַוועגן זיך — פון אַבסטראַקטע פּאָעטישע מחשבות צו קאָנקרעטע אינהאַלטן. ער זוכט אַ קאָנקרעטע פאַבולע. זי איז שוין דאָ אין זיין איבערזעצונג — שילערס „קינדער־מערדערין״. אָבער דער הינטערגרונט אין שילערס ליד איז ניט קיין ריין־סאָציאַלער. אַן אויס־וואורף האָט אַפּגענאַרט זיין געליבט מיידל. אָבער אין נעקראַסאָווס „אָגאָראָדניק״ איז שוין דאָ סאָציאַלער אינהאַלט.

דער גערטנער האָט זיך ניט אויפגעהאַלטן אין וואַלד ווי אַ מערדער, ער איז קיין שיכור ניט געווען. ער האָט אָבער פאַרלאָרן זיין לעבן צוליב אַ מיידל אַ שיינקייט. אָבער ניט דאָס אַליין איז די סיבה. די סיבה איז אַ טיפערע. ער איז געווען אַ פּשוטער גערטנער און זי איז געווען די טאָכטער פון דעם אַדעליקן פּריץ. זייער ליבע איז אַ ריינדי־קע. און איינמאָל, ווען ער האָט זיך געגנבֿעט צו איר אין שטיבעלע, האָט מען אים געכאַפּט. מודה זיין זיך האָט ער ניט געקענט. האָט מען

אים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, אָנגעטאָן קייטן אויף די פיס, געשמיסן ווי אַ גנב און אַוועקגעפירט אין ווייטן וועג.

На печаль и страду!.. Знать, любить не рука
Мужику-вахлаку да дворянскую дочь.

(אויף זאָרג און ליידן!... קענטיק, ס'איז ניט קיין ענין פאַר אַן אומגעלומפּערטן פּויער צו פירן אַ ליבע מיט אַ טאָכטער פון אַ דוואָריאַנין (אַדלמאַן).)

דאָ האָבן מיר אַ קאָנקרעטע טעמע, אויך אַ קאָנקרעטן סאָציאַלן מאָטיוו. דאָס אומגליק פאַר ביידע פאַרליבטע מענטשן נעמט זיך פון דעם ניט־גלייכן שטאַנד. און אָט־דאָס סאָציאַלע אומגליק באַטאָנט נעקראַסאָוו. ער דעקט עס אויף אין דעם סאַמע אינטימסטן לעבן פון הייליקע געפילן.

דער מאָטיוו „אָגאָראָדניק" איז אפשר געווען אַ ווענדפּונקט אין ווינטשעווסקיס באַנעמען קאָנקרעטע טעמעס און קאָנקרעטע סאָציאַלע פּאָעטישע מחשבות. דאָס איז, אייגנטלעך, געווען דאָס פּאָעטישע באַוואוסטזיין, וואָס צו אים האָט ווינטשעווסקי געזוכט אַ וועג.

קאָנקרעטער רעאַליזם

ווינטשעווסקיס קאָנקרעטער רעאַליזם איז ענג פאַרבונדן מיט לאָנדאָן. אין לאָנדאָן איז אַ סך קאָנקרעטער געוואָרן ווינטשעווסקיס אויסבליק — געזעלשאַפטלעך, אידייאיש און ליטעראַריש.

ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל אין קאָוונע האָט ער זיך גענוג אָנגעזען צו וואָס דער דלות קען אַלץ דערפירן. זיין באָבע צילה איז פאַר אים געווען אַ מוסטער. אים האָט שטאַרק דורכגענומען איר רחמנות אויף די אָרעמע, נאָכמער — איר האַלטן אין איין העלפן זיי טאָג און נאַכט. זי האָט אין אים אַרויסגערופן די טיפסטע געפילן צו די אומגליקלעכע און פאַרשטויסענע. ער אויך האָט געזוכט פאַרשיידענע מיטלען ווי זיי צו העלפן.

קיין אַריאַל האָט אים געשיקט דער קאָוונער באַנקיר שלמה פיינבערג. אין אָט־דער טיף־רוסישער שטאָט האָט ער געדינט אין פיינבערגס קאַנטאָר. דאָרטן, אין אָריאָל, איז ער געוואָרן אַ רוסישער פּאַלקיסט. דאָס וואָרט רוסישער איז דאָ באַטאָנט. די „נאַטירלעכע ברידער

— האָט ער דעמאָלט געגלויבט — זיינען די מוזשיקעס (די פויערים). חיים־יאַנקעל דער שוסטער קען וואַרטן".

אויך אין קעניגסבערג איז ער געווען אַן אַנגעשטעלטער אין דער זעלביקער באַנק־פירמע. דאָרטן, אין קעניגסבערג, איז ער געוואָרן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. מחמת ביסמאַרקס אַנטי־סאָציאַלע געזעצן האָט מען אים אַרעסטירט און, שפּעטער, אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד.

אָבער אין לאָנדאָן האָט ער זיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט יידישע פּראָלעטאַריער. דאָס זיינען געווען מחנות שקלאַפן. אין די שוויצפאַבריקן האָבן זיי געאַרבעט פון קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי זיינען געווען געשטראָפט מיט אַלע סאָציאַלע אומגליקן, וואָס די שוויצפאַבריק האָט געבראַכט מיט זיך. זיי זיינען ניט געווען סתם אָרעמע, פאַרשטויסענע. זיי זיינען געווען די אומגליקלעכע קרבנות פון גרויס־אינדוסטריאַליזאַציע. אָט־די שוידערלעך־עקספּלואַטירטע שקלאַפן וואָלט מען דאָך געקענט פאַר־וואַנדלען אין אַ שטאַרקן באַפרייאונג־כּוח. מ'וואָלט עס געקענט דער־גרייכן, ווען די עקספּלואַטירטע שקלאַפן וואָלטן נאָר פאַרשטאַנען זייער מצב. איז ווי אַזוי דערגרייכט מען עס? און דער ענטפער איז — אויפקלערונג, פּראָפּאַגאַנדע.

און ווינטשעווסקי וואַרפט זיך אַריין אין דער אויפקלערונג־אַרבעט מיט אַלע זיינע כּוחות: ער העלפט אָרגאַניזירן די אַרבעטער, ער רעדט פאַר זיי, ער רעדאַקטירט צייטונגען. ער שרייבט פאַר זיי. און מער ווי אַלץ ווירקן זיינע לידער. מען פּאַסט צו זיי צו מעלאָדיעס, מען זינגט זיי, מען דעקלאַמירט זיי אויף פאַרזאַמלונגען.

אָט דער געזעלשאַפטלעכער מאָמענט איז זייער אַ וויכטיקער אין ווינטשעווסקיס שרייבן דירעקט פאַר די אַרבעטער. דאָס שאַפט פאַר אים — די קאָנקרעטע טעמע.

אַ צווייטער גורם דערצו איז געווען זיין אידייאישער בליק, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין אים אין לאָנדאָן. דאָרטן האָט ער זיך דערנענטערט צום וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אַלע זיינע טאָג־טעג־לעכע דערפאַרונגען האָבן געפירט דערצו. אויך דאָס איז געווען אַ שטאַרקער גורם אויפן וועג צו ווערן רעאַליסטישער.

די אויבן־דערמאָנטע צוויי גורמים האָבן במילא געפירט צו אַ נייער איינשטעלונג. ער מוז שרייבן פאַר די מאַסן אין זייער אייגענער שפּראַך — אין יידיש. און ווינטשעווסקי ווערט אַזוינאָך אַ יידישער

פּאָעט. דערצו נאָך — אַ פּיאָנער פון פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. און עס קומט אויף אין אים אַ נייער ליטעראַרישער נוסח. זיין אַמאָליקע סענטימענטאַלע דידאַקטיק האָט זיך אַנטוויקלט דורך דעם קופּלעט, דורך דער פּובליציסטישער פּאָעזיע. און דאָס אַלץ שאַפט אין אים איצט גאָר נייע ליטעראַרישע נטיות. זיי זיינען: אַקטועלער רעאַליזם און קאָנקרעטע באַשרייבונג. אָבער ווינטשעווסקי איז פריער ווי אַלץ אַן אמתער פּאָעט. ער איז אויך אַ רך לבֿ, אַ סענטימענטאַלער ביז גאָר. איז איבער אַלע זיינע רעאַליסטישע נויט־לידער שוועבן פּאָעטישע רמזים און שטימונגען. זיי ווערן אָפט פאַרוואַנדלט אין סאָציאַלע סימ־באָלן. און דאָס איז אַ פּאָעטישע דערגרייכונג. דאָס האָט אַ גרויסן באַטייט. זיינע סימבאָלן זיינען אויך אייגנאַרטיק. זיי זיינען געווען לחלוטין ניי אין דער יידישער פּאָעזיע.

מ׳דאַרף אָבער ניט באַטראַכטן ווינטשעווסקי׳ס נייעם גאַנג ווי אַן אַבסאָלוט. דאָ און דאָרטן האָבן זיך אָפּגערופן געוויסע פריערדיקע פּאָעטישע איינשטעלונגען. בדרך כלל, אָבער, איז זיין נייער דרך געווען טאַקע אַ נייער. נאָכמער — זייער אַ וויכטיקער. דאָס מערקט זיך אַפילו אין זיינע ערשטע יידישע לידער, וואו מען קען נאָך אַלץ זען סימנים פון זיינע פריערדיקע נייגונגען. דאָך זיינען זיי ניי.

זיינע ערשטע פערזן אין יידיש האָט ער אָנגעשריבן אין קעניגס־בערג, אין 1877.

בריות אין רעדן

זיי זיינען נאָר אַלע גבורים אין רעדן,
אָבער פליגן אין טאָן;
זיי מיינען מע קען יסורים פאַררעדן,
פאַררעדן אַ שלעכטן צאָן!

ניין, מיינע ברידער, איר זייט אין טעות
אין טעות, אויף מיינע נאמנות!
צו אַ שלעכטן צאָן העלפט קיין המצאות,
רייסט אַרויס אָן רחמנות!

אָבער כל־זמן איר גייט מיט סבלנות
וועט קיינמאָל ניט ווערן אַן ענדע;
ביי די באַריסענע בלייבט די קבצנות
און ביי ש—קען די גרענדע.

די דאָזיקע פּערזן זיינען געווען צופּעליקע. זיי געפינען זיך אין אײ־נעם פעליעטאָן „דער גרענדע־פירער", געדרוקט אין ראָדקינסאָנס וואָכנ־בלאַט „קול לעם", דעם 26סטן אָקטאָבער, 1877.

אין 1884 האָט ווינטשעווסקי באַוואוסטזיניק אָנגעהויבן שרייבן לידער אין יידיש. דאָס איז געווען אַ נייער אָנהייב אין זיין לעבן. זיין באמת ערשט ליד אין יידיש איז דערשינען אין „פּוילישן אידל", נומער 4, 1884. געווען איז עס אַן אויסערגעוויינלעך אַקטועלע טעמע: קאָרטן. קאָרטן־שפּילן איז דעמאָלט געווען אַן אמתע מגפה צווישן די אומגליקלעכע יידישע אַרבעטער. צוליב קאָרטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַ סך טראַגעדיעס אין די אָרעמע יידישע אַרבעטער־משפּחות. איז ניט קיין חידוש, וואָס ווינטשעווסקיס ערשט יידיש ליד „צוויי געסעלעך" — טאַקע וועגן קאָרטן — האָט מען גלייך אויפגעכאַפּט. אומעטום איז עס געוואָרן באַוואוסט. דער באַרימטער אַקטיאָר יעקב פּ. אַדלער האָט עס אַפילו דעקלאַמירט אין זיינע אויפטרעטונגען. די טעמע איז דאָ אַן אַקטועל־רעאַליסטישע:

אין אַ קליינע געסעלע, אַ שמוציקע, אַ שמאָלינקע
זיצט אַ יונגע ווייבעלע אין קאַמערל אַליין;
שבת איז אַוועקגעגאַנגען, און איר מאַן נפתלינקע
האָט איר „אויף אַ ווײַלינקע געלאָזן דאָ אַליין".

געגאַנגען איז ער אָפּנעמען זיינע שכירות, זיינע „ווײַדזשעס", אָבער ער האָט פאַרגעסן זיין קראַנק קינד, זיין יונג פאַרצאָרנט ווייב. עס איז שוין דריי ביינאַכט.

דריי! זי דרעמלט איין, דאָס קעפּל אָנגעשפּאַרט אַן עלנבויגן
זיצנדיק, באַטראַכטנדיק, דאָס ליבע, קראַנקע קינד.
פּלוצעם הערט אַ רויש זי, און זי עפנט אויף די רויטע אויגן,
גיט אַ קוק — ווער האָט געקלאַפּט? ער? ניין. ניט ער, דער ווינט!

און דאָס ליד ענדיקט זיך מיט כלומרשט קאַלטע, זאַכלעכע שורות. זיי זיינען אָבער אויסערגעוויינלעך טרויעריקע. זיי דעקן פּלוצעם אויף די גאַנצע טראַגעדיע:

אין אַן אַנדער געסעלע, אַ שמוציקע, אַ שמאָלינקע,
אין אַ פיינע שטיבעלע, מיט יידעלעך געפּילט,

האָט די ווײַדזשעס און דערצו אַ זייגערל נפתּלינקע
זיצנדיק בײַם טישעלע אין קערטעלעך פאַרשפּילט.

ניט ווייניקער קאָנקרעט איז די טעמע: „דאָס ליד פונעם העמד". אָט דאָס צווייטע יידישע ליד זיינס האָט ווינטשעווסקי פריי איבער־געזעצט פון טאָמאָס הודס באַרימט ליד „סאָנג אָוו דהי שוירט".

אין זיינע דערינערונגען פּטרט ווינטשעווסקי אָפּ די איבערזעצונגען מיטן אויסרייד: ס'האָבן אויסגעפּעלט לידער אין „פּוילישן אידל", האָט ער איבערגעזעצט דאָס ליד. אין אויסקלייבן הודס באַרימט ליד איז אָבער געלעגן אַ טיפערער באַטייט. ניט דעם לידס באַרימטקייט האָט אים אונטערגעזאָגט איבערצוזעצן דאָס ליד. אויך ניט—בלויז דער סאָ־ציאַלער אינהאַלט. ס'איז געלעגן אין דעם עפּעס טיפערס. ווינטשעוו־סקין האָבן צוגעצויגן דעם לידס באַשטימטע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען געווען זייער ענלעך צו ווינטשעווסקיס פּאָעטיש געמיט. ווינטשעווסקי האָט באַטראַכט זיינע לידער ווי וועק־ און רוף־לידער, באַזונדערס די לידער ביזן יאָר 1909. קיין אַנדערע לידער זיינע האָט ער ביז דעם דאָ־זיקן יאָר ניט געלאָזט דרוקן.

אין זיינע דערינערונגען, שרייבט ער:

„אויב מען געפינט, למשל, ביי מיר מער „אַגיטאַציע" ווי פּאָעזיע... בין איך דערמיט צופרידן, ווייל ביז דריי יאָר צוריק (1909) האָב איך קיין זאַך ניט געלאָזט דרוקן, וואָס האָט ניט געהאַט דעם צוועק צו וועקן דעם יידישן אַרבעטער: אים צו וועקן, צו וועקן זיין מוח, זיין האַרץ און זיין קלאַסנבאַוואוסטזיין; אים צווינגען אויפצושטיין און זיך אויס־צורייבן די אויגן און צו פרעגן זיך אַליין: וואו בין איך? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט אַרום מיר? ווי אַזוי האָט מען מיך דאָ געפּענטעוועט מיט רעליגיעזן שפּינוועב, מיט פּאָליטישע אַקראַיקעס, מיט אַ נעכטיקן טאָג, מיט אַ קומענדיקער נאַכט?" („מיין אַרבעטער מוזע", אין „פראַגן פון לעבן", זאַמלבוך, נומער 2־3, פּעטערבורג, 1912; איבערגעדרוקט אין זיינע שריפטן ב. 10 זז. 257־258).

פּאַר אים זיינען די לידער געווען אַ פּאָעטישער, אָבער אויך אַ מאָראַלישער מוז. און געדינט האָבן זיי — אַ מאָראַלישן תכלית.

ווען מיר באַטראַכטן זיינע לידער אויך פּסיכאָלאָגיש, דערפילן מיר זיין גאַנצן געמיט. ער האָט אויסגעקליבן בלויז אַזאַ טעמאַטיק, וואָס איז געווען איינס מיט זיין גאַנצער פּסיכיק. ער האָט זיי געשריבן אין

אַ באַשטימטער מעלאָדיע, אין אַ באַשטימט ליכט. זיי זײַנען געווען אײַנגאַנצן זײַן מעלאָדיע און זײַן ליכט.

אַזוי איז עס געווען מיטן איבערזעצן הודס „ליד פונעם העמד". אין דעם ליד איז פֿאַראַן אַ קאָנקרעטע, אַקטועלע טעמע. ווינטשעווסקיס גאַנצער פּאָעטישער וועג האָט געפֿירט צו אַקטועלע טעמעס. נאָכמער — צו וואָס מער קאָנקרעטע טעמעס. פֿאַראַן, אָבער, אין הודס ליד נאָך אַ וויכטיקע אייגנשאַפֿט. די רעאַליסטישע געשטאַלט און די אַטמאָס־פֿערע אַרום דער געשטאַלט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל. דאָס איז אַ וויכטיקע דערשײַנונג אין דער סאָציאַלער ליריק. אומבאַמערקט ווערט דאָ דער רעאַליסטישער אינהאַלט אַריבערגעטראָגן אין דער וועלט פֿון דמיון.

„אָ, מענטשן! אויב איר האָט אַ שוועסטער, אַ ווײַב,
אַ מוטער, ווען אײַך האָט דאָס שיקזאַל געגעבן,
זײַט וויסן, איר טראָגט ניט אויס וועש אויפֿן לײַב —
איר טראָגט אויף זיך מענטשלעכע לעבן!

שטעך־שטעך־שטעך!
אין הונגער, אין שמוץ, פֿאַר דער גאַנצער וועלט פֿרעמד,
ניי איך מיט אַ דאָפּלטן פֿאָדעם: פֿאַר זיך
תכריכים — פֿאַר אַנדערע מענטשן אַ העמד.

„נאָר ווי איז דער טויט אויף מײַן רעיון אַרויף?
דעם מלאך המות געשטאַלט — אַ סקעלעט, —
ווי קען עס מיך שרעקן, ווען מײַן אייגענער גוף
איז זעלבסט נאָר אַ ביינער־געשטאַלט, ווי איר זעט?
נאָר ביינער אַ הויפֿן, גענוי ווי דער טויט:
איך פֿאַסט אַזוי אָפֿט, און בין ניט אויסגערוט.
אָ, הימל! עס זאָל אַזוי טײַער זײַן ברויט,
עס זאָל אַזוי וואָלוול זײַן פֿלייש און בלוט!

די געשפּענסט־שטימונג פֿילט מען מער — ניט אין באַזונדערע ציטאַטן, נאָר אין גאַנצן ליד, אין דעם לידס טאָטאַליטעט. אַזוי אויך דעם סימבאָליזם מתוך רעאַליזם. אָט־אָ־דעם סימבאָליזם־מתוך־רעאַליזם

האָט פּרץ אויסגענוצט אין זיינע „דריי נייטאָריגס", „ביים פרעמדן חופּה־קליידי".

וועגן ווינטשעווסקיס גאַנג צו דער קאָנקרעטער טעמע, מיט איר סימבאָלישן אָפּגלאַנץ, איבערצייגט אונדז אויך זיין דריט יידיש ליד „לאָנדאָן ביינאַכט" (אין דער אויסגאַבע פון 1927 הייסט עס „ביינאַכט אין שטאָט"). אויך וועגן אָט־דעם ליד איז כדאַי זיך אָפּשטעלן באריכות.

ווינטשעווסקי גיט אָן: „די פאָרם איז גענומען פון אַ רוסישן געדיכט". דעם מחבר'ס נאָמען גיט ער ניט אָן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויפן אָריגינאַל. אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט איז אין רוסלאַנד געווען באַרימט איוואַן מיאַטלעווס (1796־1844) אַ ליד „פּאַנאַריקי" („לאַמטערנדלעך"). דאָס איז געווען אַ סאַטירע איבער „די לאַמטערנדלעך, האַרעלעך", איבער די „טשינאָווניקעס" (רעגירונג־אָנגעשטעלטע) און „סאַנאָווניקעס" (נאַטשאַלניקעס). שכלדיקע מענטשן זיינען זיי „אויף דעם האָט מען זיי אָוועקגעשטעלט, דאָס פאָלק זאָל זיי זען, זיך גרייסן, זיך באַרימען מיט זיי".

געשריבן איז דאָס ליד אין קופּלעט־פאָרם, אין אַ פּראַקטיקער, שפּילעוודיקער טעמפּאָ, מעטריש־פּערפעקט, מיט אומגעהייערער עלעגאַנץ. דאָס גיט צו נאָך מער דינקייט דער לכתחילה דינער סאַטירע.

דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די שורות:

פּאַנאַרקי, סודאַריקי,
סקאַזשיטע־קאַ ווי מניע,
טשטאָ ווידיעלי, טשטאָ סלישאַלי
ווי נאָטשנאָי וו טישיניע?

(לאַמטערנדלעך, האַרעלעך, זאָגט־זשע מיר, וואָס האָט איר געזען, וואָס האָט איר געהערט אין דער נאַכטיקער שטיל ?).

און יעדע סטראָפע ענדיקט זיך:

פּאַנאַרקי, סודאַריקי,
גאָריאַט סעביע, גאָריאַט,
אַ ווידיעלי־ל, ניע ווידיעלי־ל
טאָוואָ ניע גאָוואָריאַט.

(די לאַמטערנדלעך, די האַרעלעך, ברענען זיך און ברענען, צי זיי האָבן יאָ געזען, צי ניט געזען — דאָס זאָגן זיי ניט אויס).

וויכטיק איז דאָ וועגן וועמען מיאַטלעוו דערציילט אין ליד. ער פרעגט ביי די לאַמטערנדלעך צי זיי האָבן געזען אַ שטיל, איינזאַם מיידל, וואָס וואַרט אויפן געליבטן. אָבער קיין ענטפער קומט ניט — זיי ברע־נען די לאַמטערנדלעך. צי זיי האָבן געזען צי ניט — דאָס דערציילן זיי ניט. אַזוי ווענדט זיך דער פּאָעט וועגן אַ פאַרליבטן יונגנמאַן, וואָס וואַרט אויף זיין טרוים — דער געליבטער; וועגן אַן אומגליקלעכער, וואָס אַ שטורעם האָט חרוב געמאַכט אירע אַלע פרייד ן; וועגן אַ פּאַר־ברעכער, וואָס וויל אַנטלויפן פון זיין געוויסן; וועגן אַ הוליאַנקע; וועגן אַ יתומל; וועגן אַ דיכטער־טרוימער.

מיאַטליעוו, דער אַדלמאַן, דער אַמאַליקער קאַמערהער, האָט דאָס ליד געשריבן אין פאָלקיסטישן סטיל. נאָך וויכטיקער — אין דעם קופּלעט־סטיל. און דאָס ליד איז טאַקע געוועזן באַרימט צווישן די ברייטע רוסישע מאַסן.

ביי ווינטשעווסקין איז די פאָרם די זעלביקע. אָבער די טעמע איז סאָציאַל אַ סך מער פּאַרטיפט. זי איז דורך־און־דורך קאָנקרעט און פּראָ־לעטאַריש. דאָ האָבן מיר אַ פאַרהונגערט בחורל, וואָס קען ניט געפי־נען קיין דאַך איבערן קאָפּ. דאָס מיידעלע, ביי ווינטשעווסקין, וואַרט ניט אויף איר באַשערטן. זי וואַרט ביי דעם שפּיטאָל, וואו דער טאַטע גוססט, — און אין דער היים זיינען דאָ פינף קינדערלעך, און די מאַמע „איז שוין דריי יאָר טויט". ווינטשעווסקי שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אומגליקלעכן אַקטיאָר, דעם „האַלב צעמישטן אַלטן מאַן", און אָט איז — דער „גרינער" ייד, „עלנט ווי אַ שטיין". זיי אַלע זיינען געוועזן „אַקטועלע" געשטאַלטן אין לאָנדאָן, אָנהייב 80ער יאָרן:

לאָנדאָן ביינאַכט

איר לעמפּעלעך, לאַנטערנדלעך,
ערציילט מיר וואָס ביי נאַכט,
זיך שטייענדיק און ברענענדיק,
איר צייטנווייז באַטראַכט.
דען אַלע נאַכט באַלייכטנדיק
די מויערן, דעם ברוק —
דאַרפט איר איצט האָבן, רעכן איך,
אַ קלאָרן, שאַרפן קוק.

האָט איר געזען אַ בחורל,
פֿאַרהונגערט און פֿאַרשמאַכט,
היר גייענדיק און זוכנדיק
די גאַנצע ליבע נאַכט —
זיך זוכנדיק אַ ווינקעלע,
אַ טיר, אַ טרעפּ אין גאַס,
זיך צוצולייגן אויסצורוען ? —
ס'איז שרעקלעך קאַלט און נאַס!

די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך
באַלייכטן יעדעס הויז;
צי זעען זיי — צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אויס.

האָט איר געזען ביים האָספּיטאָל
אַ מיידעלע ביים טיר?
מיט רויטע אויגן, שרייענדיק :
„אָי ווי, אָי, ווי צו מיר!“
איר טאַטע ליגט אַ גוססער,
פֿינף קינדער שרייען: „ברויט!“
די מאַמע איז שוין לאַנג ניטאָ;
זי איז שוין דריי יאָר טויט.

די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך
באַלייכטן יעדעס הויז;
צי זעען זיי — צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אויס.

האָט איר געזען, איר לעמפּעלעך,
שפּאַצירנדיק אין גאַס,
אַ האַלב צומישטן אַלטן מאַן,
שוואַך, הונגעריק און בלאַס ?
אַמאָל האָט דיזער אַלטינקער
געמאַכט פֿון יאָר צו יאָר

אַ פולע מענטשן לאַכנדיק
אַלס לוסטיקער אַקטיאָר.

די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך
באַלייכטן יעדעס הויז;
צי זעען זיי — צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אויס.

האָט איר געזען אַ „גרינעם" איד
היר בלאָנדזשענדיק אַליין?
קיין קרוב ניט, קיין גואל ניט
און עלנד ווי אַ שטיין?
די רייכע „קענען גאָר נישט טאָן",
זיי האָבן טעכטער, זין...
די לאַנדאַנער „קאָמיטע־לייט" —
פאַר זיי איז ער צו גרין...

די לעמפּעלעך, זיי ברענען זיך,
דרויף זיינען זיי געשטעלט;
נאָר וויסן פון זיי קענט איר ניט
וואָס טוט זיך אין דער וועלט.
זיי זיינען ווי קאָמיטע־לייט
צום שיינען נאָר געזעצט,
און זעען ניט, און ווייסן ניט —
דער שוך ביי וועמען קוועטשט.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם ליד איז די זעלביקע אייגנשאַפט, וואָס מיר האָבן געזען אין הודס ליד: דאָס פאַרוואַנדלען רעאַליסטישע געשטאַלטן אין סימבאָלן. דאָ דערגרייכט עס דער פּאָעט מיט דעם רעפרען: „די לעמפּעלעך, זיי ברענען זיך, באַלייכטן יעדעס הויז; צי זעען זיי — צי הערן זיי, דאָס זאָגן זיי ניט אויס".

דאָס טיפּסטע ליד אין אָט־דעם רעאַליסטיש־סימבאָלישן מין איז ווינטשעווסקיס ליד — „אין רעגן און ווינט און אין קעלט". די שורות זיינען כלומרשט זאַכלעך, רעאַליסטיש אין פּרטים, אינעם עצם דערציילן

דעם אינהאַלט. אָבער סאַראַ ווירקונג עס האָט דאָס. וואָס די גאַס קריגט לשון און ענטפערט, קורץ און שאַרף: „זייער היים? זייער היים בין איך". און נאָך שטאַרקער איז די ווירקונג, ווען ביים סוף דערוואַרטן מיר אַן ענטפער פון דער גאַס, אויף דער סאַמע תוכיקסטער פראַגע. און די גאַס ענטפערט ניט: „איצט שווייגט שוין די גאַס". אינאיינעם מיט דער גאַס שווייגט „דער ווינט, דער רעגן, די קעלט". דאָס דאָזיקע ליד איז אויסערגעוויינלעך וויכטיק. דאָס איז אַן אמת פּיאָנערן־ליד אין אונדזער סאָציאַלער פּאָעזיע, און אין אונדזער אַלגעמיינער פּאָעזיע בכלל. ווינטשעווסקי האָט געשריבן דאָס ליד אין 1889. דאָס ליד געהערט צו די רירנדיקסטע לידער אין דער יידישער פּאָעזיע:

אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט

וואָס טוען צוויי עופעלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלעך — אייז און די פיסעלעך נאַס,
די ליפּעלעך בלוי און די בעקעלעך בלאַס;
וואו איז זייער היים אין דער וועלט?
זייער היים? זייער היים בין איך — זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

וואו גייען צוויי קינדערלעך קלייניקע הייגט,
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט?
וואָס? גאָר אָן אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ פריינד?..
יתומימלעך? נעבעך! וואָס זע איך? מיר שיינט,
אַז איינער פון זיי איז גאָר בלינד!
געוויס — זאָגט די גאַס — און איך בין זייער פריינד
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט.

וואָס בלייבן זיי שטיין מיט אַמאָל דאָ אַליין,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
צום האַנדלען צו אָרעם, צום בעטלען צו קליין,
צו שוואַך און צו ערלעך צו גנבענען גיין,
וואו קריגן זיי עסן אָן געלט?
איצט שווייגט שוין די גאַס, אַך, איר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינט שווייגט, דער רעגן, די קעלט.

סאָציאַלער טרויער

אַחוץ רעאַליזם און סימבאָלישער אומוואַנדלונג פאַרמאָגט ווינ־טשעווסקיס סאָציאַלע ליריק נאָך דריי אייגנשאַפטן. זי איז דורך־און־דורך פּראָלעטאַריש, זי איז פול מיט געשטאַלטן און זי איז סענטי־מענטאַל.

די אָרעמקייט, וואָס ווינטשעווסקי האָט טאָג־טעגלעך געזען אין לאָנדאָן, איז געווען גאָר אַן אַנדערע ווי אין קאָוונע, בעת זיין קינד־הייט און יוגנט. דאָס איז געווען די „נייע", קאַפּיטאַליסטישע אָרעמקייט, ווי זי האָט זיך באַוויזן אין דער דעמאָלט גרעסטער שטאָט אין דער וועלט, אין דעם גרעסטן אינדוסטריעלן צענטער. די לאָנדאָנער אינדוסטריע־לע קרבנות זיינען געווען פּראָלעטאַרישע קרבנות. זעענדיק אָט־דעם שרעקלעכן פּראָלעטאַרישן דלות האָט ער געשריבן זיינע לידער. און דער אמת איז, כמעט אַלע זיינע לידער אין יענער צייט זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט דער פּראָלעטאַרישער פּראָבלעם. אין זיין הקדמה צו זיין בוך „לידער און געדיכטע", 1910, דערמאָנט ער יענעם שוידערלעכן דלות, וואָס אונטער זיין איינדרוק האָט ער געשריבן די לידער זיינע. ער האָט געזען דעם דלות „אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, אָפּגעריסנקייט, פאַרשלאָגנקייט, ווי מען קען אים זען נאָר אין לאָנדאָן, צוגלייך דער רייכסטער און דער אָרעמסטער שטאָט אין דער וועלט, טאָקע דורך די קאָנטראַסטן פון די מיליאָנען פונט שטערלינג קעגן די ביליאָנען פּוד צרות".

שילדערן די דאָזיקע שרעקלעכע אינדוסטריעלע אומגליקן האָט ווינטשעווסקי שוין ניט געקענט אין סתם אַבסטראַקטע ווערטער, אין פּובליציסטישע פּערזן און אַלעגאָריעס. זיינע פּאָעטישע מחשבות זיי־נען געווען פול מיט קאָנקרעטע טעמעס. ער שאַפט לידער אויף די דאָ־זיקע טעמעס. קומען ממילא אַרויס געשטאַלטן. יעדע טעמע איז דאָך פאַרבונדן מיט אַן אמתער געשעעניש אין לעבן.

אַזעלכע געשטאַלטן זעען מיר ביי ווינטשעווסקין לרוב: „דאָס יתומל", „אַן ערלעכע באַטריגערין", „קליין־עטעלע", „דזשעק־גנב", „די אָרעמע מאַרי", „דער אַלטער מאַן און דער נייער יאָר", „דער בלינדער פידלער", א. אַנד.

די נטיה צו געשטאַלטן האָט אין ווינטשעווסקין שטענדיק געלעבט. געשטאַלטן פון באַפרייער און דענקער האָבן געלעבט אין זיין פּאָעטיש

געמיט. און ער האָט זיי באַזונגען אין לידער. אַזוי טרעפן מיר ביי אים לידער: „פערדינאַנד לאַסאַל", „מאַרקס דער זיגער", „פרידריך ענגעלס", „וויליאַם מאָריס", "וויקטאָר הוגאָ" א. אַנד.

פאַראַן ביי אים אויך לידער, וואו עס זיינען דאָ עטלעכע געשטאַלטן. דורך זיי זעט מען דעם גאַנצן סיפּור המעשה. אַזאַ ליד איז ווינטשעווסקיס „רענט" (דירה־געלט), געשריבן אין 1885. געבויט איז דאָס ליד אויף אַ טעגלעכער געשעעניש. דאָ האָבן מיר אַ קאָנקרעטן סיפּור־המעשה אין עטלעכע געשטאַלטן. ווי אַ מוסטער פון ווינטשעווסקיס דלות־לידער קען אונדז טאָקע דינען דאָס ליד „רענט" וועגן דעם ריוועטער (מעטאַל־פאַרניטעווער), „קליין באַרנעט מאַס פון בערנער סטריט":

רענט

האָט איר געקענט דעם ריוועטער,
קליין באַרנעט מאָס פון בערנער סטריט?
ער איז שוין ניט קיין ריוועטער,
ער גייט ניט אויס, ער אַרבעט ניט,
ער האָט אויף זיך ניט מער קיין באָס,
און הונגערט ניט און לייד"ט ניט נויט,
דען... טויט איז צייט דריי מאָנאַט מאָס,
קליין באַרנעטל איז טויט...

געדענקט איר נאָך זיין יונגע ווייב,
שיין מינדעלען פון בערנער סטריט,
וואָס פלעגט אַמאָל צום... צייטפאַרטרייב,
פאַר קינדער מאַכן באַנעטס, היט?
זי גייט צוריקצו, גייט מינדעלע,
ברענגט נאָך אַ יתום אויף דער וועלט;
זי האָט אַ וויג, איין ווינדעלע,
און צוויי־דריי שילינג געלט.

וואָס הייבט מען פריער אָן צו טאָן
מיט צוויי־דריי שילינג געלט?
זי וואָלט געדאַרפט אַ פערטל האָן,
אין שטוב פעלט קוילן, ליכט אויך פעלט.

דעם נייעם יתומס ברודער גייט
אין קעלט אַרום, ווי אָפּגעבריענט,
זי וואַלט אים עפּעס אויפגענייט,
דאָך האַלט, מען קומט נאָך רענט.

מען קומט נאָך רענט, דער לענדלאָרד קומט,
דער לענדלאָרד זעלבסט, ער איז שוין דאָ!
„איך וויל — זאָגט ער — מיין געלט!" זי שטומט,
זי וויינט; ער זעט, עס איז ניטאָ.
דעם לענדלאָרדס האַרץ איז ניט פון שטיין
„הער ווייבל, זאָגט ער, וואָס איך טו:
איך שענק די רענט אויך, אָבער גיין
אַרויס מוזט איר אים־נו".

זי חיינט — וויינט מינדעלע און שרייט:
„מיין ליבער הער, ווי זעט איר ניט,
אַז איך בין... איך בין אויף דער צייט...
און טאָר ניט גיין פון היר קיין טריט?"
דעם לענדלאָרדס האַרץ איז ניט פון שטיין,
ער קען קיין טרערן גאָר ניט זען,
דאָך הייסט ער נאָך אַמאָל איר גיין,
אים קומט שוין צוויי פונט צען.

די וויינט שיין מינדעלע און קלאָגט
אוןווישט די אויגן מיט אַ טוך.
דער לענדלאָרד הערט אויס וואָס זי זאָגט
און קוקט דערווייל ביי זיך אין בוך.
„עס בלייבט דערביי — זאָגט ער צו איר —
אומזיסט האַלט איך אלמנות... ניט;
איר ווייסט, איר האָט קיין רענט פאַר מיר,
אויך קיין משכנות ניט".

צוויי שטונדן שפּעטער ווערט פון הויז
אַרויסגעוואָרפן באַרנעטס ווייב,
זי מיט איר ייִנגל גייט אַרויס
און מיט דעם עופעלע אין לייב;

דעם לענדלאָרדס האַרץ איז ניט פֿון שטיין,
ער האָט ביי זיך אין יאַרד אַ שטאַל,
אַהין לאָזט ער איר וואוינען גיין;
זי גייט אויף יעדן פֿאַל.

אין קבר ליגט דער ריוועטער,
קליין באַרנעט מאָס פֿון בערנער סטריס,
און דאָ גריסט אַ פֿאַרגליוועטער
די וועלט זיין קינד, וואָס קען אים ניט.
אין שטאַל קומט אָן זיין אָרעם קינד,
מיט אַ געשריי אין אונדזער וועלט;
האָך ווערט ער איינגעשטילט געשווינד:
ער שטאַרבט אַוועק פֿאַר (פֿון) קעלט.

ווי אין אַ סך ווינטשעווסקיס לידער איז פֿאַראַן דאָ די כלומרשט־אומשולדיקע נאַאיוויקייט פֿון פֿאָלקסליד, דער כלומרשט־ניכטערער, זאַכלעכער באַריכט וועגן אַ געשעעניש. ווי געשפּענצן זעען אויס די געשטאַלטן פֿון אָט־דער שוידערלעכער דראַמע: קליין באַרנעט מאָס אין קבר, זיין שוואַנגערדיקע פֿרוי, דאָס קליינע יתומל, דער גרויזאַמער ווירט, דער לענדלאָרד. און דאָס ליד ענדיקט זיך נאָך מער סימבאָליש — אַ קינד ווערט געבוירן אין שטאַל. אַ פֿאַרגליווערטע וועלט גריסט איר קינד. און דאָס קינד קומט „מיט אַ געשריי אין אונדזער וועלט”; דאָך ווערט עס גלייך איינגעשטילט — עס שטאַרבט פֿון קעלט.

אָט די כלומרשט־זאַכלעכע לידער — זיי וואַרפֿן־אָן אימה מיט דעם כלומרשט־ניכטערן, רואיקן טאָן. אָבער הינטער די איינגעהאַל־טענע ווערטער פֿילט מען אַ סענטימענטאַל האַרץ. אַנדערש וואָלט דער פּאָעט זיך גאָרניט אָפּגעשטעלט אויף די אַלע שוידערלעכע געשעענישן און אויף די טראַגישע געשטאַלטן. דאָ און דאָרט דערפֿילן מיר ווינ־טשעווסקיס אַ טרער. אין דער סאָציאַלער ליריק האָבן טרערן פֿאַרנו־מען אַ גרויס אָרט. באַזונדערס, אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. ניט אומזיסט האָט זיך מאָריס ראָזענפֿעלד באַטראַכט פֿאַר אַ „טרערן־מיליאָנער”. דער ערשטער מקור איז אָבער ווינטשעווסקי.

ווינטשעווסקיס פֿאַרבאָרגענע און אָפֿענע טרערן זיינען געקומען פֿון צוויי קוואַלן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן. ער איז געווען אַ רד

לב: אויך די לאָנדאָנער פּראָלעטאַרישעווירקלעכקייט האָט אַרויס־געַרופן טרערן.

דאָרט, וואו זיין סענטימענטאַליזם און טרערן האָבן זיך צונויפגע־טראָפן האָט ער געשאַפן זייער רירנדיקע לידער. באַזונדערס — ווען דער טאָן איז געווען אַן אייגנעהאַלטענער. אַזאַ ליד איז „דריי שוועס־טער”. דאָס איז דער שענסטער מוסטער צווישן אונדזערע סענטימענ־טאַלע לידער. אפשר אויך דערפאַר — וואָס די טעמאַטיק איז ניט „איך”. דאָס וואָלט שוין געווען „צו־סענטימענטאַל”. די טעמאַטיק איז דאָ אַן אָביעקטיווע, דער טאָן און די פּאָעטישע פיגורן זיינען ווי אין אַ פאָלקס־ליד, דער אינהאַלט — אַ סענטימענטאַלער, די געשטאַלטן — ווי גע־שפּענצער.

דריי שוועסטער

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקווער,
אין סקווער שטייען טעגלעך דריי שוועסטער,
די מיידלעך — זיי קען ווער־ניט־ווער.

די קלענסטע פאַרקויפט דאָרטן בלומען,
די מיטלסטע — בענדלעך פון שיך,
און שפּעט אין דער נאַכט זעט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האַנדלט... מיט זיך.

די יינגערע ביידע באַטראַכטן
די עלטערע שוועסטער אַן האַס;
דען אַלע דריי מיידלעך פאַראַכטן
די וועלט, מיט דער שטאָט, מיט דער גאַס.

און דאַך ווען די קליינע צוויי קומען
צום נעסט, וואָס זיי רופן אַ היים,
באַנעצן זיי בענדלעך און בלומען
מיט טרערן, וואָס בלייבן געהיים.

„וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע"

ווינטשעווסקי איז געווען דער זיידע פון יידישן פּראָלעטאַרישן ליד, דער ערשטער מקור. איז אין אָט־דעם ערשטן מקור זעט מען שוין די וויכטיקסטע מינים אין די פּראָלעטאַרישע מאָטיוון. דאָס זיינען: גע־וויין אויפן אומגליקלעכן גורל; סאַטירע איבערן אונטערדריקער; און קאַמפּלידער, וועקלידער און רופלידער. די געווינען איבערן אַרבעטערס גורל האָט ווינטשעווסקי אויסגעדריקט אין לידער וועגן סאָציאַלן טרויער. די סאַטירע, אָבער, האָט זיך ביי אים אויסגעדריקט אין אַן אַנדער פאָרם ווי ביי די שפּעטערדיקע אַרבעטער־פּאָעטן.

אין זיין בוך „לידער און געדיכטע", 1910, איז פאַראַן אַן אָפּטיילונג „עטוואָס הומאָר און סאַטירע". אָבער די גאַנצע אָפּטיילונג איז די סאַמע קלענסטע אין בוך. זי באַשטייט פון אַ זיבן לידער. ווינטשעווסקי האָט זיין סאַטירע אָנגעווענדט אין אַן אַנדער פאָרם: אין דער פאַבל. און ער איז געווען אַ באַדייטנדיקער פאַבל־דיכטער. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע טעמע פאַר זיך.

דער דריטער מאָטיוו זיינער איז, נאַטירלעך, געווען — קאַמף. דער קאַמף דאַרף אויסראָטן אַלע סאָציאַלע אומגליקן. אין קאַמף וועט דער אונטערדריקטער אַרבעטער געווינען זיין פרייהייט.

אויך ווינטשעווסקיס קאַמפּלידער געהערן צום סכום — קאָנקרעטע טעמעס. זיי זיינען ניט קאָנקרעט דורך דעם סיפּור־המעשה. זיי זיינען, אָבער, געקומען אויף דער וועלט אַ דאַנק באַשטימטע געשעענישן. זיי זיינען ניט קיין צוגעטראַכטע קאַמפּלידער, געשריבן נאָך אַ פאַר־אויס־באַשטימטן נוסח. דער הינטערגרונט, הייסט עס, איז ביי זיי אינגאַנצן אַ פאַקטועלער.

אין יעדן ליד, ביי יעדן פּאָעט, איז, בלי ספק, געווען פריער די אָנרעגונג, וואָס האָט גורם געווען דאָס ליד. דאָס האָט געקענט זיין אַ שטימונג, אַ וואָרט, אַ בילד, אַן איינדרוק, אַ ניט־דערקלערטער צו־שטאַנד. דאָס האָט געקענט אויך זיין אַ פאַקטישע געשעעניש.

אין ווינטשעווסקיס לידער, קאָנטיק, האָבן פאַקטישע געשעענישן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. ער האָט געלעבט אין אַ רעאַליסטישער וועלט. ער האָט אויך געטראַכט רעאַליסטיש. און בעת ער איז געוואָרן אַ יידיש־דיכטער האָט ער אַפילו געטראַכט קאָנקרעט־רעאַליסטיש. דאָס איז געווען זיין ציל און מעטאָד.

זייער אינטערעסאַנט זיינען ווינטשעווסקיס פאַרצייכענונגען וועגן

זיינע לידער אין דעם אַרטיקל „מיין אַרבעטער מוזע", אין „פראַגן פון לעבן", נומער 2־3, 1912. „אין דעם פאַל פון גערדיכטן — שרייבט ווינטשעווסקי — וואָס זיינען געשריבן געוואָרן לשמה ולשמה פאַר דער יונגער באַוועגונג פון יידישע אַרבעטער, נאָרוואָס אַריינגעטראָגן אין די רייען פון מאָדערנע פראָלעטאַריער, מוז די געשיכטע, איך וואָלט געזאָגט די ביאָגראַפיע, פון די וויכטיקסטע צווישן די דאָזיקע גערדיכטן זיין אַ טייל פון דער באַוועגונג גופא". „אָבער דאָס צו טאָן וואָלט מען געדאַרפט שרייבן אַזויפיל, אַז אַפילו דעם יידישן ארך־אפימדיקן לעזער וואָלט אויך גיך געפּלאַצט די געדולד". גיט ער איבער בלויז עטלעכע פאַלן.

איין פאַל איז: זיין ליד „אַ חודש אָן אַרבעט" („איך בעט קיין נדבות, פון וועגן זכות־אָבות, פאַרהאָרעוען וויל איך מיין ברויט"). דער הינטערגרונט איז: „סלעק", אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער פּשוטו כּמשמעו און דאָס מוזן אָנקומען צו דער יידישער צדקה־אינסטיטוציע, „דהי באָארד אָוו גאַרדיענס".

אינטערעסאַנט איז די באַשרייבונג וועגן זיין באַרימט רעוואָלו־ציאָנער ליד „דער פריהייט־גייסט" („אין די גאַסן — צו די מאַסן, פון באַדריקטע פעלקער־ראַסן, רופט דער פריהייטס־גייסט"). אַ געהוי־בענע שטימונג האָט אין יאָר 1889 געהערשט ביי דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ און די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. דאָס איז געווען דער הונדערטסטער יאָרטאָג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציע. פונקט אין יענעם יאָר קומט פאָר דער פאַריזער אינטערנאַציאָ־נאַלער קאָנגרעס. אין לאָנדאָן ברענט זיך פאַנאַנדער דער „דאָק"־(האַפן)־אַרבעטער־סטרייק. דאָס אַלץ זיינען גאָר וויכטיקע צייכנס. די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט דאָך געזאָלט אויסברעכן אַ ליאַדע טאָג. „ביי אונדזער דערהיצטער פאַנטאַזיע — שרייבט ווינטשעווסקי — איז אַלץ מעגלעך". דאָס איז דער הינטערגרונט פון זיין זייער פּאָפּולער, רעוואָלוציאָנער ליד.

ענלעך דערצו איז דער הינטערגרונט פון זיין באַרימט ליד „אַ קאַמף־געזאַנג". אין 1892 האָט אין לאָנדאָן אָנגעהויבן אַרויסגיין אַ ביי וואָכנבלאַט „דער וועקער". דער דאָזיקער נאָמען אַליין האָט שוין עפּעס אָנגעטייט. מער אָדער ווייניקער איז ווינטשעווסקי געווען באַ־גייסטערט פאַר דעם בלאַט. „און אין מוח ביי מיר דרייט זיך אַרום אַ קאַמף־ליד". „דער עיקר — איז ער ממשיך דעם זאַץ — ווייל דאָ

קומט אָן אַ ניי יאָר, און ווער ווייסט? אפשר ברענגט עס מיט זיך עטוואָס מיט. צייט איז שוין״. און אַזוי ווערט געבוירן זיין ליד —

אַ קאַמף־געזאַנג

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע,
שפּילט־אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק־טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, וועט דאָ שטייען מיר,
דאָרטן — דער בלוטיקער פֿיינד;
דאָ איז די פֿרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט,
דאָרטן — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיקייט:
ברידער, מאַרשירט מיט אונדז היינט!

ווישט אויס פון אַרבעטער־אויגן די טרערן,
זאָגט זיי: צום וויינען איז איצט ניט קיין צייט;
לאָזט היינט קיין קול פון געוויין זיך ניט הערן,
היינט, ווען מיר קומען אַרויס אויף אַ שטרייט,
מיר און דער בלוטיקער פֿיינד;
מיר, — וועלכע ווילן די מענטשהייט פֿאַרברידערן:
ער, — וועלכער וויל אונדז דורך שנאה צעגלידערן,
ברידער, מאַרשירט מיט אונדז היינט!

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע, די רויטע,
וועקט די, וואָס שלומערן, זיגנדיק שוואַך,
איינציקווייז נעמט זיי צונויף די צעשפּרייטע,
זאָגט זיי: אונדז רופט היינט די הייליקע זאַך
קעגן דעם בלוטיקן פֿיינד;
אונדז, דעם המון פון באַדריקטע דאָך מוטיקע,
קעגן האַבונעס, פֿאַרווילדעטע, בלוטיקע:
ברידער, מאַרשירט מיט אונדז היינט!

יידעלעך, איר זייט ביי אַלע פֿאַציאָנען
גרים און תושבים געווען צוגלייך,

זייט איצט ביי זיי אין די פרייהייטס־לעגיאָנען,
איצט, ווען עס שטייט קעגן זיי, קעגן אייך,
דאַרטן דער בלוטיקער פיינד;
ער מיט די פולקן פון מערדער געדונגענע
קעגן די שקלאַפן אין קייטן צעשפּרונגענע,
וועלכע באַפרייען זיך היינט.

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע, די רויטע,
שפּילט־אויף אַ מאַרש און דערלאַנגט היך אַ הויב;
האַלט פאַר די אויגן די העלדן די טויטע,
דענקט אָן די אָפּפער פון האַבזוכט און רויב,
היינט קעגן בלוטיקן פיינד;
גיט אַריין קראַפט אַלע בלייכע, צעזויגענע,
גיט אַריין מוט אַלע טיף־איינגעבויגענע,
זאָגט זיי: מאַרשירט מיט אונדז היינט!

איינגאַנצן ניי זיינען געווען ווינטשעווסקיס קאַמפּלידער אין דער יידישער פּאָעזיע. זיי זיינען געווען ניי מיט זייער טעמאַטיק און מיט זייער פאָרמען.

אָט די ביידע עלעמענטן זיינען געווען איינס אין זיינע לידער. און מען קען זיי ניט פאַנאַנדערשיידן. דאָס איז אַ קלאָרער ביישפּיל ווי אַזוי אינהאַלט און פאָרם זיינען איינס.

זיי זיינען פולשטענדיק אָרגאַנישע שאַפונגען. מיר ווייסן — דער הינטערגרונט און גורם פאַר זיין יעדן קאַמפּליד איז געווען אַ קאָנקרעט־רעאַליסטישער. דאָך — דאָס ליד איז געקומען צו אים אימפּולסיוו. דעריבער האָט יעדער אַנדערער אינהאַלט אַ נאַטירלעך־אַנדערן ריטם.

מוטיקע אויפשטאַנד־טענער און ברייטע זשעסטן פאַרמאָגט דאָס פריער־ציטירטע ליד — „וויקלט פאַנאַנדער די פאָנע די רויטע".
אַ הויכן פּאָעטישן רוף הערט מען אין אַזעלכע לידער ווי —

איך הער דיין שטימע, די שטימע דער וואָרהייט,
דעם קול פון דעםווירקלעכן אַרבעטער־פריינד,
איך הער דיך פון וויטן, איך הער דיך מיט קלאָרהייט,
מיט הערצלעכער פרייד באַגריס איך דיך היינט.

(צום „אַרבייטער־פריינד", 1885)

וועק־וועגדונגען הערן מיר אין אַזאַ ליד ווי „דער פּריוהייטס־גייסט״, 1890, — „אין די גאַסן, — צו די מאַסן״.

ניט אַ קלענערן רושם לאָזן איבער זיינע דעקלאַראַטיווע שורות. זיי הילכן־אָפּ ווי האַמער־קלעפּ. באַזונדערס צייכנט זיך אויס דערמיט „דאָס ליד פונעם לוין־שקלאַף״ וואָס ער האָט „מיט ליבע געווידמעט דעם „בונד״,״ (1906):

דער הימל געהערט צום רבונו־של־עולם,
צום פּריץ געהערט גאָר די ערד;
די גבורה ליגט היינט אין אַן אייזערנעם גולם, —
אַ כּוח פון צענדליקע פערד.

פאַראַן אָבער אַ ליד ביי ווינטשעווסקין, וואָס קען דינען ווי אַ מוסטער פון עטלעכע עלעמענטן צוזאַמענגענומען. מיר זעען עס אינעם וועקליד, אין רופליד, — „אַ בעזעם און אַ קער״. אַלץ איז דאָרטן — אַרויסרופנדיק, צאַרנדיק און געשפּאַנט:

אַ בעזעם און אַ קער!

גענוג! איך וויל ניט פּיטערן
קיין לייִדיק־גייערס מער;
גענוג פאַר פירסטן ציטערן
אַ בעזעם מיר אַהער!
אַרויס, מיין לאַנד און אַרלמאַן,
דו סוועטער — דיקע בויך,
דו מוסר־זאָגער, טאַדלמאַן,
דו קיטלמאַן, גיי אויך!
איך דאַרף ניט מער קיין מיטלמאַן,
אַ בעזעם און אַ קער!
קיין מיטלמאַן, קיין טיטלמאַן, קיין קיטלמאַן,
ניט מער!

דו עסט מיך אויף, דו, פּרעדיקער,
וואָס בלייבט פון סוועטער נאָך;
און דו, מיין הער לאַנד גנעדיקער,
דיין טיטל איז מיין יאָך.

דער לאָרד נעמט צו דאָס לאַנד פון מיר,
דער פּרעדיקער שטימט־צו, —
דער סוועטער שוויצט די האַנט ביי מיר
דאָך זאָג איך אייך: הערט־צו!
איך דאַרף ניט מער קיין פּרעדיקער,
אַ בעזעם און אַ קער!
קיין פּרעדיקער, קיין גנעדיק־הער, קיין ליידיק־גייער
מ ע ר!

געווג מיר לאָזן האַבעווען
האַבוועס דורך מיין מי;
געווג פון מיר אייך ראַבעווען
און טרייבן מיך ווי פי!
מיך שרעקט קיין שוואַרצער קיטל ניט,
קיין שוואַרצער יאָר ניט מער;
מיך שרעקט קיין קרוין, קיין טיטל ניט, —
מיין בעזעם מיר אַהער!

איך דאַרף ניט מער קיין פלאַפּערמאַן, —
אַ בעזעם און אַ קער!
קיין פלאַפּערמאַן, קיין כאַפּערמאַן, קיין קלאַפּערמאַן
ניט מער!

איר אַלע דאַרמאָיעדניקעס,
איר ליידיק־גייערס, גייט!
און אייערע נאַסליעדניקעס
הייסט מאַכן זיך באַרייט
צו לעבן אין די קינפּטיקע
געזעלשאַפט מיט דער צייט,
ווי ערלעכע, פאַרנינפּטיקע
און בריִדערלעכע לייט;

ווייל האָן וועט מער קיין מיטלמאַן,
קיין פּאַראַזיט ניט זיין!
קיין מיטלמאַן, קיין קיטלמאַן, קיין טיטלמאַן
ניט זיין!

די טעמפּאָ, די פאַרשיידענע ריטמיק, די דעקלאַראַטיוויקייט, דער אָנקלאַנג, דער צאָרן — דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט דאָס ליד אין אַ פּאַר־איינצלטן מוסטער אין דער יידישער פּאָעזיע.

ל י ר י ק

ביי ווינטשעווסקין זיינען פאַראַן לידער „יוגנט־חלומות: ליבע, לוסט, ליידנשאַפט". אַזוי הייסן זיי אין זיין בוך „לידער און גערדיכטע", 1910. אַ גאַנצע אָפּטיילונג אַזעלכע לידער הייסט — „בין השמשות־געדאַנקען". על־פּי רוב זיינען דאָס לידער מער יחידישע. אויך אָביעקטיווע לידער זיינען פאַראַן צווישן זיי. זיי זיינען אָבער ניט קיין רעוואָלוציאָנערע און ניט קיין אַרבעטער־לידער.

ביזן יאָר 1909 האָט ער אַזעלכע לידער ניט געדרוקט. ביז יענעם יאָר האָט זיין ליד געדינט דעם אונטערדריקטן אַרבעטער־קלאַס. אין זיין ליד „מיינע פאָלקסלידער", אין 1891, האָט ער זיך ווי געגעבן אַ שבועה:

ווי לאַנג נאָך די קנעכטשאַפט וועט דויערן,
ווער ווייס, אַך, ווער ווייס נאָך ווי לאַנג
איך ווייס נאָר, אַזוי לאַנג וועט טרויערן
מיין ליד מיט זיין טרויער־געזאַנג.

אין זיין בוך „לידער און געדיכטע", 1910, שרייבט ווינטשעווסקי אין דער הקדמה, טאַקע וועגן דעם־אָ ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דריי יאָר, אין 1894, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע:

„ביינצן יאָר זיינען פון יענעם טאָג אַוועק און היינט ווייס איך ניט, אויב מיין אָרעמע מוזע וועט ווירקלעך אַזוי לאַנג טרויערן. דער אמת איז, אַז דאָ, אין אַמעריקע, וואו דער דלות איז טיילוויז קלענער, טיילוויז ווייניקער בלויזגעשטעלט פאַר דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, ווי אין ענגלאַנד און אין אַלט־אייראָפּע בכלל, איז דער אָפּקלאַנג פון דעם אָרעמאַנס שמערץ־געשריי שוואַכער און זעלטענער אין מיין האַרצן און געפינט דערפאַר ווייניקער און זעלטענער אויסדרוק דורך אַ פּעדער ווי מיינע".

און אָט וואָס ער שרייבט אין זיינע פאַרצייכענונגען „מיין אַרבעטער־מוזע", אין דעם פריער־דערמאָנטן זאַמלבוך „פראַגן פון לעבן".

„געוויס, איך בין ניט אַ וועקער אַליין. איך בין אויך אַ מענטש, און לעב, און ליב, און לייד און ווירק. לעב, בקיצור אַ פּערזענלעכן לעבן... דאָס געפינט אַלץ ביי מיר אַן אויסדרוק. מיין אָרעמע מוזע ברענגט דאָס אַלץ ווי־עס־איז אַרויס. אין מיין זאַמלונג איז אַ סך דער־פון אַריין".



מאָריס ווינטשעווסקי אין די מיטעלע יאָרן

פאַרשיידן איז די טעמאַטיק אין די דאָזיקע לידער. זיי רירן אָן ווינטשעווסקיס וועלט, אָדער זיינע איבערלעבונגען. זיי זיינען אָבער זעלטן פּריוואַט־יחידיש. מ׳געפינט צווישן זיי אַזאַ אידל ליד ווי „וויליאַם מאָריס" (1896־1834), געשריבן ממש אין אַ קלאַסישן טאָן, ווי עס זאָגן עדות די ערשטע סטראָפעס:

מיט שוואַרץ פאַרשלייערט איז די רויטע פאָנע
און דערבגעוויקט מיט פּראָלעטאַריער־טרערן היינט.
דען... טויט איז ער, וואָס איז געוועזן אַ מתּנה

פון מוזעס און פון גראַציעס פֿאַרן מענטשנפֿרײַנד,
דעם פֿרײַהייט־גײַסט, געשאָנקען אין דער צײַט,
ווען ער איז אײנס געוואָרן מיט דער גערעכטיקייט.

און דיזער דיכטער־העלד פון העלדישע געדיכטע,
פֿאַרוואַנדלט אין אַ קעמפֿער פֿאַר דאָס רעכט,
איז הײַנט ניט מער ווי אין דער וועלט־געשיכטע
אַ נאָמען, וואָס זײַן גלאַנץ באַלײַכט די נעכט
בעת שוואַרצע גײַסטער האָבן אין דער לופֿט געשוועבט,
און האָס פֿאַר ליבע האָט אַ שוואַרצע טוך געוועבט!

מיר געפֿינען אין זײַן זאַמלונג אַ ליד, אַ געמיש יחידישע איבער־לעבונגען און נאָכטראַכטענישן וועגן דער וועלט.

מײַן אײנציקער פֿאַרלאַנג

(צו יעקב גאָרדינען)

מײַן טאָג שטאַרבט אָפּ, מײַן זון גייט אונטער,
דער אָוונט קומט און האַלט זיך אויף ניט לאַנג;
די נאַכט — זי וואָלט איך טרעפֿן מונטער,
זי טרעפֿן גײַסטיק אַ געזונטער,
לאָז מיר דער טאָג נאָר געבן אײן פֿאַרלאַנג:
אַ שײנעם, קלאָרן זונען־אונטערגאַנג.

אַ זונען־אונטערגאַנג מיט פֿאַרבן
אי העל, אי רויט: פֿון פֿלאַמען און פֿון בלוט;
אַן אונטערגאַנג וואָס לעבט אין שטאַרבן,
קען טייטן, אָבער ניט פֿאַרדאַרבן,
און נעמט אײַך, און איר גייט אַוועק, און רוט,
און קומט צוריק מיט פֿרישע בלוט און גלוט.

מיט בלוט די מענטשהייט צו באַנײַען
די אַלטע מענטשהייט דורך אַ נײַעם דור;
מיט גלוט, צו שמידן די כלי־זין,
דעם גײַסט, דעם ווילן צו באַפֿרײַען
און מיר און טרוים צו ווײַזן די וועלט קלאָר,
וואָס יענער דור ווּעט האָבן אויפֿן וואָר.

אַ וועלט באַזעצט מיט פֿרײַנד און ברידער,
מיט מענטשנליבע פֿאַר איר פֿונדאַמענט;
אַ גוף, וואו פֿעלקער זײַנען גלידער,
קיין גליד דעם צווייטן ניט צעווידער,
וואו גלײַכהייט האַלט צוזאַמען פֿרײַהייטס ווענט,
מיט ליבע אַלס איר אײנציקן צעמענט.

אָ, דאַן וואָלט איך געבליבן מונטער,
מיר וואָלט ניט פֿאַר דעם טויטן טאָג זײַן באַנג;
אַ גײַסטיק־פֿרישער, אַ געזונטער
וואָלט איך אַרויפֿגיין, ניט אַרונטער, —
וואָלט איך נאָר קענען האָבן דעם פֿאַרלאַנג:
אַ שײַנעם, העלן זונען־אונטערגאַנג.

אַ זונען־אונטערגאַנג אַ קלאָרן,
אַ שטערן־רײַכן אָוונט אין זײַן פּראַכט;
מיט פֿייגעלעך, וואָס פּיפּצענען אין קאָרן,
באַגריסנדיק דעם טאָג, וואָס ווערט געבאָרן,
באַזינגענדיק די מענטשהייט וואָס דערוואַכט,
און דאַן — דו ליבע, זיסע וועלט, גוט נאַכט!

דאָס דאָזיקע ליד האָט ווינטשעווסקי געשריבן דעם 9טן אויגוסט, 1906, בעת זײַן 50סטן געבוירנטאָג.

פֿאַראַן בײַ אים נאָך אַ פֿײַן ליריש ליד, וואָס איז שוין דירעקט געשריבן אין יעקב גאָרדינס אָנדענק. געשריבן האָט ווינטשעווסקי דאָס ליד צו זײַן נאָענטסטן פֿרײַנדס, יעקב גאָרדינס ערשטן יאָרצײַט, אין 1910. דאָס ליד הייסט טאַקע

צו יעקב גאָרדינס ערשטן יאָרצײַט

(אַ חלום אויפֿן וואָר)

ער איז שטיל,
ניט אַ זילבע פֿון זײַן מויל,
ניט אַ בליק פֿון זײַנע אויגן;
כ׳ווייס, ער איז צום רעדן פֿויל,

ווערטער פלעגט ער אָפּט פאַרבויגן.
אָבער ס׳האָט דאָך אַלץ אַ שיער,
„גיב אַ וואָרט, אַ בליק גיב מיר!“,
האַסט זיך, איך פאַרלאַנג ניט פיל.
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
רואיק ליגט ער אין זיין בעט,
צוגעמאַכט האַלט ער די אויגן ;
ניט ער רירט זיך, ניט ער רעדט,
ער, וואָס איז אָפּט הויך געשטויגן,
ער, וואָס עד היום נאָך ווערט
פון די טויזנטער געהערט,
מחו ער שווייגן ? ניט ער וויל ?
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
אפשר איז ער טאַקע טויט ?
מאַלע וואָס עס קען פּאַסירן.
אַנד׳רע לעבן טויטערהייט,
מתים פירן און מאַרשירן ;
איז ניט מעגלעך, אַז זיי האָבן
לעבעדיקערהייט באַגראָבן
אים — אַ שפּאַן ווייט פון זיין ציל ?
ער איז שטיל.

שטיל איז ער.
נאָר זיין מוזע שוועבט אַרום
איבער מעלפּאָמענעס טעמפּל ;
אַ פאַרגעס־מיך־ניט, אַ בלום
אין אַ לענטע מיט זיין שטעמפּל
טראָגט זי אונטער זיין פּאָרטרעט.
טרויערט און אָן ווערטער רעדט,
זאָגט אָן ווערטער לאַנגזאַם שטיל :
„ער... איז... שטיל !“

נעענטער צום יחידישן געמיט איז דאָס ליד „נאָכן באַנקעט". פאַר ווינטשעווסקין איז עס אַ מערקווירדיק־פּעסימיסטיש ליד. געשריבן האָט ער דאָס ליד דעם 6טן יוני, 1911.

נאָכן באַנקעט

ראַמט אַוועק די טויטע בלומען
פון געשטאָרבענעם בוקעט;
ס'וועט צוריק דער טאָג ניט קומען
צום פאַרגעסענעם פאָעט.
ניט דער יום־טוב, ניט דער ריח
פון אַ קראַנץ, מיט זיין פּאַרפיום.
אויס איז אַלץ, און פּוסט דער מוח,
און די וועלט, אַך, טויב און שטום!

נעמט די כוסות צו, די לערע
פון דעם אויסגעזופּטן וויין;
ס'קומט צוריק ניט מער די „ערע",
ניט דער טרויבנזאַפט פון ריין.
אַלץ איז ליידיק, קאַלט און טרוקן,
ווי דער כוס, דער בלומענשטרויס,
און די ליבע ווייזט אַ רוקן,
און עס גייט די פריינדשאַפט אויס.

נעמט אַראָפּ די לייכטער שנעלער,
מיט די לוסטרעס פון די ווענט:
ס'וועט שוין מער ניט ווערן העלער,
ליכט און לאָמפּ אַלץ אויסגעברענט.
אויס דער גלאַנץ, די קאָמפּלימענטן
פון זעם פרעכטיקן באַנקעט,
ווי דער טרוים פון מאָנומענטן
ביים פאַרגעסענעם פאָעט.

פון די נאָטן די געשטעלן
נעמט אויך צו, ווייל די מוזיק

איז פֿאַרהילכט און ברענגען וועלן
אירע טענער ניט מער גליק.
אָפּגעצימבלט, אויסגעפּידלט
און די פֿרייד אין די פֿיר ווענט;
ערגעץ זיצט אַ שד און לידלט
אויף אַ גיהנום־אינסטרומענט.

און די סאָפּע ניט פֿאַרגעסן
טוט אים אַזאַ צער ניט אָן:
וואו זיין מלכּה איז געזעסן,
שטייט אַן אָפּגעניצטער טראָן.
אַלץ איז אויס! ס'וועט מער ניט זיצן
דאָרט זיין הערצנס־קעניגין;
ס'וועלן אירע אויגנבליצן
ניט צעטומלען מער זיין זין.

איצט פֿאַרשליסט שוין טיר און טויער,
מאַכט די פֿענצטער־לאָדן צו:
פֿאַר אַ קבר איז דער מויער
פֿיל צו גרויס צו געבן רו.
אויס פּאַלאַצן, מלוכה, מלך,
מלכּה, טראָן און צויבערבליק,
די הדיוטים לעבן פֿריילעך
אין אַ נאַרן־רעפּובליק.

ס'איז מערקווירדיק: אויף זיך האָט ווינטשעווסקי געקוקט אין 1911, אין עלטער פֿון 55 יאָר, ווי אויף אַ פֿאַרגעסענעם פּאָעט. די רעזיגנאַציע־טענער אינעם ליד זיינען גאָר אַנדערע ווי די טענער אין זיין קלאַסיש וויליאַם מאָריס ליד, גאָר אַנדערש ווי אין „אַ בעזעם און אַ קער", ווי אין זיינע קאַמפּלידער און אַפילו אין זיינע געשטאַלט־לידער און טרערן־לידער. דאָ איז די רעזיגנאַציע אַ יחידישער מאָטיוו, אַ טיף־אינטימער הינטערגרונט איז זיכער פֿאַראַן פֿאַר דעם ליד.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, כּדי צו באַטאָנען ווינטשעווסקיס אידעלן און איינגעהאַלטענעם ליריזם.

אַט־דעם ליריקער איז באַשערט געווען צו זיין דער פּיאָנער פון סאָציאַליזם אין יידיש. ער איז געווען אַ וויכטיקער פּובליציסט, אַ פּאָבל־שרייבער, אַ פעלעטאָניסט, אַ דראַמאַטורג. אָבער פריער ווי אַלץ איז ער געווען אַ ליריקער. זיין פאָלקיזם און, שפּעטער, זיין סאָציאַליזם זיינען געווען דורך־און־דורך ליריש. דאָס האָט אים געפירט צום פּראָלעטאַרישן ליד.

ער איז בשעתו געווען אַ „בייער" פּאָעט. ער האָט באַשאַפן דאָס יידישע פּראָלעטאַרישע ליד. דאָס מיינט — נייע טעמעס, נייע מאָטיוון און נייע פאָרמען. ער האָט געהאַט די שטאַרקסטע השפעה אויף דער גאַנצער סאָציאַלער פּאָעזיע אין אַמעריקע.

דוד עדעלשטאַט



1892 — 1866

דוד עדעלשטאַט

עדעלשטאַט — די שטים פון זיין דור

סוף אַכציקער יאָרן האָבן די יידישע פראָלעטאַרישע מאַסן פלוצעם דערהערט אַן איבערראַשנדיק־פאַטעטישע שטים. פאַרצוויפלונג, וועקרוף און האָפענונג האָט זיך פון איר געטראָגן. די טענער האָבן זיך געהאַלטן אין איין שטאַרקן און שפרייטן אין פאָלק ווי פייער אין פלאַקס. דאָס פאָלק האָט אין דעם אויפריכטיק־ברויזנדיקן קול דערקענט זיין אייגענע שטים, — דערקענט, אָבער זיך אויך געוואונדערט. וואָרעם קיין מאָל פריער האָט דאָס פאָלק ניט געהערט פון זיך אַזעלכע מאָטיוון. דאָס פאָלק האָט געבענקט נאָך זיי, געגאַרט זיי צו דערהערן, באַנעמען און באַזיניקן און טרייסטן זיך מיט זיי.

דער גורל פון שקלאַפן און פרייהייט־קעמפער האָט געזוכט אַ שטאַרקערן אויסדרוק ווי דאָס האָט געגעבן דאָס פאָלקסליד און דאָס געזאַנג פון בדחנים און זינגער. אין דעם רעוואָלוציאָנערן דאָרשט נאָך קאַמף און באַפרייאונג האָט דאָס פאָלק דערהערט אַ ניט־דאָאיקע שפּראַך. די שפּראַך איז געווען טיף אויפריכטיק. זי האָט געשילדערט אַן אַנדערע וועלט, אַ וועלט פון טרוים און האָפענונג — די שיינקייט פון אַ גערעכטער צוקונפט. די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דעם אויסטערליש־פרעמדן דייטשמערישן לשון איז די מאַסן געווען פרעמד. זיי האָבן אָבער דערפילט אין די פרעמדע ווערטער אַ העכערן עמאָציאָנעלן זין. „פון ליבע, פון גליק האָב איך נימאלס געוואוסט” איז געווען דעמאָלט אַ העכערער עמאָציאָנעלער שליסל. דאָס האָט געקלונגען מער פּאָעטיש איידער „פון ליבע, פון גליק האָב איך קיינמאָל געוואוסט”. „דער יאָמערטאַל”, „די זאָנע”, „דער מאָנד”, „איך האָב געליטן, געליטן איבעראַל” זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט פּאָעטישער פרעמדקייט. האַלב־אומפאַרשטענדלעך זיינען געווען אַזעלכע אויסדרוקן. דעריבער — עמאָציאָנעל אָנגעזעטיקט. און דאָס העכערט שטענדיק די צערודערטע האַרץ־שטרעבונגען. דאָס אויפגעוועקטע לעבן, אונטערן צייכן פון רוף,

האָט דערפּילט אין דעם די שטים פון אַן אויסטערלישן טרוים, פון אַ העלדישן אַנזאָג, פון אַ טיף שכלדיקן מסירת־נפש צו —

באַגייסטערן די רויטע רעבעלן
צום בלוטיקן קריג קעגן שקלאַפן־שאַנד
(„אויפן שלאַכטפעלד")

און די דאָזיקע שטים האָט גערעדט דורך אַ געבענטשטן ליריקער, אַ יוגנטלעך־טראַגישן, אַ יונג־פאַרשניטענעם. דאָס איז געווען אַ ליריקער, וואָס האָט אַליין אויסגעקליבן דעם דערנער־וועג פון אַ טריבון, פון אַ וועקער, אַ רופער:

אַ געוואַלדיקער שטורעם מיין זעל האָט הערציטערט,
און איך האָב געשוואוירן נקמה און טויט
צו אַלעם וואָס האָט אונדזער לעבן פאַרביטערט,
געמאָרדעט, באַרויבט אונדזער פרייהייט און ברויט.
פאַר אַלעס וואָס מענטשן איז הייליק און טייער,
האָב איך גערופן צום קאַמף מיט געוויין;
אין מיין האַרץ האָט געפלאַקערט אַ הייליקער פייער,
מיין לעבן, מיין גאָט וואַר די מענטשהייט אַליין!
(„מיין לעצטע האָפענונג")

און הינטער דעם האָט געאָטעמט אַ רירנדיקע, טיפע נאַאיווקייט. זי איז געווען תהומיק אויפריכטיק. מען האָט געפילט אין איר אַ „הייליקן" דאָרשט נאָך ליידן, אַ ליידנשאַפטלעכע גרייטקייט צו ברענגען זיך אַליין פאַר אַ קרבן. זיך אַליין האָט דער דיכטער געזען ענלעך צו די העלדן, וואָס ער האָט פאַרגעטערט:

ער שטייט פאַר מיר אין אַ שטראָם פון ליכט
אויף דער וועלטס פאַרבלוטיקטער בינע;
עס רוט אויף זיין וואונדערשיין געזיכט
דער פרייהייטס הייליקע שכינה.

יונג און קרעפטיק, אין שוואַרצע לאָקן,
מיט שאַרפן אָדלער־בליק;

ווי ברוטוס שטאָלץ און אומדערשראָקן
שטייט ער אין פרייהייטס קריג.

(„לואיס ליגג״)

דאָך ניין, ער טאַרף ניט, ער טאָר איצט ניט פאַלן,
ער קעמפט איצט מיט שטורעם און קעלט,
ער הייבט אויף דאָס געווער, פייערט סיגנאַלן...
און אים ענטפערט בלויז דאָס עכאָ פון פעלד!

און עס פילן זיך אָן זיינע אויגן מיט טרערן,
דאָס האַרץ ווערט פאַרגליווערט אין ברענענדן פראָסט,
און ווען עס וועט אויפגיין דער מאָרגנשטערן,
געפינט ער אים טויט אויף זיין הייליקן פאָסט.

(„אויף דער וואַך״)

„פאַבריק-גיהנום — מיין פאַרנאַס״

די געדאַנקען, די געפילן און די שטימונגען פון פאָלק האָבן גערעדט דורך דעם יונגן רוסישן אינטעליגענט דוד עדעלשטאַט. ער איז געווען ווייט פונעם יידישן מקור. פאַר אַ יידישן פּאָעט איז עס אַזוי אומנאַטירלעך מערקווירדיק און אויסטערליש. פונקט אַזוי איז זיין איבערנעמען, מיט גרויס מאַטערניש, די יידישע דיקציע און ווערן דעם פאָלקס גליענדיקער זינגער. פון דער יוגנט אָן האָט דוד עדעלשטאַט געשריבן רוסישע לידער אין זיין מוטערשפראַך — רוסיש. אין קאַלוגע, צענטראַל-רוסלאַנד, וואו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, ביי שפראַךלעך-אַסימילירטע עלטערן, האָט ער זיך נישט אָנגעשטויסן ניט אויף יידישע פראָבלעמען און נויטן, און ניט אויף דעם יידישן פאָלקלאָר. אַן אויסערגעוויינלעך ערנסטער, מיט אַ ריין געוויסן, מיט אַן אָפן האַרץ, האָט ער ניט געזוכט קיין שום אומוועגן צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט. דער יונגער רוסישער ליריקער דוד עדעלשאַט קומט קיין אַמעריקע צו 16 יאָר, אַ פּאַקטישער און באַוואוסטזיניקער פראָלעטאַריער, ווי נאָר דאָס לעבן האָט אים דאָס צוגעטראָגן. ער נעמט אָן זיין ביטערן גורל מיטן מסירת-נפש ווי אַ יונגער אידעאַליסט. ער האָט

גאָר געחלומט צו בלייבן אַ דיכטער־טרוימער. און דאָ פּלוצעם דער־פילט ער אין זיך „דעם שקלאַף פון אומזיניקן המון".

אין איינעם פון זיינע לעצטע רוסישע לידער „זאַפּיסקי פּראָלעטאַ־ריאַ" (פאַרצייכענונגען פון אַ פּראָלעטאַריער) באַטאָנט ער דעם דיכטערס עטיציזם אין נאָמען פון טראַגישן „קאַמף און אָרעמקייט":

Ты не зови меня поэтом,
Я раб бессмысленной толпы,
И слышу в имени я этом
Одну иронию судьбы.
Я не рожден для сладких арий,
Для роз, любви и красоты,
Я не поэт — я пролетарий,
Дитя борьбы и нищеты!
Борьба за хлеб мне служит музой,
И ад фабричный — мой парнас,
Больная грудь под черной блузой —
Вот славный памятник для нас!..
Вот наша сладкая отрада,
Плоды мучительных трудов,
Потоки слез, крови и яда —
Вот сладкий нектар для рабов.
....
....
И роковой, глубокой скорбью
Душа изнывшая полна,
Как огневой свинцовой дробью
В бою изранена она...
....
....

אָ רוף מיך, רוף מיך ניט פּאָעט,
כ'בין שקלאַף פון זינלאָזן המון;
איך הער אין דעם בלויז אַ געשפּעט —
איראָניע פון גורלס לוין.

כ׳בין ניט געבוירן פֿאַר זיסע אַריעס,
פֿאַר רויזן, ליבע און פֿאַר פּראַכט;
כ׳בין ניט קיין דיכטער — בין פּראָלעטאַריער,
אַ קינד פֿון אָרעמקייט און נאַכט.
דער קאַמף פֿאַר ברויט איז מיר מיין מוזע,
פֿאַבריק־גיהנום — מיין פּאַרנאַס;
אַ קראַנקע ברוסט אין שוואַרצער בלוזע —
דאָס איז דער דענקמאָל, רוט און שפּאַס.
אָט איז די זיסע פֿרייד און מוט,
דער שכר פֿאַר מאַטערדיקע טעג און נעכט;
שטראָמען טרערן, סם און בלוט —
דאָס איז דער נעקטאַר פֿאַר די קנעכט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט טיפֿן טרויער, גורלדיקער נויט,
איז די צערטדיקע זעל פֿאַרשמאַכט;
און ווי מיט בלייערדיקן פֿייער־שרויט
איז זי פֿאַרוואונדיקט אינעם שלאַכט...

אָט־דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט געלעבט מיטן אָטעם פֿון זיין רוסיש ליד און רוסישן טרוים. פּלוצעם וואַרפֿט ער אָפּ זיין רוסישע מוזע. ער שטעלט זיך אין די רייען פֿון דער עקספּלואַטירטער יידישער פּראָ־לעטאַרישער מאַסע. דאָס האָט די אומברחמנותדיקע ווירקלעכקייט גע־פֿאָדערט פֿון דעם דאָזיקן טרוימערישן ראָמאַנטיקער. ער האָט זיך ניט געוואָרצלט און ניט געקענט זיך וואָרצלען אין יידישן פּאָעטישן אידיאָם. ניט ער האָט אים פֿון פֿריער געקענט, ניט ער האָט אים אָנ־געטראָפֿן אין די ראַדיקאַלע יידישע קרייזן אין אַמעריקע. דאָך — ניט די אַנדערע אַרבעטער־דיכטער, ווינטשעווסקי אָדער ראָזענפֿעלד, נאָר עדעלשטאַט איז געוואָרן דאָס „אויפֿגייענדיקע האָרץ" פֿון „שמאַכטנ־דיקן" פֿאָלק. ער האָט אָנגערירט דעם פֿאָלקס האַרץ מיט אַ „הייליק" מסירת־נפֿש. ער האָט אויפֿגעוועקט דאָס טיפֿסטע געפֿיל, וואָס האָט געהערט צו אַן אומגליקלעכן יונגן, אויפֿקומענדיקן דור.

זיין ליד איז קיינמאָל ניט געוואָרן איינגעסטאַלירט, באַהערשט און רייף. דער דיכטער האָט פֿון אָנהייב כמעט ניט געקענט דעם יידישן אַלף־בית. ער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש אין די פֿאַבריקן. געשריבן האָט ער יידישע לידער אינגאַנצן פֿיר יאָר צייט. דער טויט האָט אים

אומברחמנותדיק פאַרשניטן צו זעקס און צוואַנציק יאָר. און דעם דורס עקזאַלטירטע שטים האָט נאָך מער אויסגעפורעמט די געשטאַלט דוד עדעלשטאַט, וואָס האָט נאָך זיין טויט אַנגעהויבן ווערן — לע־גענדע.

לעגענדאַרישע געשטאַלט און פּאָעטישע דערגרייכונגען

עס איז אַן אַלטע מענטשלעכע שוואַכקייט צו וועלן זען אַ באַליבטע געשטאַלט אין אַ ווייטן נעפּל פון אַ לעגענדאַרישער אַטמאָספערע. שאַרפע שטריכן ווערן אָפּגעווישט, דאָס קלאָרע אויסזען — פאַרשווינדט. די געשטאַלט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטימונגספולן סימבאָל, פול מיט הויכן באַטייט.

דער גאַנג פון געשיכטע שטייגט אָבער אַרויף און אַראָפּ. ביי גע־העריקע געלעגנהייטן הייבט מען אָן אָפּצופרעגן די פאַרהערלעכונג, דעם הויכן רמז פון דער לעגענדאַרישער געשטאַלט. און מען טוט עס זייער אָפט אָן אויספאָרשן, אָן אַנאַליזירן די פּאָעטישע דערגרייכונגען, דעם סאַמע מהות פון דעם פאַרהייליקטן מענטשן.

ביי אַזאַ געלעגנהייט פירט מען, געוויינטלעך, די וויכוחים מיט פאַרשאַרפטע מיטלען און מעטאָדן. די צדדים טרייבן איבער זייערע מיינונגען. זיי באַמיען זיך מיט כל־המיטלען איבערצייגן דעם צד שכנגד. דאָך ווערט ניט קלענער די פיגור, וואָס צוליב איר אַמפּערט מען זיך. דאָס מערקווירדיקע דערביי איז דאָס, וואָס די מיינונגען ביי די צדדים זעען אויס ווי אַן אמת, אין דעם סאַמע עצם. די מיספאַרשטייעניש נעמט זיך זייער אָפט דערפון, וואָס די צוויי קעגנזייטיקע צדדים פירן ניט זייער וויכוח וועגן איינער און דער זעלביקער זאַך. איין צד רעדט וועגן אַ „גרויסער געשטאַלט״, בעת דער צווייטער רעדט וועגן „דערגרייכונגען״. אויב מען זאָל אַריבערטראָגן דאָס געזאָגטע אויף דער געשטאַלט פון אַ דיכטער, וועט אויסקומען אַז מען שטעלט דאָ צוויי באַגריפן איינס קעגן דעם צווייטן: פּאָעטישע געשטאַלט קעגן פּאָעטישע דערגרייכונגען.

וועגן דוד עדעלשטאַטן האָט זיך געפירט, און פירט זיך אָפט נאָך איצט, אַזאַ וויכוח. ווען מען קען גענוי עדעלשטאַטס ביאָגראַפיע און, באַזונדערס, זיינע לידער, וועט קיינמאָל ניט איינפאַלן, אַז עדעלשטאַט אַליין האָט זיך געמיט צו שאַפן אַ לעגענדאַרישע אַטמאָספערע אַרום זיך, ווי דאָס טרעפט, צום באַדויערן, זייער אָפט מיט דיכטער. עדעל־

שטאַט איז געווען אויסערגעוויינלעך נאַאיוו, אידעאַליסטיש און אָפּ־פערוויליק, אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער אַנאַרכיסט. פאַר אים זיינען די אייגנשאַפטן ניט געווען ווי שטאָף פאַר לידער, כדי זיך אַליין גלאָריפי־צירן. עדעלשטאַט איז געווען צו אויפריכטיק און צו גאַנץ, צו אומ־דיאַלעקטיש, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אַז ער זאָל ניט זיין דאָס זעלביקע וואָס זיין וואָרט האָט געזאָגט.

עס איז כדאַי אונטערציען אין באַשטימטע סך־הכלען, די פאַר־שיידענע קעגנזייטיקע מיינונגען וועגן עדעלשטאַטס פּאָעטישער גע־שטאַלט און זיינע פּאָעטישע דערגרייכונגען. מען קען זיי געפינען אויס־געדריקט אין די ווערטער פון צוויי פּאָעטן, וואָס געהערן גאָר צו אַנדערע תקופות און קינסטלערישע קלימאַטן. איין מיינונג געהערט דעם גרויסן יידישן פּאָעט אברהם רייזענען, און די צווייטע — דעם פיינסטן פאָר־שטייער און פירשפּרעכער פון די אימפּרעסיאָניסטישע אינדיווידואַ־ליסטן, זישאָ לאַנדוי.

אין זיין הקדמה צו דוד עדעלשטאַטס שריפטן, ברענגט משה קאַטץ רייזענס ווערטער:

„ביי אונדז אין רוסלאַנד רעדט מען פון עדעלשטאַטן ווי וועגן אַ הייליקן. עס גייען אַפילו אַרום פאַרשיידענע לעגענדעס וועגן זיין לעבן, און אַרבעטער ריידן וועגן אים און זינגען זיינע לידער מיט טרערן אין די אויגן”.

דאָס איז געווען דער אופן ווי אַזוי די יידישע מאַסן האָבן ממש פאַרגעטערט עדעלשטאַטס פּאָעטישע געשטאַלט. דאָס איז אַגב, אויך חל אויף דער דעמאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ.

זישאָ לאַנדוי, ווידער, רירט אָן די פּראָבלעם ניט וועגן עדעל־שטאַטס געשטאַלט, נייערט וועגן זיינע פּאָעטישע דערגרייכונגען. נאָכ־מער — וועגן עדעלשטאַטס טאַלאַנט. מיר לייענען אין לאַנדויס הקדמה צו זיין אַנטאָלאָגיע „די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע ביז יאָר 1919”:

עדעלשטאַט שטאַרבט אין אָנפאַנג פון די ניינציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. מיט אים איז אָפּגעשטאָרבן דאָס אומבאַהאָלפענע, נאַאיווע, וואָס האָט באַצייכנט די ערשטע טריט פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע. מיטן בלוט פון האַרצן האָט ער זיינע קינדישע פּערזן געשריבן, מיט אויפריכטיקייט ווייען זיינע שורות; אָבער, אויב אויפריכטיקייט איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אַ טאַלאַנט, איז עס אָבער אַן איבעריקער באַלאַסט פאַר אַ מענטשן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ליטעראַטור און וועלכער האָט קיין טאַלאַנט ניט.

זישאָ לאַנדוי איז טאַקע קיינמאָל ניט געווען אַן אַנאַליטיקער פון פּאָעטישע ווערטן. אָבער דורך אים האָט גערעדט דאָס קול פון זיינע בני־דור. זיי האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די סאָציאַלע מאָטיוון ווי אַן אויסשליסלעכן מוז אין פּאָעזיע. „ביז דעם אָנפאַנג פון אונדזער יאָר־הונדערט" — שרייבט לאַנדוי — „איז געווען אַ שאַנדע צו שרייבן אַנדערע לידער ווי סאָציאַלע".

פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? פאַרוואָס האָט מען פאַרהער־לעכט די עדעלשטאַט־געשטאַלט? און פון וואַנען האָט געשטאַמט די ביטולדיקע באַציאונג צו זיינע פּאָעטישע פאַרדינסטן?

סיבות פון סתירותדיקע באַציאונגען

עדעלשטאַט, ווי אַ לעגענדע, האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט אַ דאַנק דריי סיבות: ראשית כל האָבן אין דעם געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן. שנית — עדעלשטאַטס פּערזענלעך לעבן, זיין קראַנ־קייט און פּריצייטיקער טויט. און דריטנס — דער סענטימענטאַל־טראַ־גישער כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע.

אין אַמעריקע, ווי אויך אין מזרח־אייראָפּע, האָט זיך ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן פורעמען אַ באַוואוסטזיניקער יידישער פּראָלעטאַריאַט. ווען דער זעכצניאָריקער עדעלשטאַט האָט אין 1881 פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז דאָרט ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט זי דעמאָלט אויך ניט געזען אין אַמעריקע. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט געהאַלטן ערשט אין אויפקומען אין עדעל־שטאַטס צייטן. די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן, אהרן ליבערמאַן, זונ־דעלעוויטש און זייערע קרייזן, האָבן אין די זיבעציקער יאָרן משפּיע געווען די אינטעליגענץ, אָבער ווייניק־וואָס די ברייטע יידישע מאַסן. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע. דער ערשטער האָט געפירט זיין פּראָ־פּאַגאַנדע אויף העברעאיש. דער צווייטער — אויף רוסיש. די ערשט־אויפגעוואַכטע מאַסן זיינען געווען אַ צעגליט פעלד. דאָס פעלד איז געווען גרייט פאַר די קערנער און דעם פּרימאָרגן־טוי פון דער ראַדיקאַ־לער אידייע. אַט־אָ־דער פּרוכטיקער באָדן האָט מיט דאָרשט אויפגע־נומען די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן. איניינעם מיט זיי — די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אויפקלערונג און אַגיטאַציע, וואָס איז אויפגעקומען אין דער יידישער שפּראַך. דאָס איז געווען גענוג אויף צו

שאַפֿן דעם אָביעקט, וואָס אַרום אים זאָל זיך אויסוועבן די אַטמאָספֿערע פֿון אַ לעגענדאַרישן „בלאָסן דיכטער". די צוויי אַנדערע סאָציאַלע פּאָעטן, מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפֿעלד, זיינען אַזאַ אָביעקט ניט געוואָרן. עדעלשטאַט איז עס געווען.

דאָס וואָס עדעלשטאַטס קאָלעגן זיינען ניט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעגענדעס, מיינט לחלוטין ניט, אַז זייערע פּערזענלעכע מעלות און לעבנס זיינען געווען פֿון אַ נידעריקערן גראַד ווי עדעלשטאַטס. דער ענגער קרייז אַרום עדעלשטאַטן האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע. דאָס איז געווען אַ קרייז באַגייסטערטע חברים און פֿאַרערער. דורך זיי האָבן זיך פֿאַרשפּרייט די עדעלשטאַט־שטימונגען, די עדעלשטאַט־באַוואונדערונג, אָן שום קריטישן צוגאַנג. אויך ווינטשעווסקין און ראָ־זענפֿעלדן האָבן זיי באַטראַכט ווי וועגווייזערס, אָבער צו עדעלשטאַטן האָבן זיי געהאַט גאָר אַן אַנדער צוגאַנג, זיי האָבן געפֿילט צו אים אַ טיפֿע פּיעטעט.

אין דער יידישער אינטעליגענץ, ווי אין די יידישע מאַסן, האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין וועקן אַ הויכע אמונה אין אידעאַלן. אמונה איז אַ שטאַרקע טרייבקראַפֿט ביי נאָר־וואָס באַקערטע מענטשן. אין זייער טעאָלאָגישער תמימות זיינען ביי זיי ניט געווען קיין שום אַנטוישונגען. דורכפֿאַלן זיינען געווען בלויז עפּיזאָדן אויפֿן דערנענטער־וועג פֿון דער רע־וואָלוציע. זיי האָבן גאָר געהעכערט דאָס באַוואוסטזיין. זיי האָבן נאָך שטאַרקער איבערצייגט אין דעם אמת פֿון זייער סאָציאַלן טרוים. און דער אמת, און די חלומות — זיי זיינען געווען ליכטיקע שטערן וואָס האָבן „באַלייכט דעם שטורעם־ים פֿון מענטשן־בלוט און מענטשן־טרערן". זיי זיינען געווען „די פֿרייהייט־אידעאַלן", וואָס ווערן פֿאַר־פֿלאַנצט „מיט הייליקן מאַרטירער־בלוט".

אין אַן אומגעריכט הייליק ליכט

פּונקט ווי ווינטשעווסקי און ראָזענפֿעלד האָט עדעלשטאַט רעאַ־ליסטיש געשילדערט דעם אַרבעטערס נויט. פּונקט ווי זיי האָט ער אויך געשריבן אַגיטאַציע אין פֿערזן. אָבער עדעלשטאַט האָט אין זיינע לידער געשאַפֿן עפּעס נייעס. ער האָט אַנטפּלעקט זייערע אייגענע פֿרייהייט־אידעאַלן אין אַן אומגעריכט הייליק ליכט. אַזוי האָבן די מאַסן זיך פֿאַרגעשטעלט די פֿרייהייט אין זייערע עקזאַלטירטע טרוימען. דאָס

הייליקע ליכט פון זייערע אידעאַלן איז געווען דער הויכער עטישער מאָטיוו, דאָס טיפֿע געפֿיל פֿאַר גערעכטיקייט און יושר. ניט נאָר דער טרוים, נאָר אויך דער קאַמף גופא איז געווען אין נאָמען פון הויכער מאָראַל:

פֿאַרלירט ניט ברידער, האָפֿענונג, מוט,
פון שלאַכטפעלד איז אַ שאַנד אַנטלויפן,
ווען אויך מיט לעצטע טראָפּנס בלוט
מוז מען דער מענטשהייטס פרייהייט קויפן.

אין איינעם פון זיינע רוסישע לידער רעדט ער זייער נאַאיוו און ערלעך וועגן דעם:

Я женщин не любил. Отдать не умею
Я всей своей любви земному существу,
Я глубоко любил одну только идею
И отдал сердце святому существу.
Я глубоко любил красавицу свободу,
Она моей души заветный идеал,
И весь отдавшись ей — отдался я народу,
Страдая без не/е — с народом я страдал.

כ׳האָב פרויען ניט געליבט. איך קען ניט שענקען
מיין גאַנצע ליבע אַן ערדישער געשטאַלט,
און בלויז צו דער אידייע איז געווען מיין טיפע ליבע און מיין בענקען
און כ׳האָב דאָס האַרץ אַוועקגעגעבן דער הייליקער געשטאַלט.
די שיינהייט — פרייהייט, האָב איך טיף געליבט,
מיין האַרצנס אידעאַל דעם הייליקן האָט זי באַזעלט,
זיך אָפּגעבנדיק איר — האָב איך זיך מיטן פאָלק פאַרקניפּט,
און לייַדנדיק אָן איר — האָב איך זיך צוזאַמען מיטן פאָלק געקוועלט.

די דאָרשטיק־נאַאיווע, ערלעכע, אָפּגעשטאַגענע יידישע מאַסע, „דאָס אָרעמע פאָלק״, נאָך עדעלשטאַטס אויסדרוק נאָך, האָט דאָס דער־פילט — אָן שום פאַרמיטלונג, און טיף. כדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף ווי אַזוי „דאָס אָרעמע פאָלק״ האָט געקוקט אויף עדעלשטאַטן, איז כדאַי צו לייענען עטלעכע שורות פון אַ בריוו, געדרוקט אין „מאָרגנ־

שטערן״, דעם 23סטן מאַי, 1890. דער מחבר פון בריוו איז געווען ישראל באַרסקי. באַרסקי איז געווען דער גרינדער פון די „פאַראייניקטע שניידער־ברידער״ (בראָדערהוד אָוו טעילאָרס). אונטערן נאָמען ישראל בן עולם האָט ער געשריבן אַרטיקלען וועגן דעם ווי נייטיק עס איז צו אָרגאַניזירן די יידישע שניידער־אַרבעטער. זיין שטים איז געווען דער אויסדרוק פון דעם יידישן ראַדיקאַלן פאָלקסמענטש און פאָלקס־אינטעליגענט. זיינע ווערטער זיינען פרימיטיוו, נאַאיוו, פונקט ווי ביי די דעמאָלטיקע ראַדיקאַלע מאַסן:

„פאַסקאַרעל! ברודער פאַסקאַרעל! (עדעלשטאַטס אַ פסעוודאָנים — נ. ב. מ.) נאָט איינמאָל האָט זיין פאָעזיע צעבראָכן מיין האַרץ, ניט איינמאָל האָב איך, אונטער ישראל בן עולם, געוויינט ווי אַ קליין קינד לעזנדיק דיינע הימלישע געדיכטע. ווען איך דערזע נאָר דיין אונטערשריפט, נאָך בעפאָר איך לעזע דיין פאָעזיע, פילן זיך מיינע אויגן אָן מיט טרערן. און אויף האַרצן ווערט מיר... נאָר, פאַרצייע ברודער, איך בין קיין פאָעט. דו ווייסט עס אַליין. איך קאָן זיך ניט אויפהייבן אויף די פליגל פון פאָעזיע העכער ווי די וואָלקנס, די לבנה, די זון; איך בין שוואַך, צו שוואַך דערצו...״

דאָס געפיל פון פיעטעט צו עדעלשטאַטן האָט זיך געשאַפן ניט נאָר אַ דאַנק דעם עלעקטרישן אויפציטער וואָס זיינע לידער האָבן אַרויסגערופן, נאָר אויך אַ דאַנק זיינע פערזענלעכע אייגנשאַפטן.

איז עס ניט קיין וואונדער, וואָס דער ענגער קרייז אַרום עדעלשטאַטן, און אויך די מאַסן, האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער לעגענדע — עדעלשטאַט.ביידע האָבן דאָס געטאָן, ווייל זיי האָבן אויפריכטיק באַוואונדערט דעם דיכטער, וואָס האָט אויסגעדריקט זייערע סאַמע אינטימסטע געפילן.

משה קאַטץ גיט איבער דעם רושם, וואָס עדעלשטאַט האָט געמאַכט אויף מענטשן:

ווער עס זעט איינמאָל אַזאַ פנים, ביי יענעם ווערט וואַרעם אין האַרצן, און דאָרט ווערט איבערגעלאָזן אַן איינדרוק אויף אייביק — אַן איינדרוק פון אַ קריסטוס־געזיכט, אַזוי ווי דערשינען אויף דער וועלט אָפצוקומען פאַר די זינד פון די פאַרבלאָנדזשעטע מענטשנקינדער.

אין יענער אויפוואַכנדיקער, נאַאיווער צייט, האָט אַ קריסטוס־געזיכט געקענט באַצויבערן און אַנצינדן ערלעכע, אומדערפאַרענע הער־

צער. „ניט אומזיסט", שרייבט קאַטץ ווייטער, „האָט זיך וועגן אים דער קלאַנג פאַרשפרייט ווייט און ברייט, וואו נאָר עס זיינען פאַראַן לײדנדיקע און אונטערדריקטע יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען דורך דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע געקומען צום באַוואוסטזיין; ניט אומזיסט איז ביי אַלעמען די פאָרשטעלונג פונעם פּאָעט באַקרוינט מיט דעם קראַנץ פון אַ מאַרטירער" (מיין קורסיוו — ג. ב. מ.).

דאָס קריסטוס־געזיכט, באַקרוינט מיט דעם קראַנץ פון אַ מאַר־טירער, איז ניט געווען אַ דרויסנדיקער לבוש פון אַ פּאָזיאָר. אויב עדעלשטאַט האָט געהאַט אין זיך אַ שמץ זעלבסט־באַוואונדערונג און זעלבסט־באַדויער, איז דאָס געווען אין הסכם מיט דער אַטמאָספער פון יענער סענטימענטאַלער צייט. דאָס האָט געשטימט מיט עדעלשטאַטס יוגנטלעכקייט און מיט דעם דיכטערס באַגריף וועגן זיין שליחות. דער דיכטער ליידט אינאיינעם מיט די פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע ברידער אין די תהומען פון „יאַמערטאַל". עדעלשטאַט איז געווען אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער אידעאַליסט, אַ מאָראַלישער מענטש.

ווער עס האָט געשריבן וועגן אים, געפינט עס פאַר נייטיק צו באַ־טאָנען, וואָס נעענטער מען האָט געקענט דעם „צום טויט פאַרמשפּטן דיכטער", אַלץ טיפער איז געווען דער דרך־ארץ, דער יראת־הכבוד פאַר אים. עדעלשטאַט האָט „אומבאַוואוסט געווירקט" מיט „זיטלעכ־קייט, מיט די גוטע מידות, מיט דעם מזג טוב, מיט יענע וואונדערלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע אַ מענטש קען זיך ניט דערווערבן, סיידן דורך יסורים, וואָס לייטערן זיין נשמה, אָדער זיינען איינגעבאָרענע אייגנ־שאַפטן..." (משה קאַטץ).

עדעלשטאַט איז געווען אין די אויגן פון זיינע נאָענטע און אין די מחשבות פון די ווייטע — אַ מענטש פון אַ העכערער מדרגה, „אַ מין אַסקעטן־נאַטור, אין וועלכער די ריינקייט גופא, די גוטסקייט גופא, די אָפּרופונג גופא אויף דעם צווייטנס יסורים און די פאַראַכטונג צו דער הערשזוכט און צו דער אונטערטעניקייט ווערט אַ ליידנשאַפט, אַ פייערדיקע ברענענדיקע ליידנשאַפט, וואָס פאַרצערט אין זיי אַלע אַנדערע ליידנשאַפטן".

אַז דאָס אַלץ איז ניט געווען אַ „מאָראַל פון דרויסן... אַן איינגע־ווירקטע", קען מען זען אַפילו אין זיין ווילן בלייבן אומפּראַקטיש. ער האָט עס גאַנץ באַוואוסטזיניק ניט געוואָלט אויסמיידן, הגם ער האָט געהאַט די מעגלעכקייטן דאָס צו טאָן.

די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ אין יענער צייט, האָט בדרך כלל באַוואונדערט מסירת־נפש. זי האָט געהאַט יראת הכבוד פאַר די רעוואָלוציאָנערע קרבנות און מאַרטירער. עס האָבן זיך אָבער געפונען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געבליבן בלויז ביי רייד. די פייערדיקע אי־דעאַלן האָבן זיך אויסגעוועפּט אין זייער האַרצן. די אומגעריכטע גרוי־סע נויט, די פרעמדע אימיגראַנטישע אַמעריקע — דאָס האָט זיי שטאַרק איבערגעשראָקן. האָבן זיי וויטער אָנגעהויבן וועבן דעם פאָדעם פון פּערזענלעכער קאַריערע. אויך צווישן דער קיעווער סטודענטן־גרופּע „עם־עולם" זיינען געווען אַזעלכע מענטשן. לכתחילה האָבן זיי גע־טרוימט צו גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמונע אין דער פרייער אַמעריקע. מיר געפינען צווישן זיי גאַנץ פּראַקטישע מענטשן, צוקונפ־טיקע פּראָפעסיאָנאַלן און „וואויל־האָבנדיקע" בירגער. איינער פון די אויסנאַמען, און אפשר דער איינציקער אויסנאַם אין דער „עם עולם" גרופּע, איז געווען דוד עדעלשטאַט. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע חברים האָט ער געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו שטודירן, אַדאַנק דער הילף פון זיין עלטערן ברודער. אָבער עדעלשטאַט האָט ניט געוואָלט „מאַכן קאַריערע", און דערצו נאָך לעבן אויף עמעצנס חשבון. ער האָט גע־וואָלט לעבן אין הסכם מיט זיינע אידעאַלן: לעבן פון אייגענער האָ־רעוואַניע און זיין איינס מיט זיינע „ברידער פון שקלאַפעריי".

עדעלשטאַט איז געווען אומקאָמפּראָמיסלעך אידעאַליסטיש און אויס־געהאַלטן. אין די הערצער פון זיינע פריינד, וואָס האָבן דאָס אַליין ניט פאַרמאָגט, האָט עס אַרויסגערופן יראת־הכבוד. „מיינע קאַמעראַדן, שרייבט עדעלשטאַט אין זיין „בריוו פון אַ זעלבסטמערדער", זיינען גע־ווען פאַרנומען מיט זייער שטודיום, מיט זייער קאַריערע, מיט פּריוואַט־געשעפטן, מיט פרויען־ליבע, מיט געלט־זאָרגן; איך האָב מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך אויסגעלערנט אַ מלאכה, דורך וועלכער איך האָב געקענט פאַרדינען מיין ברויט און האָב ניט געטראַכט וועגן זיך".

עדעלשטאַט איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות פון שווינדזוכט. דאָס איז געווען די פאַרשפּרייטסטע פּראָלעטאַרישע קראַנקייט. און עדעלשטאַטס פאַטאַלע קראַנקייט, און נאָכמער, זיין פריצייטיקער טויט האָבן ווי געוועקט, באַשטראַלט זיינע פילבאַטייטנדיקע שורות. זיי האָבן איצט אָנגעהויבן אויסזען ווי פאַרגעפילן. דאָס לעבן, די קראַנקייט, דער טויט פונעם „אַרבעטער־שקלאַף", „דעם בלאַסן טרוימער", דעם הייס־רופנדיקן סענטימענטאַליסט האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ מאַרטירער.

אין די אויגן פון פאָלק איז ער געפאַלן אויף די „שלאַכט־באַריקאַדן", אינעם שקלאַפן־קאַמף, „קלינגענדיק אין די פרייהייטס גלאָקן". ער האָט פון אַלעמען געפאָדערט אַ שבועה און ער אַליין האָט געגעבן די שבועה:

שווער ביי דער פרייהייטס פאָנע —
רויט פון מאַרטירער־בלוט —
אַז קיין שטורעם, קיין פיינט, קיין פאַרצווייפלונג,
וועט ניט צעברעכן דיין מוט.

נאָך זיין טויט איז דער מאַרטירערישער „פרייהייט־דיכטער" געוואָרן דער ניט־געזעענער רופער, וועקער, טרייסטער און מקונן.

אין די שוויצפאַבריקן — די שקלאַפן־עשאַפאָטן פון דילענסי און עלדרידזש סטריטס — האָט זיך דער יידיש־אימיגראַנטישער קנעכט אידענטיפיצירט מיטן טראַגישן גוזאַנג פון דיכטער. דער „שמאַכטנדיקער ברודער" האָט געקענט אָנמעסטן אויף זיך עדעלשטאַטס בילדער, וועקרופן און לירישע אַקאָרדן. ער האָט געזען זיך אַליין ווי אַן אומגליקלעכן, אָבער „הייליקן", העלד. אין אַזאַ ליכט איז עדעלשטאַטס ליד צוגעקומען צו די מאַסן. האָט ער דען ניט דורכגעליטן, אינאיינעם מיט זיי, דעם זעלביקן מאַרטירער־וועג, וואָס דער נעכטיקער קליינהענדלער, קליין־פראָדוצירער און אינטעליגענט האָבן דורכגעלעבט, ווען זיי זיינען געוואָרן פראָלעטאַריער אין דער נייער מדינה?

אין די תפיסות און איבער אַלע דערנער־וועגן אין צאַרישן רוסלאַנד, האָבן יידישע רעוואָלוציאָנערן געפונען טרייסט אין עדעלשטאַטס פאַרבאָטענע לידער. ער איז פאַר זיי געוואָרן אַ סימבאָל. אין יסורים־טיפענישן האָט מען דערהערט עדעלשטאַטס רופן, זיינע דערשיטערנדיקע שבועות, זיין טרויער און צאָרן. דאָס אַלץ האָט פאַרוואַנדלט דעם „שקלאַפן־דיכטער" אין אַ לעגענדע.

פאָעטישע דערגרייכונגען

יאָרן שפּעטער האָט מען קעגן עדעלשטאַטס געשטאַלט אויפגעהויבן די פּראָבלעם וועגן זיינע פּאָעטישע דערגרייכונגען. מען האָט געזוכט צו מינערן זיין פּאָעטישן ווערט. באַזונדערס האָט עס געטאָן יענער טייל אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון

די פאָלקסמאַסן. געקומען איז עס נאָך דער דורכגעפאַלענער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע אין ניינצן הונדערט און פינף. פאַרצווייפלט איז דעמאָלט געווען די יידישע אינטעליגענץ. זי איז ביסלעכווייז געוואָרן מער קריטיש צו סאָציאַלע דערשיינונגען. אינדווידועלע מאָטיוון האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס אָרט פון די פריערדיקע אויסשליסלעך־סאָציאַלע מאָטיוון און קאַמפסלידער. דער אינדיווידואַליזם אין דער יידישער פאָעזיע האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן אָנקומענדיקן אימפרעסיאָניזם, פאַר יחידישע איבערלעבונגען, פאַרן אינטימען ליד. איניאיינעם דערמיט איז געוואָקסן די פאָדערונג: גיט אונדז נאַטירלעכע, נאָענטע, אינטימע שיינקייט. מען האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן פאָעזיע — ווי קונסט אין אַלגעמיין — ניט ווי אַ מיטל, נאָר ווי אַ זעלבסטשטענדיקן צוועק. אין עדעלשטאַטס צייטן איז דער שטאַנדפונקט אין דער פאָעזיע געלעגן אין דער סאָציאַלער מחשבה. איצט איז דער הויפט־אינטערעס געווען: די אויסגעפיינערטע פאָעטישע דיקציע. דער אויסגעאיידלטער יידישער פערז האָט מער ניט דערלאָזן די אומפאַרמיידלעכע דייטשמעריזמען פון עדעלשטאַטס תקופה. מען האָט אָנגעהויבן זיך אָפגעבן מיטן ווערלענישן „מוזיק־צויבער", מיטן האַלבשאָטנדיקן טאָן, מיט דער שטימונג. מען איז צוגעגאַנגען צו עדעלשטאַטס פאָעזיע מיט עסטעטישע מאָסן גאָר פון אַן אַנדער עפאָכע־אַטמאָספערע. דעריבער איז געווען גאָר גרינג אָפלייקענען עדעלשטאַטס פאָעטישע ווערטן. אין דעם אָפפרעגן עדעלשטאַטס פאָעזיע האָבן זיך געהערט אַ סך גערעכטע טענות. אָבער אַן אַנאַליטישן צוגאַנג האָבן די אָפפרעגער ניט אַרויסגעוויזן. מחמת כמה וכמה סיבות איז עס, אין יענער צייט, געווען אוממעגלעך צו דערוואַרטן. מען האָט דעריבער אויף אַ ריין־אימפרעסיאָניסטישן אופן אַ סך איבערגעטריבן.

מען האָט ניט געקענט זען צייכנס פון אַן אייגנאַרטיקער שיינקייט, למשל, אויך צוליב די נאָרוואָס דערמאָנטע דייטשמעריזמען. מען איז געווען צו נאָענט — און אפשר אויך אומקריטיש — צו באַמערקן אַז הינטער די לידער מיט די דייטשמעריזמען זיינען אָבער געלעגן ווערטן פון אַ געלעבט לעבן, פון אַ באַשטימטן קונסט־אויסדרוק. דאָס איז געווען אַ נוסח, אַ שטופע, אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן ליד. די דייטשמעריזמען זיינען טאַקע געווען פאַרזעענישן אין אונדזערע אויגן. האָט מען זיי טאַקע אָנגעהויבן אויסרייניקן פון אונדזער לשון. מען האָט אָנגעהויבן צוריק אַריינברענגען די נאַטירלעכע שפראַך. מען האָט זיך געמיט צו שמעלצן דאָס פאָלקסטימלעכע מיט געזעצלעכע, אינדי־

ווידועל־געפורעמטע אויסדרוקן. אָבער צוליב דעם שלעכטן געפיל בנוגע דייטשמעריזמען פאַרזעט מען נאָך עד־היום אַ סך וויכטיקע פּאָע־טישע יסודות פון יידישן ליד. אַזוי איז עס אויך געוועזן מיט געוויסע אַנדערע עלעמענטן — למשל מיטן אַגיטאַציע־זשאַנער. זישאָ לאַנדוי האָט געוואָלט פאַרלייקענען עדעלשטאַטן, האָט ער פאַר דעם צוועק אויסגעקליבן איינע פון די שוואַכסטע ציטאַטן, די אַזוי גערופענע קלי־שע־שורות, די פּליכט־פערזן, וואָס זיינען געוועזן דער ניט־אינספּירירטער פּובליציסטישער טייל אין עדעלשטאַטס פּאָעזיע:

הערט נאָר צו, וואָס איך וועל זאָגן:
ווען איר ווילט קיין קייטן טראָגן —
קומט אין אחנדזער פּאָלק,
וואָס מיר ווילן — ניט פיל ברייען, —
איז פון שקלאַפן־יאָך באַפרייען
דאָס אונטערדריקטע פאָלק.

("דער וועקער")

אין דער אמתן אָבער באַשטימט מען אַ דיכטערס ווערטן ניט מחמת זיינע שוואַכסטע שורות. שוואַכע שורות האָבן אַלע פּאָעטן. אַ דיכטערס ווערטן באַשטימט מען דורך זיינע העכסטע דערגרייכונגען. באַזונדערס איז דאָס אמת, ווען מען באַטראַכט דעם דיכטערס אָנהייב. עדעלשטאַטס פּאָעטישע אַנטוויקלונג איז אומברחמנותדיק פאַרשניטן געוואָרן ביים סאַמע אָנהייב. מען קען טאַקע ניט שאַצן אַ פּאָעט נאָך דעם וואָס ער וואָלט געשאַפן, אויב געוויסע סיבות וואָלטן אים ניט געשטערט. אָבער אין זיינע אומרייפע ווערק דאַרף מען אויסטיילן יענע עלעמענטן, יענע ווערטן, וואָס אין זיי קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס אייגנאַרט. מען מוז אויך נעמען אין באַטראַכט אַלע מעגלעכע השפעות אויפן דיכ־טער. אויך — זיינע כוונות. דעמאָלט קען מען זען זיין העכסטן אויס־דרוק, און אין וואָס דער דאָזיקער אויסדרוק באַשטייט.

עדעלשטאַט וועט לעבן אין דער יידישער פּאָעזיע ניט מיט אַזעלכע שורות וואָס לאַנדוי ברענגט, נאָר מיט אַזעלכע שורות ווי:

איך וואָלט געוואָלט אַ פּאָלק, דיין רויטן זעגל
נאָך מאַכן רויטער מיט מיין האַרצנבלוט,

און ווי אַ לייב מיט זיינע שאַרפע נעגל
דייַן פיינט באַקעמפן שטאָלץ מיט העלדנמוט!

און ניט נאָר אין שורות אַליין גייט דאָ. דאָ גייט אויך אין יענע ווענדונגען, בילדער, מעלאָדיעס, פּאַטאָס און טיף־רירנדיקע פּאָעטישע זשעסטן. אין זיי ליגט דער צויבער פון עדעלשטאַטס שאַפן. ווי זעלטענע אַקאָרדן קלינגען די מערקווירדיקע שורות:

— אַ גוטער פריינט ווען איך וועל שטאַרבן...

(„מיין צוואה")

⁂

— אין שטורעם, אין קאַמף האָב איך מיין יוגנט פאַרלאָרן...

(„מיין לעצטע האָפענונג")

⁂

— פאַרלעש דעם פייער, לייג אַוועק דעם האַמער...

(„דער אַוונט־גלאָק")

אויך די לידער גופא טראָגן אין זיך אַ הויכן זין. מיר דערפילן מיטאַמאָל אַ מין מיסטעריע־בילד, אַ תהומיקן טאָן, אַ טיפן פּאַטאָס. דאָס שאַפט דעם עטישן זשעסט, די צערודערונג. דאָס שאַפט דאָס ראָמאַנטישע ליד. און דאָס ברענגט טרייסט און מוט. דאָס ברענגט פאַרצווייפלטע באַגייסטערונג אין קאַמף קעגן בייזקייט און רשעות. אַזאַ ליד לעבט אין דעם פאָלקס טיפענישן. אַזאַ ליד פאַרלירט אָפט דעם אייגענעם נאָמען, עס ווערט דעם פאָלקס נשמה־אייגנטום. אָן די דאָזיקע גרויסע ווערטן, וואָלטן אין פאָלק ניט געלעבט ביז היינטיקן טאָג זיינע אומפאַרגעסלעכע לידער:

אַ גוטע פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר אונדזער פאָן; —
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן!

און דאָרט אונטער דעם באַנער רויטן
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייע ליד!

מיין ליד „אין קאַמף״, וואָס קלינגט ווי קייטן
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד.

אויך אין מיין קבר וועל איך הערן
מיין פרייע ליד, מיין שטורעם־ליד,
אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד.

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמאַרץ
צום פאָלק פון קבר וועל איך זינגען,
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ.

(„מיין צוואה״)

אָדער זיין ליד „אין קאַמף״, „וואָס קלינגט ווי קייטן״:

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט,
און אַלץ נאָר דערפאַר וואָס מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק.

— — — — — — — — — — — — — — —

שמידט אונדז אין אייזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע חיות אונדז רייסט;
איר וועט אונדזערע קערפּער נאָר טייטן,
נאָר ניט אונדזער הייליקן גייסט!

אָדער דאָס טראַגישע ליד „מיין לעצטע האָפענונג״. די ערשטע שורות אַליין צערודערן, טרייסלען־אויף און פאַראומערן אונדזער געמיט:

אין שטורעם, אין קאַמף איז מיין יוגנט פאַרשוואונדן,
פון ליבע, פון גליק האָב איך נימאַלס געוואוסט,

נאָר ביטערע טרערן און בלוטיקע וואונדן
האָבן געקאָכט און געברענט אין מיין ברוסט.

אָן שום פאַרענטפערן זיך קען מען שטעלן עדעלשטאַטס רייפע לידער און סטראָפעס קעגן זיינע טראַפאַרעט־לידער, די פליכט־לידער. עס איז אָבער לחלוטין ניט יושרדיק באַטראַכטן זיינע לידער ווי פּראָדוקטן פון אַ רייפן דיכטער. ער האָט עס גאָר ניט געקענט זיין. מען דאַרף באַוואונדערן ווי אַזוי אַן אומרייפער, אַ ניט זייער קולטיווירטער דיכטער, האָט געקענט דערגרייכן גאָר וויכטיקע רעזולטאַטן, גאָר רייפע רעזולטאַטן — מיט ריינער אמונה, מיט ריינעם אידעאַליזם און טיפן דראַנג צום אויסדרוק.

היסטאָרישע און קינסטלערישע באַדינגונגען

עדעלשטאַטס פּאָעטישע דערגרייכונגען דאַרף מען באַטראַכטן אין ליכט פון היסטאָרישע און קינסטלערישע באַדינגונגען. דאָס ערשטע וועט אונדז ווייזן זיין באָדן, די וואָרצלען און זיין יניקה. דאָס צווייטע וועט אונדז אַנטפּלעקן די ווערטן וואָס געפינען זיך אין זיינע לידער, די רייפע ווי די ניט־רייפע.

אויב מען וויל פאַרשטיין עדעלשטאַטס פּאָעטישע אַנטוויקלונג, דאַרף מען האָבן אין זינען עטלעכע זייער וויכטיקע מאָמענטן. עדעלשטאַט האָט פאַרמאָגט אַ פּאָעטישן ברען. ער איז געווען דורכגענומען מיט אַ מערקווירדיקן פּאַטאָס. דאָך האָבן געוויסע מאָמענטן באַשטימט דעם גאַנג פון זיין פּאָעזיע. דאָס זיינען געווען: זיין רוסישע דערציאונג און די רוסישע פּאָעטישע השפעות, זיין פּאָלקיזם און אַנאַרכיזם; זיין שרייבן יידיש, אַ שפּראַך וואָס ער האָט ניט געקענט; זיין פּראָלעטאַרישער גורל אין די שוויץ־פאַבריקן; און צולעצט — זיין קראַנקייט, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם דיכטער בעת ער האָט ערשט געהאַלטן אין איינלעבן זיך אין דער יידישער שפּראַך און דערפילן זיין אייגענעם פּאָעטישן סטיל.

ווען מען נעמט אין אַכט אָט די אַלע מאָמענטן, דאַרף מען אים באמת באַוואונדערן. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער טיף־רוסישער שטאָט קאַלוגא, צענטראַל־רוסלאַנד. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע משפחות זיינען דאָרטן ניט געווען קיין יידן. ניט געווען דאָרט אַ יידישע סביבה.

און אַ יידישע דערציאונג האָט עדעלשטאַט ניט געקראָגן. רוסיש איז געווען זיין שפּראַך, די אַטמאָספערע, דאָס גאַנצע לעבן אַרום. עס איז אויך מערקווירדיק דער פאַקט, וואָס דער פאָטער פון דעם צוקונפטיקן יידישן פּאָעט האָט געהייסן מאַיסעי איוואַנאָוויטש, און די מוטער — קאַטערינאַ פּעאָדאָראָוונאַ. דאָס זיינען ניט בלויז צוויי רוסישע נעמען, וואָס צוויי יידישע מענטשן האָבן געטראָגן. דאָס זיינען סימבאָלן פון אַ באַשטימטן רוסישן קלימאַט, וואָס האָט אַמאָל געהערשט צווישן די געציילטע יידן אין צענטראַל־רוסלאַנד.

אַ געוויסע צייט איז זיין פאָטער געווען אַ גאָראָדאָוואָי (פּאָליציסט). אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן האָט מען דערלויבט צו ווערן פּאָליציסטן, אין געוויסע פאַלן אַפילו יידן. עס איז אויך מעגלעך, אַז עדעלשטאַטס פאָטער איז געווען אַ קאַנטאָניסט. אין ניקאָלאַיס דעם ערשטנס צייטן האָט מען געכאַפּט קליינע יידישע קינדער, זיי אָפּגע־ריסן פון טאַטע־מאַמע, אַוועקגעשיקט טיף אין רוסלאַנד און זיי געהאָ־דעוועט אין רוסישן גייסט ביי אַ פּויער, אָדער אין קאַזאַרמעס, ביז דאָס געכאַפּטע קינד איז אויסגעוואַקסן. דעמאָלט ערשט האָט מען אים אָפּ־געגעבן אין מיליטער אויף 25 יאָר.

עדעלשטאַטס ליטעראַרישע קוואַלן און מוסטערן זיינען געווען די רוסישע פּאָעזיע און דער ראַדיקאַלער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק. ביז צוויי און צוואַנציק יאָר האָט ער געשריבן רוסישע לידער. דאָס מיינט — אויך די ערשטע זעקס יאָר אין אַמעריקע. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ רוסישן פּאָעט. זיינע ערשטע געדרוקטע לידער זיינען געווען רו־סישע: דאָס ליד וועגן פּראָלעטאַריער און זיין ליד „נאָגי” (פיס). זיי זיינען געווען געדרוקט אין „זנאַמיאַ” (די פאָן), וואָס לעאָ באַנדעס האָט געגרינדעט און רעדאַקטירט. זיין גאָר ערשט ליד האָט זיך געדרוקט אין קאַלוגאַ, אין די „גובערנסקיע וועדאָמאָסטי” בעת דער דיכטער איז אַלט געווען אַרום 14 יאָר. דער יונגער בחור האָט זיך טאַקע דערפילט ווי אַ פּאָעט. דאָס ליד האָט זייער שטאַרק געלויבט דער קאַלוגער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער האָט פאַרבעטן צו זיך דעם אומבאַקאַנטן דיכטער. ער איז איבערראַשט געווען צו זען אַ יונג בחורל אַנשטאָט אַ דערוואַקסענעם פּאָעט.

פון איין קולטור אין דער צווייטער

אין אַמעריקע האָט עדעלשטאַט געאַרבעט אין די שוויצפאַבריקן. דאָ איז ער געקומען אין נאָענטן באַריר מיט דער פאַשקלאַפטער אימיגראַנטישער מאַסע. ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַ סך אינטעליגענטע רוסיפיצירטע יידישע יונגעלייט, האָט אויך עדעלשטאַט איינגעזען, אַז צו דער מאַסע מוז מען צוקומען ניט מיט רוסיש, נאָר מיט יידיש, מיט איר מוטערשפראַך. דער איבערבראָך פון איין קולטור־באַוואוסטזיין אין אַ צווייטן איז געווען שווער פאַר אַ סך צוקונפטיקע פובליציסטן, פאָלקספירער און בויער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ניט אַן ערך שווערער, ממש פיינלעך, איז עס געווען פאַר אַ דיכטער. זיין אינסטרומענט איז דאָך דאָס אויסדערווילטע, פינקטלעכע וואָרט, מיט דער גאַנצער פאָעטישער אַטמאָספער, וואָס דאָס וואָרט טראָגט אין זיך. פאַר עדעלשטאַטן איז עס געווען באמת איבערמענטשלעך שווער אָנצושרייבן זיין ערשט ליד פאַרן ערשטן נומער פון דער אַנאַרכיסטישער „וואַרהייט". ער האָט געשריבן אונטערן דרוק און פאָדערונג פון זיינע חברים־אַנאַרכיסטן. ניט נאָר פשוטע ווערטער, גראַמען, ווערטלעך און רעדנסאַרטן האָבן אים געפעלט. ער האָט זיך פשוט ניט געקענט געניטן פאַנאַנדערקלייבן אין די יידישע אותיות. און געשריבן יידישע לידער האָט ער בלויז פיר יאָר. צו זעקס און צוואַנציק יאָר האָט דער טויט פאַרענדיקט דאָס שיינע ליד: עדעלשטאַט. במשך די דאָזיקע געציילטע אימיגראַנטישע יאָרן האָט ער געמוזט זיך אויסלערנען אַ מלאכה, ליידן הונגער, געאַרבעט אין שוויצשעפּער. ער האָט אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין בויען. זיין רעדאַקטאָרישע אַרבעט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע" האָט ביי אים צוגענומען אַ סך כוחות. און צולעצט, אַ גאַנץ יאָר פאַר זיין טויט, האָט די צעשטערנדיקע קראַנקייט אים פאַרשאַפט גרויסע יסורים.

עדעלשטאַט האָט ניט געהאַט הינטער זיך קיין שום יידישע פאָעטישע טראַדיציע. די פאָלקסדיכטער פון דער השכלה־תקופה האָט ער ניט געקענט. אים אַליין איז אויסגעפאַלן צו זיין צווישן די ערשטע פאָעטן אין דער נייער יידישער דיכטונג. די רעוואָלוציאָנערע יידישע פאָעזיע האָט זיך געהאַלטן ערשט אין פורעמען. מאָריס ווינטשעווסקי האָט געדרוקט זיינע לידער בלויז עטלעכע יאָר פאַר עדעלשטאַטן. עדעל־

שטאַט האָט זיך באַקענט מיט ווינטשעווסקיס טעמאַטישן מאַטעריאַל. די יידישע גראַמען האָט ער זיך ביי די פּאָעטן פון זיין צייט געלערנט. דאָס באַווייזט אויספירלעך ק. מרמר אין זיין עדעלשטאַט־ביאָגראַפיע. עדעלשטאַטס מקור איז די רוסישע פּאָלקיסטישע ליטעראַטור. אין אים האָט געלעבט די זעלביקע פּאָעטישע אַטמאָספער און דיכטערישע קאָנ־צעפּציע ווי ביי די רוסישע פּאָלקיסטן, די „נאַראָדניקעס״. זיינע פּאָע־טישע פּאַראַכטונגען האָט ער זיך געמיט אָנצוקליידן מיטן יידיש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט צווישן אַרבעטער אין די שוויץ־פּאַ־בריקן. ער האָט אויך איבערגענומען די דעמאָלטיקע אַגיטאַטאָריש־פּובליציסטישע שפּראַך. דאָס איז געווען דער שפּראַכלעכער „זאַלץ און ברויט״ אין דער יידישער ראַדיקאַלער וועלט.

רוסישער פּאָלקיזם און עדעלשטאַטס ליד

ביי עדעלשטאַטן האָט זיך צונויפגעוועבט די פּאָלקיסטישע רוסישע פּאָעזיע און דער יידיש פון זיין צייט. דאָס האָט געפורעמט זיין סטיל. די שטאַרקסטע השפּעה, די רוסישע פּאָלקיסטישע ליטעראַטור, האָט ער ניט געקענט איבערנעמען קריטיש־באַוואוסטזיניק. צו 16 יאָר איז ער שוין געווען אָפּגעריסן פון דער רוסישער ווירקלעכקייט און פון זיין פריערדיק רוסיש לעבן. זיין פּאָעטישער סטיל האָט, דעריבער, ניט געקענט זיין אַנדערש ווי עקלעקטיש. ער איז געווען צו יונג זיך צו באַפרייען באַוואוסטזיניק פון השפּעות. און השפּעות זיינען כמעט ווי אַ געבאָט פאַר אָנפאַנגער. דאָך קען מען דורך זיין עקלעקטישן סטיל דערפילן אַ באַרייכערונג. די וויטערדיקע יידישע פּאָעטן האָבן דאָס ווייניק־וואָס אויסגענוצט.

מיר ווייסן ניט גענוי ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען עדעלשטאַטס גאָר ערשטע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין עלטער פון 14־15 יאָר. קלמן מרמר גיט אונדז איבער: דער יונגער עדעלשטאַט „באַזינגט די נאַטור״, דעם קאַלוגער טייך אָקאַ, די אַרומיקע געדיכטע וועלדער און דאָס געזאַנג פון דעם באַרימט־געוואָרענעם קאַלוגער נאַכטיגאַל. דער יונגער פּאָעט שרייבט אויך געלעגנהייט־לידער. אַזוי באַזינגט ער אַ זינגערין זאָרינאַ, וואָס גאַסטראָלירט אין קאַלוגאַ. ער שרייבט אָן אַ ליד „ראָקאָוואָיע טרי״ (דער פאַטאַלער ציפער דריי) ווען ער הערט־אונטער אַ שמועס פון מיליטערלייט, איינגייערס אין זייער הויז, אַז דריי איז אַ פאַטאַלע צאָל. לויט מ. קאַטצעס הקדמה צו עדעלשטאַטס שריפטן, איז דער שמועס געווען וועגן נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס שלעכטן סוף. אין

אָפּיציר דערקלערט, אַז דרײַ איז אַ סכנהדיקע צאָל, און ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער וועט ווערן קיסר, וועט מסתמא אויך אַן אומגליק געשען. אײַן ליד עדעלשטאַטס איז געווען אַ נעקראָלאָג אויפֿן פּריציײַטיקן טויט פֿון דעם גוטהאַרציקן דאָקטאָר יאַראָווסקי, אַ פּוילישן פֿאַרשיקטן אין קאַלוגאַ. דער דאָקטאָר יאַראָווסקי האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף עדעלשטאַטן און זיך באַצויגן צו אים פֿרײַנדלעך. דאָס דאָזיקע ליד איז געווען געדרוקט אין דער קאַלוגער צײַטונג „גובערנסקיע וועדאָמאָסטי".

עדעלשטאַטס ערשט רוסיש ליד, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז „דוויע יאָלקי" (צווײ יאָדלעטשקעס). דער 15־יאָריקער דיכטער מאָלט אַ פֿרילינג־לאַנדשאַפֿט ווען „אַלץ האָט געשמייכלט אונטער די פֿליגלען פֿון גאָלדענע טעג":

Две стройные ели
В лесу зеленели
И дружно, как сестры росли,
Забот не имели
И сладко шумели
На почве родимой земли.
И было им мило,
Когда проходила
Святая богиня, — весна
И все зеленело,
Играло и пело,
И жизни струилась волна.
С торжественной трелью
Над стройною елью
Носились певцы соловьи,
И бойкой свирелью,
Зовущей к веселью
Сзывали стада пастухи
И солнце сияло
В объятьях небес голубых,
И все наслаждалось,
И все улыбалось
Под крльями дней золотых.

צוויי יאָדלעס — הויך, דין
אין וואַלדיקן גרין
האָבן פריינדלעך ווי שוועסטער געצוויט,
קיין זאָרג ניט געהאַט,
פול רויש, אַראָמאַט —
אין אייגענעם באָדן געבליט.
געווען איז זיי גוט
ווען ס׳פלעגט קומען מיט מוט
דער פרילינג — דער הייליקער גאַסט,
און אַלץ האָט בעגרינט,
געשפּינט און געשפּילט,
געשטראַמט האָט דער לעבנס־געיאָד.
אַ פייערלעך ליד
אַרום זייער געבליט
געטרעלט האָבן נאַכטיגאַלן,
ווי רופן פון פרייד
האָט דעם פאַסטעכס פּלייט
גערופן די שאָף אין די שטאַלן.
און געשיינט האָט די זון
אין אָרעמס פון בלויליכן הימלשן שטעג, —
און אַלץ האָט געקוועלט,
מיט ליבשאַפט באַזעלט,
אונטער פליגלען פון גאָלדענע טעג.

נאָך די ווערטער פון זיינע נאָענטע [מ. קאַטץ, אין זיין „פאָרעדע״, און עדעלשטאַטס ברודער], האָט עדעלשטאַט ליב געהאַט צו זיצן גאַנצע טעג אין באָטאַנישן גאָרטן אין קיעוו, ווען ער איז דאָרט געווען ביי זיין ברודער. ער האָט אָפט פאַרבראַכט אויף די בערגביים דניעפּער „אין טרוימען און שילדערן די שיינע נאַטור״. די דאָזיקע קנאַפּע ידיעות און זיינע געציילטע ערשטע לידער ברענגען אונדז צום אויספיר, אַז עדעלשטאַט איז געווען אַ ליריקער. און דעם דאָזיקן ליריקער איז שפּעטער באַשערט געווען זיך אויסקלייבן דעם פּאָעטישן גורל פון אַ טריבון. אין זיינע ערשטע שאַפונג־יאָרן האָט דער ליריקער געלעבט אין אַ באַשטימטער ספערע. ער האָט געזען די וועלט אין אַ באַשטימטן אויסזען. די דאָזיקע וועלט האָבן געפורעמט די רוסישע פאָלקיסטן, די „נאַ־

ראָדניקעס״. דער עטיציזם פון די „נאַראָדניקעס״ האָט באַהערשט אַלע „טראַכטנדיקע פּערזענלעכקייטן״ אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. דעם עטישן ליריזם פּילן מיר שפּעטער כמעט אין אַלע עדעלשטאַטס רוסישע לידער. אין דעם דאָזיקן צווייטן פּעריאָד איז ער שוין פול מיט זאָרג, ניטאָ שוין די באַגייסטערטע נאַטור־באַשרייבונגען ווי בעת די ערשטע אָנפאַנגער־יאָרן. דאָ איז שוין דאָ טרויעריקע שטימונג פון די „נאַראָדניקעס״, זייער ביטערקייט און קומער:

Бывают горькие эпохи,
Когда к нам муза не идет.
И вместо песен только вздохи
Душа больная издает...
Напрасно ждешь ты, замирая,
Святую музыку скорбей, —
Без слез, без слов тоска немая
Лежит змеей в груди моей...

פאַראַנען צייטן — ביטער און דערווידער
ווען מוזע נענט ניט צו דער שוועל,
און שווערע זיפצן אָנשטאָט לידער
רייסן זיך פון קראַנקער זעל...
דו וואַרטסט אומזיסט אין אָפּשטאַרב־שלומער
אויף הייליקער מוזיק פון צער — אָן לוסט,
אָן וואָרט, אָן טרערן — טיפער קומער
ליגט ווי אַ שלאַנג ביי דיר אין ברוסט״.

ניקיטינען, נעקראַסאָוון און נאַדסאָנען האָט עדעלשטאַט געקענט נאָך צו 15 יאָר. זיי זיינען געווען זיינע וועגווייזער. מיט אַ יאָר שפּעטער לעבט ער דורך דעם פּאָגראָם אין קיעוו. צו 16 יאָר קומט ער קיין אַמעריקע. ער טראָגט דורך אַלע יסורים, ווי יעדער אַנטוישטער „עם־עולמניק״, ווי יעדער „קנעכט אין די שוויץ־פאַבריקן״. דאָס אַלץ צווינגט אים צו דערפילן נאָך נענטער דעם אמת פון די „נאַראָדניקעס״, און שפּעטער פונעם אַנאַרכיזם. מיר הערן עס אין זיין ליד „טאָטשקי״ (פּינטעלעך), געשריבן שוין אין אַמעריקע.

Нам правда, нам голая правда нужна!
Без модных цепей, без прикрас, без пределов
Явиться повсюду свобода должна.

מיר דאַרפֿן דעם אמת, דעם נאַקעטן אמת, די טרייהייט!
אָן מאָדישע קייטן, אָן צופּוץ, אָן צוימען —
אומעטום דאַרף זי דערשיינען — די פֿרייהייט.

נעקראַסאָוו איז אין יענער צייט געווען באַזונדערס באַרימט ביי דער ראַדיקאַלער יוגנט. איז ניט קיין וואונדער, וואָס אויך עדעלשטאַט האָט זיך מיט אים פֿאַרלייענט. נעקראַסאָוון האָט מען דעמאָלט פֿאַררעכנט פֿאַר דעם גרעסטן רוסישן פּאָעט. ווען דאָסטאָיעווסקי האָט אין זיין הספד ביי נעקראַסאָווס קבר זיך אויסגעדריקט, אַז מען קען אים, נע־קראַסאָוון, שטעלן גלייך נאָך פּושקינען און לערמאָנטאָוון, האָבן זיך דערהערט אויסרופֿן צווישן דעם גרויסן עולם: „ניין, ער איז געווען הע־כער פֿון פּושקינען און לערמאָנטאָוון. יענע זיינען דאָך געווען בלויז ביירראָניסטן!"

פּאָעטישע קרובהשאַפֿט

בדרך כלל זיינען געווען דריי קוואַלן, וואָס פֿון זיי האָט געשטראָמט דאָס געזעלשאַפֿטלעכע און רעוואָלוציאָנערע ליד אין דער רוסישער פּאָעזיע: ראַדישטשעוו און די דעקאַבריסטן; נעקראַסאָוו; און די פּאָל־קיסטן — „נאַראָדניקעס".

עס זיינען ניטאָ קיין שום באַווייזן צי עדעלשטאַט איז געווען גענוי באַקאַנט מיט ראַדישטשעווס ערשטע רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, דעם דעקאַבריסט רילעיעווס און דעם יונגן פּושקינס לידער. דערפֿאַר אָבער האָט ער געקענט די פּאָעזיע פֿון „נקמה און טרויער", פֿון „צער און צאָרן", וואָס איז געקומען פֿון נעקראַסאָווס פּען. פֿאַר אַן אָנפֿאַנגער־דיכטער, אין יענער צייט, איז עס פּשוט געווען אוממעגלעך ניט צו זיין אונטער נעקראַסאָווס השפּעה. אָבער אין גרונט האָט נעקראַסאָווס פּאָע־זיע געלאָזן עדעלשטאַטן קאַלט. עדעלשטאַט האָט עס אפֿשר ניט גע־וואוסט באַוואוסטזיניק. מען קען זיך אָבער פֿאָרשטעלן: עדעלשטאַטן, דעם ליריקער, איז געווען אייגן נעקראַסאָווס סאָציאַלע מאָטיוון, אָבער ניט נעקראַסאָווס „אומפּאָעטישע" פּאָעזיע, די האַרטקייט פֿון נעקראַסאָווס

פערז. בעלינסקי האָט זייער אַ סך געהאַלטן פון נעקראַסאָוון. דאָך האָט ער עס אויך אַזוי געפילט. „וואָס פאַר אַ האַק עס איז זיין טאַלאַנט", איז געווען בעלינסקיס באַרימטער זאַג וועגן נעקראַסאָוון. עמאָציאָנעל האָט עדעלשטאַט געפילט מער קרובהשאַפט מיט די פּאָעטן „נאַראָד־ניקעס", די פּאָלקיסטן. נעקראַסאָוו האָט פּונקט ווי די „נאַראָדניקעס" פאַרשאָלטן די רעאַקציע. „פליכט צום פאָלק", איז געווען נעקראַסאָווס גרונט־געדאַנק. נאָך מער ווי „פליכט" איז געווען דער חוב, וואָס די אינטעליגענץ איז שולדיק דעם פאָלק. אונטער דער השפעה פון די „נאַראָדניקעס" לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי האָבן זיי געגלויבט אין „היים", „פאָלק", „פרייהייט", „אמת", „גערעכטיקייט". און אין פּאָעזיע האָט זיך דאָס פאַרוואַנדלט אין פאַראַלגעמיינערטע באַגריפן — סיי אין עפּיטעט, סיי אין רוף און פּראָטעסט. אין עטלעכע פּונקטן האָבן זיי זיך אונטערשיידט פון נעקראַסאָוון. און די דאָזיקע פּונקטן זיינען עדעל־שטאַטן זיכער געווען מער צום האַרצן. זיי זיינען געווען נעענטער צו עדעלשטאַטס עמאָציאָנעל געמיט. די „נאַראָדניקעס" האָבן באַ־טראַכט דאָס פאָלק ווי אַ הייליק פעלד. דאָרטן דאַרף ער, דער „נאַ־ראָדניק", „די קריטיש טראַכטנדיקע פּערזענלעכקייט", טאָן זיין הייל־ליקע אַרבעט. אין זייער אידעאַליזירטן רעאַליזם האָבן די „נאַראָדני־קעס" ניט באַטראַכט דאָס פאָלק ווי אַן אַקטיווע מאַכט. נאָר ווי אַ פּאַ־סיווע. אַקטיוו איז בלויז — די מאַרטירערישע פּערזענלעכקייט. דאָס פאָלק דאַרף פּאַסיוו אָננעמען איר אויפקלערונג. עדעלשטאַט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן איינשטעל אונטער דער השפעה פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, באַזונדערס אונטערן טראַגישן רושם פון דער „היימאַרקעט טראַגעדיע" אין שיקאַגאָ. חוץ דעם איז נאָך צוגע־קומען זיין אַנאַרכיזם. דאָס זעט מען אין זיינע קאַמף־לידער. אָבער מער ווי אַלץ איז עדעלשטאַטן געווען נאָענט דער פאַרנעפּלטער טרויער־מאָטיוו, דער עלעגישער טאָן פון פּאָלקיסטישן ליד. אין געוויסע פּרטים איז עדעלשטאַט געשטאַנען נעענטער צו נאַדסאָנען, דעם בולטן אויס־דרוק פון דעם „פּאָלקיסטישן" געמיט. דער לירישער טאָן, דער עלע־גישער מאָטיוו איז דאָך געווען עדעלשטאַטס הויפּט־אייגנשאַפט.

עס איז כדאַי אָנצומערקן אַ וויכטיקן היסטאָרישן פאַקט. צוליב דעם, וואָס אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָבן זיך ניט באַוויזן קיין וויכטיקע פּאָעטן אין דער רוסישער ליטעראַטור, האָט זיך דעמאָלט שטאַרק אַנטוויקלט די איבערזעצונג פון פרעמדע לשונות. אַ גרויסן נאָמען האָבן דעמאָלט געהאַט יענע דיכטער, וואָס זיינען געווען פאַר־

בונדן מיטן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. בייראָן האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן זיין פריערדיקן שם. פּאָפּולערער אַפילו פון אַלע רוסישע פּאָעטן זיינען אין יענער צייט געווען בעראַנזשע (אין וואַסילי קוראָטשקינס איבערזעצונג) און היינריך היינע (אין מיכאַילאָווס, פּלעשטשעיעווס און וויינבערגס איבערזעצונגען). עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אויך עדעלשטאַט האָט זיי געלייענט. זיינע עטלעכע פרייע איבערזעצונגען פון היינע און בייראָן זיינען אפשר ניט געווען בלויז השפּעות פון אַן אָנפאַנגער. זיי האָבן געשטימט מיטן איינשטעל פון יענער צייט. עס איז כדאַי זיך צוצוקוקן צו עדעלשטאַטס פרייע איבערזעצונגען פון די דאָזיקע דיכטער. מען זעט אין זיי ווי דער ליריקער עדעלשטאַט האָט אַלעמאָל געדאָרשט נאָך ריין־לירישע לידער. פאַראַן ביי אים פרייע איבערזעצונגען פון היינעס זעקס לידער. בלויז איינע איז אַ ריין־רעוואָלוציאָנערע. דאָס איז היינעס „הימנוס”. ביי עדעלשטאַטן הייסט עס — „איך בין דאָס שווערד, איך בין דער פלאַם”. און דאָס איז אויך אַ ליריש־רעוואָלוציאָנער ליד. די איבעריקע זיינען: „דער זעלנער”; „איך געדענק די שטונדע זיסע”; „די בלאַסע וואַסערליליע”; „ווען איך הייראַט, וועל איך שטאַרבן”. ער האָט אויך איבערגעזעצט דאָס רוסישע ליד: „אָ מוזאַ, זלאַטאָקרילאַיאַ”. פון בייראָנען האָט ער פריי באַאַרבעט דאָס באַרימטע ליד פון „היברו מעלאָדיס” — „מאַי סאָול איז דאַרק”... אַזוי איז אויך געווען מיט די באַאַרבעטונגען פון נאַדסאָנען — „זאַוועסאַ סבראָשענאַ” (ביי עדעלשטאַטן — „אַ ניט געענדיקטע דראַמע”) און „אומערלאַ מאָיאַ מוזאַ” („דער אָונט־גלאָק”). די לידער „דער רויטער זעגל” און „דער פראָפעט” זיינען באַאיינפלוסט פון לערמאָנטאָוון. אין דעם אַלעם האָט זיך געפילט זיין אינטערעס צו לירישער פּאָעזיע. דאָס זאָגט עדות וועגן עדעלשטאַטס עמאָציאָנעלן מהות. אַפילו פּ. יאַ. קאָזלאָווס באַרימטער סענטימענטאַלער ראָמאַנס „גליאַדיאַ נאַ לוטש פורפורנאַוואָ זאַקאַטאַ, סטאָיאַלי מי נאַ בערעגו ניעווי” געפינט זיך צווישן עדעלשטאַטס באַאַרבעטונגען. דאָס ליד הייסט ביי אים: „אַ ראָמאַנס”. דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז — כמעט אין יעדער באַאַרבעטונג איז בלויז דער געדאַנק, על פּי רוב, אַ פרעמדער. ער טראָגט אַריין אינעם ליד זיינע אייגענע אינטים־פּערזענלעכע אַסאָסיאַציעס. דאָס באַטאָנט נאָך מער זיינע לירישע נייגונגען.

דעם דיכטערס עובֿדה און ליריזם

וואָס שייך דעם דיכטערס עובֿדה, האָט ער זיין מיינונג געטיילט מיט די רוסישע „באַראָדניקעס". אין עצם איז עס געווען קעגן זיין איינגעבאָרענער טיף־לירישער נאַטור. דער בליק איז געווען: קונסט בכלל, און פּאָעזיע בפרט, מוז דינען בלויז ווי אַ סאָציאַלער פּאַקטאָר. זי דאַרף אָפּוואַרפן פון זיך יעדן עסטעטיזם. ניט וויכטיק זיינען עצמ־דיקע קונסטווערטן אָדער די פאָרם־פּערפעקציע. זיי דערוויטערן די קונסט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. די „נאַראָדניקעס" האָבן אָפּגע־וואָרפן פּושקינס „מי ראָזשדעני דליאַ וודאָכנאָווועניאַ, דליאַ זוואוקאָוו סלאַדקיך אי מאָליטוו" (מיר זיינען געבוירן פאַר אינספּיראַציע, פאַר קלאַנגען זיסע און געבעט). זיי האָבן אָנגענומען זיין צווייטע מאָטאָ: „און לאַנג וועל איך נאָך זיין באַליבט ביים פאָלק, וואָס כ'האָב געפילן גוטע מיט מיין לירע אויפגעוועקט, וואָס אין מיין צייט דער גרויזאַמער באַזונגען האָב איך הויך די פרייהייט, און גענאָד געבעטן פאַר געפאַ־לענע" (אין זיין ליד „דער דענקמאָל"). די „נאַראָדניקעס" האָבן אָנ־גענומען נעקראַסאָווס מיינונג וועגן דעם דיכטערס באַרוף:

Еще стыдней в годину горя
Красу долин, небес и моря
И ласку милой воспевать, —

ס'איז נאָך שענדלעכער אין שעה פון טרויער מאָלן
די שיינקייטן פון וואַלד, פון הימלען און פון טאָלן
און באַזינגען צערטלעכקייטן פון דער ליבסטער.

נעקראַסאָווס גלויבן איז געווען: אַלץ „אונטערוואַרפן דעם געפיל פון דער אַל־אַרומנעמענדיקער ליבשאַפט".

Будь гражданин! Служи искусству;
Для блага ближнего живи...
....
Иди в огонь за честь отчизны,
За убежденье, за любовь...
Иди и гибни...
Умрешь не даром... Дело прочно,
Когда под ним струится кровь.

זיי אַ בירגער! דינענדיק דער קונסט,
פֿאַר דעם וואוילזיין פֿון דעם מיטמענטש לעב...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאַר ליבשאַפֿט, איבערציגונג,
היים־כבוד, גיי אין פֿייער־גלוט,
גיי, קום אום...
ווער אומזיסט ניט שטאַרבן... די זאַך האָט האַפֿט,
ווען ס'ריזלט זיך אונטער איר דאָס בלוט.

עדעלשטאַט האָט איבערגענומען נעקראַסאָווס געדאַנק: „מעגסט זיך ניט זיין קיין דיכטער, נאָר אַ בירגער ביסטו מחויב צו זיין". אַזוי האָבן עס געטאָן די „נאַראָדניקעס". דעם אוטיליטאַרישן מוז אין דעם פּאָעטס שליחות האָט עדעלשטאַט נאָך שאַרפֿער דערפֿילט אין אַמע־ריקע. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט די אויפֿגייענדיקע, כאַאָטישע יידיש־אַמעריקאַנישע ווירקלעכקייט, דאָס ביטערע אימיגראַנ־טישע אַרבעטער־לעבן. דעם צאַרטן ליריקער האָט איגנאַנצן דערשי־טערט די שיקאַגער טראַגעדיע, ווען מען האָט געהאַנגען די אומשול־דיק־פֿאַרמשפּטע אַנאַרכיסטן. זייער אָפּט בליצן דורך אין זיינע לידער שורות וועגן זיין שליחות:

דאָך דער זון פֿון פֿאָלק, דער עכטער,
ניט צום וואָרט — ער גרייפֿט צום שווערד,
און פֿאַר זיינע ברידער־שקלאַפֿן
קעמפֿט ער מוטיק ווי אַ העלד.

(„וואַרע און פֿאַלשע העלדן")

און ווען איר האָט האָפֿנונג פֿאַרלירט ניט די וואָפֿן,
וואָס קאָנען אייך פֿירן צום זיג,
פֿאַרלירט ניט די וואַרהייט, זי קעמפֿט פֿאַר די שקלאַפֿן
פֿאַר מענטשלעכער פֿרייהייט און גליק!

(„צו די גענאָסן")

איך טרוים ניט, ווי גליקלעכע דיכטער,
פֿון וויין און פֿון ליבע אין מאַי:
אָן וויין זיינען מיר ניכטער,

אָז ליבע זיינען מיר פריי.
איך טראַכט פון די שקלאַפן־געצעלטן,
וואו אַלץ איז פינצטער און שטום,
וואו מען זעט אַפילו זעלטן
אַ קראַנקע, פאַרוועלקטע בלום...

(„דער פריליננ״)

ניט מיט דעם קלינגנדן, גלענצנדן וואָרט —
מיט מיין שווערד וויל איך קעמפן און בליצן.

(„צום פאַראייניקטן קאַמף״)

ווען ער זעט זיינע פריערדיקע מיטקעמפער, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרענטפערט פאַר אים —

אָט זעסטו, קאַריערעס, טיטולן, דיפּלאָמען,
ביזנעס — דאָס אַכטן מיר, וואָס דאַרפט ניט זאָג!
מען קען מיט דעם קנאַקן, מען קען מיט דעם גלענצן
און לעבן דערצו אויך אַ גוטן טאָג!

ווענדט ער זיך דעמאָלט צו דער מוזע:

פיר מיך צו מיינע אַלטע קאַמעראַדן!
פיר דעם פאַרוואונדיקטן אינוואַליד,
אפשר וועלן זיינע טרערן און וואונדן
דערוועקן אין זיי אַ נייעם געמיט״.

און ווען דער קראַנקער דיכטער זעט, אַז „זיי, די אַמאָליקע דענקער און קעמפער, זיי שלאָפן, זיי שנאָרכן, עס גייט זיי ניט אָן״ דער „בלור־טיקער קאַמף״ — שטראָפט ער זיי פאַר פאַרראַטן דאָס שליחות פון דער „קריטיש־טראַכטנדיקער פערזענלעכקייט״:

זיי זיינען ניט לאַנג נאָך אַלס וואָרהייט־פּראָפעטן
געשטאַנען פאַר אונדז אויף דער פרייהייטס־טריבון,
און איצט, ווי פאַררעטער, ווי פייגלינגען שוואַכע,
באַהאַלטן זיי זיך פון דער ליכטיקער זון.

(„דאָס צייטליד״)

ליריקער און טריבון

אין אַמעריקע האָט עדעלשטאַט שאַרף באַגריפֿן אַ וויכטיקן פּרט: עס איז ניט גענוג צו ווערן בלויז באַנעמען דעם „באַקעטן אמת". בלויז רעדן וועגן סאָציאַלע סענטימענטן, ווי ער האָט אויסגעדריקט אין טייל רוסישע לידער זיינע, וועט ניט העלפֿן באַפֿרייען „דאָס שמאַכטנדע פֿאָלק". ער האָט אונטערדריקט אין זיך דעם געבענטשטן ליריקער, ער האָט אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון טריבון. און ער וואַרפֿט זיך אַריין אין דער אַרבעטער-באַוועגונג מיט לייב און לעבן. עדעלשטאַט ווערט איינס מיט דער גרויסער אימיגראַנטישער אַרבעטער מאַסע. ער פֿאַרווירקלעכט אין לעבן דאָס הייליקע געבאָט פֿון די „נאַראָדניקעס" וועגן דעם גרויסן און וויכטיקן אויפֿטו, וואָס יעדער איינצלנער קרבן קען ברענגען פֿאַרן וואוילזיין פֿון פֿאָלק.

נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט אין זיין פּאָעטישער אַנטוויקלונג האָט אַריינגעטראָגן „שטורעם" אין זיין פּאָעזיע. דאָס איז געווען דער אַנאַרכיזם. נאָך דער „היימאַרקעט-טראַגעדיע" ווערט ער אַן אַקטיווער פֿירנדיקער כוח אין דער יידיש-אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. זיינע לידער אין יענעם פּעריאָד ברענגען צום אויסדרוק די טענדענצן פֿון אָט-דער באַוועגונג. דער אַנאַרכיזם האָט געהאַט אין זיך פֿייערלעכן ראַדיקאַליזם און פֿאַרהייליקטן אידעאַליזם. ער איז געווען אַן עמאָציאָנעל-אָנגעגליטער, אַ קאָנסעקווענטער, אַ דירעקטער רוף צו „דעם שטורעמדיקן קאַמף", צו דער „געוואַלדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע", צום „גרויסן אַלוועלטלעכן סטרייק", „דעם לעצטן סטרייק אונטער דער רויטער פֿאָן". מיליטאַנטיש און אָטעם-פֿאַרכאַפּנדיק איז געווען זיין רוף. דאָך איז דער אַנאַרכיזם שטענדיק געווען עטיש. ער האָט פֿאַרגעטערט שיינקייט און דערבראַכט די וויזיע וועגן דער הערלעכער צוקונפֿט צו אַן אַפּאָטעאָז. פֿאַר עדעלשטאַטן, דעם עמאָציאָנעל-אָנגעשטרענגטן יונגן דיכטער, דעם ניט-געצאַמטן ליריקער, איז אַזאַ באַטאָנונג געווען אַ מעכטיקער אַקאָרד. דאָ האָט ער זיך געפֿונען, און דאָ האָט ער זיך געקענט פֿריי באַוועגן.

ווען עדעלשטאַט הייבט אָן שרייבן יידיש, אינגאַנצן פֿיר יאָר פֿאַר זיין טויט, באַקענט ער זיך מיט ווינטשעווסקיס נויטלידער און קאַמפֿלידער. אונטער דער דאָזיקער נייער השפּעה שרייבט עדעלשטאַט זיינע גליענדיקע קאַמפֿלידער און די חשבות-מאָטיוון פֿון אָרעמען לעבן. זיינע

בעסטע נויטלידער און קאַמפּלידער שרייבט ער אונטער דער פרישער השפּעה פון דער נייער מיסיע. אָבער דער באַוואוסטזיניקער טריבון האָט געצוואונגען זיין ליד צו ווערן באַדינעריש, אוטיליטאַריש. אונ־טערן דרוק פון „פליכט צום פאָלק" האָט עדעלשטאַט ניט געטראַכט און ניט געקענט טראַכטן וועגן פּאָעזיע ווי קונסט. אַזוינאָך האָט ער איגנאָרירט די קינסטלערישע זייט פון אַ ווערק און דערמיט גענידערט דעם ווערט פון ווערק. ער איז געווען טיף דורכגענומען מיט אַן איין און איינציקן דראַנג. דער דראַנג איז געווען — אַנטוויקלען געדאַנקען דורך דעם לידס אינהאַלט. עדעלשטאַט האָט דעריבער ניט געקענט באַמערקן ווי אַזוי ער, דער ליריקער, ווען ער ווערט אַ טריבון, פאַר־לירט ער איינע פון זיינע פּאָעטישסטע אייגנשאַפטן — טראַכטן אין בילדער. און עדעלשטאַט האָט אָנגעהויבן טראַכטן אין באַגריפן, אין קאָנצעפּציעס. און וואָס מער דער פּאָעט־אַגיטאַטאָר האָט געזוכט באַ־קליידן זיינע קאָנצעפּציעס אין פּאָעטישע ווערטער, אַלץ מער זיינען די ווערטער געוואָרן פול מיט פּובליציסטישן עלעמענט. דאָס האָט פאַר־וואַנדלט אַ סך לידער אין קלישייען, אין טראַפּארעטן. פּאָעזיע מיינט — טראַכטן אין בילדער. פּאָעזיע איז אַ קונסט — פון וואָרט. אַזוינאָך האָט דער פּראָלעטאַריער־דיכטער — מיט זיין „פליכט צום פאָלק" — גענידערט די קוואַליטעט פון זיין ליריש ליד. ער האָט פאַרוואָרלאָזט דעם אינעווייניקסטן ווערט פון וואָרט. עדעלשטאַט האָט אַ זכות. אָבער דאָס פאַרבעסערט ניט אַ סך „פליכט"־לידער זיינע. דער זכות איז באמת אַ רירנדיקער. מיר געפינען אים אין זיין הקדמה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר דער ערשטער אויסגאַבע פון זיינע לידער. מיר לייענען דאָרט (אין מרמרס שטודיע):

(מיינע לידער) זיינען געבוירן ניט אין אַ בלומענגאָרטן. איך האָב זיי צום ערשטן מאָל דערפילט אין האַרצן, אין פינצטערן קערקער פון לוין־שקלאַפעריי און זיי נידער־געשריבן אין מיין געדעכטניס מיט די גליענדע טרערן פון די בלאַסע נידערגעזונקענע קנעכט, וועלכע זיינען געזעסן אַרום מיר. מיין מוזע איז אַ פּראָלעטאַריער־מוזע. איר קלייד איז ניט געצירט מיט בלומען און דיאַמאַנטן. איר געזיכט איז בלאַס, אירע אויגן פייכט פון טרערן, אירע באָרוועסע פיס צעבלוטיקט פון גיפטיקע דערנער, וועלכע זי האָט צופיל באַגעגנט אויף איר וועג.

מיינע לידער זיינען געווידמעט אויסשליסלעך דעם אַרבעטער־פּראָלעטאַריאַט. דער מענטש, וועלכער זוכט אין פּאָעזיע די הייליקע האַרפע פון אַ האָמער, די קלאַסישע שיינהייט פון אַ דאַנטע, מעג מיינע לידער ניט לעזן: ער וועט אין זיי ניט געפינען די

עלעגאַנטע קינעט (באַוועגונג — נ. ב. מ.); מיינע לידער וואַרן געבאָרן ניט אין אַ בלומען־גאָרטן, אויך ניט אין די רייכע קאַבינעטן פון אַ טעניסאָן. זיי זיינען געבאָרן אין דער פינצטערער וועלט פון שקלאַפעריי. זיי האָט געשריבן אַ שקלאַף, וועלכער האָט גענומען זיינע באַגייסטערונגען אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי.

אין זיין ליד „צו דער מוזע", באַרירט ער דעם זעלביקן געדאַנק:

פון זיסע לידער, געשליפענע גראַמען
האָב איך קיינמאָל געוואוסט;
די וועלט מיט אירע בלוטיקע דראַמען
צרייסט אויף שטיקער מיין ברוסט.

אין זיינע „אַנמערקונגען און עקסקורסיעס" צו זיין עדעלשטאַט־ביאָגראַפיע, ברענגט קלמן מרמר די ווייטערדיקע עדעלשטאַטס ווער־טער:

ווי קאָן מען טראַכטן וועגן גלאַטיקער פאָרם און קלינגענדיקן גראַם, אַז ס'דער־טראָגט זיך צו מיר דאָס טראַגישע לוויה־ליד אָן ווערטער, אָן קלאַנגען, נאָר פול מיט עלנט און טרערן" (פון עדעלשטאַטס „טאָג־בוך", יאַנואַר 1889). „ווען אַ פריינד האָט אים אויפגעוואָרפן פעלערן אין זיין גראַם, האָט דוד עדעלשטאַט געענטפערט מיט אַ שטאַרקן צאָרן: „ווי שעמט איר זיך ניט ווענדן אויפמערקזאַמקייט אויף גראַם, ווען די אַרבעטער שטאַרבן מאַסנווייז פון טשאַכאַטקע אין די אוממענטשלעכע פאַרדומפּענע פאַבריקן! צי דענקט איר אַז איך קען זיצן גלייכגילטיק און שניצן פיגורן מיט אַ מעסערל? איך שרייב ניט פאַר אינטעליגענטן, איך בעט ניט קיין מיטלייד ביי די בלוט־זויגער, איך שרייב פאַר אַרבעטער, און מיט זייער געוויין האַק איך — מיט דער האַק!" (אַרקאַדי טעלסאָן, אין אַ בריוו צו מרמרן, דעם 10טן אַפּריל, 1934).

עדעלשטאַטס רוף צו די יידישע שריפטשטעלער איז געווען:

זייט פאַרן פאָלק — ליכטיקע שטערן
אין דער פינצטערער שקלאַפן־נאַכט
באַלייכט זיינע קייטן, וואונדן און טרערן,
דערוועקט אין אים האָפנונג און מאַכט!

פלאַנצט אין זיין האַרצן פרייע געדאַנקען
פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט
און די גאָלדענע צוקונפט וועט אייך באַדאַנקען
מיט דעם קראַנץ פון אומשטערבלעכקייט!

(„צו די יידישע שריפטשטעלער")

רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק און עטישער ליריזם

דער טריבון עדעלשטאַט האָט באַרעכטיקט זיין בליק, אי אויף דעם פּאָעטס מיסיע, אי אויף זיין „מענטשלעכער פליכט" בנוגע דעם אַרבעטער. אָבער יענע לידער זיינע, די דערוויטערטע פון עדעלשטאַטס ריינעם לירישן מקור, זיינען ניט געוואָרן בעסער מחמת זייער אַגיטאַציע-שליחות. אָט פון יענע לידער האָט מען געהאַלטן אין איין נעמען ציטאַטן, ווי דאָס האָט געטאָן זישאָ לאַנדוי, כדי צו באַווייזן די „טאַלאַנטלאָזיקייט" פון עדעלשטאַטס פּאָעזיע. נאַטירלעך און באַרעכטיקט איז געווען די רעאַקציע מצד די „יונגע". דאָס וויכטיקסטע אין ליד איז פאַר זיי געווען דער עסטעטישער עלעמענט. דאָס איז געווען אַ באַרעכטיקטער פּראָטעסט. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט קינסטלערישע פּאָדערונגען קעגן דער אַלץ-פאַרכאַפּנדיקער ניצלעכקייט, אוטיליטאַרישקייט. און ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט איין עקסטרעם געבוירן דעם צווייטן. צוליב עדעלשטאַטס טראַפּאַרעטישע „פליכט"-לידער האָט מען פאַרזען עדעלשטאַטן, דעם יונגן ליריקער. נאָכמער — מען האָט פאַרזען יענעם אָריגינעלן און וויכטיקן פּאָעט, וואָס האָט געקענט אָנגליען זיינע רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון מיט לירישן פייער. אין דעם איז עדעלשטאַט געווען אין זיין עלעמענט. דאָ האָט ער געשאַפן פּאָעטישע ווערטן. זיי זיינען געווען און פאַרבליבן ווי אַ גאָר וויכטיקער בייטראָג צום יידישן ליד.

עדעלשטאַטס פּאָעטישע ווערטן דערפילט מען אַפילו אין זיינע טרויעריקע, אומהיימלעך-נאַטירלעכע ריטמען. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיינע בויטלידער, למשל, „אַן אַלטע געשיכטע" („איך האָב זי באַמערקט ביי אַ גאַז-לאַמטערן, זי איז געווען אַ יאָר זיבעצן אַלט"...), „דער קוילנגרעבער", („ווען איר וואַרעמט זיך, ברידער, ביים פרייַלעכן פייער..."), „דער קינדער-מערדער" („אין אַ קאַלטער, פינצטערער ווינטערנאַכט, איז אין הויז צום דאָקטאָר גראַן..."). נאָכמער דערפילט מען זיי אין זיינע שיינע עלעגישע לידער, למשל, „אין מעמאָריאַם" (צום אָנדענק פון ק. גאַלאָפּ), „פון אַלבערט פּאַרסאָנס לידער", „בלומען און שטערן", „צו אַ פריינד", „מיין טרוים". די דאָזיקע לידער וואָלטן נאָך מער געוואונען אין זייער שיינקייט ווען מען זאָל אַרויסלאָזן דאָ און דאָרט עטלעכע קלישע-סטראָפעס, וואָס שטערן דעם אַלגעמיינעם לירישן טאָן.

אין אַזעלכע לידער, ווי אַ שטייגער „דער אומגליק" האָט ער

זיך דערהייבן צו גאָר אַ גרויסער פּאָעטישער הייך. אַזאַ ליד קען מען פאַררעכענען פאַר איינס פון די שענסטע לידער אין דער יידישער לירישער פּאָעזיע. מיטן אויסנאַם פון אַ וואָסערע דריי־פיר שורות, וואָס געהערן נאָדסאָנען, איז דאָס ליד באמת אָריגינעל. דאָס ליד שטייט אַ סך העכער פון נאָדסאָנס „ניעט, מוזאַ, ניע זאָווי!...” דער הויכער מיסטעריע־טאָן, די מערקווירדיקע סימבאָלן פאַרוואַנדלען עס אין אַן אומפאַרגעסלעך ליד:

אַ, מוזע, רוף מיך ניט! מיט דיינע צויבער־פינגער,
וועק ניט די סטרונעס פון מיין קראַנקן האַרץ!
פאַרמשפּט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער
צו ענדע איז דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ!

זיין וועג געווען איז שווער, ער האָט אויף אים באַגעגנט
דערנער, שטיינער, הונגער, נויט און קעלט;
עס האָט געבליצט געדונערט און גערעגנט —
און ער האָט אָפּדאַכלאָז געוואַנדערט אויף דער וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט אָן אין זיין לעבנס־קאַמער
ער זאָגט: צו ענדע איז דיין אַרבעטסטאָג!
פאַרלעש דיין פייער, לייג אַוועק דיין האַמער!
קום! דו הערסט?... עס קלינגט דער אָונטגלאָק!

עס קלינגט דער אָונטגלאָק! יאָ, איך הער אים קלינגען,
מיין טויט, מיין אורטייל הער איך אין זיין קלאַנג,
און לעבן ווילט זיך... סווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפן קעגן יעדן שקלאַפן־צוואַנג.

איך וואָלט געוואָלט, אַ, פאָלק! דיין רויטן זעגל
נאָך מאַכן רויטער מיט מיין האַרצן־בלוט...
און ווי אַ לייב מיט זיינע שאַרפע נעגל
דיין פיינט באַקעמפן שטאָלץ, מיט העלדן־מוט!

דאָך וואָס נוצן איצט די הייליקסטע פאַרלאַנגען!
צו ענדע איז מיין לעבנס שטורעמטאָג! —
צו ענדע — טרוימען, טרערן און געזאַנגען,
עס רופט דער טויט, עס שלאָגט דער אָונטגלאָק!

יעדן מאָל ווען עדעלשטאַטס לירישע סטיכיע האָט זיך צונויפגעשמאָלצן מיטן רעוואָלוציאָנערן מאָטיוו, האָט זיך זיין ליד אַנטפּלעקט אין אַ הויכן ראָמאַנטישן פּאַטאָס. אַזאַ פּאַטאָס איז פריער פאַר אים ניט געווען אין דער יידישער פּאָעזיע. אַזאַ פּאַטאָס האָט זיך אויך שפּעטער ניט באַוויזן אין אַזאַ קראַפט און אַזאַ ליכט. און אין פייער פון אָפּגרונטיקער אמונה און ליידן, ווי אַן אַפּאָטעאָז, האָט דער פּאַטאָס אַנגענומען דאָס אויסזען ווי אַ טראַגישע דערהייבונג. אין אָט־דעם פאַרצווייפלטן ליריזם שאַפט ער „מיין צוואה" („אָ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן"), „מיין לעצטע האָפענונג" („אין שטורעם, אין קאַמף איז מיין יוגנט פאַרשוואונדן"), „אין קאַמף" („מיר ווערן געהאַסט און געטריבן") און אַ גרויסע צאָל אַנדערע לידער, די בעסטע צווישן זיינע וועקלידער און רופלידער. אין דעם זעלביקן סטיל שאַפט ער זיינע באַרימטע ווענדונגען, פּאָעטישע פיגורן און טיף־רמזדיקע זשעסטן, מיט זיי עפענען זיך על־פּי־רוב די ערשטע אַקאָרדן פון זיינע לידער:

ווען איך וואַנדער אַליין אין די פינצטערע גאַסן,
ווען איך הער זיך איין אין שטורעמווינט...

⁂

האַלט־הויך די פאָן דער ליטעראַטור,
איר טעמפּל — הייליק און פריי...

⁂

פאַראַגנען פינצטערע מינוטן ; —
פאַרגיפטעט איז דער לעבנס־כוס...

⁂

יונגער קעמפער, אין פרייהייט־קריג
האַלט פעסט די פאָן פון דער וואַרהייט
אין שטורעם, אין קאַמף איז מיין יוגנט פאַרשוואונדן

⁂

רואיק און שטאָלץ, ווי דער גרויסער סאָקראַט,
איז ער אויף דעם גאַלגאַן געשטאַנען...

⁂

ער שטייט פאַר מיר אין אַ שטראָם פון ליכט
אויף דער וועלטס פאַרבלוטיקטער בינע...

⁂

עס פלאַטערן ווידער די בלוט־רויטע פאַנען!
עס קלינגט דער פרייהייטס הייליקע שטים...

⁂

צעוואָרפן די גלענצנדע לאָקן,
מיט מעכטיקער שווערד אין דער האַנט,
האָט זי געקעמפט אומדערשראָקן
קעגן דער שקלאַפנשאַנד...

⁂

אָ, וועלט! טו אָן אַ שוואַרצע קלייד,
און זאָלן קלינגען די גלאָקן...

⁂

ער איז, ווי אַ מעכטיקער אייכנבוים,
געשטאַנען אין שטורעמווינט!
די פאָלקס־טריבונע געווען אין זיין היים,
דאָס פאָלק — זיין ליבלינג, זיין קינד!

צום שטאַרקסטן צייכענען זיך אויס זיינע לידער וועגן רעוואָלו־ציאָנערע העלדן. דער טאָן איז אַ באַגייסטערטער און אַ פאַרצווייפלטער. דאָס הערט מען אין אַזעלכע לידער ווי „אויגוסט שפיז", „לואיס לינג", „אַלבערט פאַרסאָנס" (די שיקאַגער אַנאַרכיסטן־מאַרטירער), „דזשאָן בראַון", „לואיזע מישעל". צו דער זעלביקער גרופּע געהערט „סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ":

דאָס איז געווען אַ פרוי! זעלטן זיינען פרויען
אַזוי בראַוו און נאָבל, אַזוי גייסטיק וואונדערשיין.
זי איז געווען באַרופן דעם פרייהייטס־טעמפל בויען,
און מיט איר בלוט האָט זי געפאַרבט זיין שטיין!
דאָס איז געווען אַ פרוי! דרייסטער פון אַ מאַן
האָט זי געקעמפט פאַר פרייהייט און פאַר רעכט!
זי האָט געגרייט דעם טויט פאַר דעם טיראַן
און האָט געריסן קייטן פון די קנעכט!

— — — — — — — — — — — — — — — —

זי שוועבט פאַר מיר, די פרוי די וואונדערשיינע
באַצויבערנדע, אַנטשלאָסן, מילד און דרייסט,
און זי פילט אָן מיין האַרץ מיט פערל ריינע,
און באַפליגלט מיין פאַרשקלאַפטן גייסט!

איך הער איר שטים: „עס שרעקט מיך ניט דאָס הענגען,
אָ, ליבע מוטער! מיט מיין טויט אַצינד
וועל איך דער פרייהייט מערער נוצן ברענגען
ווי מיט מיין לעבן! פאַרגיב דיין אָרעם קינד!"

אָ, זיסע ווערטער! אָ, הייליקע געזיכט!
זאָל יעדער מענטש דיך אין זיין האַרץ פאַרשליסן
און, ווי די פרילינגזון, וועסטו זיין וועג באַגיסן
מיט בלומענדופט און וואונדערלעכן ליכט!

עדעלשטאַט איז זייער אינטענסיוו אין זיין עטישן ליריזם. ס'איז כדאַי זיך באַקענען דערמיט גענוי. ערשט דעמאָלט דערזעט מען, פאַר־וואָס די נעקראַסאָוו־נאַדסאָנישע השפּעות זיינען ניט געווען אָרגאַניש אין אים. נעקראַסאָוו איז געווען צו רעאַליסטיש. ס'האָט אים געפעלט פּאַטאָס, דער אַזוי־גערופענער „ראָמאַנטישער פּאַטאָס". ער האָט ניט פאַרמאָגט יענעם ליריזם, וואָס צערודערט דאָס געמיט. נאַדסאָן, ווידער, האָט געהאַט אין זיינע לידער אַ מין דעפּיטיזם, אַ לירישע גע־פאַלנקייט. נאַדסאָן זינגט:

Я разве жил?... Не так живут!
Я спал, — и все позорно спали...

כ'האָב דען געלעבט? מען לעבט ניט אָט אַזוי?
איך בין געשלאָפן, געשלאָפן זיינען אַלע שענדלעך.

אָדער:

Тас томит безверье и грызет тоска...

ס'מאַטערט אונדז דאָס אומגלויבן, און טרויער גריזשעט אונדז...

דער ווייס־אָנגעגליטער ליריזם האָט אינגאַנצן געפעלט ביי נאַד־סאָנען. עדעלשטאַט האָט אָבער, אַחוץ ליריזם, פאַרמאָגט יענע פאַר־

צערנדיקע קאַמף־גרייטקייט, יענעם מסירת־נפש, וואָס האָט געקוואָלט פון אַ טראַגישן און עקזאַלטירטן קעמפער.

אין דער יידישער פּאָעזיע קען זיך נאָך ווידער אומקערן דער אינדיווידואַליזם און די ראָמאַנטיק פון די „יונגע". עס קען טרעפן, — די נייע ראָמאַנטיקער זאָלן ציען זייער יניקה פון „סאָציאַלע וואָרצלען". צווישן די ערשטע יידישע פּאָעטן וועלן זיי ניט געפינען אַ בעסערן מוסטער פון „רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק", ווי דאָס איז געווען עדעלשטאַט.

עדעלשטאַט האָט גרויסע פאַרדינסטן ווי דער פּאָעט פון זיין דור און קלאַס. ער האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן ליד. ער איז געווען צווישן די ערשטע צו נעמען סאָציאַלע מאָטיוון און זיי פּערזאָניפיצירן אין נאַטור־בילדער, אין העלדן און אין האַנדלונגען. ער האָט דורך דעם געשאַפן אַלעגאָריע, צומאָל סימבאָלן און פאַנאַנדערגעוויקלטע מעטאַפאָרעס. אָבער ריין־קינסטלעריש רירט אונדז ביז היינטיקן טאָג זיין רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס. אויף אונדז ווירקט זיין סאָציאַלע מיסטעריע, זיין סאָציאַלער מיסטעריע־ראָמאַנטיזם. מען דאַרף אָפּוואַרפן פון עדעלשטאַטס ליד די טריבונע־שאַבלאָנען, זיינע „פליכט"־לידער און סטראָפעס. דעמאָלט דערזעען מיר גרויסע ווערטן אין זיין ליריזם און פּאַטעטישקייט, אין זיין גלוטיקן אידעאַליזם און אין זיין פּאַטאַלן פּאַטאָס. דאָס זיינען גרויסע ווערטן. זיי זיינען גרויסע פּאָעטישע דערגרייכונגען. און זיי שטימען מיט דער לעגענדאַרישער פּאָעטישער געשטאַלט — דוד עדעלשטאַט.

יוסף באָווּשאָווער



1915 — 1872

יוסף באָוושאָווער

צווישן די נעמען פון די מייסטערס

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאָעטן, אין די 80־ער און 90־ער יאָרן, זיינען געווען גרויס אין צאָל. זיי האָבן געהאַט זייער אַ שטאַרקע השפּעה אויף זייער סביבה. מחמת דעם האָט מען אַפילו ניט באַמערקט אַן אַנדער ביי־שטראָם — אַ יידיש־ נאַציאָנאַלן. איז אין ליטעראַרישן זכרון געבליבן אַ בילד וועגן די 80־ער און 90־ער יאָרן ווי וועגן אַן אויסשליסלעך רעוואָלוציאָנער־אַרבעטער תקופה.

אָבער אַ מאָדנע זאַך איז געשען מיט יענער תקופה. ווי נאָר זי איז געוואָרן געשיכטע, זיינען אין אונדזער ליטעראַרישן זכרון פאַרבליבן געשטאַלטן בלויז פון עטלעכע פּאָעטן — ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט און באָוושאָווער.

ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, עדעלשטאַט געהערן צו די 80ער יאָרן. זיי זיינען דעמאָלט אויפגעקומען. און זייער השפּעה איז געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק אויף די שפּעטערדיקע פּאָעטן, די פּאָעטן אין די 90־ער יאָרן. באָוושאָווער געהערט ניט צו דער ווינטשעווסקי־ראָזענפעלד־עדעלשטאַט גרופּע — ניט כראָנאָלאָגיש, ניט קינסטלעריש. דאָך — ווען נאָר מען רעדט וועגן יענער תקופה, רעדט מען שטענדיק אַרויס זיין נאָמען צוזאַמען מיט זייערע נעמען. דאָס איז גאַנץ מערקווירדיק.

ווען באָוושאָווער האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע לידער איז ער געווען ווייניק־וואָס באַקאַנט. זיינע ערשטע זעקס לידער, אונטערן פּסעוודאָנים מ. טורבאָוו, האָבן, קאָנטיק, קיין באַזונדערן איינדרוק ניט געמאַכט. זיי זיינען געווען געדרוקט ביז דעם 16־טן סעפּטעמבער, 1892. חוץ ווינטשעווסקין, ראָזענפעלד, און עדעלשטאַטן, זיינען צווישן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאָעטן אַנדערע נעמען געווען מער באַקאַנט — נחום מ. באַבאַד, בנימין ראָזענבלום, י. ש. פּרענאַוויץ, יצחק זיילין און אַ סך אַנדערע. ביים עדעלשטאַט־טרויער־אָוונט אין ניו־יאָרק, אין טאָג פון עדעלשטאַטס טויט, דעם 17־טן אָקטאָבער, 1892, האָט מען פאַרגעלייענט נחום מ. באַבאַדס אַ ליד וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם פּאָעט־מאַרטירער און ניט באָוושאָווערס באַרימט עדעל־

שטאַט־ליד. אויך באָװשאָװער האָט אָנגעשריבן זיין עדעלשטאַט־ליד אין טאָג פון עדעלשטאַטס טויט.

בכלל האָט מען די דיכטער אין יענער תקופה זייער גוט געקענט. אין ראַדיקאַלע קרייזן זיינען זיי געװען הויך אָנערקענט. באָװשאָװערס אָנערקענונג איז געקומען זייער שפּעט. געדערכט איז קלמן מרמר — „להיפוך צו די רעװאָלוציאָנערע דיכטער פון די 80־ער יאָרן װערט באָװשאָװער פולקאָם אָנערקענט ערשט דעמאָלט, װען זיין געזאַנג הערט אויף". (קלמן מרמר: יוסף באָװשאָװער, יאָרבוך פון אַמאָפּטייל, ב. 2, ייװאָ, אַמעריקאַנער אָפּטייל, 1939). די סיבה איז געלעגן אין זיין ספּעציפישער פּאָעטישער אַנטװיקלונג, װי אויך אין זיינע ספּעציפישע פּאָעטישע נייגונגען. זיי זיינען געװען ניי און איבּגאַנצן אַנדערש, װי די אַנטװיקלונג און נייגונגען ביי זיינע פאָרגייער. דאָך איז זיין נאָמען געבליבן צװישן די מייסטערס פון סאָציאַלן ליד אין אַמעריקע.

זיין לעבנסװעג

װעגן באָװשאָװערס לעבן אין אַמעריקע האָבן מיר געװיסע ידיעות. װעגן זיין קינדהייט װייסן מיר כמעט גאָרניט. די גרינטלעכסטע ביאָ־ביבליאָגראַפישע שטודיע װעגן באָװשאָװערן איז קלמן מרמרס פריער־דערמאָנטע אַרבעט.

אין זיינע ביאָגראַפישע ידיעות — בלויז די ביאָגראַפישע — איז מרמר זיך סומך אויף עטלעכע מקורים. זיי זיינען: דר. מיכאל קאַהנס אַריינפיר צו באָװשאָװערס „געזאַמלטע שריפטן", ניו־יאָרק, 1911; אַלעקסאַנדער האַרקאַװיס „יידיש־אַמעריקאַנער פאָלקס־קאַלענדאַר", 1899־1900; פּרוי מאַיסעיעװס און ל. מאַיסעיעװס (לעאָנטיעװס) מינדלעכע מיטטיילונגען; און דער ספּעציעלער באָװשאָװער־נומער „פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 3־טן יאַנואַר, 1936, באַזונדערס — מייזלס און רודאשעס דערינערונגען.

מען קען כמעט גאָרניט צוגעבן צו מרמרס ידיעות. דאָך איז װיכטיק איבערגעבן פּרטים װעגן באָװשאָװערס לעבן. אפשר װעלן זיי קלאָר מאַכן עטלעכע שטריכן אין זיין פּאָעזיע.

באָװשאָװער איז געבוירן געװאָרן ערב יום־כּיפּור, דעם 11־טן אָקטאָבער, 1872, אין ליובאַװיטש, מאָליװער גובערניע, װייס־רוסלאַנד. מיכאל קאַהן שרייבט אין זיין אַריינפיר: „שטאַמען שטאַמט ער

פון אַ זייער פיינער משפחה: חזנים און לומדים פון דער מוטערס צד, און סוחרים פון פאָטערס צד. דער פאָטער גופא איז געווען אַ גרויסער למדן; אַן אמתער פרומער ייד, טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן, ניט קיין עיט צבוע, און באַזונדער אַלס בעל טובה און בעל צדקה, אָבער אַ גרויסער פאַנאַטיקער.״

באָושאָווער האָט געקראָגן אַ שטרענג־טראַדיציאָנעלע דערציִונג אין חדר און ביים פאָטער. קיין חשק צום לערנען האָט ער ניט אַרויסגעוויזן. געחלומט האָט דער פאָטער, דער זון וועט ווערן אַ רב. אָבער דער חלום איז שנעל צערונען. צו פערצן יאָר איז שוין באָושאָווער אַוועק פון דער היים. אַרום פיר יאָר האָט באָושאָווער געלעבט אין ריגע. דאָרטן האָט אים געטראָפן מאַקס נ. מייזל, שפּעטער דער באַוואוסטער ניו־יאָרקער אַנאַרכיסט, פאַרלעגער און בוכהענדלער.

זייער אָפט איז ער געווען אָנגעוויזן אויף דער הילף פון חברים און פריינט. זיינע באַקאַנטע אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן האָבן אים זייער ליב געהאַט. זיי האָבן אַ סך געהאַלטן פון אים, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען ממש קינדעריש־עקצענטריש און ניט פאַראַנטוואָרטלעך. אַן אמתער באָהעמער. מער ווי אַלץ האָט ער געליטן פון גרויסקייט־מאַניע. ער האָט גערעדט וועגן זיך אין די העכסטע טערמינען און ער האָט געגלויבט אין דעם.

וואָס וויַיטער אַלץ מאָדנער איז געוואָרן זיין הילוך און אויפפיר. אין די שפּעטע 90־ער יאָרן האָט זיך אפילו זיין אויסזען שטאַרק געביטן. דר. מיכאל קאָהן דערציילט ווי באָושאָווער איז געווען „גלייך און שיין געוואַקסן, געזונט ווי אַ יונגער בוים״. ער האָט פאַרמאָגט אַן „אייזערנעם קערפּער־געבוי״. „זיין גאַנצע געשטאַלט איז געווען אַזוי אינדיווידועל, אַזוי זאָנדערבאַר אָנציענד, ווי זיין איידעלע נשמה, זיין גרויס האַרץ, און שפּעטער זיין ערהאבענע דיכטונג גופא״. אַזוי האָט ער אויסגעזען אָנהייב 90־ער יאָרן.

אָבער סוף 90־ער יאָרן האָט ער שוין אויסגעזען גאָר אַנדערש: „דער לינקער אַקסל שטאַרק אַראָפּגעלאָזן, דער רעכטער אומנאַטירלעך הויך: דער קאָפּ אַריינגעצויגן אין די פּלייצעס, דאָס פּנים בלאָס, די קליידער פאַרלאָזן״. „מענטשן פלעגן אים . . . שוין נאָכקוקן אין גאַס״. דער סוף איז געווען זייער אַ טרויעריקער.

אין זיין זכרונות־אַרטיקל אין דעם פריער־דערמאָנטן באָושאָווער־נומער „פרייע אַרבעטער שטימע״ שרייבט מייזל: „צום ערשטן מאָל

האָב איך באַוושאָווערן געטראָפן אין ריגע, אין 1888. ער האָט דאַן גע־מוזט אַלט זיין אַ יאָר זעכצן און האָט געדינט אַלס שיק־ייִנגל אין אַ גרויס מעל־געשעפט. דער שיינער קאָפּ שוואַרצע, געגרייזלטע האָר האָט זיך בולטער אַרויסגעזען פון די מיט מעל־באַשאָטענע אָרעמע קליידער, און דער שווערער קאָשיק מיט מעל־זעקלעך האָט דאָך ניט אָוועקגענומען דעם ליבן קינדערשן שמייכל פון זיין געזיכט.״

קיין אַמעריקע איז באַוושאָווער געקומען אין אָקטאָבער, 1891. געקומען איז ער צו זיינע עלטערע ברידער. אין אַמעריקע איז ער גע־וואָרן אַן אַרבעטער ביי פּוטער. ער האָט גיך פאַרלאָרן זיין שטעלע. אים איז גאָר געלעגן אין קאָפּ פאַרצולייענען זיינע לידער ביי דער אַר־בעט. ער האָט שפּעטער געאַרבעט אין שפּייז־געוועלבער. אַ ברודער קויפט אים נאָכרעם אַזאַ שפּייז־קראָם. האָט חברה „פאַרהוליעט״ די קראָם. באַוושאָווער האָט אַלץ צעטיילט זיינע גוטע פריינט און חברים. האַלטן זיך אויף אַ שטעלע — דאָס איז געווען אוממעגלעך.

ער איז אויך ניט געווען פּינקטלעך, ווען ער האָט זיך פאַרנומען מיט געבן לעקציעס אין דייטש. ער איז קיינמאָל ניט געקומען צו דער צייט. אים איז אויסגעקומען פאַרברענגען אין ניו־הייווען. דאָרטן איז ער יעדע פרייע רגע אָפּגעזעסן אין דער ביבליאָטעק פון באַרימטן יעיל־אוניווערסיטעט. געלייענט האָט ער דאָרט די ענגלישע קלאַסיקער־פּאָעטן. דאָרטן האָט ער זיך אויך באַקענט מיט די וויכטיקסטע ווערק פון די דעמאָלטיקע ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָעטן.

צופעליקע פּרנסות האָבן אים צוגעשטעלט דאָס ביסעלע חיונה. אים איז אויסגעקומען אַכטונג געבן אויף אַ קראָם עטלעכע שעה אַ טאָג, מיטיק־צייט אַרויסהעלפן אין אַ רעסטאָראַן. אַן אַנדערש מאָל האָט ער געהאָלפן פאַרנאַנדערטראָגן צייטונגען אין הייזער. פלעגט ער פלוצעם נעלם ווערן. ער האָט ליבערשט פאַרבראַכט שעהן נאָכאַנאַנד ביי דער שיינער אָזערע „לעיק וויטני״. דאָרטן האָט ער ליב געהאַט חלומען. שפּעטער האָט ער זיך געמאַטערט אין ניו־יאָרק, זיך געמיט פאַרדינען פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע אַרבעטן.

ער האָט אָפּגעפינצטערט אַן ערך 15 יאָר אין „האַדסאָן ריווער סטעיט האָספּיטאַל״, אין פּאָוקיפּסי, ניו־יאָרק. אין דעם דאָזיקן שפּי־טאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע איז ער געשטאָרבן דעם 20סטן דעצעמבער, 1915.

פאַרשיידענע טעאָריעס

קיין נייעס האָבן מיר דאָ ניט איבערגעגעבן וועגן באָושאָווערס לעבן. די וואָס ווילן וויסן נאָך מער פּרטים, דאַרפן לייענען דר. מיכאל קאָהנס הקדמה און קלמן מרמרס שטודיע. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די וויכטיקסטע געשעענישן אין זיין לעבן, וויל זיי וואַרפן אַ ליכט אויף זיין פּאָעזיע. צו די טיפערע וואָרצלען איז שווער צוקומען. מיר וויסן דאָך סוף־כל־סוף זייער ווייניק וועגן זיין קינדהייט. און דאָרטן ליגט דער שליסל צו אַ סך געהיימנישן. דעריבער בלייבן אונדז אַ סך זאַכן ווי פאַרבאָרגן.

וועגן באָושאָווער קראַנק ווערן זיינען פאַראַן דריי טעאָריעס: דר. מיכאל קאָהנס, א. רודאשעס און קלמן מרמרס.

באָושאָווער טראַגעדיע — גלויבט דר. קאָהן — האָט זיך אָנגעהויבן מיט בענדזשאַמין טאָקערס אָנערקענונג. בענדזשאַמין טאָקער איז געווען דער וויכטיקסטער פאַרשטייער פון אינדיווידואַליזם־אַנאַרכיזם אין אַמעריקע, אין זיין ענגלישן זשורנאַל „ליבערטי" („פרייהייט"), דעם 7טן מערץ, 1896, האָט ער אָפּגעדרוקט יוסף באָושאָווערס ענגליש ליד „טו דהי טאָילערס" (צו די אַרבעטנדיקע"). אין דעם זעלביקן נומער האָט טאָקער אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן אָפּרוף וועגן דעם נייעם דיכטער. ער האָט געגלויבט, ער האָט „אַנדעקט אויפן הימל אַ נייעם שטערן, אפשר פון דער ערשטער גרייס."

שרייבט וועגן דעם דר. קאָהן: „יאָ, יאָ, דאָס אומגליק איז געשען. שוין ניט אין זשעני־אַלער קאָפּ איז פאַרדרייט געוואָרן פון די צו שווערע לאָרבערקראַנצן, וואָס מען האָט אויף אים מיטאַמאָל און אומדערוואַרטעט אַרויפגעלייגט."

א. רודאשעס טעאָריע איז אַן אַנדערע. רודאש לייגט אַרויף די גאַנצע שולד אויף דער „מאַטעריעלער לאַגע". רודאש שרייבט אין זיין זכרונות־אַרטיקל: „באָושאָווער האָט געצווונגען ווערן מעלאַנכאָליש. אויך זיין מאַטעריעלער צושטאַנד איז געוואָרן אַלץ ערגער. ער פלעגט איבערזעצן פּיעסעס פאַר אַדלערן, אָבער פאַר זיין שווערער אַרבעט האָט ער געקראָגן אַזוי ווייניק באַצאָלט, אַז ער פלעגט אָפּט הונגערן. עס האָט אָנגעהויבן גיין מיט אים אַלץ ערגער און ערגער. ער איז געוואָרן אַלץ מער מעלאַנכאָליש, ביז ער איז סוף־כל־סוף אַריינגעפאַלן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע."

מרמרס טעאָריע איז ענלעך צו רודאשעס. מרמר האַלט: „עס איז ניטאָ קיין צווייפל, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו דער דיכטער מוז קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ דורך שווערער פיזישער אַרבעט (וואָס איז אויך אָפט ניט מעגלעך צו באַקומען), אָדער קליין־האַנדל און אַנדערע אַזוינע ניט־זיכערע און גייסט־פאַרצערנדיקע פּרנסות, האָט אַזאַ דיכטערישער טרוימער, ווי יוסף באָוושאָווער, ניט געקאָנט האָבן קיין אַנדער סוף.״

די אַלע דריי טעאָריעס באַטאָנען, אָן ספק, וויכטיקע מאָמענטן, וויכטיקע גורמים אין באָוושאָווערס אומגליקלעכער קראַנקייט. עס איז, אָבער, אַ גרויסער ספק צי זיי זיינען געווען גרונט־סיבות. די „פרייע אַרבעטער שטימע״ האָט ריכטיק באַמערקט: „זיין גייסטי־קע קראַנקייט האָט זיך אָנגעהויבן פיל פריער, איידער ער איז דער־קלערט געוואָרן פון דאָקטוירים פאַר וואַנזיניק. און ווער ווייס, אפשר, ווען מען וואָלט זיך געכאַפּט באַצייטנס און אָנגעווענדעט די בעסטע מיטלען צו באַרואיקן זיין אויפגעטרייסלטע נשמה, וואָלט מען נאָך גע־קאָנט אים ראַטעווען.״

אין די זייער מאָגערע ידיעות וועגן באָוושאָווערס קינדהייט זיי־נען פאַראַן עטלעכע וויכטיקע פּרטים. קיין באַשטימטע זאַכן דערקלערן זיי ניט. דאָך איז כדאי זיך אָפּשטעלן אויף זיי. זיי זיינען: דער פאָטער; און באָוושאָווערס שטענדיק אַנטרינען פון דער היים.

דר. מיכאל קאָהנס „י. באָוושאָווער, זיין לעבן און זיין שאַפן״ איז די ערשטע אויספירלעכע אַרבעט וועגן באָוושאָווערן. דאָס איז די הק־דמה צו באָוושאָווערס „געזאַמלטע שריפטן (פּאָעזיע און פּראָזע), וואָס די „פרייע אַרבעטער שטימע״ האָט אַרויסגעגעבן אין 1911. ווען דר. קאָהן האָט זיך געקליבן שרייבן די דאָזיקע אַרבעט האָט באָוושאָווערס ברודער, ס. באָוושאָווער, פון אָלבאַני, אים צוגעשטעלט געוויסע ידי־עות וועגן דעם פּאָעטס לעבן. זיינען פאַראַן אין דר. קאָהנס הקדמה צוויי וויכטיקע פּרטים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט באָוושאָווערס פאָ־טער. איין פּרט איז — דער פאָטער איז געווען „אַ גרויסער פאַנאַטי־קער״. דער צווייטער פּרט איז וועגן פּאָעטס עלטסטן ברודער. דר. קאָהן גיט איבער — „דער עלטסטער ברודער איז שוין לאַנג טויט.״

קיין גענויע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן פאַרשטאָרבענעם עלטערן ברודער גיט ער ניט אָן. ער ציטירט בלויז ס. באָוושאָווערס ווערטער:

דער עלטסטער ברודער איז געווען „אַ קרבן פֿון דער אַלטער פֿאַנאַ־טישער ערציאונג ביי יידן". די דערמאָנטע צוויי פּרטים האָבן, משמעות, ערגעץ־וואו אַ שייכות.

קלאָר איז, דער יונגסטער זון אין דער משפּחה, אונדזער באָוושאָווער, האָט זיך געהאָדעוועט אין אַן אומגליקלעכער אַטמאָספערע. זי האָט געקענט שאַפֿן שרעק און צעטומלטקייט אין דער פּסיכיק פֿון אַ יונג קינד.

וועגן דעם יינגסטן זון, אונדזער פּאָעט, האָט דער פֿאָטער גע־חלומט: ער דאַרף ווערן אַ רב, אַ חזן אָדער אַ שוחט. צוויי ברידער זיינען טאַקע געוואָרן חזנים. תנך, שרייבט מרמר, האָט דער יונגער באָוושאָווער געלערנט מיט חשק. גמרא, קאַנטיק, האָט ער געלערנט מיטן פֿאָטער, דעם גמרא־מלמד. צי דער לימוד האָט דעם יונגען באָוור־שאָווער ניט אינטערעסירט, צי ער האָט אומבאַוואוסטזיניק רעוואָל־טירט קעגן דעם פֿאָטער, דעם „גרויסן פֿאַנאַטיקער" — דאָס ווייסן מיר ניט. מיר זיינען יידָ, אָבער, משער, אז די טראַגעדיע האָט זיך אָנגע־הויבן ווען דער פֿאָטער איז געוואָרן דער רבי און מדריך פֿון דעם צעשראָקענעם ייִנגל.

און דאָ קומט דער צווייטער פּרט: דער צוקונפֿטיקער פּאָעט פֿלעגט אַנטרינען פֿון דער היים. „נאָך אַלס קינד" — שרייבט דר. קאָהן — פֿלעגט ער פֿלוצים נעלם ווערן פֿון דער היים און זיך באַהאַלטן ער־געץ. כאָטש זוך אים אין עק וועלט, ניטאָ!". „זיין אייגענע משפּחה האָט אים ניט געקענט באַגרייפֿן", שרייבט ווייטער דר. קאָהן.

עס לייגט זיך אויפֿן שכל איין זאַך: „ער פֿלעגט פֿלוצים נעלם ווערן", „זיך באַהאַלטן" פֿון דעם רבין זיינעם, דעם פֿאָטער, „דעם גרויסן פֿאַנאַטיקער". איז דאָך באָוושאָווערס פֿאַרשטאָרבענער עלט־סטער ברודער געווען „אַ קרבן פֿון דער אַלטער פֿאַנאַטישער ערציאונג."

און אַנטרינען פֿון שטעטל האָט ער געקענט אין די אַרומיקע פֿעל־דער און וועלדער. די נאַטור איז געוואָרן זיין מקום־מקלט. נאָכמער — זיין איינציקע טרייסט. דאָרטן האָט ער געקענט קומען צו זיך און זיך איינגאַנצן פֿאַרגעסן. אין זיינע שריפֿטן דערמאָנט ער כמעט ניט זיין קינדהייט. צו פֿינצטער איז זי געווען, ער זאָל זי קענען צוריק אויפֿ־לעבן אין זיין דמיון. און אויב ער דערמאָנט יאָ עפּעס וועגן זיין קינד־הייט, איז עס ניט דאָס חשכות, נאָר זיין מקום־מקלט — די „זיסע נאַ־טור". ניט אומזיסט שטעלט זיך מרמר אָפּ אויף דעם דאָזיקן אויסנאַם

ווי אויף אַ באַדייטנדיקן פּרט. דאָס איז באָוושאָווערס אויטאָביאָגראַ־
פיש ליד, וואָס ער האָט געווידמעט זיין איינציקער שוועסטער:

ערינערונגען פון קינדהייט

1

„ביי די בלויע בערג
האָבן מיר בלומען געקליבן,
ביי די בלויע בערג
בין איך אַליין געבליבן.

געשלעך מיט בלומען באַשיינט
איז דער באַרג געלעגן,
ווען די פריינדינס זיינען
דיר געקומען אַנטקעגן.

אין דעם טיפן טאָל
בין איך אַליין געשטאַנען,
ווען איר זייט פאַרשוואונדן
אין די בלויע טומאַנען.

לאַנג האָב איך געבענקט נאָך דיר,
דאָך באַלד ביסטו געקומען
מיט אַ שטראַלנדער געזיכט
און מיט בלויע בלומען.

2

ביים וואַסערמיל
האָב איך שפּאַצירט,
אין האָב מיר שטיל
די פיאַלקן באַרירט.

ביים טיפן גראָבן
האָב איך מיך באַזינט,
וואו די קרייטעכער האָבן
פריש געגרינט.

אויפן בערגל כ׳בין
דאַן אַרויף,
וואו די בלומען בליען
און וואַקסן אויף.

דאָרט האָט מיך באַלד
באַרוישט דער דופט,
פון גרינעם וואַלד,
פון דער פרישער לופט.

— — — — — — — — — — —

אויף בלומען־בייטן
האָב איך געשפּילט,
און האָב די קווייטן
אין מיין האַרץ געפילט.

דעם גאַנצן טאָג
האָב איך דאָרט פאַרבראַכט,
און בין פריילעך געקומען
אַהיים פאַרנאַכט״.

די לעצטע צוויי שורות לאָזן זיך טייטשן אויף פאַרשיידענע אופנים. ראשית — ער איז טאַקע געקומען אַהיים אַן אָפּגעפרישטער, אַ געשטאַרקטער, אַ „פריילעכער״. שנית — אפשר האָט ער געוואוסט וואָס אים האָט דערוואַרט פון פאָטער. אָבער דעם פאָטערס שטראָפן האָט ער דאָך סיי־ווי־סיי געמוזט דורכטראָגן. האָט ער עס אָנגענומען. זיי זיינען דאָך געווען אומפאַרמיידלעך. אָבער ער איז געקומען אַהיים אַן אָפּגעפרישטער, מיט נייע כוחות. אָדער — אפשר איז שוין דע־

מאָלט געווען ביי אים קענטיק אַ געוויסער שטריך. דר. קאָהן באַצייכנט עס מיט די ווערטער: „דער פאַרלוסט פון דער מינדסטער אינטערעסע אין זיין אומגעבונג". אַנטרינען פון דער היים — אויף דעם איז געווען אַ שטאַרקע, אפשר אַ צענטראַלע סיבה, אָבער נאָך אַ טאָג אַנטרינונג איז זיין פסיכיק געווען ווי פאַרשלאָסן פאַר „זיין אומגעבונג". און אפשר — אפשר איז זיין ליד געווען בלויז אַ שפּעטערע גליקלעכע דערינערונג וועגן אַ גליקלעכן טאָג אויפן שויס פון דער „זיסער נאַטור".

פאַראַן ביי באַוושאָווער נאָך אַ ליד, „דער בלומען־אינדזל", וואו ער דערמאָנט זיין קינדהייט. דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד", דעם 28סטן אָקטאָבער, 1892. ער דערציילט דאָרט ווי במשך עטלעכע יאָרן האָט ער אַנגעהויבן פאַרשטיין דעם אמתן וועג, צום בלומען־אינדזל. מען דאַרף אים ניט זוכן אין הימל. דער אינדזל איז דאָ אויף דער ערד. „מען דאַרף נאָר די דערנער, די דער־נער אויסשניידן". עס מאַכט ניט אויס ווי אַזוי דאָס ליד ענדיקט זיך. וויכטיק איז פאַר אונדז, וואָס ער האָט אין זיין „יוגנט געטרוימט פון אַן אינדזל" —

אין צווישן די פורפורנע וואָלקנס אין הימל
בין איך שטאַרק באַגייסטערט אים זוכן געגאַנגען.

דער בלומען־אינדזל איז געווען באַוושאָווערס אַן אויסגעחלומט אַנטרינונגס־אָרט.

##ווירקלעכקייט און אַנטרינונג

באַוושאָווער איז אַוועק פון דער היים ווען ער איז אַלט געווען פערצן יאָר. אַוועק איז ער קיין ריגע. מרמר שרייבט ניט — באַוושאָ־ווער האָט פאַרלאָזן זיין היים. ווען מרמר דערמאָנט: „דער יונגער באַוושאָווער בלייבט אָבער ניט לאַנג אונטער זיין פאָטערס רשות", שרייבט ער: „ער רייסט זיך אַרויס פון ליובאַוויטש קיין ריגע" (מיין קורסיוו — נ. ב. מ.).

דער צענטער אין זיין ווירקלעכקייט איז געווען — דער „גרוי־סער פאַנאַטיקער", זיין פאָטער. דאָס איז געווען דער מקור פון באַוו־

שאָוועררס שרעק, וואָס ער האָט ניט געקענט בייקומען. איז דער איינציקער אויסוועג פאַרבליבן — אַנטרינען. און באָושאָווער איז אַנטרונען אין צוויי נאָענטסטע וועלטן — אין זיין אייגענעם דמיון און צו דער נאַטור. די דאָזיקע צוויי וועלטן לעבן אין אַלע זיינע לידער. אָבער דער הויפּט־גרונטטאָן אין זיינע לידער איז — דער האַס צו טיראַנען. דאָס וויכטיקסטע אין באָושאָווערס שאַפן איז — ווי אַזוי ער האָט סובלימירט זיינע צוויי וועלטן. די וועלט פון דמיונות און די נאַטור. וויכטיק איז אויך — אויף וועמען ער האָט אַריבערגעטראָגן דעם האַס צום טיראַן.

מ. טורבאָוו

קיין רוסיש האָט באָושאָווער ניט געקענט. דאָס מיינט, ער האָט ניט געקראָגן קיין שום וועלטלעכע בילדונג אין רוסיש. ער האָט געקענט בלויז דעם תנך. פיר יאָר אין ריגע האָט פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט — די דייטשע ליטעראַטור. היינען האָט ער געקענט אויף אויסווייניק. די דעמאָלטיקע רוסישע פּאָעזיע מיט אירע פרייהייט־אידעאַלן, איז פאַר אים געווען אַ פרעמדע וועלט. די דייטשע פּאָעזיע, באַזונדערס היינע — איז געווען זיין ערשטע אַנטפּלעקונג אין דער וועלט פון קונסט.

ווען באָושאָווער איז געקומען קיין ניו־יאָרק, אין 1891, אין עלטער פון 18 יאָר, האָט ער זיך באַקענט מיט ד״י וויכטיקע נעמען — ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד און עדעלשטאַט. ער האָט דערפילט זייער גרויסע השפּעה איבער די יידישע ראַדיקאַלע מאַסן. ער האָט זיך באַקענט מיט זייערע ווערק. און דאָס איז געווען פאַר אים אַ נייע אַנטפּלעקונג. ווינטשעווסקיס, ראָזענפעלדס און עדעלשטאַטס ווערק זיינען שוין דעמאָלט געווען טראַדיציע. שטאַרק איז געווען זייער השפּעה, און גרייט איז מען געווען אויפנעמען די דאָזיקע השפּעה.

אויסגעוואָרצלטע אימיגראַנטן, אַנטלאָפענע פון צאַרישע פּאָגראָמען, האָבן זיי זיך געראַטעוועט אין אַמעריקע. זיי האָבן, אָבער אין נייעם לאַנד געפונען אַ טראַגישע רעטונג. זיי זיינען געוואָרן שקלאַפן אין די שוויצפאַבריקן. איז דען אַ וואונדער, וואָס פרייהייט־לידער, טרייסט־לידער האָבן, ווי פייער אין פלאַקס, זיך צעשפּרייט אין אַלע שוויצפאַבריקן, אין אַלע טענעמענט־הייזער, אין אַלע מסיבות? איז דען אַ וואונדער וואָס וועקלידער און רופלידער האָבן אויפגעהאַלטן דעם מוט ביי געפאַלענע און אונטערדריקטע?

מיטן אויסנאַם פון דער אַלטער רעליגיעזער פּאָעזיע — די תחינות — האָט די יידישע פּאָעזיע נאָך קיינמאָל פריער ניט געווירקט אַזוי שטאַרק און טיף מאָראַליש ווי די רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־פּאָעזיע אין אַמעריקע. דאָס דאָזיקע ליד האָט געווירקט טיפער ווי אַלע ראַדיקאַלע אויפקלערונגען. איז ניט קיין חידוש, וואָס במשך עטלעכע יאָר איז ווינטשעווסקיס, ראָזענפעלדס און עדעלשטאַטס ליד געוואָרן טראַדיציע. אָט די דאָזיקע טראַדיציע האָט דער אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער באָוושאָווער גלייך איבערגענומען. קלמן מרמר, אין זיין דערמאָנטער שטודיע, ווייזט אָן אויף די ווערטער, עפּיטעטן און געשטאַלטן, וואָס באָוושאָווער האָט איבערגענומען פון זיינע פאָרגייער. און אַנדערש האָט עס גאָרניט געקענט זיין. דאָס איז געווען די לעבעדיקע, ווירקנדיקע פּאָעטישע קולטור אין יענער צייט.

באָוושאָווער האָט זיך צונויפגעלעבט מיט דער דאָזיקער טראַדיציע מחמת עטלעכע טעמים. זיין אימיגראַנטישע אַרבעטער־לאַגע האָט געשטימט מיט די דעמאָלטיקע טרערן־לידער. דער האַס צום אונטערדריקער איז געווען כמעט דער זעלביקער אויסדרוק ווי דער האַס צו דער טיראַניע, וואָס ער האָט דורכגעליטן ווען ער איז געווען אַ קינד. האָט באָוושאָווער געשריבן זיינע ערשטע לידער אין גאַנצן אין נוסח פון דער דעמאָלטיקער טראַדיציע.

זיינע ערשטע לידער האָט ער געדרוקט אין דער „אַרבייטער צייטונג" אונטערן פּסעוודאָנים — מ. טורבאָוו. טורבאָוו־באָוושאָווער גייט אין גאַנצן אין ווינטשעווסקיס, ראָזענפעלדס און עדעלשטאַטס טריט.

ריכטיק ווייזט־אָן קלמן מרמר ווי ענלעך עס איז באָוושאָווערס ערשט ליד „קאַפּיטאַלס אַ קרבן", אויף ווינטשעווסקיס ליד „דברי שכיב מרע" („רייד פון אַ קראַנקן", געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", סעפּטעמבער, 1885). באָוושאָווערס „קאַפּיטאַלס אַ קרבן" איז געווען געדרוקט אין „אַרבייטער צייטונג", דעם 8טן יולי, 1892. אין זיין בוך הייסט דאָס ליד — „אויפן שטערבע־בעט". דער 18־יאָריקער באָוושאָווער הייבט אָן זיין פּאָעטיש שאַפן מיט דעם דאָזיקן טרערן־ליד.

דאָס ליד איז צעצויגן. ניטאָ נאָך אין דעם ליד יענע קלאַסישע עלעמענטן, וואָס מיט זיי האָט זיך אויסגעצייכנט באָוושאָווערס שפּעטערדיקן שאַפן. מיר גיבן דאָ איבער די וויכטיקסטע סטראָפעס. דאָס וואָרט „בעיסמענט" מיינט אַ קעלער; „פלאָר" — אַ דיל; „לומפּן" — שמאַטעס.

קאַפּיטאַלס אַ קרבן

אַ בעיסמענט — אַ קבר, גאַנץ פינצטער און שמוציק,
צעבראָכענע פענצטער — פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר,
די ווענט זיינען חושך, פאַרשימלט און גליטשיק,
עס פּיפּסט זיך אַ לידל דער ווינט דורך דער טיר.

דער פלאָר איז צעפּוילט שוין אויף שטיקלעך און ברעקלעך,
עס זיך די ערד גאָר פאַרפראָרן און נאַס,
קיין אויוון ניטאָ, און דער פראָסט, ער קוועלט שרעקלעך,
ער טרייסלט און מוטשעט פיל מער ווי אין גאַס.

אויפן פלאָר, אָן אַ זייט, אויף אַ זאַק אויסגעצויגן,
מיט שמאַטעס באַדעקט, ליגט אַ מענטשן־סקעלעט,
ס'איז געל זיין געזיכט, איינגעשרומפן די אויגן,
ער מורמלט גאַנץ שטיל זיין לעצטן געבעט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין לומפּן געקליידט, לעבן אים איינגעבויגן,
די ווייב מיט די קינדערלעך שטייען אַרום ;
עס גיסן זיך טרערן פון זייערע אויגן,
און קלאָגנדיק, שרייענדיק בעטן זיי אים :

„אָ, פאָטערל שטאַרב ניט ! אויף אונדז האָב רחמנות
און לאָז אונדז ניט איבער גאַנץ עלנט אַליין,
עס שטייט אונדזער לעבן אָן דיר, אין סכנות,
מיר וועלן דאָך אַלע פון הונגער אויסגיין".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אָ, הערט אויף צו וויינען, אָ הערט אויף צו קלאָגן,
און לאָזט מיך גאַנץ רואיק באַגעגנען דעם טויט !
וואָס העלפט אייער וויינען, איך קען מער ניט טראָגן
די ליידן, די שמערצן, דעם הונגער און נויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„איך האָב מיין געזונט ביי מאַשינען פאַרלאָרן,
געהאָרעוועט ביטער ווי טאָג אַזוי נאַכט,
עס האָבן די צרות פאַרקירצט מיינע יאָרן
איצט שטאַרב איך פון צרות... פון הונגער פאַרשמאַכט..."

דאָס ליד איז סענטימענטאַל. דער 18־יאָריקער אָנפאַנגער האָט עס געשריבן אין סטיל, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן ביי זיינע עלטערע קאָלעגן. דעם שטאַרבנדיקנס מאָנאָלאָג איז טאַקע צו־לאַנג. די רעאַליסטישע שילדערונג איז דאָ אָפּגעשוואַכט מחמת דעם, וואָס דער דאָזיקער לאַנגער מאָנאָלאָג קלינגט ניט וואַרשיינלעך. אָבער דאָס איז געווען דער דעמאָלטיקער נוסח. אין פאַרגלייך מיט זיינע אַנדערע טורבאָוו־לידער, איז אָט־דאָס ליד דאָס רעאַליסטישסטע און קאָנקרעטסטע.

צווישן די טורבאָוו־לידער זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען ניט אַריין אין באָוושאָווערס „געזאַמלטע שריפטן". דאָס ליד „אין שאַפּ", געדרוקט אין „אַרבייטער ציטונג", דעם 9טן סעפּטעמבער, 1892. אויך דאָס דאָזיקע ליד האַלט אָן דעם רעאַליסטישן נוסח. טורבאָוו באַשרייבט די פאַבריק, וואָס „איז פינצטער ווי אין טונקל קבר". ער דערציילט וועגן זיין שווער לעבן. פּלוצעם באַווייזט זיך אַ סקעלעט. דאָס איז דער סימבאָל פון „סלעק", אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס איז געווען די שרעק פון יעדן שקלאַף אין די שוויצפאַבריקן.

די אַנדערע לידער פאַרמאָגן שוין ניט רעאַליסטישע, קאָנקרעטע שילדערונג. אַזוי איז דאָס ליד „אָ, שטאַרב ניט, מיין הערץ!", „אַרבייטער ציטונג", דעם 15טן יולי, 1892. אין דעם ליד, ווענדט זיך דער פּאָעט צו זיין האַרץ, עס זאָל ניט שטאַרבן „פון די רירנדע סצענען", וואָס ער זעט „אין יעטווידער מינוט". דעם טויט וואָלט ער באַגעגנט „מיט שמחה, מיט פריידן, דען ער נאָר באַפרייט מיך פון נויט". און דאָ קומט־אויף אינעם פּאָעט אַן איינגעוואָרצלטער מאָטיוו: ווען ער זעט די טיראַנען, וויל ער זיי „פאַרשניידן... פון פעלד", „און שטאַרבן — דאָך זאָ ווי אַ העלד". אין זיינע „געקליבענע שריפטן" איז אויך דאָס ליד ניט אַריין.

אָ, שטאַרב ניט, מיין הערץ!

אָ, שטאַרב ניט מיין הערץ, פון די רירנדע סצענען,
וואָס איך זע אין יעטווידער מינוט!...
אָ, זאָלן די שמערצן אין דיר ניט אויסברענען
מיין לעצטע ביסל אָרעמעס בלוט...

כ'בין קרעפּטיק גענוג נאָך צו טראָגן די ליידן
פון שרעקלעכן ביטערן טויט;

איך וואָלט אים באַגעגנט מיט שמחה, מיט פריידן,
דען ער נאָר באַפרייט מיך פון נויט...

נאָר זע איך די הענקער, די רויבער, די שינדער,
וואָס רויבן ביים שוואַכן זיין רעכט,
און שמידן אין קייטן אי אים, אי די קינדער,
און מאַכן זיי אַלע פאַר קנעכט. —

אָ, דאַן וויל איך לעבן, יאָ, לעבן און קעמפן!
פאַרשניידן טיראַנען פון פעלד...
און נאָכדעם פאַרמאַטערט צו דר׳ערד נידער קרעמפן,
און שטאַרבן — דאָך זאָ ווי אַ העלד!

נאָך וויניקער קאָנקרעט אין רעאַליסטישע שילדערונגען איז דאָס ליד „אַ קרעכץ״. דאָס איז גראָד ניט קיין געראָטן ליד, אַפילו פאַר אַן אָנפאַנגער. דאָך ווייזט עס אונדז ווי אַזוי באָוושאָווער האָט איבערגענומען סאָציאַלע אַלעגאָריעס און סאָציאַלע מחשבות. „אַ קרעכץ״ איז אויך ניט אַריין אין זיין בוך. געדרוקט איז עס געווען אין דער „אַרבייטער צייטונג״, דעם 19טן אויגוסט, 1892:

אַ קרעכץ

ווען מיד פון אַרבעט שלאָפט דער שקלאַף,
און גיט אַ שווערן קרעכץ פאַר שמערץ,
דאַן וואַנדלט אין אַ פאָנאָגראַף
זיך אום מיין שוואַכעס, קראַנקעס הערץ.

עס נעמט דער קרעכץ אין זיך אַריין
צו די, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן,
פון אייגענע צרות, שמערץ און פיין,
אַלס פינצטערער שקלאַף, אַלס אַרבעטסמאַן...

נאָר זעט, עס איז שוין איבערפאָל,
יעצט וועל איך צו דעם שקלאַפן גיין
און וועל אַ קרעכץ טאָן מיטאַמאָל,
ער זאָל פאַר שרעק פון שלאָף אויפשטיין.

עס איז נייטיק זיך אָפּשטעלן נאָך אויף איין ליד צווישן די טורבאָוו־לידער. דאָס איז — „צו די שטערן". דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין דער „אַרבייטער צייטונג", דעם 16טן סעפּטעמבער, 1892.

צו די שטערן

שטערן, זילבער־קלאָרע שטערן!
האָט איר אונדזער וועלט באַטראַכט —
אונדזער וועלט זאָ שלעכט, פאַרדאָרבן,
וואו עס הערשט די פינצטערע נאַכט?

אונדזער וועלט וואָס איז געגליכן
צו אַ פינצטערן יאָמערטאַל,
וואו דער מענטש אין גרויסע מאַסן
לעבט אין קנעכטשאַפט, פּיין און קוואַל?

„בלאַסער דיכטער! — ניט געזען
האָבן מיר ביז יעצטיקער צייט —
ווי אַ זילבער־קלאָרער שטערן
זעט די וועלט אונדז אויס פון ווייט".

ניט אַלע מאָל האָבן אָנפאַנגערישע לידער אַ וויכטיקן באַטייט. על־פּי־רוב זיינען זיי אומזיכערע בלאָנדזשענישן. טורבאָוו־באַוושאָווערס ערשטע לידער זיינען אויך אומזיכערע בלאָנדזשענישן. זיין טעמאַטישער מאַטעריאַל האָט געשטימט מיט דער דעמאָלטיקער פּאָעטישער טראַדיציע. ער האָט אויך געשטימט מיט זיין פאַרבאָרגענער שנאה קעגן אונטערדריקער און טיראַנען. דאָס מיינט, דער מאַטעריאַל האָט געשטימט מיט באַוושאָווערס אונטערבאַוואוסטזיין. ער האָט אויך געשטימט מיט זיין אָרעמען שקלאַפן־לעבן אין ניו־יאָרק. זעען מיר אין זיינע טורבאָוו־לידער שטאַרקע השפּעות, וואָס ער האָט געפונען ביי זיינע פאָרגייער. מיר זעען אויך היינריך היינעס השפּעה אין ליד „צו די שטערן". דאָס איז די ביטערע איראָניע — „ווי אַ זילבער־קלאָרער שטערן זעט די וועלט אונדז אויס פון ווייט". מער ווי אַלץ זעען מיר אין די טורבאָוו־לידער אַ וויכטיקן פּרט: דמיונות ציען אים מער צו ווי רעאַליסטיש־קאָנקרעטע שילדערונגען.

צו באָוושאָווערס טורבאָו־לידער דאַרף מען אויך צורעכענען דאָס ליד „עס איז אַ טרוים — דאָך ריכטיק", „אַרבייטער־צייטונג", דעם 15טן אויגוסט, 1892.

קיין סך קאָנקרעט־רעאַליסטישע לידער וועט מען ניט אָנציילן ביי באָוושאָווערן. חוץ צוויי רעאַליסטישע שילדערונגען אין זיינע טור־באָו־לידער קען מען צווישן זיינע שפּעטערדיקע לידער געפינען אַזאַ ליד ווי „אָפּשייד". געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד", דעם 9טן דעצעמבער, 1892. באָוושאָווער שילדערט אין דעם ליד אַן אַר־בעטס־מיידל, וואָס זעגנט זיך מיט דעם „פּינצטערן שאָפּ". זי „נעמט פון אים אָפּשייד מיט שטילן געוויין". אירע בעסטע יאָרן, אירע כוחות האָט זי פאַרלאָרן אין דעם „פּינצטערן גרוב פון דער ערד". איצט ווערט זי אויס שקלאַפין אין דער שוויצפאַבריק. זי איז אַ כלה. אַ נייע, פרייע וועלט וואַרט אויף איר. אָבער דער דיכטער זאָגט איר: „אומ־זיסט איז דיין שמחה, אומזיסט איז דיין פרייד! וועסט איצטער נאָך ווערן אַ שקלאַף ביי אַ שקלאַף, וועסט האָבן נאָך גרעסערע צרות און לייד: אַן אַרבעטסמאַן נעמסטו, אַ פּינצטערן קנעכט". דער פּאָעט שילדערט פאַר איר דאָס פינצטערע לעבן פון אַן אַרבעטערס פרוי. און ער וואָרנט זי: „וועסט פלוכן דיין לעבן, וועסט פלוכן דיין מאַן, וועסט שילטן דעם חתונה־טאָג, און די שעה". און דאָס ליד ענדיקט זיך אימה־דיק:

דער מאַרש צו דער חופּה, איז אַ טויטן־מוזיק,
תכריכים נאָר זיינען דער שלייער, דער טול;
די חופּה — דיין גרוב, דער מת — דו אַליין,
דער גאָלדענער רינג איז אַן אייזערנע קייט
און אויך אַ מצבה, אַן אָנדענקונג־שטיין!...

באָוושאָווער האָט זיך מער ניט אומגעקערט צו רעאַליסטישע שיל־דערונגען. אים האָט אויך ניט אינטערעסירט צו שילדערן רעאַליסטיש־קאָנקרעט פּאָליטישע קאַמפן, פּאָליטישע געשעענישן. אויב ער שרייבט וועגן זיי, איז עס שטענדיק אַלעגאָריש אָדער אין פערזאָניפיצירונגען.

עס באַקומט זיך, אַזוי נאָך, אַ באַשטימטער איינדרוק:ווירקלעכע געשעענישן ווערן ביי באָוושאָווערן פאַראַלגעמיינערט. זיי ווערן אויך אוניווערסאַליזירט. מען דערפילט עס קלאָר, גליך נאָך זיינע טורבאָו־לידער. זיין ערשט ליד פון אָט־דעם מין איז „צום ווינט" (לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד", דעם 23סטן סעפּטעמבער, 1893):

צום ווינט

צעטראָג, אָ ווינט, אויף דיינע פליגל
די הייסע ווערטער פון מיין פען,
וואָס זיינען שוואַרץ ווי זשאַר פון אויבן,
דאָך אונטן קען מען פייער זען.

און ווען דו הערסט אַ האַרץ נאָר שלאָגן
אויב שלעכט, פאַרדאָרבן אָדער פיין —
זאָ ברענג אַהין די פלאַמען־ווערטער
און בלאָז זיי טיף אין האַרץ אַריין.

און אויב דאָס בלוט איז דאָרט פאַרפראָרן
זאָ וועק עס, ווי דו וועקסט דעם ים;
און מאַך עס זידן, מאַך עס קאָכן,
און וועק דאָרט אויף דעם פרייהייטס־פלאַם!...

„פרייהייט־פלאַם" איז ביי באָוושאָווערן ניט געווען קיין צופעליקער פּאָעטישער זאָג. דער דאָזיקער סימבאָל ווערט קלערער, ווען מען זעט זיין באַציאונג צום אַרומיקן לעבנסשטייגער. שילדערן דעם קאָנקרעטן לעבנסשטייגער האָט אים ווייניק־וואָס אינטערעסירט. אָבער ער האָט געלעבט אין דעם דאָזיקן קלימאַט. ביי באָוושאָווערן איז די באַציאונג צום פינצטערן אַרבעטער־לעבן, צו דער שוויצפאַבריק, צו פּאָליטישע קאַמפן — ביי אים איז דאָס ניט געווען אַ דורכויס סאָציאַלע פּראָבלעם. ביי אים איז עס גיכער געווען אַ פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך — די קאָנקרעטסטע און רעאַליסטישסטע סאָציאַלע שילדערער האָט, פריער ווי אַלץ, געשטויסן דערצו אַ פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו אײדער אַ סאָציאַל־באַוואוסטזיין. ביי באָוושאָווערן איז, אָבער, דער פּסיכאָלאָגישער מאָטיוו געווען זייער שטאַרק קאָנצענטרירט, אויסערגעווײנלעך בולט. די פּסיכאָלאָגישע דראַנגיקע מאָטיווירונג האָט אים ממש פאַרשלאָסן אַ סך וועגן. ער האָט פּשוט ניט געזען דאָס פּרטימדיקע לעבן אַרום זיך. דעריבער האָט אים דאָס ווירקלעכע לעבן ניט צוגעצויגן צו זיך. אין אים האָט נאָך אין קינדהייט געלעבט אַ טיפער מקור — האַס און שרעק פאַר טיראַנען און טיראַניע. דאָס האָט זיך ביי אים שפּעטער אַריבערגעטראָגן אויף אַלע אונטערדריקער.

זיי זיינען געווען — קאַפּיטאַל, אַבערגלויבן, טיראַנען, מאַכטהאָבער. זיי האָבן „די ערד פאַרוואַנדלט אין אַ פינצטערן יאָמערטאַל". זיין פּער־זענלעכע טראַגעדיע — דער פאָטער, „דער גרויסער פאַנאַטיקער" — האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין פאַרשיידענע טאָציאַלע קאַטעגאָריעס. ער האָט זיי געזען אין פאַרשיידענע סימבאָלן. אַזוי האָט זיך אין באַוו־שאָווערן סובלימירט זיינער אַ פּסיכאָלאָגישער מקור.

זיין ליד „צום שקלאַף" („אַרבייטער פריינד", דעם 7טן אָקטאָ־בער, 1892), הייבט ער אָן מיט די שורות:

וען כ׳זע דיינע הערשער, וואָס טרינקען דיין בלוט —
דיין בלוט, וואָס ביי מיר איז זאָ טייער,
דאַן צינדט זיך אין האַרצן ביי מיר אָן אַ גלוט
עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט אַ פייער.

אין אַלע זיינע פרייהייט־לידער גייט דורך דער סימבאָל אָדער דער גייסט, וואָס עס אַנטהאַלטן אין זיך אַזעלכע פיל־באַדייטנדיקע אויס־דרוקן: „פרייהייט־פלאַם"; „עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט אַ פייער".

וואָס טיפער באַוושאָווער גייט אַוועק אין זיין אַנטוויקלונג, אַלץ ווייטער טרעט ער אָפּ פון רעאַליזם. ער דערנעענטערט זיך אָבער מער און מער צו פרייהייט־סימבאָלן. ער סובלימירט רעאַלע פּרטים — אין אוניווערסאַלע געשעענישן.

וואָס ווייטער דער קאָנקרעטער רעאַליזם, אַלץ מער אָנגעצונדן ווערט זיין פּאָעטיש לשון. עס ווערט פרייער, פּליסיקער, ליריש און מעלאָדיש געהעכערט. אויך אין דעם ענין שפּראַך דערפילט מען ביי אים דעם „פרייהייט־פלאַם"; „עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט אַ פייער".

ווי נאָר דער „פרייהייט־פלאַם" הייבט־אָן טראָגן באַוושאָווערס ליד, אַריבער די רעאַליסטישע גרענעצן, — קריגט זיין ליד פליגלען. דער ריטם איז פריי. דאָס בילד איז סובלימירט. עס ווערט בולטער אַ וויכטיקער עלעמענט באַוושאָווערס — די ווענדונג. בולט זעט מען עס אין זיין עדעלשטאַט־ליד. ער ווענדט זיך צו דער זון אויף אַ דראַ־מאַטישן אופן. און ביים סוף ליד ווערט מען דורכגענומען מיט זיין ווענדן זיך צום מאַרטירער־דיכטער: „עדעלשטאַט! דו ביסט גע־שטאָרבן, / פילסט ניט מער דעם וועלטן־שמערץ, / דאָך דיין טויט האָט היינט פאַרוואונדיקט, / שרעקלעך, שרעקלעך מיר מיין הערץ...." /.

וואָס ווייטער באַוושאָוער איז אַוועק פון דער רעאַליסטישער השפּעה, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן אויף אים עדעלשטאַטס איינפלוס. און דאָס שטימט מיט באַוושאָווערס גאַנצער אַנטוויקלונג. ביי עדעלשטאַטן האָט ער דערהערט דעם מאַרטירער־רוף. ער האָט אין עדעלשטאַטס לידער פאַרנומען אַ ווייט־גייענדיקן סאָציאַלן מיסטיציזם. דאָס איז דאָס סובלימירטע, וואָס איז געווען נאָענט באַוושאָווערס נטיות.

זיין פּיעטעט צו עדעלשטאַטן איז געווען ענלעך צו דער פּיעטעט, וואָס אַלע האָבן געפילט צו דעם „פאַרצווייפלטן, בלאַסן דיכטער". און טאַקע אין עדעלשטאַט־גייסט איז געשריבן זיין ליד אויף עדעלשטאַטס טויט. דאָס ליד איז אַ קרעפטיקער, באַגייסטערטער, טראַגישער רוף. און גרויס איז די האָפענונג: „די צייט וועט קומען מיט דעם פרייהייטס־פולן גלאַנץ". אין דעם דאָזיקן ליד פילט מען יענע אייגנשאַפטן, וואָס מיט דעם איז באַוושאָווער שפּעטער געוואָרן אייגנאַרטיק־אָריגינעל. זיין אומגעהייערע ליבשאַפט צו דער נאַטור קומט דאָ צום אויסדרוק. זי איז ווי אַ געהילף־מיטל אויסצודריקן טרויער. די נאַטור זאָל העלפן קלאָגן, „קלאָגן אויף אַ מענטשן־פריינד..." מיט דעם אַליין איז אָנגעמערקט זיין נטיה צו דער נאַטור און זיין ברייט־שוואונגיקער פּאָעטישער ווענד:

צום אָנדענק פון דוד עדעלשטאַט

זיסע זון, פאַרבאָרג זיך איצטער,
וויקל איין דיין שטראַלן־פּראַכט
אין אַ ברייטער, ברייטער, כמאַרע
שוואַרץ און פינסטער, ווי די נאַכט...

זאָל פאַרציען זיך דער הימל
מיט אַ וואָלקן רונד־אַרום,
איצטער כ'וויל נאָר טרויער טרעפן —
טרעפן טרויער אומעטום.

אויף דיביימער זאָלן פייגל
זיצן טרויעריק און שטום,

צו דער ערד זאָל זיפצענד בייגן
זיך אין פעלד די שיינע בלום.

וואו איך וועל זיך קערן, ווענדן,
זאָל איך טרעפן טרויער היינט,
זאָל נאַטור מיר העלפן קלאָגן,
קלאָגן אויף אַ מענטשן־פריינט...

— — — — — — — — — — — — —

דאָרטן אין אַן אָרעם שטיבל,
ליגט פאַרגליווערט אויפן בעט
איצט דער קערפער פון אַ מענטשן,
פון אַן אַרבעטער־פּאָעט.

נאָך די פילע, פילע ליידן
אין זיין קורצער לעבנס־צייט,
נאָך די זאָרגן, נאָך די צרות,
האָט דער טויט אים איצט באַפרייט.

קאַלט און שטום און איינגעפראָרן
שטייט דאָס האַרץ זיינס אין זיין ברוסט —
שטייט דאָס האַרץ, וואָס האָט געשלאָגן
און געגליט מיט פרייהייטס־לוסט...

שטייט דאָס האַרץ — נאָר, אַך וואָס רייד איך,
"יינט צו שוואַך איז נאָך מיין פען
אָפּצומאָלן אַזאַ מוסטער,
ווי זיין האַרץ איז ריין געווען.

עדעלשטאַט ! דו ביסט געשטאָרבן,
פילסט ניט מער דעם וועלטן־שמערץ,
דאָך דיין טויט האָט היינט פאַרוואונדיקט
שרעקלעך, שרעקלעך מיר מיין הערץ...

ביסט געשטאָרבן, דאָך איך טרייסט זיך
זייל עס לעבט דיין גרויסער גייסט.

ווען איך וועל דיין ליד נאָר זינגען,
וועט עס זיין פאַר מיר אַ טרייסט...

און איך ווייס — די צייט וועט קומען
מיט דעם פרייהייטס־פולן גלאַנץ,
דאַן וועט יעדער איינער לייגן
אויף דיין גרוב אַ בלומען־קראַנץ.

דאָס אַרבעטער־ליד, די סאָציאַלע מחשבה, דער ראַדיקאַל־אויפ־קלערערישער קלימאַט — אין אָט־דער וועלט האָט געלעבט דער יונגער דיכטער. דאָס איז געווען זיין רעאַל לעבן. אָבער רעאַלער פון אָט־דעם לעבן זיינען געווען זיינע חלומות. אין דער וועלט פון חלומות איז ער אַנטרונען, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. קעגן דער דער־ציאונגס־טיראַניע האָט ער רעוואָלטירט אין זיין דמיון. דאָס פאַרבאָרגן־טרוימערישע אין אים האָט אין אַמעריקע געזוכט אויסדרוקן דורכן סאָציאַלן ליד. דאָס איז געווען די סביבה, דער קלימאַט, זיין וועלט. זיין טיף־פאַרבאָרגן אויסגעחלומט לעבן האָט ער ניט געקענט אידענטי־פיצירן מיט די דרויסנדיקע רעאַליסטישע פרטים. וואָס רייפער עס איז געוואָרן זיין פּאָעטישער אויסדרוק, אַלץ גרינגער האָט ער געקענט אָפּוואַרפן פריערדיקע השפּעות. ביי שטעלן די ערשטע טריט זיינען זיי געווען אַ מוז. ווען ער האָט זיך דערפילט באַפעסטיקט אין אַ באַשטימ־טער ספערע, האָט ער שוין געזוכט זיין אייגענעם וועג. האָבן זיך צו ביסלעך אויסגעוועפּט די השפּעות, וואָס האָבן ניט געשטימט מיט זיין אינערלעך לעבן. און זיין אינערלעך לעבן האָט ניט געהאַט אין זיך קיין שום רעאַלע יסודות. זיין אינערלעך לעבן איז געווען — אַנטרי־נונג. דאָרטן האָט ער געלעבט אין חלומות און וואונטשן, וואָס זיינען געווען דער היפּוך פון רעאַלן לעבן. אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין איז ער ניט געווען דער געיאָגטער, דערשלאָגענער און טיראַניזירטער. דאָרטן איז ער געווען דער באַקעמפער, דער באַזיגער, דער הערשער — דער הערשער אין זיינע דמיונות. אָבער די פריערדיקע רעאַליסטישע השפּעות האָבן פאָרט געהאַט אַ ווירקונג אויף אים. ער האָט געפּרואווט זיי אויסשטימען. ער איז ניט פאַרזונקען אין סתם „איך און איך". ער איז ניט געבליבן עגאָצענטריש. ער האָט עס סובלימירט. דורכן גע־זעלשאַפטלעכן מאָטיוו האָט ער סובלימירט זיין איך —

אַנטשלאָסנהייט

איך מוז גיין, און גיין אַליין,
כאָטש די וועלט האָט ליב צו שטיין,
גרויס אין פרייד און גרויס אין קוואַל (מאַטערניש)
איז דער מענטשלעכער שיקזאַל.

אָפט האָט מיך די זאָרג געקוסט,
אָפט געבלוטעט האָט מיין ברוסט,
כ׳האָב עס קיינעם ניט דערציילט,
און די וואונד האָט זיך פאַרהיילט.

דאָס ליד ענדיקט זיך מיט מערקווירדיק־אַנטפּלעקערישע שורות. זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז באַוואוסטזיינס מחשבות וועגן זיך —

ווי אַ לייכט־טורעם וועל איך זיין
אין דער וועלט פון שמערץ און פּיין,
לייכטנדיק דורך שטורעם און נאַכט,
ביז דער מידער מענטש דערוואַכט.

אין זיינס אַ לעצט ליד „דער פרייהייטס־וואַנדערער" ווערט ביי אים דער „איך" סובלימירט אין אַ סימבאָל מיט דעם זעלביקן נאָמען — „פרייהייטס־וואַנדערער". ער רעדט דאָרט וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן — „ער". האָט ער דאָרטן אַ שורה: „זיין שטימע הייבט זיך אויף מיט געטער־מאַכט". אין זיינעם אַ פראַגמענט „צוויי וועלטן" איז פאַראַן אַ שורה: „איך פיל אין זיך די גבורה פון אַ גאָט". עס איז ניט קיין צופאַל באַוואוסטזיינס זאָג „איך בין אַ גאָט". דאָס האָט ער געזאָגט ד״ר מיכאל קאָהנס פּרוי: „איך בין אַ גאָט, מיסיס קאָהן! אַזעלכע ווי איר מוזן צו מיר דינען, מיט ערפורכט מיך באַטראַכטן און אַכטונג געבן מיר זאָל קיין זאַך ניט פעלן". דאָ האָט שוין די סובלימירונג אַריבערגעכאַפּט די מאָס. זי איז אַריבער נאָרמאַלע גרענעצן. דאָ האָט באַוואוסטזיינס פאַרלאָרן אַ שטאַנדהאַפטיקן יסוד. אין דעם איז געלעגן זיין טראַגעדיע. אָבער דאָס איז דאָס פאַרקערטע, וואָס האָט געלעבט אין אים ווי אַ שרעק, זינט ער איז געווען אַ קינד אין זיין טאַטנס הויז.

אויף טריט און שריט לויכטן דורך שורות אין זיינע לידער וועגן

דעם רעאַלן טיראַן. און פאַרקערט — וועגן זיך ווי וועגן אַ ווערן, וואָס איז אינערלעך, אין זײַנע דמיונות, געוואָרן דאָס פאַרקערטע: „אַ לײַכט־טורעם", אַ מענטש באַשאַנקען „מיט געטער־מאַכט", מיט „גבורה פון אַ גאָט". אָט אַזוי איז באַוושאַוואַער בײַגעקומען דעם „טיראַן", דעם באַצווינגער, דעם „גרויסן פאַנאַטיקער", וואָס פון אים איז ער אַנטלאָפן אין דער פרעמד צו 14 יאָר.

פ ר י י ה י י ט

באַוושאַוועס סימבאָל „פרייהייט" האָט געהאַט אַ טיפן מקור אין זײַן אונטערבאַוואוסטזיין. בײַקומען גרויסע שוועריקייטן — דאָס האָט געענערט זײַן באַגריף וועגן פרייהייט. אין ליד „דאָס לעבן" רירט ער אָן די דאָזיקע דערשײַנונג:

וואָס איז דער קאַמף וואָס הערשט אין אונדזער זעלע?
דאָס ווילדע רוישן פונעם ים געפילן?
וואו איז אין לעבן יענע גאָלדענע שטעלע
וואו ס'בליט די זיכערהייט פון אונדזערע צילן?

„די זיכערקייט" — דאָס איז באַוושאַוועס אַ מאָטיוו. פרייהייט האָט געקענט אַליין פאַרזיכערן. דאָס איז געווען זײַן אינערלעך דער־קענטעניש, זײַן אינערלעך זוכעניש. אין דער סאָציאַלער ראַם, אָבער, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף גרויסע שטערונגען. זיי האָבן ביט גע־לאָזן סובלימירן די פרייהייט־איך־זוכענישן. זיי זײַנען געווען סיבות אין דער דרויסנדיקער רעאַלער וועלט: אָרעמקייט און נויט; און דעם פאָלקס „דומהייט" און „בלינדקייט". אין דעם זעלביקן ליד „דאָס לעבן" פילן מיר דעם געראַנגל צווישן דעם פערזענלעכן דראַנג און די סאָציאַלע שטערונגען:

עס בענקט דאָס האַרץ נאָך אומבאַקאַנטע וועלטן,
עס שטרעבט צום גליק דער מוח, דער געזונטער,
דאָך ייער ציל ערדרייכן ביידע זעלטן —
זיי ציט די אָרמוט און די נויט אַרונטער.

אָפט, ווי טיראַנען, האַסן מיר די מענטשן,
און אונדזער ליבע זוכן מיר צו טויטן,
אָפט, ווי באַשיצער, ווילן מיר זיי בענטשן,
און זיי ערצײַלן פון די שווערסטע נויטן.

דער דאַזיקער מאָטיוו חזרט זיך איבער ביי אים אויף אַ סך אופנים. זיין ליד „צום פאָלק" הייבט זיך אָן מיט דער שורה: „איך האָס דיין דומהייט און דיין בלינדקייט, פאָלק". זיין פרייהייט־חלום איז, אָבער, שטאַרקער ווי אַלץ —

ווי פון דער ערד שטייגט־אויף אַ נייע וועלט,
אַ נייע צויבער־לאַנד, זאָ גאָלדיק־שיין;
ערפילט מיט לעבן און מיט לוסט — און ריין
פון הערשער־שמוץ, פון גלויבנס־פעסט און געלט.

(„צום גלויביקן")

און פאַר דער דאָזיקער פרייהייט „ווי זיס עס איז צו קעמפן". אָן דעם האָט דאָס לעבן קיין שום ווערט: „וואָס איז דען אָן דיר דאָס לעבן? גאָרנישט, גאָרנישט, ווינט און שטויב". די דאָזיקע שורות געפינען מיר אין זיין ליד „איינזאַם". ער ענדיקט דאָס ליד מיט דער סטראָפע:

און אָבוואָל איך ליג געבונדן
אויפן בעט, צעבראָכן, קראַנק,
ביסטו דאָך, אָ קאַמף פאַר פרייהייט,
נאָר מיין איינציקער געדאַנק!

דירעקט און אומדירעקט איז דער מאָטיוו פרייהייט זייער אַ וויכטי־קער אין באָוושאָווערס לידער:

ווי יובעלירט די זעלע אין איר פרייהייט

(„פרילינג־לוסט")

גערעכטיקייט זאָל אייער גליק באַקריינען,
פרייהייט — די וועלט און אייער זיין, באַשיינען.

(„פרילינגס־געוויטער")

נאָך בענקט די וועלט נאָך פרייהייטס זיסן פרידן —
נאָך לעבט די צוקונפט אין דעם שקלאַפנס ברוסט;
דער וועלטן־אורטייל איז פאַר מיר אַנטשידן,
עס שטרעבט דער מענטש צו איר אין לעבנס־לוסט! —

(„פרייהייט")

אין זיין ליד „דער פריהייטס־וואַנדערער" איז די הויפּט־טעמע — „ווען פרייער לעבן רעגט זיך איבעראַל":

ווען דורך דער וועלט ציט דורך דער פריהייטס־קלאַנג,
און אַלע וואַכן־אויף; און קיינער מעסט
זיין גרויסקייט קעגן צווייטנס, און קיין צוואַנג
הערשט מער ניט, נאָר די וועלט ווי אַ פעסט.

איז אויסגעצירט מיט פריהייטס־פאַנען און
מיט קרענצע, — ווען די וועלדער זיינען פריש,
און אַלעס גלענצט, באַלייכטעט פון דער זון,
און יעדן איז לעבן ליב און זיס,

דאַן וואַכט־אויף אין זיין ברוסט אַ גרויסער גייסט,
אַ פריידן־רויש לויפט דורך זיין קערפּער דאַן,
און מיט אַ שטורעמדיקער הייליקער גבורה רייסט
זיך זיין געמיט צום שטאָלצן פרייען מאַן; —

די העכסטע פרייד פון לעבן פילט ער דאַן
און זיסע טרערן טריפן פון זיין הערץ;
דאַן שמייכלט ער צום טראָן פון דעם טיראַן,
דאַן לאַכט ער זאַנפט פון גרויסן וועלטן־שמערץ...

פריהייט איז ביי באַוושאָווערן סובלימירט אין דער סאָציאַלער מחשבה: — „דאַן שמייכלט ער צום טראָן פון דעם טיראַן". דעם כוח קריגט ער, ווען עס „וואַכט אויף אין זיין ברוסט אַ גרויסער גייסט". אין דער דאָזיקער סאָציאַלער מחשבה איז באַוושאָווערס באַגריף פריי־הייט אויסגעברייטערט. דער באַגריף ווערט ביי אים אוניווערסאַל. און אין אָט־דעם אוניווערסאַלן קאָמפּלעקס זיינען איינגעוועבט צוויי קאַטעגאָריעס: „פאָלק" און „רעוואָלוציע". ער ווידמעט לידער אי דעם „פאָלק", אי דער „רעוואָלוציע". ער קומט דערצו ווען זיין סטיל האָט זיך באַפרייט פון פריע רעאַליסטישע פּרטים, ווען ער הייבט אָן טראַכטן אוניווערסאַל. דערביי האָט ער אַנטדעקט אַ נייע וועלט — די ענגלישע ליטעראַטור.

תנך־סטיל

באָוושאָווערס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ליטעראַטור איז געווען דער תנך. די תנך־השפּעה האָט ער, קאָנטיק, פאַרבונדן מיט דעם פּאָטערס שטרענגער דערציאונג. די דאָזיקע השפּעה איז געווען נאָענט צו יענער סביבה„ יענע ספערן, וואָס באָוושאָווער האָט זיך באַמיט פון זיי אַנטרינען.

באָוושאָווער איז געוואָרן באַוואוסטזיניק וועגן ליטעראַטור, ווען ער האָט זיך אין ריגע באַקאַנט מיט דער דייטשער ליטעראַטור. די גרעסטע השפּעה אויף אים האָט דעמאָלט געהאַט היינע. אָבער אויך פון היינען האָט ער זיך שפּעטער ביסלעכוויז באַפרייט. געהאָלפן דערצו האָט אים די ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָעזיע. כמעט אַלע יידישע סאָציאַלע פּאָעטן אין אַמעריקע פון לעצטן יאָרהונדערט האָבן גוט געקענט ענגליש. טייל האָט שפּעטער געקענט ענגליש בעסער אַפילו ווי יידיש. באָוושאָווער איז, אָבער, דעמאָלט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַזוי שנעל און אַזוי גרינטלעך דערלערנט ענגליש. באָוושאָווער האָט פאַרמאָגט אַ פענאָמענאַלן זכרון. אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געליינט, האָט ער געקענט אויף אויסווייניק. דערצו נאָך איז ער געווען אויסערגעוויינלעך קאָנצענטרירט אין איין זאַך — פּאָעזיע. בעת זיין קינדהייט איז זיין אַנטרינונג געווען: די נאַטור און זיין אייגענע פאַרבאָרגענע וועלט. אָט־די אייגענע פאַרבאָרגענע וועלט איז פאַר אים שפּעטער געוואָרן — די וועלט פון פּאָעזיע. פּאָעזיע איז געוואָרן זיין מקום־מקלט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען ווען פאַר באָוושאָווערן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייע גרויסע וועלט — די ענגלישע פּאָעזיע. ער האָט דערפילט דאָס בילד, די מחשבה און דעם אָטעם פון גרויסע מייסטערס. באָוושאָווער האָט אין זיי טיף דערפילט זייערע מקורים. דאָס האָט, אָבער, אין אים אויפגעוועקט זיינעם אַן אייגענעם טיף־פאַרבאָרגענעם מקור. דאָס איז געווען אַ געמיינשאַפטלעכער מקור, וואו אַ סך גרויסע ענגלישן פּאָעטן האָבן געשעפּט זייער באַגייסטערונג, מחשבה און מיטאָס. דאָס איז געווען באָוושאָווערס פאַרבאָרגענער מקור־ראשון — דער תנך.

דאָס תנך־באַוואוסטזיין האָט זיך אין אים אויפגעוועקט בעת זיין מיטאָלאָגיש טראַכטן איז אים געוואָרן קלאָר. דעריבער איז ניט קיין וואונדער, וואָס זיינע וויכטיקסטע לידער האָבן אין זיך דעם ביבלישן

סטיל. אָט־דער מאָמענט איז דער וויכטיקסטער אין באַוואוסטערס רעוואָלוציאָנער ליד.

אין זיין ליד „צום פאָלק" דערציילט ער אונדז ווי ער האָסט דעם פאָלקס „דומהייט" און „בלינדקייט". ווען ער זעט אָבער דעם פאָלקס ביטער לעבן, זיין „ריזן־קראַפט", זיינע „וואונדערווערק" — דעמאָלט קריגט ער דרך־ארץ פאַרן פאָלק. און זיין ביבלישער סטיל דערהייבט זיין גאַנצע פּאָעזיע:

דער פעלדז איז מעכטיק אין דער וויסטעניש,
דער וואַלד איז אימהדיק אין צייט פון שטורעם,
דער שטראָם איז שרעקלעך אין זיין ווילדן האַסט,
דאָך פעלדז און וואַלד און שטראָם פאַרשווינדן גלייך,
ווען ד׳ באַרירסט זיי מיט דיין שטאַרקער האַנט.
וואָלסט פאַראייניקט שכל מיט דיין קראַפט,
ווי גרויס, ווי גליקלעך וואָלסטו האַן געווען.

קלאָר, פעסט, ברייט־פערזיק, וואָלט־וויטמאַניש קלינגט זיין ליד

אַ געזאַנג צום פאָלק

הייב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי עלנט און אָרעם,
הייב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב, צו צפון און דרום,
און זע די געזאַמלטע אוצרות, און זע פון זיין אַרבעט די פרות,
און זע דעם געבליבענעם רייכטום פון פריער געוועזענע דורות.

הייב אויף דיינע אויגן און זע אויפן ים די געלאָדענע שיפן,
און זע אין די טונקעלע וועלדער דעם רויך פון די לאָקאָמאָטיוון,
און זע, ווי זיי שוועבן און קומען געשווינד פון אַ געגנט אַ וויטן,
און פירן אין אַנדערע לענדער פּראָדוקטן און סחורות צו בייטן.

הייב אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע פאַבריקן,
וואו אַרבעטער זעגן, און הובלען, און וועבן, און נייען, און שטריקן,
און שמידן, און פיילן, און טאָקן, און שניצן, און גלעטן און פוצן,
און שאַפן די סחורה, און שאַפן דעם רייכטום צום מענטשלעכן נוצן.

און זע די מאַשינען, די בלאָנקע, די ריזיקע אייזערנע שקלאַפן,
וואָס היטן די מענטשלעכע כוחות און העלפן די רייכטימער שאַפן,
און זע, ווי די ווילדע, די מעכטיקע קראַפט פון נאַטור איז באַצוואונגען,
ווייל טיף איז דער מענטשלעכער שכל אין סודות אין אירע געדרונגען.

און ווייט אויף די בלאָיקע, לוסטיקע פעלדער הייב אויף דיינע אויגן,
און זע, ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען פון שווערקייט געבויגן,
און זע אין די פּרעכטיקע גערטנער דיביימער מיט פרוכטן באַהאַנגען,
און פייגל פאַרפולן די צווייגן, פאַרפולן די לופט מיט געזאַנגען.

און זע, ווי די זאַפטיקע ווייטרויבן ווערן געטראָטן אין קעלטער,
דער ווייַן ווערט געגאָסן אין פעסער צו ווערן געשמאַקער און עלטער,
כדי שפּעטער צו זידן אין בעכער, דאָס מענטשלעכע האַרץ צו דערפרעיין,
דערוועקנדיק האָפנונג און ליבע, פאַריאָגנדיק שמערצן און וויען.

און זע, ווי די גאַנצע נאַטור — איז גרייט צו פאַרזיסן דיין לעבן,
און כּיל אין דיין ברוסט אַ פאַרלאַנג און פיל אין דיין האַרצן אַ שטרעבן,
און מוטיק אין ריזיקע מחנות שטרעק אויס דיינע הענט די פאַרדאַרטע, —
גענוג שוין צו זיין די באַרויבטע! גענוג שוין צו זיין די גענאַרטע!

הייב אויף דיינע אויגן, אַ פאָלק, גיי אַרויס פון די פינצטערע קברים,
הייב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב, צו צפון און דרום,
און נעם די געירשנטע אוצרות און נעם פון דיין אַרבעט די פּרות,
און שאַפנדיק לעבּ, און געניסנדיק שאַף אין די פרייערע דורות.

בעיזל (באַזיל) דאַהל

בעיזל דאַהל איז באַוואוסטער ענגלישער פסעוודאָנים. דעם פסעוודאָנים האָט אים געגעבן בענדזשאַמין ריקעטסאָן טאַקער, דער רעדאַקטאָר פון דעם אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטישן זשורנאַל אין ענגליש — „ליבערטי" (פרייהייט). אין יענעם זשורנאַל איז דעם 7טן מערץ, 1896, דערשינען באַוואוסטער ערשט ליד אין ענגליש — „טו דהי טאָילערס" (צו די אַרבעטנדיקע). דאָס ליד האָט געמאַכט אַ גאַר שטאַרקן רושם

אין די ראַדיקאַלע קרייזן. אין דעם זעלביקן נומער איז דער רעדאַקטאָר אַרויס מיט אַ לייטאַרטיקל וועגן דעם נייעם גרויסן פּאָעט.

טאָקער איז געווען היפּש ביסלעך עקצענטריש. אָבער אַזאַ עקצענטרישן יונגנמאַן ווי ס'איז געווען באָוושאָוער, האָט ער, קאָנטיק, פריער ניט געזען. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער אים פאָרגעוואָרפן: „מיר זיינען אַלע איינוואוינער, ניט פון אַ טרוים־לאַנד, נאָר פון אַ געוויינלעכער אַרבעטנדיקער וועלט". עס איז אַ גוטער איינפיר — האָט אים טאָקער געזאָגט — זיך אָפּגעבן מיט נודנער, שוואַרצער אַרבעט, אויב מ'קען דורך דעם האָבן פרייע צייט פאַר באַפרידיקן די אייגענע פאַרלאַנגען. טאָקער איז געוואָרן אומגעדולדיק מיטן יונגנמאַן: ער קען ניט טאָן קיין אַנדער אַרבעט, בלויז ליטעראַרישע, און ער וויל בלויז אַזאַ אַרבעט, וואָס איז נאָך זיין געשמאַק נאָך. טאָקער האָט אים געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע צו זיינעם אַ פריינד, אָבער פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט אים באָוושאָוער געבראַכט עטלעכע לידער אין ענגליש. „נאָך דעם ווי איך האָב זיי דורכגעלייענט — שרייבט טאָקער — בין איך געווען אָנגעפילט מיט איבעראַשונג און פרייד, וואָרן כ'בין געווען איבערציינגט, אַז פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייער און אַ גרויסער פּאָעט. הגם טייל שאַפונגען זיינען שוואַכער ווי די איבעריקע און אַ סך האָבן סימנים פון רויקייט, ווייזן זיי אָבער אַרויס געניאַלקייט: און איצט דאַכט זיך מיר, אַז דאָס ליד, וואָס איך דרוק אין אַן אַנדער קאָלום, — אויב מיר געדענקען, אַז זיין מחבר איז אַ יונגערמאַן וואָס האָט מיט צוויי יאָר צוריק ניט געקענט אַ וואָרט ענגליש, — איז דאָס ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ וואונדערלעכע דערגרייכונג. איך פיל זיך געערגערט, וואָס איך האָב ניט באַגריפן דעם יונגנמאַנס טאַלאַנט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים. און איצט בין איך געניגט אים צו זאָגן, ווי עמערסאָן האָט געזאָגט וויטמאַנען: 'איך באַגריס דיך ביים אָנהייב פון אַ גרויסער קאַריערע. זאָגט מיר, גאָרדאַק, לאָיד, טראַובעל, און איר אַלע אַנדערע ליבערטאַרישע פּאָעטן, וואָס ווייסט וועגן פּאָעזיע מער ווי איך — מאַך איך אַ טעות, אַז איך זע אויפן פירמאַמענט אַ נייעם שטערן, אפשר פון דער ערשטער גרייס? איז מיין טעלעסקאָפּ אַ ליגנער? בין איך צו ענטוזיאַסטיש וועגן אָטדעם יונגנמאַן? איז ניט דאָס ליד „צו די אַרבעטנדיקע" אַן אמתער מאַיעסטעטישער אויסדרוק? שטעלט עס ניט פאָר אַ נאָבעלן דעביוט

אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור? אַזוי, לכל־הפחות, דוכט זיך מיר. און איך בין, אויף אַ צוגעפּאַסטן שטייגער, שטאָלץ, וואָס ס'איז מיין פּריווילעגיע צום ערשטן דרוקן אַן ענגליש ליד פון בעיזל דאהלס פּען".

דאָס ליד „טו דהי טאָילערס" האָט בעיזל דאהל איבערגעזעצט פון זיין יידיש ליד „צום פאָלק", מיט געוויסע קליינע ענדערונגען. אין יידיש הייבט זיך אָן דאָס ליד מיט דער פראַזע:

איך האַס דיין דומהייט און דיין בלינדקייט, פאָלק,
אין דיין געשפּרעך געפין איך קיין פאַרשטאַנד.

אין ענגליש עפנט זיך דאָס ליד מיט די ווערטער:

I hate your superstition, workingmen,
I loathe your blindness and stupidity.

(איך האַס אייער איבערגלויבן, אַרבעטער, מיך עקלט אייער בלינד־קייט און טפשות).

אין יידישן ליד רעדט ער צום פאָלק. אין ענגלישן ליד — צו די אַרבעטער. גלייך נאָך די ערשטע שורות דערציילט ער:

און דאָך ווי אַכט איך און באַוואונדער דיך!
דיין שווערע מי, דיין לעבן אָנע רו,
דיין ריזן־קראַפט, דיין שטילע טעטיקייט,
די וואונדערווערקע דיינע, ווען איך זע —
דאַן שטיי איך שטיל און האָב רעספּעקט פאַר דיר.
דער פעלז איז מעכטיק אין דער וויסטעניש,
דער וואַלד איז אימהדיק אין צייט פון שטורם,
דער שטראָם איז שרעקלעך אין זיין ווילדן האַסט,
דאָך פעלז און וואַלד און שטראָם פאַרשווינדן גלייך,
ווען דו באַרירסט זיי מיט דיין שטאַרקער האַנט,
וואָלסטו פאַראייניקט שכל מיט דיין קראַפט,
ווי גרויס, ווי גליקלעך וואָלסטו דאַן געווען?

מיר גיבן דאָ איבער די זעלביקע שורות אין זיין ענגלישער אי־בערזעצונג:

But when I contemplate your ceaseless toil,
Your quiet activity and sunless life,
Your works of splendor, and gigantic strength,
I bow my head in reverence to you.
The cliffs are mighty in the wilderness;
The woods are terrible when shook by storm;
The streams are awful in their hasty course;
But cliffs, and woods, and streams, all disappear;
when touched by your unconquerable hands.
Were you as wise as you are powerful,
You would be happy, great, and reverend.

כמעט ביים סוף פון דער גרויסער פּאָעמע קומען רחבותדיקע שורות:

די פעלזן וועלן געבן שטיין גענוג,
די וועלדער וועלן ברענגען האָלץ גענוג,
און איר האָט קרעפטן און פאַרשטאַנד גענוג.
זאָל איבער אייך דער הימל גלענצן העל,
די שיינע זון אייך לייכטן אומגעשטערט,
זאָלן פייגל זינגען אייך אַ מאָרגן־ליד,
דער דופט פון פעלדער זאָל פאַרוויגן אייך.
זאָלן אייערע גאַסן זיין דערפילט מיט פריוד,
מיט פלייט, און צימבל, און גיטאַרן־קלאַנג,
זאָל אייער לעבן ווערן פריי און גרויס...

און דאָ זיינען די איבערגעזעצטע שורות אין ענגליש:

The rocks will furnish you with stone enough,
The woods will furnish you with wood enough,
The pits will furnish you with clay enough,
And you have strength and skill and sense enough.
Allow the crystal sky to spread undimmed,
The clement sun to shine unhindered.
Let birds awake you with a joyous air,
And fragrant breezes lull you into sleep
And let your streets resound with joy and mirth,
With sounds of cymbals, mandolins, and flutes.
Expand your life, and make it free and full...

וועגן דעם ליד „טו דהי טאָילערס" האָבן זיך אָפּגערופן וויכטיקע מענטשן אין די ראַדיקאַלע קרייזן.

דער פרייהייט־פּאָעט ווילִיאַם וואָלסטין גאָרדאַק האָט געענטפערט דעם רעדאַקטאָר, אין „ליבערטי", דעם 21סטן מערץ, 1896, אין אַ בריוו אונטערן נאָמען: „לאַיק טשאַטערטאָן, „עי מאַרוועלאָס באָי" (ווי טשאַטערטאָן, „אַ וואונדערלעכער יונגערמאַן").

געווען טאַקע ענלעכקייט אין דעם ביטערן גורל צווישן טשאַטערטאָנען און באָושאָווערן. ביידע האָבן פאַרמאָגט גרויסע פעאיקייטן. ביידע האָבן דורכגעלעבט הויכע אַנטפּלעקערישע מאָמענטן. ביידע האָבן זיך באַטראַכט ווי אויסערגעוויינלעכע דערשיינונגען. ביידע זיינען געווען קרבנות פון הויכער אָנשטרענגונג, טיפער איינזאַמקייט און פריצייטיקן טויט. טשאַטערטאָן האָט זיך באַוויזן אין דער צווייטער העלפט 18טן יאָרהונדערט און איז שנעל פאַרשוואונדן ווי אַ בריליאַנטער מעטעאָר. צו קנאַפּע אַכצן יאָר איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

גאָרדאַק שרייבט טאָקערן: „איך טייל אייער ענטוזיאַזם וואָס שייך בעיזל דאַהלן. אפשר וועט אייך זיין אינטערעסאַנט צו וויסן גענוי ווי אַזוי דאָס ליד האָט געווירקט אויף מיר. איך האָב די שאַפונג געלייענט צוויי מאָל, צו זיין זיכער, אַז מיינע אויגן זעען ריכטיק; דערנאָך — אויפן קול צו מיינע אייגענע, און זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז פיין. דאַן האָב איך אַוועקגעלייגט דעם זשורנאַל, ניט קענענדיק לייענען ווייטער ביז דער כישוף האָט אָפּגעלאָזן. איך בין ניט געגאַנגען שלאָפן ביז עלף ביינאַכט (שפּעט פאַר מיר), און איך בין אויפגעשטאַנען דריי פאַרטאָג, פאַרהייצט דעם אויוון און געלייענט און ווידער געלייענט „צו די אַרבעטנדיקע". עד כאן דער כוח פון מ'ין געני, וואָס פרייהייט ציט צו זיך.

„דער פאַקט איז אַ מערקווירדיקער; אָט איז נאָך גאָר אַ יינגל, מיט אַ מאַרך וואָס קען זיך פאַרגלייכן מיט א. ל. מעק'קרידיס, ווען יענער וואונדערלעכער „טרוימער" איז געווען אין די בעסטע מענעריאָרן, אין איינעם מיט אַן איבערראַשנדיק־בריליאַנטענער פּאָעטישער באַגאַבטקייט.

„פלאַכע קריטיקער וועלן אויסזעצן קעגן כסדר איבערחזרן ווערטער און ריטמען, אָבער אין דעם ליגט איינער פון די גרעסטע חנען פון דעם דאָזיקן מוזיקאַליש־מאַיעסטעטישן ליד.

„איך וואוין ניט ווייט פון שטורעמדיקן אַטלאַנטישן ברעג, און

אָפּט באַטראַכט איך די כוואַליעס ווי זיי קייקלען זיך צו צום פּליאַזש. זיי הייבן זיך, איינע הינטער דער צווייטער, זאַמלען כוח און שוועלן־אויף צו זייער העכסטער שפּיץ בעת זיי רוקן זיך, און נאָכדעם, אין שיינקייט, מאַכט און מוזיק, ווערן זיי צעשמעטערט, שוועבן און צעלאָזן זיך איבער דער זאַמדיקער וויסטעניש. זיי כישופן דעם צושויער, און מענטשן קענען זיצן און ניט רירן זיך גאַנצע שעהען, קוקנדיק אויף דעם צויבער־בילד. אַזוי איז אין דעם דאָזיקן ליד. באַמערקט די שורות וואָס הייבן זיך אָן — „דער אָדלער בויט אַ נעסט פונקט ווי דו", און „האָב ליב דאָס נאַבעלע און דאָס שיינע", און „די פעלדזן וועלן דיר געבן שטיינער גענוג".

„די מחשבות אין „צו די אַרבעטנדיקע" זיינען אפשר פּאַרשפּרייט צווישן די הויך־אינטעלעקטועלע (איך ווייס ניט), אָבער זינט מ'האָט געשאַפן די ערד אָדער זי האָט זיך אַליין באַשאַפן, האָט מען קיינמאָל די דאָזיקע מחשבות אַזוי פּרעכטיק ניט געפורעמט. די שורות זיינען געלאָדן מיט געדאַנק ווי אַ צווייג מיט פּרוכט; אָבער אַזוי קלאָר, אַזוי פּשוט, אַזוי דירעקט און שטאַרק, אַז זיי טראָגן די לאַסט זייער גרינג".

פּראָפּ. דזשאָן בעווערלי ראָבינסאָן האָט, ניט געבעטענערהייט, זיך אויך גלייך אָפּגערופן אויף טאָקערס לייטאַרטיקל וועגן בעיזל דאהל. ווי דזשאָוזעף אישיל האָט איבערגעגעבן דעם שרייבער פון די איצטיקע שורות איז פּראָפּ. ראָבינסאָן געווען אַ נאָענטער מחותן מיט ליטעראַטור, באַזונדערס מיט דער ראַדיקאַלער ליטעראַטור. געווען איז ער גאָר אַן אַרכיטעקט און אַ פּראָפעסאָר אין וואַשינגטאָן אוניווערסיטעט, אין סט. לואי, מיזורי. זיין פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן אויף ליטעראַרישע אַרבעטן. ער איז געווען אַ פּרודאָניסט. איידער ער איז געשטאָרבן אין 1923 איז אין ענגלאַנד אַרויס זיין איבערזעצונג פון פּרודאָנס „די אַלגעמיינע אידייע פון דער רעוואָלוציע אין דעם 19טן יאָרהונדערט". וועגן באַוושאָווערן שרייבט ער אין אַ בריוו צו טאָקערן, אין „ליבערטי", דעם 21סטן מערץ, 1896:

„איר האָט אויף קיין שום אופן ניט איבערגעשאַצט בעיזל דאהלן. איך גלויב ניט, אַז מ'קען אים איבערשאַצן. דער יונגערמאַן „רעדט" פּאָעזיע ווי ער וואָלט עס באמת געמיינט, און מיט דער ווירדיקייט און פייערלעכקייט פון אַ זינגענדיקן פּריסטער. זיכער דאַרף פּאָעזיע זיין אַזוי, — ערנסט פעסטשטעלן זאַכן, וואָס עס איז ווערט צו ריידן וועגן זיי, מיט אַ ריטם, וואָס שפּרייט זיך איבער אַלץ אומבאַוואוסטזיניק אָדער קענטיק אומבאַוואוסטזיניק.

„דאָס ליד ווירקט אויסערגעוויינלעך מיט זיין פשטות. איך טו זיך אָן אַ כוח צו רעדן וועגן דעם אויף אַ טרוקענעם און קריטישן אופן, וואָרן, אויב איך זאָל זאָגן אַלץ וואָס איך טראַכט, וועט עס זיין אַזאַ אומ־באַגרענעצטע און ענטוזיאַסטישע הסכמה, וואָס איז בעסער געטראַכט איידער געשריבן".

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, דעם 2טן מאַי, 1896, איז אין „לי־בערטי" דערשינען אויף דעם פּאָעט דזשעי וויליאַם לאָידס אַן אָפּרוף. צווישן אַנדערע זאַכן שרייבט ער:

„בעיזל דאַהל איז אַ פּאָעט, און „צו די אַרבעטנדיקע" איז אַ „מאַ־יעסטעטישער אויסדרוק". איך נעם אַראָפּ די הוט, און גיב אים מיין האַנט.

„עס זעט אויס, ער איז אַ מחשבה־דיכטער, און זיי זיינען די גרע־סטע צווישן די זין פון ליד.

„אויב איך זאָל ריזיקירן צו געבן אַ ניט־געבעטענע עצה, וואָלט איך אים קודם־כל געוואָרנט קעגן מעלאַנכאָליע און פּעסימיזם, וואָס זיינען אַ דיכטערס מאָדנע חסרונות און סכנות, און אים זאָגן, ער זאָל זיך ניט איילן צו שטאַרק (קאַנטיק, ס'איז ניטאָ קיין סכנה) אָנצונעמען אייער גוט־געמיינטע, פּראַקטישע עצה צו פאַרקויפן אַ טייל פּערל זיינע פאַר ברויט. איך זאָג ניט, איר זייט אויסגערעכנט, אָבער איך חידוש זיך אָפּט, צי איך אַליין האָב ניט געמאַכט אַ פאַטאַלן טעות, ווען איך האָב געפאָלגט אַזאַ שכלדיקע עצה. איז די מוזע ווען מוחל ווען מען זאָגט איר: קום אַן אַנדערש מאָל, איך בין איצט פאַרנומען? קומען־ווען די גאָלדענע אינספּיראַציע־רגעס צווייטן מאָל?

„אויב דו קענסט עס אויספירן, בעיזל דאַהל, און לעבן בלויז פאַרן טרוים, וועסטו האָבן אונדזער אַלעמענס אָטעם־פאַרכאַפּנדיקן אינטע־רעס און סימפּאַטיע".

אין דעם זעלביקן נומער שרייבט דער רעדאַקטאָר טאַקער אין אַ לייטאַרטיקל „די פאַרערער און קריטיקער פון בעיזל דאַהל". ער ברענגט דאָרטן אַן אויסצוג פון לאָידס אַ פּריוואַטן בריוו צו אים:

„זיכער בין איך מסכים מיט איך וועגן בעיזל דאַהלן... מעטריש איז דאָס ליד זייער פּשוט. די קאַדענץ פון יעדער שורה איז פולשטענ־דיק אין זיך אַליין, און זי לויפט ניט אַריבער אין אַן אַנדער שורה, ווי אין העכערן בלאַנקן פערז. אָבער דאָס ליד איז באמת קלאַסיש אין דער קלאָרקייט און איינגעהאַלטענעם כוח. לעצטנס — האָב איך מורא — האָב איך אָנגעהויבן באַטראַכטן, כמעט ווי מיט פּיין, יעדן געני,

וואָס איז אַזוי באַוואָפּנט ווי מרים דעניעל און בעיזל דאהל. זיי זיינען, קאַנטיק, אַזוי שווידערלעך אומצוגעפּאַסט צו דער אַכזריותדיקער וועלט. דאָך, — וואָס זיי גיבן אונדז, איז אין לשער. אַזעלכע געניען העלפט ניט צו פּרוואוון ווייזן דעם וועג. איך האָף, דאַהל וועט זיין אין שטאַנד צו געפינען אַ פּשרה צווישן זיינע פּרינציפּן און די נייטיקייטן פון לעבן, און ער וועט לעבן לאַנג גענוג, ניט נאָר אונדז צו באַגייסטערן, נאָר אויך פירן און לערנען".

אין דעם זעלביקן נומער „ליבערטי", דעם 2טן מאַי, 1896, שרייבט וועגן באַוושאַווערן וו. ס. סמאָל, פון טאַפּטס קאַלעדזש, מעסאַטשוזעטס. סמאָל איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט אין דעם טעאָלאָגישן אָפּטייל פון קאַלעדזש. שפּעטער איז ער געוואָרן דער ביבליאָטעקאַר. סמאָל לויבט דאָס ליד ווי אַ מערקווירדיקע שאַפונג פון אַ מענטשן, וואָס שרייבט אין אַ שפּראַך אים אַ פרעמדער. בעיזל דאַהל — שרייבט ער — פאַר־מאָגט אַ פּאָעטישע נשמה, אָן שום ספק. דאָס ווייזט זיך אַרויס אין דעם ווי שנעל ער האָט אויפגעכאַפּט און באַנומען די דערפאַרונג פון אונדזער שפּראַך. ער האָט באַנומען די טיפע וואָר פון אַ געוויסן אַנבליק אין אונדזער נאַציאָנאַל מעטראָפּאָליש לעבן. ער פילט די אוניווערסאַלע סימפּאַטיע פאַרן טיפן האַרץ פון דער מענטשהייט. סמאָל לויבט דאַהלן ווי אַ דיכטער, וואָס פאַרמאָגט דעם שימער פון „געטלעכן פונק". דאַהל איז אָבער ניט דערפאָלגרייך ווי אַ פאַכמאַן — אַ שאַפער פון פּאָעזיע — „ניט אין איר פאָרמעלער סטרוקטור און ניט אין איר אידעאַלער סוב־סטאַנץ". „אַ גרויסער פּאָעט — שרייבט סמאָל — טוט תמיד צוויי זאַכן: ער דערהייבט דאָס טאָג־טעגלעכע אַרויס פונעם טאָג־טעגלעכן. ער באַשענקט עס מיט נייעם באַטייט. ער באַשענקט עס מיט נייער שיינ־קייט. און — ער סוגעסטירט אומענדלעך מער איידער ער זאָגט, — ער צינדט אָן אַ פייער, אַזוי צו זאָגן, וואָס נערט דעם לייענערס אינ־דיווידואַליטעט.

„די ערשטע פון די צוויי זאַכן טוט דער מחבר פון „צו די אַרבעטנ־דיקע". ער באַווייזט ניט ווייניק קאָנסטרוקטיווע פאָרשטעלונג־קראַפט. ער איז סענסיטיוו און נאָבל אין קאָנצעפּציע. ער קליידט אָן זיין טעמע מיט אַ ניי ליכט.

„אָבער די צווייטע זאַך, זעט מיר אויס, טוט ער ניט. ער זאָגט ניט מער און ניט ווייניקער וויפל זיינע ווערטער גיבן איבער. ער האַלט אַ ריטמישע דרשה וועגן עסטעטישע סאָניטאַרע איינריכטונגען. ער איז דידאַקטיש, פּעדאַגאָגיש, און דאָגמאַטיש (זייט מוחל דעם

אויסדרוק), אָבער ער איז ניט סוגעסטיוו וועגן טויזנט און איינע ניט־אויסגעדריקטע און אומאויסדריקלעכע געדאַנקען און עמאָציעס, וואָס אַן אַטאַ־דער סוגעסטיווקייט איז קיין דיכטער ניט גרויס".

סמאָל שרייבט ווייטער: ער מיינט ניט לייקענען דעם דיכטערס כוח און ווערט. ער האַלט אָבער ניט, אַז בעיזל דאַהל איז אַ גרויסער דיכטער. ער וויל ניט מיגערן עפּעס אין דעם דיכטערס אַרבעט, „אַראָפּרייסן מיט אַ שניידנדיקער און אומטאָלעראַנטער קריטיק".

ער דערמאָנט דערביי די טראַגעדיע מיט דעם אומגעבראַכטן פּאָעט דזשאַן קיטס. ער האָט בלויז ספקות — צי איז ניט אַ ביסל איבערגעטריבן די אָפּשאַצונג ווי טאָקער האָט זי אויסגעדריקט אין לייטאַרטיקל.

דער קעמפערישער בענדזשאַמין טאָקער האָט אין זעלביקן נומער געענטפערט סמאָלן. ער קען ניט — שרייבט ער — אָננעמען סמאָלס נייטיקע באַדינגונגען, וואָס נאָך זיי זאָל מען מעסטן פּאָעטישע גרויסקייט. מ׳קען ניט — טענהט ער — אויסשטעלן אַ רשימה פּאָעטישע אייגנשאַפטן און זען צי אַ פּאָעט קומט־נאָך די אייגנשאַפטן. אויב ניט, — איז ער ניט קיין גרויסער דיכטער. פאַרקערט, — פאַר אויסערגעוויינלעכער געניאַלקייט איז כמעט שטענדיק כאַראַקטעריסטיש פּונקט אַט אַזאַ גלייכגעוויכטס אויספעלן. גרויסקייט מעסט מען דורך איבערפלוס און ניט דורך דעם פעלן. „דעריבער, אויב עס זאָל זיין אמת, אַז בעיזל דאהל איז שוואַך אין סוגעסטיווער אייגנשאַפט, אָבער איז אויסערגעוויינלעך שטאַרק אין קאָנסטרוקטיווער פאָרשטעלונג־קראַפט, איז דרינגט פון דעם ניט, אַז ער איז מינדערווערטיקער ווי אַ פּאָעט אין פאַרגלייך מיט אַן אַנדערן, וואָס פאַרמאָגטביידע אייגנשאַפטן אין דער זעלביקער מאָס. אויב מיר נעמען אָן 100 ווי די מאָס פון פּערפעקטקייט, און מיר דערלויבן דאַהלן 90 פאַר זיין קאָנסטרוקטיווער פאָרשטעלונג־קראַפט און בלויז 30 פאַר זיין סוגעסטיווקייט, איז ער, מן־הסתם, אַ גרעסערער פּאָעט ווי אַן אַנדערער, ווען מיר שאַצן מיט 60 פאַר יעדער פון די דאָזיקע ביידע אייגנשאַפטן... קיינער האָט ניט באַהויפּט, אַז דאַהל איז דער גרעסטער פון אַלע דיכטער".

אין „ליבערטי", דעם 21סטן מערץ, 1896 האָט טאָקער אויך געענטפערט אַן אַנאָנימען שרייבער וועגן דאַהלס כלומרשטן ניט ריכטיק כאַפּן דעם באַגריף פון שורות. דער דאָזיקער שרייבער האָט אויסגעזעצט קעגן די שורות: „איר לעבט, און איר ווייסט ניט וואָס עס איז עקסיסטענץ". אַזוי אויך מיט דאַהלס שורה „איר האָפט, און איר ווייסט ניט וואָס עס איז דאָ צו האָפן". טאָקער פאַרטיידיקט דאַהלס שורות און

ווייזט ווי לאָגיש זיי זיינען. דאַהל — שרייבט טאָקער — האָט ניט געמיינט צו שאַפן דאָ אַנטיטעזן. דער אונטערשייד — טענהט טאָקער — איז ניט צווישן לעבן און עקסיסטענץ. דער דיכטער האָט געמיינט: „איר עקסיסטירט און איר ווייסט ניט וואָס דאָס לעבן איז". ער איז זיך סומך אויף דער אַנאַלאָגיע אין דער שורה וועגן האָפן.

ס'איז געווען אָבער אַ שטים, וואָס האָט ניט געטיילט דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם. דאָס איז געווען מיט אַ 32 יאָר שפּעטער. קיין ווירקונג האָט די שטים ניט געהאַט. קיינער האָט זי כמעט ווי ניט געהערט. סיי־ווי — זי איז געקומען צו־שפּעט, און באָוושאָווער איז געבליבן דער גרויסער וואונדער אין די ראַדיקאַלע קרייזן. דאָס איז געווען אייזיק גאָלדבערגס אַ רעצענזיע וועגן באָוושאָווערס בוך ענגלישע לידער, וואָס אישיל האָט אַרויסגעגעבן אין 1928. די רעצענזיע איז דערשינען אין „האַלדעמאַן דזשוליוס וויקלי", אין 1928. באָוושאָווערס לידער נעמען ניט אויס ביי גאָלדבערגן ווי פּאָעזיע. „באָוושאָווער — שרייבט גאָלדבערג — ווי דאָס רוב פּאָעטן מיט אַ שליחות, פאַרפעלט שיינקייט אין זיין דראַנג איבערצוגעבן אינטעלעקטועלע באַגריפן. ער איז וויכטיק אין דער געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור, ניט ווי אַ שאַפער, נאָר ווי אַ סאָציאַלער כוח — ווי די שטים פון פּראָלעטאַרישן פּראָטעסט. מיר דאַרפן ניט פילן ווייניקער דאַנקבאַר פאַר זיין מקריב זיין זיך, דערפאַר וואָס ער איז ניט געווען קיין קיטס אָדער שעלי. אַפילו שעלי, דער גאַכטיגאַל, וואָס ער האָט געקענט זיין, איז געווען צום ערגסטן אין זיין „מאַסקע פון אַנאַרכיע". שרייבט גאָלדבערג ווייטער: באָוושאָווער בלייבט „מער אַ כוח איידער אַן אינספּיראַציע".

ביי דער געלעגנהייט איז וויכטיק צו באַמערקן: ווען באָוושאָווערס לידער זיינען אַרויס אין בוכפאָרם האָט אישיל געקראָגן עטלעכע באַגייסטערטע בריוו וועגן בוך.

דער באַרימטער אַנאַרכיסט אַלעקסאַנדער בערקמאַן שרייבט אים פון סט. קלו, פראַנקרייך: „דאָס איז אַן אויסערגעווינלעך און וואונדערלעך ווערק".

לענאַרד ד. אַבאָט, דער מיטרעדאַקטאָר פון „קאָרענט אָפּיניאָן" און „ליטעראַרי דאַידזשעסט" שרייבט: „דאָס ערשטע ליד („טו דהי טאָילער" — נ. ב. מ.) איז באמת אַ פּראַכט".

דער אינטערעסאַנטסטער בריוו איז פון באַרימטן ראַדיקאַלן שרייבער און דענקער ד"ר מאַקס נעטלאַו. ער האַלט באָוושאָווערן פאַר אַן איין־ליד פּאָעט. באָוושאָווערס „טו דהי טאָילערס" איז נאָך זיין מיינונג,

אַ גאַר וואונדערלעך ליד. ער האָט, אָבער, קיינמאָל פריער און שפּעטער ניט דערגרייכט עפּעס העכערס. נעטלאָו רעכנט אויס עטלעכע אַזעלכע לידער: „מאַרקהאַמס „דער מאַן מיטן גראָבאייזן", הודס „דאָס ליד פֿון העמד", הענטיס „די אינקאַס פֿון פּערו". ער דערמאָנט פֿרייליגראַטן, וויליאַם מאָריסן און עדוואָרד קאַרפּענטערן. מיט זייערע איינצלנע לידער אונטערשיידן זיך די נאָר־וואָס דערמאָנטע פֿון די דורכשניטלעכע פּאָעטן, וואָס באַשאַפֿן ניט קיין שום זאַך, וואָס איז מערקווירדיק איבערראַשנדיק. די דורכשניט־פּאָעטן — שרייבט ער — זיינען ווי די מורעשקעס, וואָס מאַרק טווען האָט געזען אין שוואַרצוואַלד. זיי זוכן, וואַנדערן, זיינען פֿאַרשמאַיעט, זיי דערגרייכן, אָבער, קיינמאָל ניט די טיף ווי ס׳דערגרייכן די אויבנדערמאָנטע. ער דערציילט „וועגן זיין לייענען לואי אַנטערמייערס אַנטאָלאָגיע „מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעזיע" (1921 אויסגאַבע). קיין זאַך דאָרטן האָט אים אַזוי ניט גענומען ווי מאַרגאַרעט ווידעמערס „פֿעקטאָריס" (פֿאַבריקן). ד"ר נעטלאָו דערציילט: אים געפֿעלן וואָלטערין דע קלעירס „אַוט אָוו דהי דאַרקנעס" (פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס). שעליס עטלעכע לידער און שורות. ער געפֿינט אַ ביסל מער ביי געטען און היינען. נעטלאָו קען זיך ניט פֿאָרשטעלן אַ מענטשן, וואָס יעדע פּאָעזיע געפֿעלט אים. ער איז אָדער אַ הויפֿן נערוון, אָדער ער איז אַ דיק־הויטיקער, וועמען קיין זאַך רירט ניט. איך, ווי אַ יחיד — שרייבט ער — דאַנק באָוושאָווערן פֿאַר זיין ליד „טו דהי טאָילערס".

ווי מיר זעען — בעיזל דאַהל האָט ממש איפּגערודערט די ליבערע קרייזן, דער עיקר, מיט זיין ליד „טו דהי טאָילערס". אין „פֿרייער אַרבעטער שטימע" (דעם 1טן פֿעברואַר, 1946) איז פֿאַראַן דזשאָוזעף אישילס אַן אַרטיקל. „יוסף באָוושאָווער און בענדזשאַמין טאָקער".

פֿרעגט אישיל די פֿראַגע: „האָט דען דאָס דאָזיקע ליד געהאַט דעם זעלביקן עפֿעקט, ווען ס׳איז אורשפּרינגלעך, דערשינען אונטער דעם מחברס אייגענער קאָפּ־שורה „צום פֿאָלק"? הייבט זיך ניט אָן!" דער יידישער עולם — האַלט אישיל — האָט בשעתו באַטראַכט דאָס יידישע ליד „צום פֿאָלק" ווי „גלאַט נאָך אַ ליד". אין דער ענגלישער ליטעראַטור האָט מען הויך אָפּגעשאַצט דאָס ליד. מען האָט באָוושאָווערס טאַלאַנט געלויבט ביזן הימל אַריין. „פֿון דעמאָלט אָן האָט מען שוין גענומען איבעראַל זאָגן, אַז באָוושאָווער איז ניט סתם אַ גראַמען־פֿלעכטער, נאָר אַ געניאַלער דיכטער און זיין פֿען־נאָמען, באַזיל דאַהל, פֿלעגט געשטעלט ווערן אין איין שורה מיט די נעמען פֿון שעלי, בייראָן,

מאַרקהאַם, היינע, פרייליגראַט און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע גייסטער אין דער וועלט־פּאָעזיע".

דזשאָזעף אישיל דערמאָנט: ווען דאָס ליד „טו דהי טאָילערס" איז דערשינען אין „ליבערטי" האָט מען עס איבערגעדרוקט „אין יעדן רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד. זיין עכאָ האָט זיך צעטראָגן פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן". אין אַ פרײ־וואָטן בריוו צום שרייבער פון די שורות רופט אישיל אָן בלויז עטלעכע זשורנאַלן, וואו מ'האָט אָפּגעדרוקט דאָס ליד: „דהי פּאַירבערענד" (שי־קאַגע־סאַן־פראַנציסקאָ) „פרי סאָסייעטי" (שיקאַגע), „סאָלידאַריטי" (ניו־יאָרק) „ראָוד טו פרידאָם" (סטעלטאָן־ניו־יאָרק). דער פראַנצויזי־שער דיכטער און רעדאַקטאָר עמיל אַרמאנד האָט עס איבערגעזעצט פאַר זיין זשורנאַל „ל'איניק". באַוושאָווערס ענגלישע לידער זיינען אויך פאַראַן אין יידיש. ס'האָט זיי איבערגעזעצט דער סאָוועטישער פּאָעט אייזיק פלאָטנער אין מינסקער „שטערן", נומ' 3, 1936.

די פּאָעטעסע ראָוז פרימאַן־אישיל האָט אויף אַ פיינעם אופן אי־בערגעזעצט אַ צאָל באַוושאָווערס לידער אין ענגליש. אינאיינעם מיט בעיזל דאַהלס ענגלישע לידער זיינען זיי אַרויס אין אַ בוך. אונטערן נאָמען „טו דהי טאָילערס ענד אָדהער ווארסעס" (צו די אַרבעטנדיקע און אַנדערע פערזן). דאָס איז געווען פּריוואַט געדרוקט אין דעם קינסט־לערישן „אַריאָל פרעס" אין 450 עקזעמפּלאַרן. דער אַרויסגעבער איז געווען דזשאָזעף אישיל. ער האָט אויך געשריבן אַן הקדמה. אין בוך זיינען אַריין עלף באַוושאָווערס ענגלישע לידער און אַכצן איבערזעצונ־גען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן אַ סך אַנדערע איבערגעזעצט באַוושאָווערס לידער אין ענגליש. צווישן זיי יוסף לעפטוויטש אין זיין אַנטאָלאָגיע „דהי גאָלדן פיקאָק" (די גאָלדענע פּאַווע) און אהרן שמו־לער אין זיין בוך לידער.

אין די ראַדיקאַלע קרייזן — באַזונדערס אין די אַנאַרכיסטישע קרייזן — יידישע און ניט־יידישע — איז בעיזל דאַהל געוואָרן באַ־רימט. זיין נאָמען האָט, מן־הסתם, אויך אָפּגעקלונגען אין דער אַמע־ריקאַנער ניט־ראַדיקאַלער וועלט. וואָרן טאָקערס זשורנאַל „ליבערטי" האָבן געלייענט אויך יענע קרייזן, וואָס זיינען געווען ווייט פון ראַדיקאַ־ליזם. דעם רושם האָט אָנגעמאַכט בלויז איין ליד — „צו די אַרבעטנ־דיקע". אָט מיט דעם ליד איז בעיזל דאַהל געוואָרן באַרימט. אַזאַ זאַך האָט שוין ניט איינמאָל געטראָפן. צוליב איין ווערק זיינען קינסטלער געוואָרן באַרימט, און זייערע אַנדערע ווערק האָט מען פאַרגעסן.

ווי אַזוי דערקלערט מען בעיזל דאַהלס פלוצעמדיקע אַנטפּלעקונג? בלויז מיטן ענטוזיאַזם פון עטלעכע מענטשן? טאָקער איז אפשר געווען אַן ענטוזיאַסט. פאַראַן אַפילו אַ מיינונג, אַז ער איז געווען אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. שרייבט ד״ר מאַקס נעטלאַו אישלין: „באַוושאַווער איז קאָנטיק געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, אויב ער האָט געקענט זיך אַרויפצווינגען אויף אַזאַ אייזבאַרג ווי ב. ר. טאָקער״.

ווי די זאַך זאָל ניט זיין — עס זיינען געווען נאָך סיבות. וואָלט וויטמאַן איז געשטאָרבן אין 1892. אין די ראַדיקאַלע קרייזן איז ער געווען שטאַרק אָנגענומען. ער איז געווען דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער זינגער פון דער אידעאַליסטישער דעמאָקראַטיע. וועגן עמילי דיקינסאָן האָבן די ראַדיקאַלע קרייזן ווייניק־וואָס געוואוסט, כמעט גאָרניט. אַ סך האָבן אינגאַנצן ניט געהערט דעם נאָמען פון דער אַמהורסטער נזירה. איר ראָל ווי אַ פאָרלויפערין פון דער אַמעריקאַנער מאָדערנער פּאָעזיע איז ערשט בולט קלאָר געוואָרן אַ סך יאָרן שפּעטער. מען האָט זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז זינט סאַפאָ איז זי איינע פון די מערקווירדיקסטע פּאָעטעסעס. אין די 90־ער יאָרן זיינען געווען אַ סך פּאָעטן. אַזעלכע פּאָעטן ווי דזשאַן ב. טאַב און ריטשאַרד וואַטסאָן גילדער האָבן געשריבן פיין־געטאָקטע און דעליקאַטע לידער. זיי זיינען, אָבער, געווען ווייט פוןווירקלעכן לעבן. אַ מין אומרואיקייט, אַ מין ווילן זיך באַפרייען פון „פּאָעטיזירנדיקע״ פּענטעס האָט זיך באַוויזן אין די לידער פון ריטשאַרד האָוואָוי און בליס קאַרמאַן. וויליאַם וואָהן מודי האָט אויסגעדריקט אין זייגע לידער דעם אמתן אַמעריקאַנער אידעאַליזם. ער האָט זיך געשטעלט קעגן עוולות אין ווירקלעכן אַמעריקאַנער לעבן. ער איז געווען די וויכטיקסטע פּאָעטישע פּערזענלעכקייט סוף 19טן, אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט.

דריי יאָר שפּעטער ווי בעיזל דאַהל האָט זיך באַוויזן האָט פלוצעם אויפגעלויכטן דער נאָמען עדווין מאַרקהאַם מיט זיין באַרימט ליד „דהי מען וויטה דהי האָו״ (דער מאַן מיטן גראָבאייזן). באַוויזן האָט זיך דאָס ליד אין 1899 אין סאַן־פראַנציסקאָ „עקזאַמינער״. דאָס איז געווען אַ ליד אין נייעם גייסט פון דעמאָקראַטיע, וואָס מודי האָט געפּריידיקט. דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. דעם לידס בלאַנקער פערז איז געווען פול מיט רעטאָריק. אָבער די פאַרצערנדיקע ערנסטקייט און דער הייסער צאָרן האָבן פאַרוואַנדלט דאָס ליד אין אַ מערקווירדיק־וויכטיקער דערשיינונג. דער

פּאָעט דזשאָאָקווין מילער האָט געגרעדט וועגן דעם ליד ווי וועגן דעם באַרימטן יאָסעמיטי־טאָל מיטן „דונער, גבורה און מאַיעסטעטישקייט".

דער אָפּרוף אויף מאַרקהאַמס ליד איז געווען גרויס, ווייל ער האָט געפונען דעם אויסדרוק פאַר זיין אומרואיקער תקופה, די תקופה, וואָס האָט געפאָדערט סאָציאַלן יושר. אויך מאַרקהאַמס באַרימטקייט רוט אויף אָט־דעם איינציקן ליד, ווי בעיזל דאַהלס אויפן איינצלן ליד „צו די אַרבעטנדיקע".

בעיזל דאַהלס ליד איז, אָבער, אויפגעקומען מיט דריי יאָר פריער איידער מאַרקהאַמס ליד. האָט מען בעיזל דאַהלס ליד אויפגעכאַפּט ווי דאָס ערשטע פּראָלעטאַרישע וועק־ און רוף־ליד אין ענגליש. דאָס ליד, ווי אַנדערע לידער, באַוושאָווערס, האָט פאַרמאָגט די וואָלט־וויטמאַנישע ברייטע שורה, דעם ברייטן אַמעריקאַנער אָטעם און דעם עמערסאָנישן טראַנסצענדענטאַליזם. אָבער דאָס וועקן און רופן, די היי־ליקע ערנסטקייט און דאָס סאָציאַל־יושרדיקע, גליענדיקע געמיט — דאָס געהערט אויסשליסלעך באַוושאָווערס יידישע פאָרגייער און מיט־גייער.

אין יידיש האָבן מיר דעם דאָזיקן רוף און די סאָציאַלע מיסטעריע געהערט אַ סך פריער — ביי ווינטשעווסקין, ראָזענפעלדן, דוד גאָלד־שטיינען און עדעלשטאַטן. דאָ ליגט די דערקלערונג וועגן בעיזל דאַהלס אויפטו: — ער איז געקומען מיטן ערשטן פּראָלעטאַרישן ליד אין אַמעריקאַנער־ענגלישער פּאָעזיע. אָבער געגרייט האָט אים די יידישע פּאָעזיע. דער ערשטער עפעקטיווער „קריגס־געשריי" פאַרן אַרבעטער אין אַמעריקע — דאָס איז אינגאַנצן דער אויפטו פון דער יידישער פּאָע־זיע אין אַמעריקע. אָט־די סאָציאַלע פּאָעזיע האָט דורך באַוושאָווער־דאַהלן אויפגעברויזט די אַמעריקאַנער־ענגלישע פרייהייטלעכע פּאָעזיע. דאָס איז אַ גרויס פאַרדינסט.

עס איז באמת ניט שווער מסכים צו זיין מיט דזשוזעף אישלין. ער שרייבט אין דער „פרייער אַרבייטער שטימע", דעם 1טן פעברואַר, 1946:

„עס קען זיין, אַז פון אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע דיכטונגען אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס האָבן ביי די מאַסן דערוועקט באַוואוסטזיניקייט און אויפשטאַנד־גייסט, איז די סאַמע אַנזעעוודיק־וויכטיקע באַזיל דאַהלס „טו דהי טאָילערס". אָט דאָס ווערק, הגם גע־שריבן מיט 50 יאָר צוריק, איז נאָך אַלץ פריש און לעבעדיק מיט זיין צאַפּלדיקן רוף צום אונטערדריקטן פּראָלעטאַריאַט. אַפילו מאַרקהאַמס

„מען וויטה דהי האָר", אַפילו פריילינגראטס „רעוואָלוציאָן", ט. הודס „דאָס ליד פון העמד" און היינריך היינעס אומשטערבלעך „ליד פון די וועבער", האָבן ניט דערגרייכט קיין העכערע שטופע פון אויסדרוק־קראַפט ווי באָוושאָווערס ליד „צום פאָלק" (טו דהי טאָילערס), וואָס וועט אויף שטענדיק בלייבן דער קריג־געשריי קעגן שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע".

די אַלע אויבן־דערמאָנטע מיינונגען שפּיגלען אָפּ די באַציאונג צו באָוושאָווערן מצד דער גאַנצער יידישער און ניט־יידישער ראַדי־קאַלער וועלט סוף נייַנציקער און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט.

ניט נאָר פּאָליטיש האָט די יידישע אימיגראַציע, צום טייל, גע־ווירקט אויפן גאַנג פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. אויך אין פּאָעזיע איז דער וויכטיקסטער קאַמף־רוף געקומען ווי אַ דירעקטער איינפלוס פון דער סאָציאַלער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע.

קונסט

באָוושאָווער האָט געפונען אַנטרינונג אין זיין אייגענער וועלט. די דמיונות־וועלט האָט ער שפּעטער, אין דער סאָציאַלער וואָר, דערהייבן צו חלומות וועגן פרייהייט. פרייהייט האָט געמיינט: ס'וועלן מער ניט זיין קיין מאַכטהאָבער, טיראַנען, אונטערדריקער.

אין זיינע דמיונות האָט פרייהייט אויך געמיינט — חלומען און שאַפן. דעריבער האָט פּאָעזיע פאַרנומען ביי אים אַזאַ חשוב אָרט. קונסט דאַרף טאַקע דינען באַפרייען די מענטשהייט. די מוזע איז, אָבער, פאַר באָוושאָווערן געוועזן דער „ליכטיקער שטערן" „אויף דער ערד". די מוזע ברענגט אים צום פאַרנאַס. און באָוושאָווער זאָגט איר: דער אָפּקלאַנג פון זיינע האַרפּע־סטרונעס „שטילט אין מיין הערץ דעם טיפסטן פאַרלאַנג".

דערמיט איז באָוושאָווער אַ ביסל אַנדערש ווי זיינע פאַרגייער און מיטגייער. זייער בליק אויף קונסט איז געווען: קונסט דאַרף אײַנגאַנצן און אויסשליסלעך זיין געקניפּט־און־געבונדן מיט דעם, וואָס עס ברענגט נוצן דעם פאָלק. אויך באָוושאָווער האָט ניט פאַרוואָרפן דעם באַגריף — ברענגען נוצן.

> אָ, מוזע, דורך דיר, נאָר דורך דיר קען איך וועקן,
> די ליידנדע ברידער, וואָס יאָמערן שטיל...

וואָס לעבן אין עלנט, אין אייביקן שרעקן,
דורך די, וועלכע האָבן קיין מענטשן־געפיל.

די מוזע איז פאַר באָוושאָווערן אַלץ, וואָס העלפט אים „צו וועקן די ברידער, וואָס זיינען פאַרגרייזט". אָבער בלויז זי איז דאָס איינציקע, וואָס ראַטעוועט אויך אים אַליין: „נאָר דו ביסט מיין וואָפן, נאָר דו ביסט מיין שווערד".

דער ענין שאַפן האָט זייער שטאַרק אינטערעסירט באָוושאָווערן:

זאָל דיר לויבן
און ערהויבן
דאָס, וואָס שאַפן וועט דיין קראַפט.

אין זיין פּראָזע געפינען מיר קלענערע ענטפערס. און ס'איז כדאַי זיך אָפּשטעלן אויף זיי, כדי קריגן אַ פול בילד.

וועגן פּאָעזיע

צווישן די סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן איז באָוושאָווער געווען כמעט דער איינציקער, וועמען עס האָבן אינטערעסירט עסטעטישע פּראָבלעמען. און ער האָט טאַקע געשריבן וועגן זיי. אויך עדעלשטאַט האָט געשריבן וועגן ליטעראַטור, אָבער עדעלשטאַטן האָבן ניט אינטערעסירט קיין פּראָבלעמען אין דער פּאָעזיע. אים האָבן אינטערעסירט דער קאַמף קעגן טיראַניע, און „דער פרייער גייסט", וואָס שניידט דורך „די טויטלעכע פינצטערניש" און ווייזט אָן „מיט זיין זונען־שווערד... דעם ליכטיקן וועג צו אַלגעמיינער פרייהייט" („פּרינציפּנלאָזיקייט פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור אין אַמעריקע"). עדעלשטאַט שרייבט אין זיין ליד „צוויי דיכטער" — וועגן איינעם פון זיי:

„זיין יעדעס ליד, זיין יעדע שורה
איז פול מיט גיפט פאַר טיראַניי;
ער וואַרפט די שווינדלער גלייך אין צורה
דער וואַרהייטס קאָכעדיקע בליי".

און אין דער ניט־געדרוקטער הקדמה צו זיין ערשטער לידער־זאַמלונג, וואָס קלמן מרמר האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין גרינטלעכער עדעלשטאַט־אַרבעט, שרייבט עדעלשטאַט:

„מיינע לידער זיינען געווידמעט אויסשליסלעך דעם אַרבעטער־פּראָלעטאַריאַט. דער מענטש, וועלכער זוכט אין פּאָעזיע די הייליקע האַרפע פון אַ האָמער. די קלאַסישע שיינהייט פון אַ דאַנטע, מעג מיינע לידער ניט לייענען. ער וועט אין זיי ניט געפינען די עלעגאַנטע קינעט (באַוועגונג — נ. ב. מ.). מיינע לידער ווערן געבוירן ניט אין אַ בלומען־גאָרטן. אויך ניט אין די רייכע קאַבינעטן פון אַ טעניסאָן. זיי זיינען געבוירן אין דער פינצטערער וועלט פון שקלאַפעריי. זיי האָט געשריבן אַ שקלאַף, וועלכער האָט גענומען זיינע באַגייסטערונגען אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי".

אין די „עקסקורסיעס און אָנמערקונגען" (נומער 169) פון זיין בוך „דוד עדעלשטאַט", באַנד איינס, גיט איבער קלמן מרמר עדעלשטאַטס עטלעכע געדאַנקען וועגן פאָרם און גראַם. אָט איז די גאַנצע אָנמערקונג: „ווי קאָן מען טראַכטן וועגן גלאַטיקער פאָרם און קלינגענדיקן גראַם, אַז ס'דערטראָגט זיך צו מיר דאָס טראַגישע לוויה־ליד אָן ווערטער, אָן קלאַנגען, נאָר פול מיט עלנט און טרערן" („טאָגבוך", יאַנואַר, 1889). ווען אַ פריינד האָט אים אויפגעוואָרפן פעלערן אין זיין גראַם, האָט דוד עדעלשטאַט געענטפערט מיט אַ שטאַרקן צאָרן: „ווי שעמט איר זיך ניט ווענדן אויפמערקזאַמקייט אויף גראַם, ווען די אַרבעטער שטאַרבן מאַסנווייז פון טשאַכאַטקע אין די אוממענטשלעכע פאַרדומפּענע פאַבריקן! צי דענקט איר זיך, אַז איך קאָן זיצן גלייכגילטיק און שניצן פיגורן מיט אַ מעסערל? איך שרייב ניט פאַר אינטעליגענטן, איך בעט ניט קיין מיטלייד ביי די בלוט־זויגער, איך שרייב פאַר אַר־בעטער, און מיט זייער געוויער האָק איך — מיט דער האָק! (אַרקאַדי טעלסאָן אין אַ בריוו צו מיר (ד"ה צו מרמן — נ. ב. מ.) דעם 10טן אַפּריל, 1934)".

עדעלשטאַטס בליק אויף פּאָעזיע האָבן געטיילט כמעט אַלע ראַ־דיקאַלע שרייבער אין די 80ער און 90ער יאָרן אין אַמעריקע. דער אמת איז:

דאָס איז אַן אַלטע פּראָבלעם.

עדעלשטאַט האָט בשעתו וויניק וואָס געטראַכט וועגן „דער אי־בערצייטלעכקייט פון... ווי און וואָרט". דאָך פאַר אונדז לעבט זיין

ראָמאַנטיש־מאַרטירערישן ליד אַ דאַנק „דער איבערציייטלעכקייט פון ווײַ און וואָרט". ער אַליין האָט זיך טאַקע באַטראַכט פאַר אַ פּאָעט, אָבער פאַר אַ פּאָעט אַן אַנאַרכיסט. ביידע — פּאָעט און אַנאַרכיסט — זיינען געווען בײַ אים אין זאַך. מיר טרעפן אויך בײַ באָװשאָװערן די באַטאָנונג: דיכטער און פרייהייטס־קעמפער. און אַנדערש האָט ער ניט געקענט זיין אין די 90ער יאָרן אין אַמעריקע. און ניט געקוקט אויף דעם האָט באָװשאָװער זיך אינטערעסירט מיט עצמדיקע פּראָבלעמען אין דער וואָרט־קונסט. מיט דעם איז ער געווען אַ יוצא מן הכלל.

פונקט ווי עדעלשטאַט האָט אויך באָװשאָװער געוואוסט: „די אַרבעטער שטאַרבן מאַסנווייז פון טשאַכאָטקע אין די אוממענטשלעכע פאַרדומפּענע פאַבריקן". דאָך האָט ער כמעט דער ערשטער צווישן די פּראָלעטאַרישע פּאָעטן אָנגערירט עסטעטישע פּראָבלעמען. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָפּשוואַכן אָדער אין גאַנצן פאַרוואַרפן די פרייהייטלעכע מאָטיוון פון „אַ פּאָעט אַ פרייהייטס־קעמפער". אָבער ער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר די פּאָעטן פון זיין צייט פּראָבלעמען, וואָס לעבן בלויז אין די גרענעצן און אין די טיפקייטן פון אַ באַזונדער וועלט, אין אַן אייגענער אויטאָנאָמער קונסט־רעפּובליק.

באָװשאָװער האָט געשריבן די וויטערדיקע עסייען: „וועגן פּאָעזיע — אירע פאָרמען און איר נוצן"; „היינריך היינע"; „ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן"; „וואָלט וויטמאַן" און „עדווין מאַרקהאַם". די ערשטע עסיי באַשטייט, אייגנטלעך, פון דריי עסייען: וועגן פּאָעזיע; וועגן פּאָעטישע פאָרמען; און די נוצן פון פּאָעזיע. די הויפּט־געדאַנקען זיינע האָט ער אַרויסגעבראַכט אין דער ערשטער עסיי „וועגן פּאָעזיע". אין דער דאָזיקער עסיי באַרירט ער פיר פּראָבלעמען: 1) וואָס איז פּאָעזיע; 2) וואָס מיינט אַ ריכטיקע פאָרם; 3) „ווירקלעך פילן", פּאָעטישע פאַרטיפונג און ווי אַזוי „אַ פּאָעט מוז זיך לערנען צו דענקען; 4) פאַרשיידענע פּאָעטן און „ווי עס פילט אַ גרויסער פּאָעט".

זיין דעפיניציע וועגן פּאָעזיע איז ניט ניי. זי איז, ווי יעדע דעפיניציע וועגן פּאָעזיע, ניט זייער קיין געלונגענע, און ניט קיין אַלץ־אַרומנעמענדיקע. ער דריקט זי אויס אַזוי: „גוטע פּאָעזיע איז די, וועלכע דריקט אויס די טיפסטע, שענסטע, דערהאַבנסטע געדאַנקען, און די רייכסטע, שענסטע און טיפסטע געפילן אין דער שענסטער און פּאַסנדיקסטער פאָרם".

אינהאַלט און פאָרם איז איינס. אויך דער דאָזיקער געדאַנק איז

פֿאַר אונדז ניט ניי. באָוושאָוווער שרײַבט: „אַ גרויסער געדאַנק, ד״ה אַ געדאַנק װעגן די (דער) קראַפֿט פֿון דער נאַטור, װעגן גרױסע קעמפֿע, װעגן לעבן און טויט אאַז״וו מוז אויסגעדריקט װערן אין אַ פּערזנמאַס, װעלכע זאָל דיזע גרויסקייט אונדז מאַכן פֿילן אין דעם פֿערז, אין דער שפּראַך, אין די װענדונגען, אין דעם אָנפֿאַנג און אין דער ענדע פֿון דאָס (דעם) געדיכט״.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך איז פֿאַר אונדז אויך דער געדאַנק: „פֿון װאָס דער פּאָעט זאָל ניט זינגען, זאָל ער עס, מוז ער עס װירקלעך פֿילן״.

פֿאַרן דעמאָלטיקן יידישן לייענער, און אפֿשר אויך פֿאַר די יידישע פּיאָנערן־פּאָעטן אין אַמעריקע, זײַנען דאָס געװען נײַע געדאַנקען. פֿאַר אונדז איז אפֿשר ניט קיין נײַס באָוושאָווערס נטיה צו רעפֿלעקטיװוקייט. פֿאַר אונדז איז, אָבער, אַ נײַס זײַן נטיה צו אַנאַליזירן דעם דאַזיקן פּסיכישן פּראָצעס. אַנשטאָט רײדן װעגן פּאָעזיע אין „פּאָעטישער פֿאַרשיכורונג״, „שמאַכטנדיק״־פֿאַרטראַגן, רעדט באָוושאָוווער װעגן אַזעל־כע ענינים, װאָס װערן אַפֿילו עד־היום ניט פֿאַרשטאַנען. און דאָס האָט יוסף באָוושאָוווער געטראַכט, אין די נײַנציקער יאָרן בעת מיר זײַנען דאָ, אין אַמעריקע, געשטאַנען בײַ דער שוועל פֿון יידישן קינסטלערישן ליד. און מערקווירדיק איז דאָס, װאָס די דאָזיקע װערטער האָט ניט אַרויס־געבראַכט אַ רואיקער, נאָר אַ פֿײַערדיקער טעמפּעראַמענט.

„דער פּאָעט — גלייבט באָוושאָוווער — מוז אָפּשיידן, גלײַך װי פֿײַנע זײַדן־פֿעדעם, איין געפֿיל פֿון דעם צווייטן; איין געדאַנק פֿון דעם צווייטן; ער מוז דײַטלעך אַנאַליזירן זײַן יעדן געפֿיל און געדאַנק; אָפּשיידן איין אַרט געפֿילן פֿון דער צווייטער אַרט, איין ריי געדאַנקען פֿון דער צווייטער, אום ריכטיק צו קענען איבערגעבן, װאָס ער פֿילט און דענקט אין דער ריכטיקער שפּראַכע און פֿאָרמע״.

דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז װעגן צוטראַכטן װאָס, למשל, קען זײַן „די ריכטיקע שפּראַכע און פֿאָרמע״ פֿאַר אַ געוויס געפֿיל אָדער געדאַנק. נײַן. באָוושאָוווער האָט געהאַלטן: דער קינסטלער דאַרף זײַן גרייט אַלץ מקריב זײַן פֿאַר זײַן קונסט, „זאָגאַר זײַן לעבן״. ער האָט ניט געמיינט — בלויז אָפּקלייבן „איין געפֿיל פֿון דעם צווייטן, איין געדאַנק פֿון דעם צווייטן״. ער האָט געמיינט: לאַנגזאַם קינסטלעריש געבוירן װערן, כדי שפּעטער אַליין צו געבערן. אין דער ראָמאַנטיש־מליצהדיקער שפּראַך פֿון זײַן צײַט רעדט ער שטענדיק װעגן זײַן פֿאַר־זונקען אין מעדיטאַציעס, אין טיפֿע מחשבות, כדי דעם פּאָעטס טאַלאַנט

זאָל „זען די ליכטיקע זון". „עס מוז זען די ליכטיקע זון — שרייבט ער — די בלומען פון מיין האַרץ מוזן אויפבליען, די קינדער פון מיין פאַנטאַזיע מוזן געבוירן ווערן, ווי שוועך עס זאָלן ניט זיין די געבורטס־ווייען!"

אָבער זיין אייביק טראַכטן וועגן זיין קונסט, „זי האָבן אין זינען וואו ער שטייט און גייט", מיינט ביי אים ניט גלאַט טראַכטן. עס מיינט — דערגראָבן זיך צו יענע רעאַלע יסודות, וואָס בלויז די אידעאַליסטן האָבן געהאַלטן פאַר רעאַל, וואָס בלויז גאַר אַ שאַרף אויג אָדער אַ פאַרטיפטער באַאָבאַכטער קען עס באַמערקן.

כדי האָבן וואָס איבערצוגעבן, און טאַקע קענען איבערגעבן, מוז, לויט באָוושאָווערס מיינונג, „אַ דיכטער... שטודירן פאָרמען און פאָזי־ציאָנען, באַוועגונגען און העוויות, געזיכטציגע און געזיכטס־אויסדריקע, נאַטור־סצענען און גאַסן־בילדער, פאַרבן און קלאַנגען, געביידן און גאַסן... ער מוז זיך פאַרטיפן אין שיינקייט, זיך אָנזויגן מיט דאָס (דעם) לעבן... ער מוז שטודירן דעם מענטשן — דעם מענטשן ווי ער האַנדלט און רעדט אין פרייד און שמערץ, האָפענונג און פאַרצווייפלונג, אין רואיקע שטונדן און אין איבערראַשונג".

דער דיכטער בייטיקט זיך אין די אַלע אַנאַליטישע באַאָבאַכטונגען און טיפע מעדיטאַציעס. ער מוז דאָך „זיין אַ גרויסער שטראָם, צו וועלכן אַלע קליינע טייכעלעך פון דענקען און פילן זאָלן זיך ציען; ער מוז זיין אַ האַרפע מיט פייערדיקע סטרונעס, אויף וועלכע אַלע ווינטן, זאַנפט און שטורעמדיק זאָלן שפּילן; ווי אַ שפּיגל פאַר דער וועלט, פאַר דער אוניווערזום". דער דיכטער בייטיקט זיך אין זיי, ווייל ער מוז זיין צוויי זאַכן אויף אַמאָל: צייטלעך און איבערצייטלעך, פאַק־טיש און סימבאָליש. באָוושאָווער האַלט: דער דיכטער מוז קענען די גרויסע מייסטער און „גרינטלעך וויסן ווי זיי האָבן באַזונגען און געשילדערט דאָס אייביק־לעבנדע, דאָס אומשטערבלעכע אין מענטשן און געפילן". אָבער ער מוז אויך קענען זיין צייט, כדי „צו קענען זיין די שטימע פון זיינע מיטמענטשן".

איז ניט קיין וואונדער, וואָס באָוושאָווער האָט געטראַכט וועגן דעם פּאָעט אין ווייט־גייענדיקע טערמינען. דער פּאָעט „מוז זיך לערנען צו דענקען גרויס און לאָגיש, גרויס אויפצופאַסן קעגנשטענדע און ער־אייגעניסע".

און באָוושאָווערס באַגריף וועגן אַ גרויסן פּאָעט — וועגן דעם

אידעאַלסטן פּאָעט — איז: ער „זעט אַלעס, ווי אַ גאָט: נעמט אַלעס אַרום, דריקט אַלעס אויס".

באָושאָווער רעדט וועגן דעם פּאָעט אומגעהייער ערנסט און פאַר־טיפט. ער ווייזט אונדז אָן אויף זיין ברייטן באַגריף וועגן דעם פּאָעטס פונקציע: זיין צייטלעך און איבערצייטלעך. דאָס אַליין איז געווען אַ שטיק אַפּיקורסות. די אַנגענומענע מיינונג אין די 90ער יאָרן איז געווען: דער פּאָעט מוז זיין נאָר צייטלעך. פון דער אַנדערע זייט, — באָושאָווערס „פּאָעט־באַוואונדערונג" האָט געמוזט פירן צו שעדלעכע רעזולטאַטן. פּאָעטן מיט אַזאַ „פּאָעט־באַוואונדערונג" זיינען געוואָרן עגאָצענטריש, נאַרציס־קראַנק און אומקריטיש.

דאָך — ניט געקוקט אויף אַלץ — האָט זיך באָושאָווער אָפּגעגעבן מיט עסטעטישע פּראָבלעמען.

מיט וואָס, אייגנטלעך, קען מען דערקלערן באָושאָווערס אינטע־רעס אין פּראָבלעמען וועגן פּאָעזיע? ווי קומט עס צו אים?

די דערקלערונג דאַרף מען זוכן אין אים אַליין. מען דאַרף זי אויך זוכן אין זיינע גאָר אַנדערע קינסטלערישע איינשטעלונגען און קאָנטער־געפילן. ער איז ניט געווען ענלעך צו די איבעריקע סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן.

קלאַסישקייט

באָושאָווער איז געווען אַנדערש ווי די אַנדערע יידישע פּאָעטן פון זיין צייט מחמת פיר סיבות. ערשטנס — פאַר באָושאָווערן איז קונסט געווען מער אַ טיף־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם ווי אַ ריין־סאָציאַלע. קונסט איז געווען זיין אַנטרינונג און זיין מקום־מקלט. צווייטנס, — אין זיינע באַוואוסטזיניקע יאָרן האָט זיך אויפגעוועקט אין אים דער מקור־ראשון — די תנך־השפּעה. דער ביבלישער מאַיעסטעטישער סטיל און דאָס פייערלעך־גראַנדיעזע בילד האָבן זיכער דערוועקט אין אים אַ בענקשאַפט נאָך אַט־דער קינסטלערישער דערקענטעניש. דריטנס, — באָושאָווער האָט ניט געקענט די דעמאָלטיקע ראָמאַנטישע און סענ־טימענטאַלע מאָטיוון אין דער רוסישער פּאָעזיע. פערטנס, — די שטאַרק־סטע השפּעה אויף אים האָט געהאַט די קלאַסיש־אוניווערסאַלע ענגלישע פּאָעזיע.

דאָס זיינען געווען די גרונט־סיבות, וואָס האָבן אין באָושאָווערן

קולטיווירט אַן אַנדער געשמאַק און אַן אַנדער קונסט־געפיל. עס פאַר־שטייט זיך, אויף באָװשאָװערן האָט געװירקט אויך אַן אַנדער סיבה: דער „צייט־גייסט", דער ליטעראַרישער נוסח פון זיין צייט. און דאָס איז נאַטירלעך פאַר יעדן פּאָעט אין יעדער תקופה. באַזונדערס נאָך, אין דעם פּאָעטס פאָרמירנדיקע יאָרן. באָװשאָװערס גאַנצער ליטעראַ־רישער וועג האָט געדויערט אַן ערך 7 יאָר. צו 27 יאָר איז ער שוין געווען אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע, אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער ליטעראַרישער וועלט.

ווען באָװשאָװער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן, אין 1892, איז שוין דער ליטעראַרישער נוסח ביי די סאָציאַלע פּאָעטן אין אַמעריקע געווען אַן איינגעשטעלטער.

דעם נוסח האָבן געשאַפן ווינטשעווסקי (דעמאָלט נאָך אין לאָנדאָן) מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, דוד גאָלדשטיין. אין דעם נוסח האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע יידישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ, ווי אויך די פּאָעטן, וואָס זיינען אויפגעקומען אָנהייב 90ער יאָרן: יצחק זעלין, ש. י. פרענאָוויץ, בנימין ראָזענבלום, נייטן לעמפערט, נחום מ. באַבאַד, א. ל. וואָלפסאָן, עוזר סמאָלענסקין, און אַ סך אַנדערע ווייניקער באַ־קאַנטע פּאָעטן און פּערזן־שרייבער.

קלמן מרמר ווייזט אָן ווי אַזוי באָװשאָװער האָט זיך „געווענדט נאָך שפּראַך־פאָרמעס און סוזשעטן צו די פריערדיקע יידישע רעוואָלוציאָ־נערע דיכטער, באַזונדערס... צו דוד עדעלשטאַטן".

באָװשאָװער האָט זיך געמוזט ווענדן צו זיי. די צייט און זיין אי־מיגראַנטישע אַרבעטער־לאַגע האָבן עס געפאָדערט. חוץ דעם — אויף אים האָט ניט געווירקט דירעקט אַ באַשטימטער וויכטיקער קוואַל, וואָס האָט באַאיינפלוסט און גענערט זיינע בני־דור. באָװשאָװער האָט ניט געקענט קיין רוסיש. ער איז ניט געווען דורכגענומען מיט נאַדסאָן־און נעקראַסאָוו־מאָטיוון, ווי אויך מיט די מאָטיוון פון אַנדערע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן און פּאָעטן־פּאָלקיסטן. צוזאַמען מיט געוויסע „שפּראַך־פאָרמעס און סוזשעטן" האָט ער פון די פריערדיקע יידישע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן אויך איבערגענומען דעם טרערן־מאָטיוו. און קלמן מרמר ווייזט טאַקע אָן די לידער, וואו באָװשאָװער דערקלערט זיך פאַר אַ טרערן־פּאָעט (פון מיין „טאָגבוך", „מערץ - גע־האַנקען", „צום אַרבעטער", „צו מיין מוזע" און „לויבען"). אָבער דער טרערן־מאָטיוו איז ניט געווען קיין אָרגאַני־שער שטריך אין באָװשאָװערס פּאָעטישן כאַראַקטער. דאָס האָט באָוו־

שאָווער געצאָלט צינדז דער צייט. אין זיין עסיי וועגן עדווין מאַרק־
האַמען, רעדט ער וועגן מאַרקהאַמס דעמאָלט־באַרימטער פּאָעמע „דער
מאַן מיטן גראָבאייזן". באָוושאָווער באַמערקט דאָרט: „ווי פאַרשידן,
ווי ווייט עס איז פון די געוויינלעכע קרעכצנדיקע און יאָמערנדיקע ליי־
דעלעך פון די זאָגענאַנטע אַרבעטער־פּאָעטן!" (געזאַמלטע שריפטן,
ז' 344).

און ווען מען באַקענט זיך מיט באָוושאָווערס שטאַרקער נטיה צו
קלאַסישקייט, ווערט קלאָר, פאַרוואָס ער האָט ליב געהאַט „געזאַנג"
און ניט „דאָס יאָמערן". אין זיין עסיי וועגן היינריך היינען קריטיקירט
ער שטאַרק היינעס „צעבראָכנקייט": „זאַנפטקייט שאַדעט ניט, איז אָפּט
זייער שיין אין מענער, אין העלדן, אין גייסטיק־שטאַרקע מענטשן;
קינסטלער, דיכטער מוזיקער אַאַז"וו האָבן אין זיך געוויינלעך אַ סך
זאַנפטקייט, דאָס זעלבע האָבן די פּרויענצימער אין זיך, אָבער היינע
האָט געהאַט אַ ביסל צופיל פון דיזער זאַנפטקייט. דער גייסט פון
„גיי איך ניט אַהין, גיי איך אַהער", אָדער פון „בין איך צעקראָכן אָדער
ניט, וואָס איז די נפקה מינא?" איז ניט קיין געזונטער גייסט און קען
שאַדן אַנדערע אויך" (דאָרט ז' 311).

די אָפּטע באַמערקונגען אין באָוושאָווערס עסייען וועגן „געזונטן
גייסט", וועגן דעם וואָס איז געזונט און ניט געזונט נעמט זיך פון באָוו־
שאָווערס אָנקומענדיקער קראַנקייט. דאָס איז מרמרס מיינונג. אין דעם
ליגט, מן־הסתם, אַ שטיק אמת. אָבער באָוושאָווערס ליטעראַרישער יסוד
איז געווען דער תנך — זיין איינציקע בילדונג אין דער קינדהייט. אין
די שפּעטערדיקע יאָרן איז צוגעקומען זיין קענען גרינטלעך די ענגלי־
שע פּאָעזיע. עס „איז ביי אים קיין געדולד ניט געווען צו אַרבעטן
לאַנגזאַם, שטופנוויז, צו קלעטערן מיזאַם", ווי דאָס גיט איבער זיין
ביאָגראַף ד"ר מיכאל קאהן. ער האָט אָבער געהאַט אַ וואונדערלעכן
זכרון. אַ דאַנק דעם האָט ער געקענט אויף אויסווייניק די וויכטיקסטע
שאַפונגען אין דער ענגלישער פּאָעזיע, אויך דאַנטען. „ער (באָוושאָ־
ווער) — שרייבט מיכאל קאָהן — פלעגט אַרומגיין און דעקלאַמירן
צענדליגער בלעטער פון שעקספּיר, דאַנטע, מילטאָן און וויטמאַן אויף
אויסנווייניק". זיינע קענטעניש אין דער ענגלישער פּאָעזיע זעט מען
אויך אין זיינע עסייען וועגן עמערסאָנען, וויטמאַנען און מאַרקהאַמען.
באָוושאָווער האָט זייער באַוואונדערט אין פּאָעזיע דעם קלאַסישן, דעם
קלאַסיש־העראָאישן עלעמענט. ער אַליין האָט עס פאַרמאָגט אין אַ גרויסער
מאָס. דאָס קלאַסיש־העראָאישע איז דאָס שייכות צווישן תנך און דער

ענגלישער פּאָעזיע. און אָט־דער עלעמענט איז געווען אין גאַנצן אַנ־דערש ווי „דער יאַמער" אָדער „פאַרטראָגענע אויסגאַנגסלאָזיקייט", וואָס מיט זיי זיינען געווען אָנגעזעטיקט ניקיטינס, נאַדסאָנס און נע־קראַסאָווס מאָטיוון.

באָוושאָווערן האָט געלאָקט אין פּאָעזיע דאָס וואָס איז „פעסט, געטאָקט, געשניצט קלאָר און געזונט". ווען ער רעדט וועגן גטעטן (אין דער היינע־עסיי), ווייזט ער אָן אויף אַן אייגנשאַפט, וואָס קלאַסישע ווערק פאַרמאָגן: „און דאָס גאַנצע — שרייבט ער — איז עפּעס אַזוי געזונט, פריש, צאַרט, דייטלעך, קלאָר און דויערהאַפט". דאָס זעלביקע באַטאָנט ער עטלעכע מאָל אין זיין עסיי איבער וואָלט וויטמאַנען. „שיין, טיף און קלאָר — הייבט ער אָן זיין וויטמאַן־עסיי — איז געווען זיין גייסט און פאַרשטאַנד, ווי די וועלט פון די נאַטור". אַ ביסל וויטער שרייבט ער: „זיין שפּראַך איז קלאָר... דירעקט, ניט פאַרשטעלט, ניט געקינצלט און פריש, ווי די גרויסע בלעטער, וואָס וואַקסן אַרויס ביי די וועלדער". „ער איז קלאָר און דירעקט", שרייבט ער וועגן עמער־סאָנען. און הגם באָוושאָווערס מיינונג וועגן מאַרקהאַמען איז אַן אי־בערגעטריבענע, איז אָבער וויכטיק פאַר אונדז צו זען, וואָס ער באַ־וואונדערט אין מאַרקהאַמען: „מאַרקהאַם איז אַ גרויסער דיכטער, אַן עכטער פּאָעט, וועמעס שפּראַכע איז רייך, שטאַרק, באַגייסטערט, גלי־ענד, רייך אין בילדער און אַרויסשיסנד ווי אַ לאַווע־שטראָם פון אַ ווולקאַן. מאַרקהאַם רעדט און דענקט אין דער שפּראַכע פון די גרויסע פּאָעטן און נביאים, שטאַרק רייך, לויטער־שרייענדיק, פריי און דער־נאָך איינגעהאַלטן אין די ראַמען פון זיינע שיינע, פעסטע, זאַפטיקע און קרעפטיקע פערזן" (דאָרט ז' 342).

און דאָס, וואָס שטערט דעם באַגריף קלאַסישקייט, וואַרפט ער אָפּ. אַזוי אַרום וואַרפט ער אָפּ געוויסע היינע־דעפעקטן: „ווען מען לייענט איבער היינעס שריפטן, זעט מען, דאָס ער איז געווען זייער אַ גרויסער דיכטער, מיט אַ פייערדיקן גייסט און געוואַלדיק־לעבהאַפטע פאַנטאַזיע. ער איז געווען אַן אמתער פרייהייטס־קעמפער, אַ גרויסער דענקער און אַ גוטער מענטש. אָבער אין זיינע שריפטן, וועלכע זיי־נען אַזוי אויסגעצייכנט אין פילע שטעלן, אין זיינע לירישע געדיכטע, וועלכע האָבן אין זיך אַזוי פיל העל־שטראַלנדיקע און רויט־גליענדיקע שיינהייטן פון ליבע און וויין, געפינען זיך שטעלן פון קרענקלעכער ערביטערונג און מעלאַנכאָליע, און אָפט עפּעס אַ מין מאָדנע לויזקייט

און פֿאַנאַנדערגעשאָטנקייט, וועלכער איז ניט זייער געזונט״ (מיין קורסיוו — נ. ב. מ.). אַפילו ביי וויטמאַנען, ווען ער פֿאַרגעטערט, געפינט ער אָפּנייגן פון קלאַסישן סטיל. „אויב איך וואָלט עטוואָס טאַדלען אין זיין סטיל — שרייבט ער אין דער וויטמאַן־עסיי — איז עס, נעמלעך, זיין ברייטקייט; זיינע פּערזן אָן גראַמען קלינגען וואונדערלעך־שיין, אָבער אין זיין ברייטקייט קען מען אָפּט דערטרונקען ווערן, ווי אין אַ ים (מיין קורסיוו — נ. ב. מ.).

געבענקט האָט באָוושאָווער צו זיין קלאַסיש־מאַסיוו, געאָרדנט און דזשערנדיק. אין דעם ליגט באָוושאָווערס קונסט־איינשטעלונג און קונסט־געפיל. דאָס געפיל איז: קונסט איז ניט אויסשליסלעך בלויז אַ פּאַר־שמאַכטע עמאָציאָנעלע טעטיקייט. אין איר קלאַסישן — תנכישן און ענגלישן — זינען האָט זי אויך פּלאַץ פאַר גרויסע מעדיטאַציעס און גרויסע אַנונגען. און דער, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף דער דאַזיקער דערקענטעניש, טראַכט אויך וועגן דער מיסטעריע פון די דאָזיקע גרויסע יסודות. פריער אָדער שפּעטער מוז ער צוקומען צו די סאַמע יסודות, צו די גורלדיקע פאָרם־באַשטימונגען, די אומפאַרמיידלעכע פאָרם־פּראָבלעמען און זייערע שייכותן צום שאַפן.

דאָס איז, אייגנטלעך, די סיבה, וואָס האָט געפירט באָוושאָווערן צו טראַכטן וועגן פּראָבלעמען אין דער פּאָעזיע. דערצו נאָך אין אַ צייט, ווען זיינע בני־דור האָבן וועגן דעם ניט געטראַכט. זיי האָבן געמיינט, עס איז פאַרשווענדעריש זיך אָפּגעבן מיט „טרוקענע״, „אומנייטיקע״, „טעכנישע״ ענינים, וואָס האָבן ניט קיין ווערט, אָדער וואָס זיינען פּראָבלעמען בלויז פאַר לײדיקגייער.

עדעלשטאַט און זיין דורס טענה איז געווען — „ווי שעמט איר זיך ניט ווענדן אויפמערקזאַמקייט אויף גראַם, ווען די אַרבעטער שטאַרבן מאַסנווייז פון טשאַכאָטקע אין די אוממענטשלעכע פאַרדומפּענע פאַבריקן״. באָוושאָווערן האָט דורכגענומען די מיסטעריע פון שאַפן. צווישן די צוויי באַגריפן ליגט אַ תהום, וואָס האָט עד־היום צעטיילט די פּאָעטן אין דער יידישער ליטעראַטור: די מערסטע, וואָס זיינען פּראָדוקטן פון רוסישע, אָדער אַנדערע סלאַווישע איינפלוסן, און די ווייניקע, וואָס זיינען פּראָדוקטן פון ענגלישע איינפלוסן. ביידע ריידן און טראַכטן אין גאָר אַנדערע טערמינען. ביידע פאַרמאָגן היפּוכדיקע קונסט־איינשטעלונגען און קונסט־געפילן.

נאַטור

באָוושאָווערס אייגענע פאַרבאָרגענע דמיונות, האָבן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין קונסט, אין פּאָעזיע. פאַר באָוושאָווערן האָט, אָבער, געלעבט נאָך אַ וועלט. זי איז אויך פאַרבאָרגן, סודותפול. באָוושאָווער האָט שטענדיק געפונען אין איר טרייסט. דאָס איז געווען — די נאַטור. ער האָט זי ניט באַטראַכט ווי אַ מיטאָלאָגישן מיטל פאַר מעטאַפאָרן און עפּיטעטן. פאַר אים איז זי געווען די טיפסטע איבערלעבונג — „דער אמת וועלקט ניט אין נאַטור״, פאַר אים איז זי געווען די

אומענדלעכע נאַטור, נאָך וועלכער איך האָב אָפּט
געשמאַכטעט פון מיין אינערלעכסטער הערץ,
נאָך וועלכער מיין נשמה האָט געגאַרט,
אין וועלכער איך האָב אייניק־הייס געלעבט —

(„צוויי וועלטן״)

דו אָבער שטייסט נאָך אין דיין אַלטער פּראַכט,
באַדעקט מיט גלאַנץ, אומענדלעך ווי די צייט —
אַן אייביק־שטראַלנדע געהיימניש!

ווען מ׳לייענט זיינע „נאַטור־לידער״, געשריבן ממש אין קלאַסישן סטיל, דערפילט מען אַ קאָסמישן, אַ טראַנסצענדענטאַלן דורכלויכט.

ווען כ׳שטיי ביים ברעג פון הויך־געוועלבטן פעלז
און קוק אַרונטער אויף דיין ברייטן ים;
ווען אויף די ריזן־וואָלקן רוט מיין בליק,
און ווערט באַהעפט מיט דער אומענדלעכקייט;
ווען דורך דעם עטער שוועבט מיין פאַנטאַזי,
און זעט דעם ליכטיקן פּלאַנעטן־גאַנג,
ווי מעכטיק בין איך דאַן, און דאָך ווי שוואַך!
ווי ניכטיק בין איך דאַן, און דאָך ווי גרויס!

ווען כ׳האָב פאַרצווייפלט אין דער גרויסער וועלט,
האָב איך אַ טרייסט געזוכט אין דער נאַטור:

איר יונגע שיינקייט אין דער פרילינגס־צייט,
איר זיסער טרויער אין דער צייט פון הערבסט;
איר שטילעס אַלטער אין דער ווינטער־צייט —
זיי האָבן מיך באַרואיקט און געשטאַרקט;
מיין ברוסט ערפילט מיר פרישע ענערגי,
מיט יוגנטלעכער קראַפט, און לעבנס־מוט.

אוניווערסאַלע טענער

באָושאָוער איז געשטאַנען זייער נאָענט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ניט נאָר זייער וועלט־בליק איז אים געווען אייגן. זיין טעמ־פעראַמענט, זיינע קינסטלערישע פאַרטראַכטונגען האָבן געפונען ענט־פערס אין אַנאַרכיזם. דער אַנאַרכיזם האָט געלייקנט אויסערלעכע גע־זעצן, מאַכט־אויטאָריטעט, צוואַנג און „קאָנווענציאָנעלע ליגנס". דאָס אַלץ איז געווען צוגעפּאַסט פאַר באָושאָוערן, דעם פרייהייטס־טרוימער, דעם פרייהייטס־קינסטלער. אָבער ער איז געווען אַנדערש ווי זיינע פאַרגייער און מיטגייער. ער האָט געזען זאַכן אַ סך אַבסטראַקטער, פאַראַלגעמיינערט, טיפער און פילאָסאָפישער. דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס זיינע ערשטע פּאָעטישע פּרואוון זיינען געקומען פון השפעות. זיי זיינען אָבער געווען צאַמעדיקע. ווי נאָר ער איז אַרויס אויפן איי־גענעם דרך־המלך, איז זיין גאַנג געווען איינס מיט זיינע אינערלעכע וועלטן.

פאַר באָושאָווערן איז געווען כאַראַקטעריסטיש דער ברייטער שוואונג, דער פאַרטיפטער אײנבליק, די פּאָעטישע אויפרודערונג. איז נאַטירלעך פאַרוואָס אים האָט אָנגעהויבן ווערן ענג אין דער ווינטשעווס־קי־ראָזענפעלד־עדעלשטאַט טראַדיציע. האָט ער געזוכט וועגן ווי דאָס בייקומען. היינעס לידער, וואָס ער האָט גוט געקענט, האָבן אים ניט געהאָלפן דאָס צו דערגרייכן.

באָושאָוער האָט געשטרעבט צו דיסציפּלין, צו פּאָעטישער פול־קייט, צו קלאַסישער גרויס־פּאָעזיע. האָט ער, בעת זיין רייף ווערן, ניט געקענט פאַרטראָגן היינעס ראָמאַנטיזם. באָושאָוער האָט געשטרעבט צו אַן אַנדער ראָמאַנטיזם, צו וויזיעס, פול מיט ענערגיע און אומגעהייער־גרויסן פאַרנעם. ער האָט געחלומט ווערן אַ מילטאָן, אַ דאַנטע, אַ געטע. היינע האָט אים ניט געקענט העלפן בייקומען זיינע ערשטע איינפלוסן.

באָושאָווערס סאָציאַל ליד האָט אָנגעהויבן לויכטן מיט אַן אוניווער־סאַלן באַטייט. דאָס איז געווען דער איינפלוס פון דער ענגלישער פּאָע־זיע. באַזונדערס האָבן אויף אים געווירקט יענע באַפרייאונג־טענער, וואָס האָבן אין באָושאָווערס צייטן זיך שטאַרק געהערט אין דער אַמע־ריקאַנער ליטעראַטור. עמערסאָן און וויטמאַן זיינען געווען מענטשן מיט פאַרשיידענע פּאָעטישע טעמפּעראַמענטן און סטילן. דאָך האָבן זיי געהאַט איין געמיינשאַפטלעכן יסוד. דאָס איז געווען: דער רעוואָלו־ציאָנערער אינדיווידואַליזם. דער באַטייט איז ביי זיי געווען אַן אוּ־ניווערסאַלער. און דער הינטערגרונט — אַ פרייע מענטשהייט. עמער־סאָנס שטים האָט געקלונגען מער אינטעלעקטועל, וויטמאַנס מער ליריש און רעטאָריש. און די צוויי פּאָעטן־נביאים האָט ער גוט באַ־נומען.

אָט־די אַלע איינפלוסן האָבן נאָך מער אויסגעברייטערט און פאַר־טיפט באָושאָווערס ליד. באָושאָווערס אוניווערסאַלע בענקשאַפט האָט אָנגענומען אין זיין ליד די פאַרקערפּערונג פון גרויס־זשעסטיקע בילדער. זיי אָטעמען מיט אַ טיפן איינבליק און קאָסמישער פאַרטראַכ־טונג. זיין ליד „דעם דיכטערס ווירקן און געבורט" איז איינע פון די גרעסטע לידער אין דער יידישער פּאָעזיע:

דורך מיר גייט אויף די ליכט פון פריען מאָרגן,
די ערשטע שטימען פון נאַטור ריידן דורך מיר,
מיט מאַכט אַנטדעק איך, וואָס זי האַלט פאַרבאָרגן,
מיט שטורעם און מיט אורוואַלד צי איך דורך איר.

איך עפן אויף דער שעפּפונגס ברייטע טירן,
און פיר דעם מענטשן אין איר האַרץ אַריין;
דורך אירע סודות שטרעב איך אים צו פירן,
ער זאָל איר מייסטער און באַפעלער זיין.

איך שאַף און לעב אין אירע טיפסטע טיפן,
איך דענק און פיל איר זין; איך האָף און טרוים;
איר אייביק לעבן ווערט פון מיר באַגריפן,
זי איז מיין שוץ, מיין ענדציל און מיין היים.

איך וועק דעם שטורעם אין די טיפע ימים,
איך שוועב מיט וואָלקן אום, מיט שטורעם־רויש;
איך ברענג דעם פרילינגס אייביקע בשׂמים
דורך שטילע ווינטעלעך זינג איך מיר אויס.

ביז אין דעם פיינסטן שטויב פיל איך די בלומען
דעם רעגן פיל איך איי (איידער) ער הייבט אָן גיין,
איך פיל די שטורעם־ווינטן איידער נאָך זיי קומען,
אַלץ באַגרייף איך, וואָס איז ליב און שיין.

עס האָט מיך די נאַטור מיט לוסט געבאָרן,
איר ברוסט האָט מיך געזויגן און גענערט;
און טריי און הייליק דורך דעם לויף פון יאָרן,
האָב איך איר שטימע אין מיין ברוסט געהערט.

די שטימען פון דער נאַכט האָבן מיר ליב געקלונגען
די אייביקע שטערן האָבן אויף מיר געבליקט,
דער ווינט האָט מיר אַ וויגן־ליד געזונגען,
דער ברייטער ים האָט מיך אין שלאָף פאַרוויגט.

באָושאָווערס פאָרם איז דאָ אַ באַפרייטע, אַ ברייט־שוואונגיקע. זי איז אַן אויסגעהאַלטענע, אַן אויסגעהאַקטע, אַ קלאַסישע. מיטן פייער פון סאָציאַלן שוואונג האָט אָט־די קלאַסישע פאָרם געקראָגן דעם אויסזען פון אַן אוניווערסאַלן, אַ קאָסמישן סאָציאַלן מאָטיוו. דעם סאָציאַלן, דעם רעוואָלוציאָנערן עלעמענט האָט באָושאָווער אויסגעברייטערט אין אַן אויסדרוק פון אַ גרויסן באַטייט. אין דער יידישער פאָעזיע איז דאָס געווען דער ערשטער אַקאָרד פון אַ גרויס־זשעסטיקן, גרויס־צוגיקן מאָטיוו. זיין ליד „רעוואָלוציאָן" איז איינער פון די שענסטע מוסטערן פון באַגייסטערטער רעוואָלוציאָנערער פאָעזיע:

איך קום ווי אַ שטאָלצער קאָמעט, ווי די זון, ווען עס הייבט אָן טאָגן;
איך קום ווי אַ בייזער געוויטער פון בליץ און פון דונער געטראָגן;
איך קום ווי אַ גלויטיקע לאַווע פון וואָלקן־באַדעקטע ווולקאַנען;
איך קום ווי דער שטורעם פון צפון, וואָס וועקט און דערשרעקט אָקעאַנען.

איך קום, ווייל עס האָבן טיראַנען פאַרוואַנדלט די פעלקער אין טראַנען;
איך קום, ווייל מען פיטערט דעם פרידן מיט פולווער און בליי און קאַנאָנען;
איך קום, ווייל די וועלט איז צעטיילט און דער בונד פון דער מענטשהייט צעריסן;
איך קום, ווייל מע וויל פאַר דעם צייטגייסט דעם ענדלאָזן וועלט־רוים פאַרשליסן.

איך קום, ווייל איך בין אין דער מדבר פון הערשאַפט געבאָרן געוואָרן;
איך קום, ווייל די מענטשלעכע ברוסט קען די זריעה פון לעבן ניט טייטן;
איך קום, ווייל מען קען ניט די פרייהייט אויף אייביק פאַרשמידן אין קייטן.

איך האָב די פאַרקנעכטע פעלקער געפירט אין די פריערע צייטן
און האָב זיי געהאָלפן די שענדלעכע קנעכטשאַפט אויף פרייהייט פאַרבייטן,
איך בין מיט דעם פאָרשריט געגאַנגען, די וועלט אים געהאָלפן באַנייען,
און גיין וועל איך היינט מיט די פעלקער, און וועל זיי איינגאַנצן באַפרייען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און מעגט איר מיך הרגן, און שיסן און הענגען — אומזיסט אייער מיע!
מיך שרעקט ניט קיין תפיסה, מיך שרעקט קיין שאַפאָט ניט, מיך שרעקט ניט קיין תליה!
אַרויסוואַקסן וועל איך פון דר׳ערד איך וועל זי מיט וואָפן באַדעקן,
ביז איר וועט אייביק פאַרזינקען, ביז אייך וועט דער קבר פאַרמעקן! —

„אַ מעלאַנכאָליע מיין״

צווישן באַוושאַווערס לעצטע שאַפונגען איז אויך געווען דאָס ליד „דער פרייהייטס־וואַנדערער״, געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער־שטימע״, דעם ערשטן דעצעמבער, 1899. דאָס ליד איז לאַנג. אין אַ געוויסן זין שטעלט עס מיט זיך פאָר אַ מין סך־הכל פון אַ סך באַוושאַווערס מאָטיוון. דער פרייהייטס־וואַנדערער וואַנדערט „אַרום פון לאַנד צו לאַנד״. „מיט אים גייט ס׳לעבן, גייט די פרייהייט מיט״. אומעטום, „אין יעדן ווינקל דרינגט זיין בליק אַריין״. „עס לעבט פאַר אים קיין טרייער פאָטער ניט, קיין מוטער לעבט ניט, וועלכער ער האָט ליב

מער ווי די פריהייט, און זיין פרייער שריט געהאָרכט מיט שטאָלץ זיין אינערלעכן טריב". „ער וויל ניט וויסן פון קיין וועלטן־מאַכט". „ער וויל קיינעם ניט באַצווינגען און באַהערשן". „און זוכט ער מאַכט, איז עס די מאַכט צו שיקן די ליכט פון פריהייט דורך דער וועלטן־נאַכט". און „ווען דורך דער וועלט ציט דורך דער פריהייטס־קלאַנג" און פריהייט־פאָנען פלאַטערן,

דאַן וואַכט אויף אין זיין ברוסט אַ גרויסער גייסט
אַ פריידן־רויש לויפט דורך זיין קערפער דאַן,
און מיט אַ שטורעמדיקער הייליקער גבורה רייסט
זיך זיין געמיט צום שטאָלצן פרייען מאַן.

מיר גיבן דאָ איבער די וויכטיקסטע סטראָפעס:

שוין ליגט די וועלט פאַר אים, מיט ליכט באַדעקט,
מיט ליבע רוט אויף איר זיין טיפער בליק;
זיין גייסט איז פריי, זיין האַרץ איז אויפגעוועקט,
און שלאָגט מיט פריד, מיט טיפן מענטשן־גליק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אָפט אין לײדן טוט דאָס האַרץ אים וויי,
דאָך ווערט ער ניט פאַרצווייפלט אין זיין וועג;
ער הערט דער מענטשהייטס ליידנס־אויסגעשריי,
דאָך זינקט ער ניט, ער זוכט אַ נײַעם שטעג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אים רופט צום וואַלד, אים רופט צום טאָל אַרויס,
אַ שטימע הערט ער אין דער ווייטער וועלט, —
אים טרייבט די גייסט פון יעדן ליידנד הויז
צו זוכן דאָס, וואָס אַלע שקלאַפן פעלט. —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיין שטימע הייבט זיך אויף מיט געטער־מאַכט, —
ריין, ווי די שטימע פון דער טויב און שוואַן,
זיס, ווי די שטים פון נאַכטיגאַל, וואָס קלינגט ביינאַכט, —
שטאַרק, ווי דער דונער־קלאַפּ ביים אָקעאַן; —

און ס'איז זיין גייסט מיט פרייהייטס־גייסט פאַראיינט,
ער קוקט מיט ליבע אויפן אָרעמענס געצעלט;
און מיט די בליקן, וועלכע זיינען נאָך פאַרוויינט
פון פרייד, ער בענטשט מיט פרייד די גאַנצע וועלט.

פאַראַן ביי באָוושאָווערן אַ ליד „מיין פריינדין”, וואָס געהערט ניט צו זיינע לעצטע ליד'ער. דאָס ליד, אָבער, גיט איבער אויפן רירנדיקסטן אופן באָוושאָווערס יאוש־שטימונגען. דאָס איז באָוושאָווערס טרויעריקסט ליד. מיר פילן אין דעם באָוושאָווערס טרויעריקע זעאונגען.

מיין פריינדין

אָ, גוטע, גוטע, פריינדין מיין,
ווי ליבסטו מיך אָן שיער!
דו לאָזסט מיך נימאַלס איינזאַם זיין,
ביסט שטענדיק נאָר מיט מיר!

דו גייסט מיר נאָך, באַגלייטנדיק,
ווען קלאָר די זאָנע שטראַלט,
דיין טוך אויף מיר פאַרשפּרייטנדיק,
ווען שניי און רעגן פאַלט.

דיין שוואַרצן שלייער פלאַטערן
זע איך אויף יעדע הויז,
וואו מיינע פריינד זיך מאַטערן,
אום ברויט אַ שטיקל בלויז...

איך טרעף דיך אימער זיצנדיק
אין שוואַרצן אָנגעטאָן,
דיין אויג, פון מיטלייד בליצנדיק,
זי גלייכט אַ שוואַרצע זאָן.

אומאַרעמסט מיך מיט לייַדנשאַפט,
מײַן קאָפּ רוט אויף דײַן שויס,
און האָסטו ניט צו רייַדן קראַפט,
דײַן קוש איז אָבער הייס...

דו זינגסט מיר שטיל, מײַן טײַערע,
אַ טרויער־ליד אָן סוף,
און זינגסטו ווען אַ נייַערע —
זי הער איך ניט... איך שלאָף...

איך האָב קיין פרײַנד, קיין גרעסערע,
ווי דו, אין נויט און פּײַן,
קיין טרייסטערין קיין בעסערע,
אָ, מעלאַנכאָליע מײַן!...

דער טראַגישער און פרי־פאַרשטומטער דיכטער האָט געשריבן אינגאַנצן אַרום זיבן יאָר. עדעלשטאַטס ליד האָט זיך אויסגעלאָשן צו 26 יאָר. באָווּשאָווערס — צו 27 יאָר. באָווּשאָווער האָט אָנגעהויבן שפּינען זײַן סאָציאַל ליד דאָרט, וואו זײַנע עלטערע חברים האָבן פאַרענדיקט אָדער כמעט ווי פאַרענדיקט. אין זײַנע ערשטע לידער האָט ער ממשיך געווען זייער טראַדיציע. אָבער בײַ באָווּשאָווערן איז שטאַרקער דער אַבסטראַקטער עלעמענט און די נטיה צו קלאַסישער פאָרם. אין דער דאָזיקער פאָרם געפינט ער זײַן פולע רײַפקייט. זײַנע בעסטע לידער זײַנען באַגײַסטערטע וויזיעס געשריבן שטרענג, מיט פײַערלעכן אָטעם. געוויסע בילדער זײַנע דערהייבן זיך צומאָל צו אַ גרויסן פאַרנעם, ווי בײַ גרויסע מײַסטערס. די יידישע פּאָעזיע האָט אין דעם פרי־פאַרשטומטן, טראַגישן דיכטער פאַרלאָרן איינע פון די גרעסטע פּאָעטישע האָפענונגען, וואָס איז צעשטערט געוואָרן ביים סאַמע מקוים ווערן.

דוד גאָלדשטיין

1931 — 1868

דוד גאָלדשטיין

זיין גאַנג

דוד גאָלדשטיין געהערט צו די פריסטע אַרבעטער־פּאָעטן. זיינע לידער האָבן זיך באַוויזן אין דער יידישער פרעסע אין יאָר 1887. דאָס איז געווען דריי יאָר נאָך מאָריס ווינטשעווסקיס אויפקום אין דער יידישער פּאָעזיע. צוויי חדשים נאָך מאָריס ראָזענפעלדס ערשטע לי־דער. דאָס איז אויך געווען צוויי יאָר איידער דוד עדעלשטאַט האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע ערשטע יידישע לידער.

בטבע אַ דינער ליריקער, איז ער שטענדיק געווען ווי פאַרטראָגן אין אַן אַנדער וועלט. ער איז שטענדיק געווען פול מיט בילדער, שורות, ריטמען. דאָס האָט אין אים געשאַפן אַן אומרו. געווען איז דאָס אַן אומרו, וואָס באַוועלטיקט איינגאַנצן דעם פּאָעט, אַן אומרו ווי ביים ערב־שאַפן. אָט אין דער אומרו האָט ער געלעבט זיין גאַנץ לעבן. דאָך האָט ער קיין צו־גרויסע ליטעראַרישע ירושה ניט איבערגעלאָזן.

ער אַליין האָט געהאַט אַן ענייוותדיקע מיינונג וועגן זיינע אייגענע לידער. די מאָטאָ צו זיין איינציקער לידער־זאַמלונג „ווינטער־בלומען״, 1916, איז באמת אַן אויפריכטיקע:

מיין פעדער איז אַלט און פאַרזשאַווערט,
זי ליגט שוין כמעט ווי צעבראָכן;
איך האָב מיך מיט גדולים געחברט
און בין נאָך ביז היינט ניט דערקראָכן.

זיינע לידער זיינען פונקט אַזוי אויפריכטיק ווי עס איז זיין מאָטאָ. ער פאַרמאָגט עכטע, רירנדיקע ליריש לידער. און דאָס איז דער ער־לעכסטער שכר פאַר אַ דיכטער.

פאַר אונדז איז, אָבער, אויך וויכטיק זיין אַנטוויקלונג. זי דער־ציילט אונדז טאָקע וועגן דעם דיכטער גופא. זי דערציילט אונדז אָבער אויך וועגן דער צייט ווען דוד גאָלדשטיין איז אויפגעקומען.

צו גאָלדשטיינס לידער־זאַמלונג „ווינטער־בלומען״ האָט דער קרי־

טיקער לעאָן ס. מאָיסעיעף (לעאָנטיעוו) געשריבן אַ הקדמה. ער רירט אָן אין דער הקדמה צוויי וויכטיקע זאַכן. ערשטנס — גאָלדשטיינס דיכטונג האָט זיך געענדערט אינאיינעם מיט די ענדערונגען אין דער אַמעריקאַנער־יידישער אימיגראַציע. צווייטנס — די פאַרוואָגלטע יידישע אימיגראַנטן האָבן געגלויבט אין דער מענטשהייט. זיי האָבן, אָבער, פאַרזען דאָס אייגענע פאָלק. ער דערקלערט עס דערמיט, וואָס אין אַמעריקע איז נאָך ניט געווען קיין יידיש פאָלק אין די 80ער, 90ער יאָרן, אין דעם זין ווי מיר פאַרשטייען עס איצט. „לאַנגזאַם — שרייבט ער — זיינען פון איינציקע בלאָנדזשענדיקע מענטשן געוואָרן גרופּעס; די גרופּעס זיינען געוואַקסן אין מאַסן, און די מאַסן הייבן אָן ווערן אַ פאָלק: דאָס איינהייטלעכע, אָרגאַניש־פאַרבונדענע יידישע פאָלק פון אַמעריקע".

מיט די דערמאָנטע צוויי געדאַנקען האָט מאָיסעיעף געוואָלט דערקלערן גאָלדשטיינס איבערגיין פון אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערע לידער צו יחידישע, ווי אויך — זיין איבערגיין פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו נאַציאָנאַלע מאָטיוון. אָבער אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט איז גאָלדשטיין פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן. ער שליסט זיין לידער־זאַמלונג מיטן ליד „איך בין דער זון פון אַלטן פאָלק". באַדויערט ער דאָרט, וואָס „אַך, מיין היים — איך קען זי ניט".

איך בין דער זון פון יידן־פאָלק,
איך בליק זיין צוקונפט אין געזיכט.
איך זוך און פרעג אין גלות־נאַכט,
איך זוך אַרום דאָס מאָרגן־ליכט.

און ווען דאָס קלאָרע מאָרגן־ליכט
גייט־אויף פאַר אַלע ברייט און וויט,
אָ, דאַן בין איך, און אויך מיין פאָלק —
מיר זיינען אַלע דאַן באַפרייט.

ביאָגראַפישע פרטים

דוד גאָלדשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן אַפּריל, 1868, אין יאַגוסטאָווע, סואוואַלקער גובערניע. ער האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג אין חדר און אין דער ישיבה. דאָס פרומע הויז,

די גאַנצע פרומע סביבה האָט אויף אים איבערגעלאָזן שטאַרקע סימנים. אין אַ ליד „חרוב", געשריבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, דערמאָנט ער זיין חרובע היים, וואו זיין וויגל איז געשטאַנען:

> אין חורבות ליגט די אַלטע קלויז,
> געבליבן נאָר דער שוואַרצער קוימען.
> דערביי געווען איז אונדזער הויז,
> געוועבט האָב איך דאָרט מיינע טרוימען.

צו פערצן יאָר, אין 1882, איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד. דאָרטן איז ער אַריינגעפאַלן אין די שוויץ־פאַבריקן. ער האָט זיך דאָרטן אויך דערנעענטערט צו דער אויפגייענדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. גאָר איינגיכן איז ער געוואָרן אַן אַקטיווער טוער צווישן די אַנאַרכיסטן. קיין ניו־יאָרק איז ער געקומען אין 1885, נאָכדעם ווי ער האָט געלעבט דריי יאָר אין לאָנדאָן. אין ניו־יאָרק איז ער געוואָרן אַ טעטיקער מיט־גליד אין דער באַוואוסטער אַנאַרכיסטישער אָרגאַניזאַציע „פּיאָנירע דער פרייהייט", וואָס איז טאַקע אויפגעקומען אין יענעם יאָר. איינגיכן איז ער אַוועק קיין פילאַדעלפיע. בעת ער האָט דאָרטן געוואוינט איז ער געווען דער פירער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופּע „ריטער דער פרייהייט". אין זיין בוך „פערציק יאָר אין קאַמף פאַר סאָציאַלער באַ־פרייאונג" רופט אים אַן חיים לייב וויינבערג — „אַ נאַרוואָס אַנגעקו־מענער ראַדיקאַל אַטעאיסט פון ענגלאַנד".

בעת אין ניו־יאָרק איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענ־פאָר פון אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועגן גרינדן אַ בשות־פותדיקע צייטונג, איז דוד גאָלדשטיין געווען איינער פון די פילאַדעל־פיער דעלעגאַטן.

אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט האָט ער אַ געוויסע צייט געוואוינט אין באָסטאָן. אונטער זיינע לידער „רעוואָלוציאָן" און „בייביס טרערן" איז פאַרצייכנט דער נאָמען — באָסטאָן.

דעם גרעסטן טייל לעבן האָט גאָלדשטיין געוואוינט אין ניו־יאָרק. אין די יאָרן 1907—1908 האָט ער געהאַט אַ צייטונג־שטעלכל. אַ געוויסע צייט האָט ער געהאַט אַ קאַפע אויף דער 116טער גאַס, צווישן מעדיסאָן און פינפטער עווענין. געווען אַ צייט ווען גאָלדשטיין האָט ניט געקענט זיך זעצן אָנשרייבן אַ ליד, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שטענ־

דיק געווען פול מיט שורות און בילדער. אַזוי ביטער איז אים געווען דאָס לעבן. פון 1906 ביז 1912 האָט מען טאַקע ניט געזען זיינע לידער אין דער פרעסע.

נאָך צוויי יאָר שווערעליידן איז דער פּאָעט געשטאָרבן אין עלטער פון 63 יאָר, דעם 24טן נאָוועמבער, 1931, אין „מאָנטעפיאָר היים פאַר אומהיילבאַרע".

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער באַריכט וועגן גאָלדשטיינס לוויה אין דעם „מאָרגן־זשורנאַל", דעם 26טן נאָוועמבער, 1931. צווישן אַנדערס שרייבט דער באַריכט־אָפּגעבער:

„דער שיקזאַל פון דעם טאַלענטירטן, אָבער כמעט פאַרגעסענעם, דיכטער איז געווען אויסגעהאַלטן ביז דעם לעצטן מאָמענט. און ווי ער האָט אין לעבן באַגלייט דעם עלנדן פיין־פילנדיקן פּאָעט אויף שריט און טריט, אַזוי האָט ער אים ניט אָפּגעלאָזט ביזן סאַמע קבר".

ביי דער לוויה האָט מאַני־לייב געריררט דעם עולם ביז טרערן מיט זיינע ווערטער וועגן דוד גאָלדשטיינס ביטערן גורל.

גאָלדשטיינס פריינד אברהם פישמאַן האָט ביים אָרון פאַרגעלייענט אַ ליד, וואָס דער פּאָעט האָט אים איבערגעגעבן אין שפּיטאָל, דריי וואָכן פאַר זיין טויט. מיר ציטירן דאָס ליד ווי עס איז דערשינען אינעם אויבנדערמאָנטן לוויה־באַריכט:

צו מיין מוזע

לאָז מיך מוזע רואיק דרימלען,
מיין נשמה מיט דיר פאַרפילט —
גיי צוריק אין דיינע הימלען,
אָפּגעזונגען שוין מיין ליד.

אין מיין האַנט דיין האַרפע האַלטן
קען איך ניט און וועל ניט מער —
אין מיין האַרץ, דעם אַלטן, קאַלטן,
גליווערט שוין מיין לעצטע טרער.

זאָלן מיינע לעצטע טרערן
אַ מליץ און אַן עדות זיין,

אַז געזונגען האָב איך געגרן
דײַן געזאַנג אין נויט און פּײַן.

ניט געריממט און ניט באַזונגען,
ניט געמאַכט דאָס ליד צו שפּאָס,
פֿאַלש האָט ניט מײַן טאָן געקלונגען,
ניט געדינט דעם געלט־אָפּגאָט.

לאָז מיך, לאָז מיך, מוזע מײַנע,
רואיק דרימלען איצט אַליין,
כ'האָב די לידער אַלע דײַנע
אויסגעזונגען פֿאַרן שטיין...

דעם 25סטן נאָוועמבער, 1931, האָט דער „טאָג" אָפּגעדרוקט אַן אַנדער ליד, וואָס גאָלדשטיין האָט געשריבן פֿאַרן טויט. דאָס איז איינע פֿון זײַנע לעצטע לידער. קיין נאָמען האָט דאָס ליד ניט:

ניט פֿאַרשפּרייט מײַן טרויער,
זאָגט ניט אין די גאַסן,
ווי עס לעבט דער וואָגלער,
ער — וואָס האָט קיין רו געפֿונען,
ניט מיט אייך,
און מיט זיך.

איינזאַם דורך די נעכט די שטילע,
איינזאַם דורך די טעג,
בעט מײַן האַרץ אַ שטומע תּפֿילה,
אין מײַן וויסטן — וויסטן וועג.

אַ סוף איז געקומען, אַ סוף צו מײַן חלום.
איך טרויער דעם טרויער פֿון שטילע אבֿלים.
איך גיי איצטער ווערן אַ יושבֿ אוהלים,
איך גיי איצט זוכן מײַן רו בײַ די שפֿלים...

צו קבורה האָט מען אים געבראַכט אויפֿן הר־כּרמל בית־עולם, אויף דער קרקע פֿון אַרבעטער־רינג.

די אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע לידער

ביי אַ סך פּאָעטן שטימען זייערע ערשטע לידער מיט זייער צייט, אָבער ניט מיט זיי גופא. אַזאַ פּאָעט איז געווען דוד גאָלדשטיין. דער דינער, אינטים־יחידישער, ליריקער האָט פריער געשריבן לידער אינעם נוסח פון די 80ער יאָרן. דאָס איז שווער צו גלויבן. ביי ווינטשעווסקין, ראָזענפעלדן, עדעלשטאַטן זעט מען ניט קיין שאַרפע סתירות אין זייער אַנטוויקלונג. פאַרקערט, — יעדער ווייטערדיקער טראָט איז אַ המשך פון אַ פריערדיקן. ערגעץ־וואו בינדן זיך אַלע זייערע לידער. ביי גאָלד־שטיינען זיינען פאַראַן צוויי וויטע באַזונדערע וועלטן — די סאָציאַלע און די אינטים־יחידישע.

אין דער הקדמה צו גאָלדשטיינס איינציק בוך „ווינטער־בלומען", באַמיט זיך מאָיסעיעף דאָס צו דערקלערן. זיין סאָציאַלאָגישע אויסטיי־טשונג איז געווען: דאָס לעבן האָט זיך געביטן; האָט זיך אויך דער דיכטער געביטן. אין דעם ליגט אַ שטיק אמת. ווען גאָלדשטיין האָט אין 1912 זיך אומגעקערט צו דער ליטעראַרישער סביבה האָט ער דע־מאָלט דערפילט אַ גאָר נייעם קלימאַט: דאָס יחידישע ליד פון די „יונגע". און דאָס האָט געשטימט מיט זיינע אינטים־פּאָעטישע טרוימען. ער איז אָבער פּסיכאָלאָגיש שטענדיק געווען אַן אינטים־יחידישער פּאָעט. דעריבער זיינען אַ חידוש זיינע ערשטע אַרבעטער־לידער. ער האָט זיי טאַקע ניט אַריינגענומען אין זיין לידער־זאַמלונג. ניט ער האָט זיי געהאַלטן פאַר גוטע לידער, ניט ער האָט שפּעטער געהאַלטן פון דער סאָציאַלער טעמאַטיק. בלויז עטלעכע סאָציאַלע לידער האָט ער יאָ אַריינגענומען אין זיין בוך. דאָס איז געווען אַ מין פּשרה. זיינע ערשטע לידער, זיינען, אין אַלגעמיין, אינעם נוסח ווי מ'האָט געשריבן לידער אין די 80ער יאָרן.

זיין ערשט ליד, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז „דער עקספּרעס", געדרוקט אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקסצייטונג", דעם 18טן פעברואַר, 1887.

דער עקספּרעס

אין גרעסטן פראָסט, אין גרעסטן ברען!
שטייסטו דאָך אימער אין „סטריט",
ווער קען נאָך מער פון דיר זען?
דאָך שוויגסטו שטיל און רעדסט ניט...

ווען דו וואָלסט אַ מענטשן־געפיל
געהאַט — דאַן, אָ! דאַכט זיך מיר,
וואָלסט דו בעגאָסן טרערן פיל
אויף דעם, וועלכער פּלאָגט זיך אויף דיר.

אַ גאַנצן טאָג ווער איז אויף דיר געפאָרן?
געאַרבעט שווערער פון דיר נאָך מער —
און ווייגט אויף דעם וואָס ער איז געבאָרן,
צו אַרבעטן נעבעך זאָ שרעקלעך שווער.
און דו הערסט דאָס צו און רעדסט קיין וואָרט —
דו פאַרשטייסט ניט דעם אַרבעטערס געוויין!
צוואַר ביי דער נאַכט איז אויף דיר זיין אָרט,
ער קוועלט זיך דאָרט, נעבעך איינער אַליין. —

דער, וואָס האָט זיין רו אויף דיר ביינאַכט,
פרעגט אים וואו איז ער געוועזן בייטאָג?!
און וואָס איז ער זאָ קראַנק און פאַרשוואַכט,
צי איז ער דען יעצט אַרויס פון „אָסטראָג”?
דאַן וועט ער דיר, גלויב איך, ריכטיק זאָגן,
און וועט דיר ערקלערן זיין צושטאַנד קלאָר —
דאָס ער רוט אויף דיר — ביז עס צו טאָגן
פאַנגט אָן — אָ זאָ! פאַרברענגט ער זיינע יאָר.

אין מיטן נאַכט, ווער גייט האָרט גאַנץ זאַכט,
די אויגן פאַרשוואָלן פון געוויין,
און לייגט זיך אַוועק אויף דיר אָן מאַכט!
און רעדט נעבעך צו זיך אַליין:
צי בין איך שוין דער ערגסטער פון דער וועלט,
וואָס די רייכע זיינען אויף מיר אין כעס,
אָדער דאָ איז פאַר טירע אַ געצעלט,
דערפאַר מוז איך שטאַרבן אין גאַס?

זאָל דאָס פּילייכט זיין דערפאַר — יאָ דערפאַר,
ווייל איך בין זאָ שרעקלעך אַלט און שוואַך?!

יאָ איך גלויב... ריכטיק, דאָס איז וואר!
אַרבעטער־ברידער, זוכט נאָך די אורזאַך!...
וואו זייט איר איצט, איר אָרעמע שקלאַפּן?
די ערדע איין אַרבעטער קומט גיכער זען:
דער, דורך וועלכן אַלץ ווערט געשאַפן,
מוז איצט אין גאַס פון הונגער אויסגיין.

דער עקספּרעס מיט דעם אַרבעטער זיינען גלייך:
זיי זיינען נאָר ביידע אַ פּאָר מאַשינען,
זיי מאַכן ביידע דעם צווייטן רייך,
דורך זייער ערלעכן פאַרדינען.

אַרבעטער, שטייט אויף! זאָגט, ווי לאַנג נאָך,
ווי לאַנג נאָך וועט איר לײַדן אַזוי פיל...
ערוואַכט! און וואַרפט שוין אַראָפּ דעם יאָך,
דעם אַרבעטערס געוויין זאָל ווערן שטיל!

גאָלדשטיינס פרימיטיוו ליד איז בילדעריש־רעאַליסטיש, אָבער סענטימענטאַל. צום סוף, דער נמשל, איז איבנאויפיק־דערקלערעריש. ער האָט אין זיך דעם רוף־עלעמענט: „אַרבעטער־ברידער, זוכט נאָך די אורזאַך! וואו זייט איר איצט, איר אָרעמע שקלאַפּן?" און דאָס ליד ענדיקט זיך ווי אַ וועקליד: „דערוואַכט"! און וואַרפט שוין אַראָפּ דעם יאָך, דעם אַרבעטערס געוויין זאָל ווערן שטיל".

וואָס פאַר אַ ליד אַ סאָציאַלער פּאָעט אין יענע יאָרן האָט ניט אָנגעהויבן, האָט ער שטענדיק געענדיקט מיט דער אַרבעטער־סאָציאַלער פּראָבלעם. פאַראַן אַ פרי ליד ביי גאָלדשטיינען אונטערן נאָמען „מיין איכה" („די ניו־יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג", 9טער אויגוסט, 1889). איז דאָס אַ ליד, וואו די טעמע איז—תשעה־באב. אונדזער פּאָעט נוצט עס אויס פאַרן סאָציאַלן צוועק. ער איז דאָך געווען „אַן אַטעאיסט", אַ דעמאָלטיקער „בעזבאָזשניק". אַזוי האָבן אויך אַנדערע פּאָעטן, אין יענער תקופה, אויסגענוצט טראַדיציאָנעל־יידישע מאָטיוון, ווי, למשל, בייטן לעמפּערט, וויליאַם קאַיזער, עוזר סמאָלענסקין.

די, וואָס געדענקען דוד גאָלדשטיינס נאַציאָנאַלע לידער, — פאַר זיי איז זיכער אַ חידוש זיין ליד „מיין איכה". זיי געדענקען נאָך זיין ליד „אויף פרעמדער ערד". אין דעם דאָזיקן ליד דערציילט ער ווי ער איז שוין צוויי טויזנט יאָר אויף פרעמדער ערד. ער ווערט ממש

דערשטיקט פון דער פרעמדער לופט און ס׳ציט אים שטענדיק צו זיין אייביק לאַנד.

איז דאָס ליד „מיין איכה״ טאַקע אַן איבערראַשונג, אָבער דאָס ליד האָט ער דאָך געשריבן אין דער תקופה פון „אַטעאיזם״, אין די 80ער יאָרן.

ניט אומזיסט האָט מאָיסעיעף, אין זיין הקדמה, געפּרואווט פאַרווייכן און דערקלערן אונדזער אימיגראַנטישן גאַנג אין אַמעריקע, דעם איבערגאַנג צו באַגריף „פאָלק״.

קולטור־היסטאָריש איז דאָס ליד זייער אינטערעסאַנט. נאָכמער — דאָס ליד איז וויכטיק:

מיין איכה

און פון וועמען איז פרעמד דער אייביקער אבל,
ווועלכער האָט מיט זיינע טרערן פאַרזאַלצן די ימען,
און געדענקט נאָך די לידער, וואָס ער זאַנג אין בבל —
און אין די לידער באַווינט, באַקלאָגט ציון זיין מאַמען
— דער אייביקער יתום, דער ייד. —

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס נוצן די טרערן פאַר די, וואָס זיינען געשטאָרבן!
וואָס העלפט דער געוויין פאַר דעם, וואָס איז טויט?
לאָמיר זען בעסער רעטן די וואָס פאַלן צום קרבן —
קניען און פאַלן פאַר אַ שטיקעלע ברויט. —

ווי קען מיר ליגן אין זינען באַווינען די מאַמען —
באַזינגען אין לידער איר אוראַלטן שטויב,
ווען איך און מיינע קינדער ליידן צוזאַמען,
אויך מיין טאָכטער פאַרפירט ווי אַן אומשולדיק טויב. —
— פאַרפירטע אומשולדיקע טויב. —

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אויך איך בין אין טרויער; איך בענק נאָך דער מאַמען —
די נאַטירלעכע רעכט — נישט אָבער פאַרגעטערטע ערד,
און מוז איר ערלייזן (וואָצו טרערן) דורך פולווער און פלאַמען,
און דאַן בין איך פריי... און פאַרשטיי דאָס מענטשלעכע ווערט...

אַ סך גאָלדשטיינס סאָציאַלע לידער זײַנען סענטימענטאַל, טרערן־לידער. אַנדערע זײַנען — רוף און וועקליד. אָט צו די צוויי עקס־טרעמען געהערן זײַנע אַלע סאָציאַלע לידער.

צווישן זײַנע ערשטע לידער איז פֿאַראַן אַ ליד „בייביס טרערן". איז עס טאַקע אַ טרערן־ליד. דער נוסח איז — צו וואָס דאָס אָרעמע לעבן קען אַלץ דערפֿירן. די זינדיקע יונגע מוטער אין ליד איז אַ קרבן פֿון סאָציאַלן אומגליק.

אין אַ צימער, קאַלט און ווינטיק,
ליגט אַ בייבי האַלב פֿאַרשמאַכט,
און איר מוטער, אַך, ווי זינדיק,
וואַנדלט אום אין מיטן נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — —

פֿון דעם לאָמפּ, די מאַטע פֿלאַמען
שמילקען דורך אַ שוואַרצן קנויט,
בייבי וויינט און זוכט איר מאַמען,
און איר מאַמע? — זי זוכט ברויט...

אַך, איר מאַמע איז באַטראָגן,
איז באַטראָגן און באַטריבט,
ס׳העלפֿט איר בייבי איצט באַקלאָגן; —
ביידנס שמערצן איז פֿאַרקניפּט.

דאָס אומגליקלעכע קינד וואַקסט שפּעטער אויס „שייך אויף צרות", די נויט וואַקסט מער, און זי אויך פֿאַרקויפֿט זיך שפּעטער פֿאַר ברויט.

געדרוקט איז געוועזן דאָס דאָזיקע סענטימענטאַלע ליד אין „וועג־ווייזער", דעם 23סטן פֿעברואַר, 1892. אין דעם זעלביקן יאָר דרוקט זיך גאָלדשטיינס אַ קאַמפּליד, אַ געשטאַלט־ליד, וואָס טראָגט אין זיך דעם צאָרן און דעם אימפּעט פֿון אַ וועקליד:

דער רעבעלישער שקלאַף

ס׳איז שוין ניט דער זעלבער,
ער איז נאָר אַ זכר.

פון יענעם רעבעלישן שקלאַף
רק ער ווערט געלער
און בלאַסער און בלייכער,
און וראַך נאָך זאָ מוטיק און בראַוו.

פאָרויס אין די רייען
פון די אונטערדריקטע
קעגן פאַרשקלאַפונג קעמפט ער און פעכט!
אום זיי צו באַפרייען
פאַר מענטשן באַגליקטע —
זוכט ער צו מאַכן די אָרעמע קנעכט.

ווי דער אָראַקעל
אַזוי שטאָלץ און מוטיק
אַנציקט פון אַן ערלעכן זיג,
פאָרויס מיטן פאַקעל
רופט ער צו בלוטיק,
די עלנטע שקלאַפן צום קריג.

ער פאַרלירט קיין מינוטן
און רופט צו דערלייזן
דאָס אייביק געבונדענע שקלאַפן געשלעכט
און ווען ניט מיט גוטן,
זאָ קומט עס מיט בייזן.
מיט בייזן באַפרייט ער די אָרעמע קנעכט.

ער האָט זיך געשוואָרן
ניט רוען, ניט ראַסטן —
ביז דער שקלאַפנדער גבור דערוואַכט.
ביז ער שלײַדערט אין צאָרן
פון זיך אַלע לאַסטן...
ביז ווער שקלאַף דער בלינדער דערוואַכט.

אַלס קעמפער באַוואוסטער,
מיט לייב און מיט לעבן,

איבער זאַ מוטיק, זאָ העלדיש, זאָ בראַוו
איז ער אַ מוסטער
פון ערלעכן שטרעבן,
בקצור דאָס איז דער רעבעלישער שקלאַף.
(„דער פאָלקסאַדוואָקאַט”, דעם 4טן נאָוועמבער, 1892).

כמעט אַלע סאָציאַלע לידער זיינע, וואָס גאָלדשטיין האָט געשריבן אין זיין ערשטן פעריאָד, דאָס הייסט פון 1887 ביזן יאָר 1906, געהערן צו איינעם פון די דערמאָנטע צוויי מינים: סענטימענטאַלע טרערן־לידער אָדער צאָרן־לידער.

אָבער איןביידע מינים לידער וועט מען געפינען: ווענדונגען און רוף צום אונטערדריקטן. באַזונדערס ווירקט עס שטאַרק אין די צאָרן־לידער. דאָס פאַרוואַנדלט זיי, צומאָל, אין קאַמפּלידער. אַזאַ ליד איז —

אַלטע יאָרן

ווען עס ברענט אין מיין האַרץ אַ פאַרלאַנגען: נאָך גליק,
צו באַפרייען די אַלע געשמידטע אין צוריק,
דאַן ווענד איך מיין טריבן, מיין זוכנדן בליק —
אַהין צו שטיינערנע גרויסע פאַבריק,
דאַן ברענט עס נאָך שטאַרקער מיין הייסעס פאַרלאַנגען
ווען כ׳זע דאָרט די מאַסע די גרויסע געפאַנגען,
פאַרשפאַרטע אין תפיסות, מיט ריגל און שטאַנגען,
דאַן ברויזט מיין האַרץ אויף — אין שטורעמס און דראַנגען.

זע נאָר די געטער, זיי בלייבן פאַרגאַפט,
און שטוינען מיט וואונדער אויף אַלץ וואָס דו שאַפסט,
און פרעגן מיט שטוינען ווי קען אַזאַ קראַפט
בלייבן געבונדן, געצאַמט און — פאַרשקלאַפט ?
שטאַרקער און מעכטיקער ביסטו פון געטער —
דו קענסט באַשטימען דיין צוקונפט — דיין שפּעטער,
און ברענגען פאַר אַלע אַ זאַניגן (זוניקן) וועטער,
אַרויס פון תפיסה! די קייטן צעשמעטער!

עס רואיקט מיין האַרץ ניט אין אירעם פאַרלאַנג,
און בלוטעט אין ווייען אין שמערץ און אין באַנג,
און צאַפּלט און רייסט זיך אין שטורעם און דראַנג,
און מאָלט דיינע ליידן אין פלאַמען־געזאַנג.
איך רייס־אויף די אַלטע פאַרטריקנטע וואונדן —
און ייב זיי אין פייער און לאָז זיי ענטצונדן,
און מיט פלאַמנדע צונגען אויס זייערע מונדן,
שרייען צו דיר: אויס! דו בלייבסט ניט געבונדן!
(„פאָרווערטס", 14טן פעברואַר, 1903)

צווישן זיינע סאָציאַלע לידער דאַרף מען פאַרצייכענען: „זעלבסט־מאָרד" („פאָלקס־אַדוואָקאַט", דעם 8טן יולי, 1889); „פרייהייטס־פרילינג" („פרייע אַרבעטער שטימע" דעם ערשטן יוני 1900); „צום אַרבייטער" (אויס דעם ענגלישן) („פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 8טן יוני, 1900); „ווינטער לידער" („פאָרווערטס", דעם 5טן יאַנואַר, 1900); „הונגער־לידער" („פאָרווערטס", דעם 16טן פעברואַר, 1906). דאָס לעצטע ליד, מן־הסתם, פון דעם ערשטן פעריאָד איז זיין ליד „פרייהייטס־געזאַנגען" („צייטגייסט", דעם 2טן נאָוועמבער, 1906):

פרייהייטס־געזאַנגען

איך טרוים פון דעם מענטשן פון קומענדע דורות,
איך שאַף זיינע פריידן, און אַ מאָל זיין געשטאַלט,
איך רייס דורך די ווייטקייט פון צייט און פון רוים,
און טראָג מיך צו אים דאָרט מיט שטורעם־געוואַלט.

און איצט ווין באַגריס איך, זיין קומענדע זאַנגע,
איך בין מיט דעם פרייען — מיט אים דאָרט צוזאַמען,
איך זינג אים די לידער פון גליק און פון לעבן,
וואָס ס׳מאָלט מיין פאַנטאַזיע אין די ליכטיקסטע פלאַמען.

און שיין ווי דער אָנברוך פון פרילינגס־באַגינען
אויף דופטנדע פעלדער פון רויזן און ליליען;
נאָך שענער ערשיינט זי — די זאַטע דער פרייהייט,
די מענטשלעכע הערצער מיט גליק אָנצופילן.

און ווען איך פֿאַרטראַג מיך דורך טרוימען אין צוקונפֿט,
דאַן ווער איך פֿון פֿרייהייט באַגייסטערט, באַזעלט,
דאַן זע איך אַ פֿרייע, אַ גליקלעכע מענטשהייט,
דאַן זע איך אַ פֿרייע אַ גליקלעכע וועלט.

זיין שענסט סאָציאַל ליד איז אָן ספֿק:

צו דעם 18טן מערץ

ערוואַכט, איר פֿאַרגעסענע, אַלטע חלומות,
חלומות פֿון פֿרייהייט, חלומות פֿון גליק.
און פֿירט מיך אַהין, דאָרט צו יענע מקומות
וואָס לייכטן און גלאַנצן זאָ קלאָר פֿאַר מיין בליק.

אַהין וואו דאָס פֿאָלק האָט פֿאַר פֿרייהייט געפֿאָכטן,
וואו העלדיש געקעמפֿט האָט דער אַרבעטער ריז,
אַהין, וואו די פֿרייהייט האָט ערלעך געלויכטן,
דאָרט, אין דעם אַלטן און יונגן פּאַריז.

וואו דאָס פֿאָלק איז געווען זיין פֿרייהייטס דערלייזער,
און האָט זיי געטראָגן ביי זיך אין דעם האַרץ,
האָט העלדיש געקעמפֿט קעגן הערשער און קייזער,
אין יענעם היסטאָרישן אַכצנטן מערץ.

(„פֿאָרווערטס", 18טן מערץ, 1903)

נאַציאָנאַל־יידישע לידער

אין זיין הקדמה צו גאָלדשטיינס בוך „ווינטער־בלומען" דער־מאָנט מאָיסעיעף די קאָסמאָפּאָליטישע איינשטעלונג ביי דער יידישער אימיגראַנטישער אינטעליגענץ אין די 80ער יאָרן. „דער יונגער דור פֿון די פֿאַרוואָגלטע יידישע אימיגראַנטן, שרייבט ער, האָט אַנטדעקט די מענטשהייט און האָט געגלויבט באמונה שלמה, מיט דעם ברען פֿון דער יידישער נייגונג צו משיחס צייטן, אַז די דערלייזונג פֿון דער מענטש־הייט שטייט פֿאַר דער טיר". אָבער דאָס וויכטיקע קומט ווייטער:

„דאָס אייגענע פאָלק איז געווען ווייטער פון זיך ווי די גרויסע מענטש־הייט פון פרייע ברידער". די דאָזיקע באַטאָנונג איז ניט געווען קיין צופעליקע. זי וואַרפט אַ שיין אויף דעם אַנטוויקלטן נאַציאָנאַלן געדאַנק ביי די יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע. זי דערקלערט אויך גאָלדשטיינס איבערגיין פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו נאַציאָנאַליזם.

אין 1889, און נאָך פריער, איז פאַר גאָלדשטיינען דאָס וואָרט ציון געווען „נאָר אַ טרוקענער נאָמען פון אַ שטאָט". ער האָט דעמאָלט זיך געחידושט: „ווי קען איך פאַרהייליקן ציונס שטומע אוראַלטע בערג?"

אַזוי איז עס געווען כמעט ביי דער גאַנצער יידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. די יידישע פראַגע — איר לייזונג איז געווען אַ געזיכערטע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט לעזן יעדן אומיושר. און די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט געזאָלט אויסברעכן יעדע רגע. געווען גלייביקע אידעאַליסטן, וואָס האָבן אַפילו געוואוסט דעם גענויעם טאָג, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט אויסברעכן. אויך גאָלדשטיין איז געווען אַזאַ גלייביקער אידעאַליסט.

די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז ניט געקומען אין דער באַשטימטער צייט. דאָס יידישע לעבן האָט זיך אַלץ מער איינגעוואָרצלט אין נייעם לאַנד. די יידישע פראָבלעם איז ווידער אויפגעקומען אויף דער אויבערפלאַך. אָט־דאָס און נאָך אַ סך אַנדערע כוחות האָבן געביטן די גלייבונגען און שטימונגען ביי דער יידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. איז ניט קיין וואונדער, וואָס דער פריערדיקער הייסער קאָסמאָפּאָליט איז שפּעטער געוואָרן דורכגעדרונגען מיט ייִדיש־נאַציאָנאַלע מאָטיוון. ער באַטראַכט זיך שוין ניט ווי אַ וועלט־בירגער, בלויז ווי אַ מיטגליד פון דער מענטשהייט. ער איז „דער זון פון אַלטן פאָלק, און טיילט מיט אים דעם גורל, פון אַלטן פאָלק, פון וואַנדער־פאָלק, וואָס ווערט פאַרפאָלגט אויף יעדן טריט". ער איז מער ניט קיין קאָסמאָפּאָליט. ער איז נאַציאָנאַל געשטימט, ער איז אַ מאָדערנער אינטערנאַציאָנאַליסט, דאָס מיינט — ער איז אַ מאָדערנער נאַציאָנאַליסט:

און ווען דאָס קלאָרע מאָרגן־ליכט
גייט אויף פאַר אַלע ברייט און ווייט,
אָ, דאַן בין איך, און אויך מיין פאָלק —
מיר זיינען אַלע דאַן באַפרייט.

(אין „ווינטער־בלומען", ז. 107)

זיין ציון־בענקשאַפט האָט ער אויסגעדריקט אין זיין ליד „אויף פרעמדער ערד״:

אויף פרעמדער ערד

צוויי טויזנט יאָר אויף פרעמדער ערד,
סאיז זיט איר האָט מיין היים צעשטערט,
פאַרוויסט האָט איר מיין לאַנד.

מיין לאַנד איז מיר נאָך ליבער־ליב,
מיך בינדט צו איר מיט טויזנט קניפּ,
מיך בינדט אַן אַלטער באַנד.

אין פרעמדן לאַנד, אין פרעמדער שטאָט
איך זיץ און בעט מיין אַלטן גאָט;
אַ קול אַהיים מיך רופט.

דאָס אַלטע פייער ברענט און גליט,
און צו מיין לאַנד מיך שטענדיק ציט,
מיך שטיקט ביי איך די לופט.

מלחמה־לידער

גאָלדשטיינס נאַציאָנאַלע מאָטיוון זיינען ענג פאַרבונדן מיט מאָטיוון, וואָס זיינען אין אים אויפגעקומען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פאַרלאָזן האָט ער זיין אַלטע היים אין עלטער פון 16 יאָר. דאָך האָבן די געשעענישן אין דער אַלטער היים אַרויסגערופן אין אים קלאָג־לידער. אין זיין ליד „חרוב״ (אין זיין בוך, ז׳ 72) באַקלאָגט ער זיין „שיינע שטאָט, דעם ברודער פון זיין היים פאַרטריבן״, „די אַלטע קלויז״:

און קיינער איז דאָרט מער ניטאָ,
מיין פאָטערס היים — אַ בערגל ציגל
עס קראַקעט איצט אַ שוואַרצע קראָ
דאָרט, וואו געשטאַנען איז מיין וויגל.

דאָך לייכט די שול און מיטן נאַכט;
עס שאָקלען זיך אַרום טליתים.
און קיינער האָט זי אויפגעמאַכט,
עס דאַווענען דאָרטן איצט נאָר מתים.

אַ טייל מלחמה־לידער געפינען זיך אין זיין בוך. טייל זיינען געווען געדרוקט שפּעטער, ווי, למשל, „אויף די בערג", „די מאַמע". צווישן זיי איז פאַראַן דאָס ליד „קין":

ק י ן

גאָט און מענטש וויל אים ניט הערן,
מיט דעם שאַנד־פלעק אויף זיין שטערן,
גייט אום קין נע־ונד,
שוואַרץ דער הימל איבער אים פון אויבן
טויט אין האַרצן איז זיין גלויבן,
קין גייט אום נע־ונד.

וואו עס האָט זיין פוס געטראָטן,
גייט אים נאָך זיין ברודערס שאָטן,
הבל — הבל גייט אים נאָך.
און אָן אויפהער הערט ער שרייען:
„ברודער־מערדער, מערדער קין",
הבלס שאָטן גייט אים נאָך.

קען פון זיך זיך ניט באַהאַלטן,
פון די לעכער, פון די שפּאַלטן
קומט זיין ברודער הבל אָן.
און ער הערט ניט אויף צו שרייען:
„ברודער־מערדער, מערדער קין,
קין, וואָס האָסטו געטאָן?"

(„יידישער קעמפּער", דעם 11טן מאַי, 1917)

אין די מלחמה־קלאָגלידער הערט זיך זיין געוויין פאַר זיין „אויס־דערוויילט פאָלק":

זע, דיין אומה אויסדערוויילטע,
וואַנגלט אום אין פּיין און צער,
און געבליבן נאָר געציילטע,
טו שוין אָפּ פון איר דיין גזר.

(„פאַר מיין פאָלק", אין בוך, ז' 69)

אינטים-יחידישע לידער

גאָלדשטיינס שרייבן קען מען איינטיילן אין צווי פּעריאָדן: פון 1887 ביז 1906; און פון 1912 ביז 1931, ווען דער טויט האָט באַפרייט דעם ליידנדיקן דיכטער פון זיינע יסורים. געבליבן איז אַן איינדרוק: אין זיין ערשטן פּעריאָד האָט ער געשריבן אויסשליסלעך אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערע לידער; און אין צווייטן פּעריאָד — אינטים־יחידישע לידער. דאָס איז על־פּי־רוב אמת. אָבער דאָס וואָרט „אויסשליסלעך" פּאַסט זיך דאָ ניט אַריין. שוין אין דער ערשטער פּעריאָדע הערט מען יחידישע טענער.

שוין אַזוי פרי ווי אָנהייב פעברואַר 1902, באַווייזט זיך אין דעם ניו־יאָרקער זשורנאַל „נאַציאָן" זיינס אַ סוביעקטיוו־יחידיש ליד „כ'האָב נאָך אַ טרער" (אין בוך איז עס אויף ז. 56). ער דערציילט אין ליד ווי אַ „גליענדע טרער" פאַרשטעלט אים „די ליכטיקע שיין". ער דערציילט ווי ער קלייבט צונויף אַ צעריסן ליד, „אַ סטראָף נאָך אַ סטראָף" — „דאָס איז מיין צעבראָכן, צעריסן געמיט". ער ענדיקט ניט דאָס ליד — איז עס אַ ליד אָן אַ סוף, אָן אַן אָנהייב — „אַ, געטלעכע קללה, אַ, טייוולשע שטראָף". ווען עס וועט, אָבער, אויפקומען אין אים אַ טרער, וואָס וועט „לעשן די פלאַמען... אין ברוסט", — דעמאָלט וועט ער זינגען אין שלומער און שטאַרבן פאַר פרייד:

איך האָב נאָך אַ גליענדע טרער אין מיין אויג,
אַ טרער, וואָס פאַרשטעלט מיר די ליכטיקע שיין,
אַן איינזאַמע טרער... ניט זי נוצט, ניט זי טויג,
מיט איר וויל איך לעשן מיין ברענענדע פּיין.
און ועט זי פאַרלעשן מיין ברענענדן פּיין,
דאַן זינג איך אין שלומער, דאַן שטאַרב איך פאַר פרייד.

איך קלײַב איצט צונויף אַ צעריסענעם ליד,
איך שטעל עס צוזאַמען אַ סטראָף נאָך אַ סטראָף,
דאָס איז מײַן צעבראָכן, צעריסן געמיט,
איך ענדיק דאָס ליד ניט, דאָס בלײַבט אָן אַ סוף,
אַ ליד אָן אַן אָנהייב, אַ ליד אָן אַ סוף —
אָ, געטלעכע קללה! אָ, טײַפלשע שטראָף!

אָ, ווען וועט אין האַרצן בײַ מיר ווערן לער,
און ווען וועט אין בוזעם בײַ מיר ווערן פּוסט,
און גרעסער פון ימים װאַרף ווערן מײַן טרער
צו לעשן די פלאַמען בײַ מיר אין דער ברוסט —
און וועט זי פאַרלעשן מײַן ברענענדן לייד,
דאַן זינג איך אין שלומער, דאַן שטאַרב איך פאַר פריד.

אַזוי סוביעקטיוו־יחידיש איז אויך דאָס ליד „פאַרגעסענע טרוימען" („צוקונפט", מאַי, 1902; אין בוך, ז. 11). אין דעם ליד בעט זיך דער דיכטער בײַ דער „פלאַם פון מײַן (זײַן) זעלע". זי זאָל אים באַווײַזן די אַמאָליקע טרוימען. ער וויל נאָך איין מאָל זען „די בליענדע וועלטן", וואָס ער האָט געבויט אין טרוים: „אָ, דאַן וואָלט איך קניען און בוקן זיך ווידער, און זינגען די תפילות, די הייליקע לידער, וואָס איך האָב באַשאַפן אין טרויב..."

באַלײַכט איצט דעם וועג, דו פלאַם פון מײַן זעלע,
און ווײַז מיר די טרוימען, די ליכטיקע, העלע,
ווי איך פלעג זיי טרוימען אַמאָל,
נאָך אײדער פון מיר איז מײַן יוגנט פאַרטאַנצן,
נאָך אײדער עס האָט ווער מײַן רו געפאַנגען —
אָ, ווײַז מיר מײַן טרוים פון אַמאָל!

און זאָל זיך דאָס פײַער איצט ווידער צעגליען
און שפּריצן מיט פונקען אויף די פאַנטאַזי־ען,
וואָס איך האָב אין חלום געוועבט —
אין ליכטיקן טרוים פון די קינדערשע יאָרן,

וואָס האָט זיך באַהאַלטן ביי מיר אין זכרון,
וואָס האָט אין מיין דמיון געלעבט.

און איינמאָל נאָך זעען די בליענדע וועלטן,
נאָך איינמאָל אַ בליק טאָן אויף יענע געצעלטן,
וואָס איך האָב געבויט מיר אין טרוים.
אָ, האָן וואָלט איך קניען און בוקן זיך ווידער
און זינגען די תפילות, די הייליקע לידער,
וואָס איך האָב באַשאַפן אין טרוים...

ביז גאָר אינטערעסאַנט זיינען ביי אים די לידער אויף אָביעקטיווע טעמעס. זיי זיינען יחידישע לידער, הגם פון אויבנאויף — אָביעקטיווע.

דאָס ליד „אין גציעג נאָך גליק" איז אַזאַ אָביעקטיוו ליד (ז. 12, אין בוך). געשריבן איז עס נאָך אַ בילד פון דעם קינסטלער גאַבריעל מאַרקס: אַ שטאָלצער רייטער יאָגט זיך „נאָך דער שענסטער פון דער ערד". זי שוועבט אַלץ ווייטער אַוועק פון אים. גאַלאָפּירנדיק אַזוי קומט ער צו אַן אָפּגרונט. איבערן אָפּגרונט איז פאַראַן אַ שטעג, אָבער דאָרט ליגט „אַ וואונדער־שיינע מייד", וואָס איז באמת „זיין העכסט גליק".

דאָס ליד לאָזט אונדז טראַכטן וועגן אַ שולד־געפיל, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט אין דעם דיכטער:

דער יאָגד נאָך גליק

1.

איילנד זאָגט דער שטאָלצער רייטער
גאַלאָפּירנד מיט זיין פערד,
ווייטער, ווייטער, אימער ווייטער
נאָך דער שענסטער פון דער ערד.

דען זי שוועבט פאַר זייבע אויגן,
ווי אין נעפל שוועבט איר בילד.
און דאָס האָט אים צוגעצויגן
און בעמאַכט האָט דאָס אים ווילד.

און זי שטייט פֿאַר זײַנע אויגן
אויף אַ ליכטיק גרויסן באַל
לײַכט אין פֿאַרב און רעגנבויגן
פֿון איר טראָן פֿון ריין קריסטאַל.

2.

דאָך דער רײַטער
קען ניט ווײַטער
גאַלאָפּירן מיט זײַן פֿערד,
דען צעשניטן
איז אין מיטן
ביז אין אָפּגרונט טיף די ערד.

און אַלס וועג נאָר
פֿירט אַ שטעג נאָר,
ליגט אַ וואונדערשיינע מייד,
ווי אין זינען
אײַנגעשפּונען
לײַכט די אויס איר טיולן־קלייד.

און אַריבער
מוז דער גיבור
איבער איר אין דיזן וועג,
אום צו זיגן
אום צו קריגן
יענע פֿרוי אין זײַן געיעג.

און זאָ רײַט ער
ווײַטער, ווײַטער
זוכט אין נעפּל מיט זײַן בליק
נאָך אַ טרוים־בילד
נאָך אַ שוים־בילד
און צעטרעט זײַן העכסטן גליק.

אַן אַנדער געפיל — אַ נקמה־געפיל — פירט זיין פען צו שרייבן דאָס ליד „שמשון אין טעמפּל פון עזה". ס'איז אַן אָביעקטיוו ליד. דער מיין הינטערן ליד איז אינגאַנצן אַ סוביעקטיווער:

שמשון אין טעמפּל פון עזה

עס ציען די סרנים פון פלישתים און איילן
צום טעמפּל פון עזה מיט יובל־געזאַנגען.
אין טעמפּל שטייט שמשון געשמידט צו די זיילן —
עס איז דאָרטן שמשון דער בלינדער געפאַנגען.

ער שטייט ווי אַ סטאַטוע פון קופּער געגאָסן,
דער גיבור זעט אויס ווי אַ ריזן סטאַטוע,
די אויגן די בלינדע, די האַלדז ער געשלאָסן,
זיין צאָרן נאָר צוקט אין געצוואונגענער רו.

עס ברענען דעם בלינדן די גליענדע שטראַלן,
די ריזן־סטאַטוע שטיל מורמלט אַ תפילה:
„וואו ביסטו מיין געטין פון הימל געפאַלן?
כ'פאַרגיב עס דיר ליבע, כ'פאַרצייַ עס דיר, דלילה,

„דו האָסט מיינע אויגן געפּאָדערט צום קרבן,
איך גיב דיר די אויגן, די זון און די שטערן.
צי לעבסט נאָך, מיין געטין, צי ביסטו געשטאָרבן?
דיר ברענג איך אַ בעכער פול גליענדע טרערן.

„איך האָב דיר געאָפּפערט דעם סוד פון מיין גבורה,
איך האָב מיינע סודות אַליין דיר פאַרטרויט,
און קען איך ניט זען מער דיין ליבלעכע צורה,
וואָס קען מיך דען שרעקן דער גרויזאַמסטער טויט!

„וואו זאָל איך דיך זוכן, איך זאָל דיך געפינען?
צי ביסטו אין הימל, צי ביסט אין גיהנום?
כ'האָב וועלטן געאָפּפערט אום דיך צו געווינען,
די פלאַם פון מיין האַרצן קען וועלטן פאַרברענען".

עס לאַכן און שפּעטן די סרנים פון פלישתים.
וואָס ער, דער בלינדער ? וואָס רעדט ער, וואָס בעט ער ?
דאָס האָבן די געטער פאַרווירט אים, צעמישט אים,
זיי זעען אין בלינדן דעם שטראָף פון די געטער.

און שמשון הגיבור, די ריזן־סטאַטוע,
איז איצט ווי פון אייזן און שטיין אויסגעהאַמערט,
און פריי ברענט זיין צאָרן, אַוועק איז זיין רוע,
און האַלט אין די אָרעמס די זיילן געקלאַמערט.

אָ פלישתים, וואָס שטייט איר ! ווילט איר ניט פאַרשווינדן
אַט זעט, ווי זיך רירן פון טעמפּל די זיילן !
וואָס לייכטן די לעכער אין קאָפּ ביי דעם בלינדן,
און שיסן מיט פייער, ווי גליענדע פיילן ?

וואָס הערט מען ניט מער אייער יובלען און לאַכן ?
אַט זעט נאָר דעם גיבור, אַט פאַלט ער, אַט ליגט ער !
עס פאַלט אום דער טעמפּל אין ברויזנדן קראַכן,
עס פאַלן די זיגער, עס זיגט דער באַזיגטער.

ווען דוד גאָלדשטיין הייבט זיך אָן ווידער צו דרוקן אין 1912, זיינען זיינע יחידישע לידער טאַקע אינטים־יחידישע. דער גרעסטער טייל לידער אין זיין בוך „ווינטער־בלומען" באַשטייט טאַקע פון אינטים־יחידישע לידער. אַ סך פון זיי זיינען ממש אויטאָביאָגראַפישע. זיי זיינען אַלע אויפריכטיקע און עכטע. די שענסטע לידער זיינע געפינט מען צווישן זיי. ווי אַ מוסטער פון זיינס אַ שטיל, מעלאַנכאָליש ליד קען מען נעמען :

לאַנג געזוכטער חלום מיינער

לאַנג־געזוכטער חלום מיינער,
טרוים פון מיינע קינדער־יאָרן,
לעבסטו וואו אין ווייטע וועלטן ?
איז דיין וועלט נאָר מיין זכרון ?

זשעדנע ברענען מיינע אויגן,
כ׳זוך, און האָב דיך ניט געפונען,
און מיין טרוים ווערט ווייט און ווייטער,
ווי אין נעפּל איינגעשפּונען.

מיינע האָר שוין ווייס-געזילבערט,
און מיין פּנים בלאַס און בלייכער,
און דאָס בענקען נאָך מיין חלום
לעבט ווי דאַן נאָך אין מיין זכרון.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנץ לעבן, זיין שרייבן, זיינע שטענדיקע שטימונגען, איז דאָס ליד

צו מיר געהערט דער טריבער טאָג

צו מיר געהערט דער טריבער טאָג,
און מיינע איז די קראַנקע נאַכט.
און דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג,
און דאָס איז אַלץ פון וואָס איך טראַכט.

עס קלאָגט דאָס עלנט אין מיין ליד
און וויינט, און וויינט די גאַנצע צייט.
דאָס אומגליק גייט מיר נאָך די טריט
איך ווער פון אים קיינמאָל באַפרייט.

ענלעך צו דעם איז דאָס ליד:

אַ שטומע תפילה

מיר וויינט און קלאָגט אין האַרץ אַ ליד,
איך האָב פאַר איר קיין ווערטער ניט,
אַ שטומע תפילה, אַ געבעט,
עס האָט צו גאָט מיין האַרץ גערעדט.

מײַן אויג געבליבן איז פֿאַרטרערט,
ער האָט מײַן יאָמער ניט געהערט,
נאָך װײנט און קלאָגט אין האַרץ מײַן ליד,
דאָס ליד װאָס האָט קײן װערטער ניט.

נאָכדעם װי ס'איז אַרױס זײַן לידער־בוך „װינטער־בלומען", אין 1916, האָט ער אָפּגעדרוקט ענלעכע לידער אין פֿאַרשײדענע ליטעראַרישע אױסגאַבעס. צװישן זײ דאַרף מען פֿאַרצײכענען: „האָסטו געװײנט", „בעילה" („צוקונפֿט", נאָװעמבער, 1917); „סילועטן", „אין װײַטע האָריזאָנטן" („דער װעקער", דעם 19טן נאָװעמבער, 1921); „מײַן גאָט" („צוקונפֿט", יוני, 1930). צו זײַנע לעצטע לידער געהערן:

מײַן חבר

און זעלטענער, שטילער, און זעלטן,
דערגרײכן צו אײַך װעט מײַן קול —
דאָס קול פֿון פֿאַרגעסענע װעלטן,
דאָס קול פֿון דעם װײַטן אַמאָל.

מײַן חבר איז איצטער מײַן שאָטן.
אַ שטומער ער גײט נאָך מײַנע טריט.
אין מיר איז מײַן חבר געראָטן,
און קײנמאָל פֿאַרלאָזט ער מיך ניט.

(„צוקונפֿט", יוני, 1931)

געװען אַמאָל אַ מעשה

אַמאָל געװעזן אַ מעשה,
געװעזן אַמאָל און ניטאָ.
די ציג איז געװען אַ װײַסע,
די ציג איז געװאָרן שױן גראָ.

דאָס קינד האָט געחלומט אין װיגל.
און אונטערן װיגל — די ציג.

אַ מלאך פֿאַרשפּרייט זײַנע פֿליגל,
די מאַמע געוואַכט האָט ביים וויג.

וואָגלט אַ קינדערשער חלום,
דער חלום איז אויכעט שוין גראָ,
די מאַמע — עליה השלום,
דאָס קינד איז אין וויגל ניטאָ.

(„צוקונפט", אָקטאָבער, 1931)

שלעפער אויפן טיר

הימלען ווייסע, אויסגעבלייכטע,
הענגען איבער מיר ;
מיינע וועלטן ניט דערגרייכטע,
שלעפער אויפן טיר.

וואָגל איך אין הויכע ספערן,
וואַקלען מיינע טריט ;
ערגעץ האָט געבליצט אַ שטערן —
מיינער איז עס ניט.

(„צוקונפט", אָקטאָבער, 1931)

גאָלדשטיין איז ניט דער איינציקער סאָציאַלער פּאָעט, וואָס האָט זיין סאָציאַל ליד פֿאַרביטן שפּעטער אויף יחידישע מאָטיוון. ער איז אָבער געווען פון די גאָר געציילטע, וואָס זייער ליד איז שפּעטער געוואָרן אויסשליסלעך סוביעקטיוו־יחידיש, אינטים־יחידיש, ממש אויטאָביאָגראַפיש. אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן איז געווען דירעקט, עכט און אויפריכטיק.

יצחק ריינגאָלד

1903 — 1873

יצחק ריינגאָלד

„דער גרעסטער דיכטער פון דער וועסט"

צו דער גרויסער צאָל פאַרגעסענע אַמעריקאַנער־יידישע פּאָעטן אין די 90ער יאָרן, געהערט אויך דער טאַלאַנטירטער פּאָעט און קו־פלעטיסט יצחק ריינגאָלד. זיין געשטאַלט איז פאַרהילט ווי אין ווייטע נעפּלען. קיין סך ווייסן מיר ניט וועגן אים. דאָ און דאָרטן שיינט־אויף פאַר אונדז אַ פּרט, אַ נאָמען, אַ געשעעניש. אויף אַ רגע לויכט־אויף פאַר אונדז די שאָטנדיקע געשטאַלט. מיר דערזעען אַן אומגליקלעכן, ליידנדיקן יידישן פּאָעט. דער הינטערגרונט — די גרויזאַמע אימי־גראַנטישע ווירקלעכקייט אין די 90ער יאָרן. געווען איז דער דאָזיקער שווינדזיכטיקער פּאָעט אַ ריינדיקע פּערזענלעכקייט און אַ ריינדיקער פּאָעט. „ריינגאָלד איז געווען אַ נאָבעלע פּערזענלעכקייט", „די ערלעכ־קייט אַליין", „פעסט געשטאַנען פאַר זיינע פּרינציפּן, און ווען ער האָט אַ יאָר פאַר זיין טויט (1903), באַזוכט ניו־יאָרק, האָט ער געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק אין די יידישע שריפטשטעלערישע קרייזן, וואו מ'האָט לכתחילה געהאַט געלייגט אויף אים האָפענונגען אַלס אויף דעם קומענדיקן גרויסן יידישן דיכטער". אַזוי האָט דער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער קלמן מרמר מיטגעטיילט זלמן רייזענען, ווען דער לעצטער האָט געגרייט דעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער לי־טעראַטור און פּרעסע". ריינגאָלדס נעקראָלאָג־שרייבער, גיט איבער מרמר, האָבן אים אָנגערופן „דער גרעסטער דיכטער פון דער וועסט". מ'דאַרף זיך נאָענט באַקענען מיט די פּאָעטן אין די מערב־שטאַטן און דעם גאַנצן מיטל־מערב ראַיאָן. זעט מען דעמאָלט איין, — די דאָזיקע באַצייכענונג איז אויף אַ האָר ניט איבערגעטריבן.

ווי עדעלשטאַט און באָוושאָווער, ווי ראָזענבלום און נעיטן לעמ־פּערט, ווי נחום באַבאַד און אַ סך אַנדערע פון יענעם דור האָט דער דאָ־זיקער אײדעלער זינגער פאַרענדיקט זיין ליד אין די סאַמע בליענדיקסטע יאָרן. יצחק ריינגאָלד איז שוין צו דרייסיק יאָר ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. און פאַרשניטן האָט אים די פּראָלעטאַרישע קרענק. אין די 90ער יאָרן האָט זי זיך געטראָגן ווי אַ פייער צווישן יידישע אַרבעטער. די שוויצפאַבריק האָט גורם געווען די שווינדזוכט.

דעם נאָמען יצחק רײנגאָלד האָט ער אַדאָפּטירט. זײַן אמתער נאָמען איז געװען יצחק תּאומים (טוימים). דעם פּסעװדאָנים האָט רײנגאָלד אָנגענומען װען ער איז אין יאָר 1891 געקומען פֿון באַלטימאָר קײן מילװאָקי. פֿאַרװאָס ער האָט לכתּחילה אָנגענומען אַ פֿרעמדן נאָמען, פֿאַרװאָס ער האָט דװקא אױסגעקליבן דעם נאָמען רײנגאָלד — דאָס איז שװער פֿעסטצושטעלן.

רײנגאָלדס פֿאַרגעסענע שאַפֿונגען האָבן זיך װידער באַװיזן, װען ס'איז אַרױס זײַנס אַ בוך „געקליבענע לידער", 1953. דאָס בוך האָבן אַרױסגעגעבן זײַנע יורשים, צום פֿאַעטס 50סטן יאָרצײַט, אין פֿאַרלאַג ל. מ. שטײן, שיקאַגאָ — ייִדישע הקדמה פֿון א. מאַרגאָלין; ענגלישע — פֿון דעם פּאָעטס זון אַלפֿרעד תּאומים רײנגאָלד. אין בוך געפֿינען זיך אױך נאָטן צו טײל לידער.

אָפּשטאַם, משפּחה

די משפּחה תּאומים האָט געצויגן איר יחוס פֿון באַרימטע גאונים, רבנים און מחברים.

געבױרן געװאָרן איז יצחק רײנגאָלד אין יאָר 1873 אין אָדער לעבן לוצק, װאָלין. די משפּחה תּאומים איז באַשטאַנען פֿון טאַטע־מאַמע, דרײַ זין און דרײַ טעכטער. יצחק איז געװען דאָס צװײטע אָדער דריטע קינד.

װעגן זײַן קינדהײט און פֿריער יוגנט װײסן מיר לחלוטין גאָרנישט. ער האָט געשטאַמט פֿון זײער אַ פֿרומער משפּחה חסידים. איז זײַן דערציאונג זיכער געװען אַ שטרענג־טראַדיציאָנעלע.

אין יאָר 1890, װען יצחק איז אַלט געװען אַ יאָר 17, האָט דער טאַטע אָנגעהױבן טראַכטן װעגן פֿאָרן קײן אַמעריקע. געװען דערבײַ צװײ סיבות. אײנע — װײניק פּרנסה, דחקות, אַ פּעקל צרות מיט מלכות מחמת שענק־געשעפֿטן. די צװײטע סיבה — ראַטעװען דעם יונגן יצחקן, ער זאָל ניט דאַרפֿן גײן דינען דעם קיסר. מיטן עלטסטן זון האָט מען זיך װי־עס־איז אָן עצה געגעבן. מען האָט אים צוגעשריבן צו אַ משפּחה אָן קינדער. אַזױ אַרום האָט ער ניט געדאַרפֿט גײן דינען. מיט יצחקן האָט מען עס ניט געקאָנט דערגרײכן. איז געבליבן צו פֿאָרן קײן אַמעריקע. דאָס איז טאַקע די סיבה, װאָס פֿון דער גאַנצער תּאומים־

משפּחה זיינען פּרי׳ער פאַר אַלע געקומען קיין אַמעריקע דער פּאַטער און דער זון יצחק.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן איבער איראָפּע זיינען זיי אָנגעקומען אין יאָר 1890 אָדער 1891 קיין באַלטימאָר. געפאָרן זיינען זיי לכתחילה קיין באַלטימאָר. דאָרטן האָבן זיי געהאַט פריינד און לאַנדסלייט. דער פרומער פּאַטער יהושע תאומים איז ביי זיי געווען אַ ייד אַ חשוב. אין באַלטימאָר האָבן טאַטע און זון גלייך פאַרזוכט דאָס ביטערע לעבן אין דער שוויצפאַבריק. דאָך האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט מיט אַלע כוחות. זיי האָבן אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן זייער התחייבות. געווען איז עס — אַריבערנעמען קיין אַמעריקע די גרויסע משפּחה. זי איז דאָך געבליבן שטעקן אין שטעטל און געוואַרט אויף שיפס־קאַרטעס.

איידער זיי האָט זיך איינגעגעבן אַריבערצוברענגען די משפּחה, האָבן זיך פּאַטער און זון צעקריגט ווי אויף מעסערס. דאָ איז געקומען צו אַן אויפרייס אַן אַלטער קאַמף צווישן דעם שטרענגען, פאַנאַטישן פּאַטער און אַ זון, וואָס האָט מער ניט געקענט גיין אין שפּאַן. דער יונגער יצחק האָט אין דער נייער וועלט צוגעקראָגן איבערצייגנדיקע טענות פאַרוואָס ער מעג „פריי אָטעמען״. דערצו איז ער געוואָרן אַ פאַרדינער, אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, אַן אַרבעטער, וואָס פראַ־צעוועט ביטער אויף זיין שטיקל ברויט.

פּאָעט, זינגער און די שוויצפאַבריק

מער פאַר אַלץ איז דער גורם אין זיין מרידה געווען די יידישע רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־פּאָעזיע. ער האָט איר שטים קלאָר פאַרנומען. אין זיך אַליין האָט ער אויך דערהערט דעם ניט איינשטילנ־דיקן רוף צו פרייהייט: אַראָפּוואַרפן „די קייטן פון דער טיראַניי״. אין מיטן יאָר 1891, דעם 25טן סעפּטעמבער, האָט זיך אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, דערהערט דער ריף פון דעם נייעם אַרבעטער־פּאָעט יצחק ריינגאָלד. דאָס ליד האָט טאַקע געהייסן „אַן די אַרבע־טער.״

אַן די אַרבעטער

ברהאָווע, געטריייע
אַרבעטס לייטע,

שטייט אַמאָל שוין אויף!
גענוג שוין שאַפן
פאַר די גראַפן, —
מאַכט אַמאָל אַ סוף!

— — — — — — — — — — — —

אימער נאָר שאַפן,
האָרעווען ווי שקלאַפן,
אימער אין קייטן געשמידט. —
אימער נאָר זאָרגן,
וואָס טוט מען מאָרגן!
דער מאָגן שווייגט דאָך ניט.

— — — — — — — — — — — —

גאַנץ גייע קעטן,
אופסניי אונדז טרעטן. —
ברידער, דאָס שטייט אונדז ניט אָן!

לאָמיר זיך פלייסן
זיי צו צערייסן —
דורך די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן!

— — — — — — — — — — — —

דער ריס מיטן פאָטער איז געווען זייער אַ גרויסער. ריינגאָלד האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן ערשט מיט אַ פינף יאָר שפּעטער, אין 1896, בעת די גאַנצע משפחה איז געקומען פון רוסלאַנד. צוויי מאָל האָט ער געזען די משפחה אין וואודביין, ניו־דזשוירזי, וואו זי האָט געוואוינט. איינמאָל — אין יאָר 1899, דאָס צווייטע מאָל — אין 1901, צוויי יאָר פאַר זיין טויט.

ווען ריינגאָלד האָט פאַרלאָזן באַלטימאָר, איז ער אַוועק זוכן גליקן אין די מערב־שטאַטן, אין דער „וועסט". ער האָט זיך באַזעצט אין

מילוואָקי, וויסקאָנסין. געאַרבעט האָט ער דאָרטן ווי אַן אָפּערייטער (שטעפּער) אין די שניידערשע שוויצפּאַבריקן. לאַנג אָבער איז ער ניט פֿאַרבליבן אין מילוואָקי. אין עטלעכע חדשים אַרום, אין יאָר 1892, איז ער שוין אין שיקאַגאָ, וואו ער שקלאַפט ווייטער אין די שוויצפּאַבריקן.

געווען איז דאָס נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד אָדער פֿון די ערשטע לידער אין דער „פֿרייע אַרבעטער שטימע". אין שיקאַגאָ איז ער באַקאַנט געווען ניט נאָר ווי אַ פּאָעט, נאָר אויך ווי אַ זינגער פֿון אַרבעטער־ און פֿאָלקסלידער. ער טרעט אויף אויף קאָנצערטן ביי יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זיין שם וואַקסט. ער נעמט אויס מיט זיין האַרציק זינגען ביי זיינע קאָלעגן, פֿריינד און דעם אַלגעמיינעם עולם.

די גאַנצע קולטורעלע טעטיקייט צווישן יידישע אַרבעטער אין שיקאַגאָ האָט זיך אין יענע יאָרן קאָנצענטרירט אין דעם וועסט־סייד טוירנער האָל. דאָרטן זיינען פֿאָרגעקומען די מערסטע קאָנצערטן און אונטערנעמונגען. דאָרטן איז רייזנאָלד געוואָרן באַרימט. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט פֿריינד, חברים, באַקאַנטע. ווען ער איז איינמאָל געווען צוגאַסט ביי זיינעם אַ פֿריינד אין הויז, האָט ער זיך דאָרטן באַקענט מיט זיין צוקונפֿטיקער פֿרוי. געווען איז דאָס אין יאָר 1893. דעם מיידלס עלטערן האָבן בשום אופֿן ניט געוואָלט האָבן אַן איידעם אַ פּאָעט, אַ זינגער, נאָך דערצו אַן אַרבעטער־זינגער. איז דאָס יונגע פּאָר נעלם געוואָרן פֿון שיקאַגאָ, אַוועק קיין מילוואָקי און דאָרטן חתונה געהאַט. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט זיך די משפּחה איבערגעבעטן מיטן פֿאַרפֿאַלק, וואָס איז געקומען צוריק קיין שיקאַגאָ.

קיין גליקלעך לעבן איז אָבער רייזנאָלדן ניט געווען באַשערט. אין די שוידערלעכע שוויצפּאַבריקן אין יענער צייט האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט די פֿראָלעטאַרישע קרענק, וואָס האָט געבושעוועט צווישן יידישע אַרבעטער — די שווינדזוכט. צען יאָר נאָכאַנאַנד, כמעט זינט ער האָט חתונה געהאַט ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, האָט אים פֿאַרפֿאָלגט דאָס טויט־געשפּענסט.

כדי ראַטעווען זיין שוואַך געזונט, זוכט ער מיט אַלע קרעפֿטן זיך אַרויסצורייסן פֿון דער שוויצפּאַבריק. ער פּרובירט האַנדלען, עפּענען אַ קראָם. אָבער יעדער מאָל מוז ער זיך אומקערן אין שוויצפּאַבריק. בזעת אַפּיך תאכל לחם. דאָס איז געווען דעם קראַנקן דיכטערס ביטע־

רעווירקלעכקייט. ער האָט זיך טאַקע באַנוצט מיט אָט־די ווערטער אין אַ מאָטאָ צו זיין ליד „שווייס און טרערן" („אַ ביכּטל בלומען", שיקאַגאָ, 1895). אין דעם דאָזיקן ליד דערוויסן מיר זיך וועגן דעם פּאָעטס גע־מיט־צושטאַנד:

מיד פון שווערן אַרבעטס־טאָג,
פול מיט מאַטערניש און פּלאָג,
זיץ איך ביי מיין טיש פאַרטראַכט,
אַך, ווי זיס מיר איז די נאַכט!...

— — — — — — — — — — — —

שווייס און טרערן, אַ שיקזאַל!
כ'פיל ס'איז ביטערער פון גאַל...
שווייס און טרערן — אָ! די נויט!
זיי מאַכן פייכט מיין טרוקן ברויט!...

כ'נעם דאָס ברויט אין מויל אַריין,
כ'שטיק מיך מיטן ביסן מיין,
מענטשן! אָ, איך פיל אין ברויט
איז פאַרמישט דער טעם פון טויט!...

וויסט איז רייגנאָלדן געוועזן דאָס לעבן במשך די צען יאָר קראַנק זיין. שווערמוט, מרה־שחורה, שטענדיק דערשלאָגן — דאָס זיינען גע־ווען די שטימונגען, וואָס האָבן אים באַהערשט.

לידער פון דעם וויסטן לעבן,
פול מיט שמערץ און וויי,
כ'וואָלט דאָס ליבסטע אָפּגעגעבן,
ניט צו הערן זיי.

דאָך, עס לעבערט דורך דעם אויער,
בויערט דורך דאָס הערץ
און ערוועקט אַ טיפן טרויער —
טיפן וויי און שמערץ.

(„לידער" אין „ביכּטל בלומען", שיקאַגאָ 1895)

דעם שטאַרקסטן אַרויסרוף צו דער וועלט האָט ער אויסגעדריקט אין אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דריי יאָר נאָך זיין ערשט גע־דרוקט ליד. געוואוינט האָט ער דעמאָלט אויף 173 דזשאַנסאָן סטריט (אין אַן אַנדער ליד איז, אַגב, אָנגעגעבן 137 דזשאַנסאָן סטריט). דער נאָמען פון ליד איז טאַקע „צו דער וועלט", געדרוקט דעם 16טן סעפ־טעמבער 1894, אין „טעגלעכן יידישן קוריער", מיט פיר טעג שפּעטער איבערגעדרוקט אין „יידישן קוריער". דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

אָ וועלט! ביסט פאַרדאַרבן, אַמהעכסטן פאַרדאַרבן.
מיין ליבע צו דיר, וועלט, איז לאַנג שוין געשטאָרבן.
דען דיינע פאַרשפּרעכונגען זיינען ניט וואָר,
און דער וועלכער גלויבט דיר, דעם מאַכסטו צום נאַר...

ער דערציילט ווי ער האָט געליטן — ער האָט „שוין קיין האַרץ ניט". ער בעט אויף זיך דעם טויט — „ניט זען דעם שווינדל, דורך כבוד און געלט". און ער רופט: „אַך, טויט! נעם מיך בעסער שוין צו פון דער וועלט..." און ער ענדיקט דאָס ליד —

און צווישן די בערגלעך, די פינצטערע קברים,
אָט דאָרט וואו עס גיבט ניט קיין רייך און קיין אָרעם,
וואו מענטשן פאַרגעסן די שרעקלעכסטע שטראָף,
אָט דאָרט לאָזט מיך שלאָפן מיין אייביקן שלאָף.

נאָר, ברידער, קומט ווען איר דערלעבן די צייטן,
ווען טרייהייט און ליבע וועט לעבן ביי לייטן,
ווען קנעכטשאַפט און הערשאַפט וועט נעמען אַ סוף...
אָ, ברידער! דאַן וועקט מיך אויף פון מיין שלאָף.

טעאַטער-לידער און שקלאַפעריי

יצחק ריינגאָלדס באַמיאונגען זיך אַרויסצורייסן פון שוויצפאַבריק האָבן ניט געהאָלפן. קיין קרעמער איז ער ניט געוואָרן, קיין הענדלער אויך ניט. דורך דער צייט אָבער איז ער געוואָרן אַ באַרימטער פּאָעט,

אין די טעאַטער־קרייזן נאָך מער ווי אין די ליטעראַרישע קרייזן. זיין פּאַרלעגער יעקב לידסקין (געהייסן אויך יעקב ליצקין), פון 503 (אין אַ געוויסער צייט אויך פון 507) סאַוט דזשעפּערסאָן סטריט, שיקאַגאָ, האָט אַרויסגעגעבן ריינגאָלדס „דער וועלט־זינגער" (פּרעכטיקע פאָלקס־לידער), 1894, 40 זז.; „אַ בינטל בלומען" („פאָלקס־געדיכטע"), 1895, 32 זז.; און „דער פאָנאָגראַף" (קאָמישע קופּלעטן אונד טהעאַטער לידער, מיט באַקאַנטע ענגלישע מעלאָדיען), 16 זז.; ריינגאָלדס פאָלקסלידער". דאָס זיינען געווען 10־סענטיקע, 5־סענטיקע און דריי־סענטיקע ביכלעך, באמת בראַשורן. אָבער גאַר אַ גרויסן אָפּגאַנג האָבן געהאַט זיינע איינצלנע לידער. מען האָט זיי פאַרקויפט צו איין סענט אַ בלעטל, למשל: „די בלום וואָס האָט מיך אַמאָל פאַרלאָזט", „גאָט זעט אַלעס צו און שוויגט", „איך מיט מיינער שיינער משפּחה", „די טרויעריקע האָכצייט", „איך וועל שוין מער קיין ליבע שפּילן", „פערלאַנגט אַ מיידל", „ווען דער טאַנץ גייט אָן", „די סייד־וואָקס פאָן ניו יאָרק", „ביט אַלעס איז גאָלד וואָס שיינט", „מיין פּערל איז אַ כלה מויד", „דו־דו מיין ליבער יוקיל דו", „שיקאַגאָ איללינאָיס", „דיא בויערי", „לעמעל", „עפּטער דהי באָלל", „דייזי בעלל", „ליבע", „צוויי גוטע ברידער", „אַ הספּד איבער אלכסנדר דעם דריטען", „מיין פאָטערלאַנד". מער ווי אַלץ זיינע זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען זיינע דעמאָלט זייער באַוואוסטע לידער: „די מאַשינדלאַך" און „די צעבראָכענע שיף". איינצלנע לידער זיינען אויך אַרויס צוזאַמען מיט נאָטן.

צווישן די טעאַטער־קופּלעטיסטן איז ריינגאָלד געווען דער פּאָפּולערסטער. ווען „די היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" האָט אין 12טן נומער „לידער מאַגאַזין" אַנאָנסירט דעם 13טן, דעם בר־מצווה־נומער, האָט זי איבערגעגעבן אין דעם אַנאָנס: דאָס וועט זיין „איין וואַהרער 'בר־מצווה־נומער', און דאַרום וועלען מיר זיך דיא בעסטע מיהע געבען, אַז דער דרייצעהנטער „לידער מאַגאַזין" זאָל איבערשטייגן אַלע פריהערדיגע 12 נומערן צוזאַמען. עס וועט ענטהאַלטען די בעסטע טהעאַטער לידער פון דיא נייעסטע פּיעסען פון אַללע אידישע טהעאַטערע. די בעסטע דעקלאַמאַציאָנען אין לידער, וועלכע עס ווערען געזונגען אין אַללע אידישע קאָנצערט־גאַרדענס". אָבער צום סוף אַנאָנס ווערט דערמאָנט בלויז איין נאָמען: „ואחרון אחרון חביב! הער יצחק ריינגאָלד (אין גרויסער שריפט—נ.ב.מ.) וועט ספּעציעל פיר

דיעזען נומער שרייבען גאַנץ נייע קופּלעטען און פאָלקס ליעדער, מיט דיא בעסטע און פּאָפּולערסטע ענגלישע מעלאָדיען."

מיר לייענען אויך אַ גרויסן אַנאָנס, אַ גאַנצן קאָלום, אין נומער 19 „ליעדער מאַגאַזין" וועגן דעם 20טן נומער, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן ווי אַ „יובילעאום נומער". וועגן רייזנגאָלדס טאָזש נאָך זיין טויט (דער 20־טער נומער איז אַרויס טאָקע נאָכן יאָר 1903) דערוויסן מיר זיך אין דעם ווייטערדיקן אַנאָנס:

„דער נומער 20 מאַגאַזין ווירד זיין איין יובילעאום־נומער — ערוואַרטעט מיט געדולד דעם „נומער 20 מאַגאַזין". עס וועט זיין איין פּראַכפּאַללער יובילעאום נומער פון דיא אַללע ליעדער מאַגאַזינס.

„דער נומער 20 מאַגאַזין" וועט גאַנץ איינפאַך איבערשטייגן אַללע פריהערדיגע 19 נומערען, עס וועט ענטהאַלטען אויסער דיא אַללע נייעסטע ליעדער און דעקלאַמאַציאָנען וואָס וועללען צוקומען אונטער דער צייט, — וועט אויך זיין איין פּרעזענט, פאָלגענדע בעוואוסטע ליעדער פון דעם פערשטאָרבענעם פּאָעט יצחק ריינגאָלד ע"ה.

דיא בעוואוסטע אַרבייטס ליעד
די מאַשינדעלעך
צוזאַמען מיט דיא מוזיק
דער פּרייז פון דיעזער ליעד אַליין
איז 15 סענט.
דיא בעוואוסטע פּראַכטפאָללע ליעד
די צובראָכענע שיף

„דער פּרייז פון דיעזער ליעד איז 5 ס. ווי אויך נאָך פיעלע אַנדערע ליעדער און דעקלאַמאַציאָנען, פון בעוואוסטע שרייבערס, וועט זיך געפינען אין דעם „נומער 20 מאַגאַזין", — און אַללעס צוזאַממען וועט ניט קאָסטען מעהר ווי דער רעגעלער פּרייז — 5 סענט —" א. אַ. וו.

די זייער פּאָפּולערע נעמען אין יענער צייט זיינען געווען לואיס קאָפּעלמאַן, ד. מייעראָוויץ, זיגמונד מאָגולעסקאָ, מאַקס אווראַמאָוויטץ, אברהם גאָלדפאַדען, אברהם שאַרקאַנסקי, לואיס גילראָד, שלמה שמולעוויטש, מיכל אַראָנסאָן. צווישן אָט־די נעמען הייבט אַרויס דער פּאַר־

לעגער בלויז איין נאָמען — יצחק ריינגאָלד. דער אמת איז געווען — קיין שום טעאַטער־לידער האָבן ניט געהאַט אַזאַ גרויסן דערפאָלג ביים עולם ווי ריינגאָלדס לידער. ווי דערמאָנט פריער, איז באַזונדערס געווען באַרימט זיין אַרבעטער־ליד „די מאַשינדעלעך."

זיין יוגנט־פריינד מאָריס זיסקינד, שפּעטער רעדאַקטאָר פון שיקאַגאַ „פאָרווערטס", שרייבט וועגן אים (אין אַ פּריוואַטן בריוו):

„ריינגאָלד פלעגט שרייבן אַרבעטער־לידער. זייענדיק אַ שניידער־אַרבעטער האָט ער געלערנט זיין סאָציאַליזם און אַרבעטער־איידיען אין שאַפּ ביי דער מאַשין... ער איז געווען אַן אמתער אַרבעטער־דיכטער... זיינע לידלעך זיינען געווען אין יעדער אַרבעטער־הויז און . . . מען פלעגט זיי זינגען איבעראַל פאַר (מחמת) זייער פאָלקסטימלעכקייט."

ווי מיר זעען איז ער געווען זייער פּאָפּולער ווי אַ זינגער־פּאָעט און קופּלעטיסט. דאָס האָט אים געגערט מיט פאַלשע האָפענונגען. ער האָט געגלויבט, עס וועט זיך אים איינגעבן פטור ווערן פון דער שוויצ־פאַבריק. יעדן טאָג האָט די דאָזיקע שקלאַפן־פאַבריק אַלץ מער און מער אונטערגעריסן זיין געזונט.

מאָריס ראָזענפעלדס באַזוך אין שיקאַגאָ, פרילינג 1901, דערוועקט אין ריינגאָלדן די מחשבה אויסצופּרובירן זיין מזל אין אַנדערע שטעט. ער פאָרט קיין ניו־יאָרק צו געבן אַ קאָנצערט פון זיינע לידער. אויפן וועג שטעלט ער זיך אָפּ אין פּיטסבורג. אין ניו־יאָרק נעמט מען אים זייער גוט אויף. ער מאַכט אויף אַלעמען זייער אַ גוטן איינדרוק. און די מיינונג וועגן אים איז זייער אַ געהויבענע. טאָמאַשעווסקי פאַרבעט אים שרייבן לידער פאַר אַ טעאַטער־שטיק, וואָס ער האָט זיך געקליבן אויפפירן. ריינגאָלדס האָפענונגען וואַקסן. ער איז ביי זיך זיכער: איצט איז שוין געקומען די צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און אָנהייבן לעבן ווי אַ מענטש. ער ברענגט אַראָפּ זיין גאַנצן משפחה קיין ניו־יאָרק, דינגט אַ דירה, שטעלט איין אַ פיינע היים. און ווי אַלעמאָל, — עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם פון אַלע זיינע טרוימענישן. בלייבט אים מער גאָרניט צו טאָן, ווי זיך נעמען פאַר דער פריערדיקער פרנסה. ער קערט זיך אום צוריק קיין שיקאַגאָ און נעמט זיך צוריק צו דער שניידער־מאַשין.

ספקות

אין 1894, דריי יאָר נאָך זיין פּאָעטישן דעביוט, איז ער שוין געווען ניט נאָר באַוואוסט, נאָר באַרימט אין שיקאַגאָ. פּונקט דעמאָלט שרייבט ער דאָס וויטערדיקע פּאָלקסטימלעכע נאַאיווע ליד:

צו דער מוזע

זאָג מיר נאָר, מוזע, וואָס ווילסטו פון מיר?
מיינסטו אַן אמת כ׳וועל גליקלעך פון דיר?
איך גיי אַרום שטענדיק פאַרקלערט און פאַרטראַכט,
הערעס ניט בייטאָג, און דערשלאָף ניט ביינאַכט.
טוך ניט קיין אַרבעט, ווער נאַכלעסיק, פויל,
ניטאָ וואָס גאָר פשוט צו נעמען אין מויל,
וואָרום רויבסטו מיר מיין געדולד און מיין צייט,
זאָג מיר, איך בעט דיך, איך האָב פון דיר ברויט?

אָט האָב איך אַ פּעקל מיט לידער געקליבן,
וואָס דו האָסט באַזונגען און איך האָב געשריבן,
נו זיין מיר אַ בריה ביי יעצטיקער צייט,
נעם אַ פונט לידער און ברענג אַ פונט ברויט.
מע וועט פון דיר מאַכן אַ חוזק, אַ שפּאַס,
כאַטש נעם און פאַרהונגער אין מיטן דער גאַס...
און זינגען, און ליידן פון גרויס אַפּעטיט...
כ׳לעבן, מיין מוזע, דאָס לוינט זיך מיר ניט.

די מוזע:

דו הערסט זיך ניט ריכטיק, דו ביסט אומגערעכט,
דו ביסט אין דיין חשבון געגאַנגען גאָר שלעכט,
דו האָסט פון דער יידישער מוזע ערוואַרט —
מילך און האָניק? דו האָסט זיך גענאַרט.

די יידישע מוזע, זי קען דיר נאָר געבן
טרערן און הונגער, אַ טרויעריק לעבן,

לערן זיך הונגערן, זיין אָפּטער ניכטער,
אָט דאָס איז דער שיקזאַל פון יידישן דיכטער...
(„טעגלעכער יידישער קוריער", אויגוסט 28, 1894;
אויך אין „יידישן קוריער", אויגוסט 30, 1894).

דער גרויסער כבוד, וואָס זיינע לייענער און צוהערער ווייזן אים אַרויס, טרייסט אים וויניק־וואָס. ניט נאָר גייט ער שטענדיק אַרום אַ דערשלאָגענער, אַ פֿאַרצווייפֿלטער, נאָר זייער אָפט מאַטערן אים ספקות וועגן זיין אייגענעם טאַלאַנט און פּאָעטישן באַרוף. און דאָס איז, אייגנטלעך, געווען דאָס שווערסטע דורכצוטראָגן. פּאָעזיע איז געווען זיין מקום־מקלט. דאָרטן האָט ער געפֿונען טרייסט. זיין פּאָעטישער דראַנג, זיין ווערן באַרימט האָבן דאָ עפּעס ניט געשטימט מיט דער וואָר. וואָס באַרימטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער געהאָפֿט ער וועט זיך פּאָרט אַרויסרייסן פון די שוויצפּאַבריקן. און דער טרוים איז געווען — זיין בלויז אַ פֿאָלקס־זינגער. דערווייל ווערט שאַרפער און טראַגישער דאָס ווירקלעכע לעבן — צו לעבן ווי אַ „שקלאַף". און אין האַרצן גנבעט זיך אַריין אַ שאָטן סקעפּטיציזם. נאָכמער — אַ גרויסער ספק: צי איז ער טאַקע דאָס, וואָס פֿאַרשאַפֿט אים טרייסט בעת ער ווערט פֿאַרצווייפֿלט? צי איז ער אַ פּאָעט? זייער רירנדיק קלינגט דאָס איינפֿאַכע טרויעריקע ליד „צו גרויס". אָן סאַטירע, אָן אומגלויבן, אָן אַפּאַטיע, גייט דורך דורכן גאַנצע ליד אַ מאָדנער באַהאַלטענער טאָן, אַ פֿאַרבאָרגענער ווייטיק:

צו גרויס

דער הימל איז לויטער,
עס פינקלען די שטערן,
עס שיינט די לבנה,
מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט.
איך גיי מיר, איך טרוים מיר,
פון דיכטער, פּאָעטן,
וואָס זיינען ביי לייטן —
געליבט און געאַכט.

— — — — — — — — —

פּלוצלינג באַמערק איך
דאָרט פינקלען אַ קראַנע (אַ קרוין),
געקריצט אויף איר בוכשטאַבן —
כ׳לעז און איך שטוין,
ס׳וואַר דאָרט געשריבן
די פאָלגנדע ציילע:
„פון דיכטערס, פּאָעטן,
בין איך עס די קרוין".

איך כאַפּ מיך מיט שנעלקייט,
און וויל איר אויפהייבן,
די געטלעכע קראַנע,
זי זעצן אויף מיר,
דערהער איך גאָר פּלוצלונג
אַ שטימע מיר קלינגען:
„ניט נעם זיך קיין מיע,
כ׳בין צו גרויס פאַר דיר..."
(„טעגלעכער יידישער קוריער", דעם 10טן סעפּטעמבער, 1894)

דאָך געפינט ריינגאָלד טרייסט אין זיין שרייבן:

אַך, די צייט, די שווערע צייט,
זי רויבט אַוועק דאָס לעבן,
זי ברענגט פערהדערבן ברייט און ווייט,
און רויבט דעם לוסט צו שטרעבן.

זי רויבט די קראַפט, און רויבט דעם מוט,
און אַלץ וואָס איז דערהויבן,
זי טריקנט אויס דעם מאַרך,
און רויבט זאָגאַר דעם גלויבן...

— — — — — — — — — — — —

די פעדער איז מיין שטאָלץ און מאַכט,
נאָר זי וועט טריי מיר בלייבן,

און הער איך מיט דער צייט פארשוואכס,
דאן שאפט מיר קראפט — דאס שרייבן!...
(„טעגלעכער יודישער קוריער", דעם 8טן אקטאבער, 1896)

די ספקות וועגן זיין אייגענער פאעטישער שליחות האבן אים אויך ניט אפגעהאלטן זיך צו פארמעסטן אויף אמביציעזערע ווערק. ער שרייבט אן אפערע „על נהרות בבל", וואס דארף אים איינמאל פאר אלעמאל פארשאפן „די קרוין פון דיכטער, פאעטן", אויף פארזיכערן זיין מעמד. „על נהרות בבל" האט מען אויפגעפירט אין שיקאגא מיט מאדאם פעני בראון אין דער הויפט־ראלע. די אפערע האט נושא־חן געווען ביים טעאטער־עולם. דאס האט אבער ניט פארבעסערט זיין מאטעריעלע לאגע. פון די אלע האפענונגען האט זיך אויסגעלאזן א טייך.

געווען אויך א צייט, במשך גאנצע ניין וואכן, ווען רייינגאלד האט געארבעט ווי א מיט־רעדאקטאר אין א סאציאליסטישער צייטונג. אבער פון דער דאזיקער צייטונג האט ער ניט דערווארט צו ציען חיונה. דא האט ער געארבעט ווי אן איבערגעגעבענער ארבעטער־טריבון.

די צייטונג איז ארויס אין יאר 1900, ווען יודזשין וויקטאר דעבס איז געווען דער סאציאליסטישער קאנדידאט פארן פרעזידענט־אמט. כדי אגיטירן פאר דעבסן האבן פירנדיקע ארבעטער־טוער ארגאניזירט א ספעציעלן קאמיטעט. אין דעם קאמיטעט זיינען געווען יצחק רייינגאלד, דער שפעטער בארימטער ארבעטער־פירער בענדזשאמין שלעזינגער, מאריס זיסקינד, לואיס בענענסאן און עטלעכע מיטגלידער, וואס זיינען געווען פארבונדן מיט דעם „לאסאל פאליטיקל עדיוקיישאנאל קלאב". דער דאזיקער קאמיטעט האט עס ארויסגעגעבן „די ארבייטער צייטונג" אין שיקאגא במשך גאנצע ניין וואכן. די צייטונג איז דערשינען יעדן פרייטיק ביז די וואלן. די רעדאקטארן אין דער צייטונג זיינען געווען יצחק רייינגאלד, מאריס זיסקינד און בענדזשאמין שלעזינגער. זייער שווערע ארבעט האט געבראכט באדייטנדיקע רעזולטאטן פאר יענער צייט. די אגיטאציע אין דער צייטונג האט אין ניינטן וואַרד געבראכט 900 שטימען פאר דעבסן. אבער צו קיין פרנסה האט עס ניט געפירט.

דורכגענומען מיט פעסימיסטישע שטימונגען האט ער יום־יום געמוזט זיך דורכשלאגן, זארגן ווי מפרנס זיין די משפחה. און גע־

ווען איז ער אַ מטופּל מיט אַ ווייב און פיר קינדער. אַ טאָג פאַר זיין טויט — שרייבט זלמן רייזען אין לעקסיקאָן, אויפן סמך פון מרמרס מיטטיילונג — האָט ער אָנגעשריבן אַ טעאַטער־ליד „איך האָב קיין צייט". ער האָט דאָס ליד איינגעזונגען מיט יידישע אַקטיאָרן. געקו־מען פון טעאַטער נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו זיין פריינד, דעם דיכטער בן־ישי (דוד גרינבערג), געלאָזט דעם בריוו אויפן טיש, כדי עס אָפּשיקן אין דער פרי. מאָדנע סימבאָליש קלינגען פאַר אונדז רייזגאָלדס איינפאַכע טרויעריקע פערזן אין זיין „צוואה". אויב דאָס פאָלק, זיינע „עלנטע ברידער" געפעלט ניט זיין ירושה — זיינע יידישע לידער, זאָל מען עס מקבר זיין מיט אים צוזאַמען. דער טויט איז געקומען צום שווינדזוכטיקן פּאָעט אין שלאָף, דורך אַ האַרצשלאַג, דעם 20־טן אָקטאָבער, 1903.

דער פּאָעט פון שקלאַפן-ליד

אונדז איז ניט באַקאַנט ווי אַזוי דער קליינשטעטלדיקער פרומער בחור האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַרבעטער־פּאָעט, תיכף נאָך זיין קו־מען קיין אַמעריקע. די פּרטים וועגן דעם זיינען סוף־כל־סוף ניט וויכטיק. די שוויצפאַבריק, קענען מיר זיך פאָרשטעלן, איז געווען זיין אוני־ווערסיטעט. ביי דער שניידער־מאַשין האָט ער אָנגעהויבן קלאָרער באַ־גרייפן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן גרויסן געזעלשאַפטלעכן אומגליק, אָדער, ווי דעמאָלטיקע פּאָעטן האָבן עס גערופן, „דעם יאָ־מערטאָל". אין דעם דאָזיקן „יאָמערטאָל" זיינען אימיגראַנטישע אַרבע־טער ממש אויסגעגאַנגען ביים שקלאַפן פאַרן באַלעבאָס. אָבער געפינען זיך אין דעם דאָזיקן „אוניווערסיטעט" איז ניט געווען גענוג. עפּעס איז געווען אין רייזגאָלדן נאָך פריער, וואָס האָט געדרעמלט אין זיינע בלוטן. די שוויצפאַבריק האָט עס נאָר אויפגעוועקט, האָט עס געבראַכט צום פולן אויסדרוק.

דער ריס מיט זיין פאָטער, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט, וואַרפט אַ ליכט אויף דעם פּאָעטס כאַראַקטער. אין דעם דאָזיקן ריס וועלן מיר געפינען באַשייד.

עטלעכע חדשים נאָכן קומען מיטן פאָטער קיין באַלטימאָר, רעוואָל־טירט דער יונגער רייזגאָלד קעגן זיין פאָטערס שטרענגער הנהגה. ער איז שוין דעמאָלט אַ יונגער פּאָעט, אַן אַרבעטער־פּאָעט. זיין פאָטער

יהושוע תאומים האָט זיך ניט באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער אַליין איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פרומער חסיד, ממש בלינד פאַנאַטיש. ער איז טאַקע געווען אַ לב טוב, אַ מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ. אָבער ווען עס איז געקומען צו פרומקייט, האָט ער ניט געוואָלט וויסן וועגן קיין שום אַנדער זאַך. דאָ איז ער געווען האַרט און פאַרעקשנט. דער דאָזיקער לב טוב האָט אַרויסגעצוואונגען אויף זיין גאַנצער משפחה אַן אויסערגעוויינלעך שווערע דיסציפּלין, אַן אומברחמנותדיקן „אַזוי וועט עס זיין". אַ שאָטן־מחשבה וועגן ווערן אַ ביסעלע פריי האָט ניט געקענט געדייען אין זיינע פיר איילן. ער האָט מיט דער גרעסטער אַכזריות געקעמפט קעגן דעם קלענסטן שמץ פרייהייט, קעגן דעם קלענסטן שמץ כפירה. און ניט נאָר האָט ער עס געפאָדערט פון אַנ־דערע. ער אַליין האָט פאַרוואָרפן כלערליי מעגלעכקייטן צו פאַרבע־סערן זיין מצב. ער האָט דורכגעטראָגן באהבה אַלע עינויים קשים אין דער „פרייער" מדינה, אַבי ניט מוותר זיין אויף אַ קוצו של יוד. אָט קעגן דער דאָזיקער אייזערנער דיסציפּלין האָט דער יונגער טרוי־מער און דיכטער מורד געווען.

אינאיינעם מיט די שקלאַפן־קייטן אין דער שוויצפאַבריק האָט ער אויך געפילט די קייטן פון זיין פאָטערס אומברחמנותדיקער פרומקייט. און ווען ער האָט מורד געווען קעגן קייטן בכלל, האָט ער עס געטאָן ווי אַ פאַרשקלאַפטער אַרבעטער און ווי אַ פאַרשקלאַפטער זון.

ס'איז אָבער געווען נאָך אַ סיבה, נאָך אַ גורם, וואָס האָט דעם יונגן ריינגאָלדן געמאַכט פאַר אַ מורד. אַ געפיל, וואָס האָט געלעבט אין זיינע בלוטן. און מאָדנע — אָט דאָס מרידה־געפיל האָט ער גע־ירשנט פון זיין פאָטער. דער פרום־פאַנאַטישער פאָטער האָט געהאַט עפּעס אין זיין כאַראַקטער, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער סאַמע תמצית אין יצחק ריינגאָלדס לעבן. דער שטרענג־פרומער יהושוע תאומים איז אַליין געווען אין דער נאַטור אַ מורד. אָבער אַ מורד בלויז קעגן איין זאַך — קעגן תקיפות. ער האָט אין באַלטימאָר דערזען אין דעם „באָס" אַ תקיף און אַ רשע, אַ הויט־שינדער און אַ בלוט־זויגער. אין דעם פּרט איז יהושוע תאומים, פון סאַמע אָנהייב אָן, געווען מער סאָציאַל־באַוואוסטזיניק ווי זיין זון, דער אַרבעטער־פּאָעט. יהושוע תאומים האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן אין קיין שום שוויצפאַבריק. אין יעדער פאַבריק האָט פריער אָדער שפּעטער געמוזט אויסברעכן אַ שאַרפער סכסוך, אַ קריגעריי ממש אויף מעסערס, צווישן דעם פרומען למדן־עמך און

דעם באָס, דעם עקספּלואַטאַטאָר. קעגן די קליינע טיראַנען אין די שוויצפֿאַבריקן האָט דער פֿרומער יהושע תאומים געהאַלטן אין איין רעוואָלטירן. און ווען ער האָט מער ניט געקענט געפֿינען אַ פֿאַבריק, וואו אַוועקצולייגן זיינע אָרעמע כּוחות, האָט ער גענומען אַ פּאַק אויף די פּלייצעס און זיך אַוועקגעלאָזט פּעדלען אין די דערבייאיקע דערפֿער און פֿאַרמס. דער דאָזיקער „גייער" מיטן אויסטערלישן הילוך האָט ניט נאָר פֿאַרקויפֿט זאַכן. ער האָט זיך געשטעלט פֿאַרריכטן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט — פֿון אַ וואַנע ביז אַ שירעם. זיין רעוואָלטירנ־דיק געפֿיל פֿאַר יושר און קעגן תּקיפֿות האָט זיך קיינמאָל ניט איינגע־שטילט. דאָס האָט זיך ווידער געלאָזט פֿילן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין דער יידישער אַגריקולטורעלער קאָלאָניע וואודבאַין, ניו־דזשוירזי. אין דער דאָזיקער קאָלאָניע איז געווען אַ שניידער־פֿאַבריק. דאָרטן האָט געהערשט אַ לאָקאַלער „צאַר". האָט דער אַלטער יהושע תאומים אָרגאַניזירט די אַרבעטער אין דעם דאָזיקן שאַפּ. ער האָט זיי אַרויסגעפֿירט אין ערשטן סטרייק. די פֿריערדיקע לומדים, לערנער, ישיבה־לייט, בטלנים און דאָרפֿס־יידן האָט ער אויסגעהאַמערט אין אַ שטאַרקן כּוח. דער סטרייק האָט געדויערט גאַנצע 16 וואָכן. פֿאַר די אַרבעטער זיינען דאָס געווען 16 וואָכן הונגער, שרעק און רדיפֿות. און דאָך האָט דער אַלטער תאומים געפֿירט די סטרייקער צו אַ נצחון איבער דעם פֿאַרעקשנטן באָס. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין די יאָרן 1906־1907, דריי יאָר נאָך זיין זונס טויט.

דאָס איז יצחק ריינגאָלדס גייסטיקע ביאָגראַפֿיע. דאָס זיינען די גורמים, וואָס האָבן אים צוגעגרייט צו ווערן אַן אַרבעטער־פּאָעט, אַ שקלאַפֿן־ליד זינגער. דאָס ערשטע מרידה־ווינטל האָט נאָר באַדאַרפֿט אָנרירן די צאַרטע סטרונעס אין זיין האַרץ.

דער טרויעריקער אַרבעטער-זינגער

אין ריינגאָלדס אַרבעטער־לידער זיינען דאָ וויניק וועק־ און רוף־מאָטיוון, אין פֿאַרגלייך מיט די לידער ביי אַנדערע אַרבעטער־פּאָעטן. זיינע סאָציאַלע לידער זיינען על־פּי־רוב דורכגעדרונגען מיט שפֿלות, מרה־שחורה און טרערן. דער דעמאָלטיקער אַגיטאַציע־טאָן, די שרייענ־דיקע סאָציאַלע רעטאָריק האָט ניט געהאַט קיין שום השפּעה אויף אים. און אויב יאָ — איז דאָס געווען בלויז אַ דרויסנדיקע השפּעה. די טיפֿסטע

השפעה האָבן גאָר אויף אים געהאַט דאָס יידישע פאָלקסליד און די יידי־שע פאָלק־זינגער. און מיט דעם איז ער אַנדערש ווי די מערסטע סאָ־ציאַלע פאָעטן אין זיין צייט.

כמעט ביי אַלע סאָציאַלע פאָעטן פילט מען אַ פאָלקסטימלעכן טאָן. אָבער דאָס קומט ניט דירעקט פון פאָלקסליד. דאָס ברענגט מיט זיך, על־פי־רוב, דער פרימיטיווער רעאַליזם, וואָס האָט גענערט זייער ליד.

מען קען געפינען ביי עדעלשטאַטן ווענדונגען פון דער פאָלקס־פאָעזיע. אָבער זיי קומען צו אים פון גאָר אַן אַנדער קוואַל: דער קוואַל איז ניקיטין, נאַדסאָן, נעקראַסאָוו און אַנדערע פאָעטן־פאָלקיסטן, „נאָ־ראָדניקעס", ווי, למשל, מיכאַילאָוו, סלוטשעווסקי. און אויב עס איז געווען אַ יידישער קוואַל, איז עס געווען פרוג אין רוסיש.

דאָס זעלביקע קען מען געפינען אויך ביי ווינטשעווסקין. אָבער זיין פאָעזיע האָט געבליט אויך אונטער אַן אַנדער שטאַרקער השפעה. אַחוץ די רוסישע „נאַראָדניקעס" האָבן אים משפיע געווען — די ענג־לישע „טשאַרטיסטן"־פאָעטן; שעליס, וויליאַם מאָריסעס און טאָמאַס הודס סאָציאַלע מאָטיוון. אויף אים האָבן אויך געווירקט שאַמיסאָ און הערוועג, פרייליגראַט און דער יונגער היינע. און פאַרשטייט זיך — בעראַנזשעס ליד האָט דערגרייכט אַלע יידישע פאָליטישע און סאָ־ציאַלע פאָעטן. צו זיי איז בעראַנזשעס ליד געקומען על־פי־רוב דורך רוסיש און דייטש.

אין באָוושאָווערס ליד פילט מען אין גאַנצן ניט די פאָלקסליד־השפעה. מען פילט אין זיין ליד ווינטשעווסקיס און עדעלשטאַטס טענער, סיוזשעטן און, באַזונדערס, פאָעטישע אַקאָרדן. אָבער מער ווי אַלץ פילט מען אין באָוושאָווערן מילטאָנס און וואָלט וויטמאַנס, עמערסאָנס און מאַרקהאַס השפעה.

אַזוי איז געווען מיט יצחק זעילינען. מיט איין וואָרט — דער רעאַליסטישער פרימיטיוו אָדער די ראָמאַנטישע ריטאָריק האָט אויף זיי געווירקט דורך פאַרשיידענע שטראָמען, אָבער ניט דורכן יידישן פאָלקסליד. אַן אויסנאַם אין דעם פרט איז געווען וויליאַם קאַיזער, צום טייל, נעיטן לעמפערט. זיי האָבן אויסגענוצט אויך יידישע טראַ־דיציאָנעלע מאָטיוון (חנוכה, פורים, חדר אאַז"וו). אויב יוסף יפה האָט אין די 90ער יאָרן זיך באַנוצט מיטן פאָלקסטאָן, האָט ער דערמיט אויסגעזונגען אַן אינדיווידועל און ניט קיין סאָציאַל ליד.

ווען מ׳קוקט זיך אָבער צו צו ריינגאָלדס ליד, זעט מען די השפּעה פון יידישן פאָלקסליד אין עטלעכע שאַטירונגען. פריער ווי אַלץ זעט מען עס אין די ערשטע ליד־אַקאָרדן, ד״ה, אין דעם אופן ווי אַזוי ער הייבט־אָן אַ ליד:

„איין האָפענונג איז מיר געבליבן,
איין איינציקער וואונטש אין מיין ברוסט״.

(„די פרייהייט״)

„כ׳וועל אייך זינגען,
ליבע ברידער,
פון אַ פרילינג,
פון אַ מאַי...״

(„זינגען״)

„מענטשן זאָגן, כ׳בין משוגע,
נאָר אין דולהויז זאָל איך גיין...״

(„מיין משוגעת״)

„ווען איך וואָלט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די פייגל...״

(„ווען איך וואָלט פאַרשטאַנען״)

„דער ווינטער קומט, דער ווינטער קומט!
און טרייבט אַוועק דעם זומער״.

(„דער ווינטער״)

„איין זאַך וואָלט איך וועלן וויסן,
גאָט, עס זאָל דיך ניט פאַרדריסן״.

(„אַ טענה צו גאָט״)

„זאָל אייך, פריינדע, גאָרניט אַרן,
וואָס דער זייגער איילט זיין וועג״.

(„וואָס אַרט אייך?״)

„לידער ווילט איר, פריינדע, הערן?
לידער האָט זיך אייך פאַרגלוסט?״

(„צו ערנסט פאַר אייך״)

דאָס זיינען בעצם פאָלקסליד־ווענדונגען. אין עדעלשטאַטס טאָן הערט מען אָפט אַ ראָמאַנטישע העראָאישקייט, מיסטעריע, אַ מאַרטי־רערס פאַרצווייפלונג. ביי באָוושאָווערן פילט מען אַן אוניווערסאַלן

אָטעם, אַ רעטאָריק פֿון גרייסן פּאַרנעם. ביי אַנדערע סאָציאַלע פּאָעטן פילט מען און מען הערט זייערע וועקלידער, זייערע רופלידער. איז דאָס אַלץ כמעט ניטאָ ביי יצחק רייזגאָלדן. זיין געמיט איז פֿון אַ דער־שלאָגענעם, איז פֿול מיט תמימות. זיין טאָן איז אַ שטילער, פֿול מיט שווערמוט. מיר הערן עס אין פֿאָלקסליד, אין יענעם פֿאָלקסליד, וואו עס ווערן אויסגעדריקט יסורים אויף אַ שטילן אופֿן.

פֿאַראַן ביי רייזגאָלדן אַ ליד, וואָס קען אונדז דינען ווי אַ מוסטער. צוויי השפּעות זעען מיר דאָרטן. די דרויסנדיקע השפּעה — די שפּראַך און די אויסשטאַטונג ווי אין סאָציאַלן ליד אין די 90ער יאָרן. און די אינערלעכע, די טיפֿערע השפּעה — דעם געמיט, דעם אָטעם, די תמימות און די פּשטותדיקע טיפֿקייט, ווי אין פֿאָלקסליד:

די פֿרייהייט

איין האָפֿענונג איז מיר געבליבן,
איין איינציקער וואונטש אין מיין ברוסט:
איך לעב נאָר די פֿרייהייט צו ליבן,
און האָב אין די מענטשהייט מיין לוסט.

איך האָף דאָס די פֿרייהייט, די זיסע,
וועט קומען אין גיכן צו גיין,
און אויסלייזן יעדן פֿון תּפֿיסה,
מיט הייליקן הימלישן חן.

דעם אָרימען ייִד וועט זי פֿירן,
אַוואו נאָר זיין האַרץ אים געלוסט,
דעם אַרבעטסמאַן וועט זי קורירן
זיין שוואַכע און קרענקלעכע ברוסט.

דאַן וועל איך דאָס צוזען און קוועלן,
און קלייבן פֿאַרגניגן דערפֿון;
באַגריסן וועל איך דאַן דעם העלן
און ליכטיקן שטראַל פֿון די זון.

דאַן וועל איך אויך שטאַרבן מיט פריידע,
זיך זעגנען מיט הימל און ערד,
איך ליב פון מיין הערצן די ביידע,
נאָר פרייהייט ערשט צירט זייער ווערט.

און פרייהייט — דאָס וועל איך דאָ לאָזן,
די וועלט וועט פאַרשיינען די זון.
אין קבר, דאָרט אונטער די ראָזען,
וועל איך נאָך ערשט טרוימען דערפון.

(אין „יידישעס טאָגעבלאַט", דעם 13טן דעצעמבער, 1892;
אויך אין „יידישע גאַזעטן", נומ. 51, דעם 16טן דעצעמבער, 1892)

דעם פאָלקסלידס געמיט זעט מען אויך אין דעם שווערמוטיקן, דאָך רואיקן, רואיק־דערשלאָגענעם טאָן אין ריינגאָלדס טרערן־ליד. זיי זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר כמעט אַלע סאָציאַלע פאָעטן. ביי אַ סך איז דער טרערן־מאָטיוו — אַן עפנטלעכער אַקט. ביי אַנדערע איז עס — איבערגעטריבענע סענטימענטאַליטעט. ביי ריינגאָלדן פילט זיך עס ניט. זיינע הויפּט־מעלות — ערלעכקייט און פשטות, תמימות־דיקע פשטות — פילט מען אויך אין זיינע טרערן־מאָטיוון. ער אַליין האַלט זיך פאַר אַ „טרערן־פּאָעט". „פרעגט ניט וואָס מיך דריקט אין הערצן, צרות האָב איך זער (זייער) אַ סך . . . ווילט איר וויסן מיינע שמערצן? מוזט איר קענען טרערן־שפּראַך . . ." ווען ער „פאַרטיפט" זיך „אין נאַכט־געדאַנקען", אין רואיקע שעהן, ווען עס „רופט זיך אָפּ דער אַלטער שמערץ", קוועלן אויף איז אים ביטערע טרערן:

אָ, די טרערן, זיי דערציילן
מיינע לײדן, טרויריק, שטיל,
אין די טרערן איז פאַרהוילן
אַלעס וואָס איך לייד און פיל!...

(„אָבענדס צייט" אין „אַ בינטל בלומען", ז' 28)

אויך וועגן זיין טרערן־ליד האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנץ ליד:

„אָ, מיין ליד, מיין טרערן־ליד!
זוי זאָל איך איר פאַרמיידן?

עס ברענט אין איר, עס קאָכט און זידט
די ליבע, סיי צום קריסט און ייִד,
צו אַלע גאָר אָן אונטערשיד,
וואָס שאַפֿן און וואָס ליידן!

עס ליגט אין איר מיין פֿאָלקס שיקזאַל,
וואָס ברעכט מיין האַרץ אין צוויי‏ען;
אָ! זי איז דער יאָמערטאַל,
דער טיפֿסטער שמערץ, דער טיפֿסטער קוואַל,
דער קוואַל פֿון טרערן, בלוט און גאַל,
דער ווי פֿון אַלע ווייען!...

זי איז דער קלאַנג, דער ווייטאָס קלאַנג
פֿון טויזנטער געדריקטע.
זי איז דעם אַרבעטערס געזאַנג,
וואָס פֿילט די הערצער אָן מיט באַנג,
און וועקט פֿון שלאָף — וואָס שלאָפֿן לאַנג,
די שלעפֿער — די פֿאַרוויגטע!..."

(„מיין טרערן־ליד", דאַטע ניט פֿעסטגעשטעלט).

נאָך אַ כאַראַקטער־שטריך ווי אין פֿאָלקסליד זעען מיר אין דעם קעגנשטעלן איין געדאַנק קעגן דעם צווייטן, איין שטימונג קעגן אַן אַנדערער. ס'איז אמת, אָט־אָ־דער ווירקזאַמער קונסט־מיטל איז ניט בלויז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פֿאָלקסליד. אָבער אין אונדזער ייִדישער פּאָעזיע דערמאָנט אונדז דער דאָזיקער מיטל — די אַנטיטעזע — אָן די בראָדער־זינגערס, וועלוול זשאַרזשער, מיכל גאָרדאָן און אַלע פֿאָלקס־זינגער אונדזערע. אויך ביי יצחק ריינגאָלדן ווערט פֿונאַנדער־געוויקלט אַ געדאַנק, אַ בילד אָדער אַ ריי בילדער, און נאָך דעם, ווען דאָס ליד קומט צו אַ געוויסן פּונקט, ברעכט זיך עס איבער אין אַ פֿאַרקערטער שטימונג, אין אַן אַנטיטעטיש בילד. אַזוי איז זיין ליד זינגען:

כ'וואָלט אייך זינגען,
ליבע ברידער,
פֿון אַ פֿרילינג,

פון אַ מאַי,
בלומען, קווייטן,
זיסע לידער,
וואָלט איך פלעכטן,
פריש און פריי.

כ'וואָלט באַזינגען
פילע שטערן,
וואו עס נאַכט ווערט,
און עס טאָגט,
פעלדער, וועלדער,
טייכן, מערן,
אַלעס וואָס
נאַטור פאַרמאָגט.

נאָר... ווען קענטן (קייטן),
שקלאַפּן־צוואַנגען
קלינגען מיר
אַ ווידערקלאַנג —
זאָגט, ווי קענט איר
דען פאַרלאַנגען
פרילינג־לידער,
מאַי־געזאַנג?...

(„טעגלעכער יודישער קוריער", סעפּטעמבער 2, 1894;
אויך אין „יידישן קוריער", סעפּטעמבער 6, 1894)

נאָך ברייטער, אויף אַ גרעסערן שטח בילדער און באַטראַכטונגען זעט מען עס אין ליד

אין פרילינגס־צייט

ווי שיס איז דער מאָרגן,
ווי פריש און ווי קיל,
די פייגעלעך זינגען,
מיט זיסן געפיל,

די בלימעלעך בליען
זאָ לעבהאַפט און פריי
און אַלץ וואָס געשטאָרבן
לעבט־אויף דאָס אויף ניי!

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

וואָס שטיי איך זאָ מוטלאָז,
זאָ איינזאַם פאַרטראַכט!
וואָס נעם איך קיין אָנטייל
אין הימלישן פראַכט?
וואָס זאָל פאָרט באַדייטן
מיין שמערץ און מיין פלאָג,
איך עלנדער טרוימער,
וואָס איז פאַראַ קלאָג?

ווייל איך בין אַן אַרבעטער־
זינגער! איר הערט?
איך קען ניט דעם פריילעכן
פרילינגס־קאָנצערט,
איך טרוים ניט פון ליבע,
פון יוגנט, פון גליק,
איך טרוים פון אַ שמוציקן
שקלאַפן־פאַבריק!...

פון עלנדע ברידער,
פון אָרעמע לייט,
פון בלומען וואָס ווערן
פאַרוועלקט אָנע צייט!...
פון מענטשן וואָס שאַפן
אָן חשבון, אָן טאָלק!
דען איך בין אַ זינגער
פון אַרבעטער־פאָלק...

און מעג זיין דער פרילינג,
ווי לעבהאַפט און פריי,

פאַר מיר גייט ער אָבער
אין צרות פאַרביי!...
פרילינג און הערבסט
גייט ביי מיר אויף איין גאַנג,
איך ווייס איך דאַרף זינגען
אַ טרויער־געזאַנג!...

(„שיקאַגער אידישע גאַזעטן", דעם 9טן מאַי, 1895)

דער דאַזיקער סטיל־עלעמענט, די אַנטיטעזע, גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַ סך לידער זיינע. ער שטעלט איינס קעגן דעם צווייטן — „טרוים" און „ווירקליכקייט". אין ליד „אַ ווינטער־נאַכט", למשל, באַשרייבט ער ווי „אין די זיסע אָוונט־שטונדן" ווען „אַלעס רוט אין טיפן דרימל" גייט ער „אַרום פאַרטראַכט, ווייט אַרויס אויף ברייטע פעלדער, דאָרט וואו אַלעס שיינט זאָ מילד", דערהערט ער פלוצעם „זיסע קלאַנגען, שטימען ווי פון האַרפן־קלאַנג", „דעם באַגייסטערטן כאָר־געזאַנג", „וואָס וועקן, וואָס שאַלן, וואָס גיבן סיגנאַלן, אַ, אַרבעטער־ברידער שטייט אויף"... און ווען די דאָזיקע נאַכט פאַרשווינדט, ווערט ער „פון טרוים דערוואַכט" און „די וויסטע שקלאַפן־שטונדן רופן ווידער . . ."

אין אַן אַנדער ליד אונטערן נאָמען „לידער" דערציילט ער ווי אַזוי „יענע לידער, וועלכע קלינגען הימליש, געטלעך, שיינע", וואָס ער האָט געהערט פון זיין מוטער אין דער קינדהייט, ווערן פאַרוואַנדלט אין „לידער פון דעם וויסטן לעבן, פול מיט שמערץ און וויי".

נאָך בולטער פילט זיך דער פאָלקסליד־עלעמענט אין יענע לידער, וואָס זיינען ביי אים אויפגעקומען אין איינעם מיט דער מעלאָדיע, אָדער וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר מוזיק. אין די דאָזיקע לידער איז דער סטראָפע־געבוי ווי צוגעפּאַסט פאַר מוזיק. וועגן דעם זאָגט עדות דער רעפרען. אַזאַ ליד, למשל, איז

צוויי חברים

שמואליק, עזריאליק,
חברימלעך צוויי,
זיי שפּילן זיך ביידע
קיין גלייכן צו זיי,

אין פערדלעך,
מיט שווערדלעך,
אין זאַמד און אין ערד,
שמואליק אַ שמייסער,
עזריאליק דאָס פערד...

שמואליק, עזריאליק,
זיי וואַקסן זיך אויס,
עס קומט זיי אין זינען,
אַמעריקע איז גרויס.
זיי קומען
צושווימען,
צום גאָלדענער ערד,
שמואליק דער שמייסער,
עזריאליק דאָס פערד...

שמואליק, עזריאליק,
אַ גאָלדענע לאַנד —
שמואליק אַ באָסל,
עזריאליק זיין האַנט.
שמואליק אין הימל,
עזריאליק אין דער ערד,
שמואליק אַ שמייסער!...
עזריאליק אַ פערד!...

(„פאָרווערטס", זאָנטאָג־אויסגאַבע מאַי 9, 1897)

דער סאָציאַלער קופּלעטיסט

ווען יצחק ריינגאָלד האָט זיך באַוויזן מיט זיינע לידער אָנהייב נייַנציקער יאָרן, זיינען אין די היגע שוויצפאַבריקן שוין געווען באַקאַנט ווינטשעווסקיס, עדעלשטאַטס און מאָריס ראָזענפעלדס אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע לידער.

דאָס סאָציאַלע ליד האָט אויף די אַרבעטער־מאַסן געהאַט ניט אַן ערך אַ שטאַרקערע השפּעה ווי די מינדלעכע און שריפטלעכע אַגי־

טאַציע. דאָס ליד האָט געוועקט געפילן, עמאָציאָנעל באַווירקט די מאַסן. אין דעם ליד האָבן זיי געפונען טרייסט. דאָס ליד איז געווען פאַרשטענדלעכער און דעריבער מער צוגענגלעך ווי די פאַרשיידענע טעאָרעטישע באַגרינדונגען וועגן סאָציאַלן קאַמף. כדי באַנעמען טעאָריעס האָט זיך געפאָדערט אינטעלעקטועלע צוגרייטונג. אָבער דאָס געזונגענע סאָציאַלע ליד האָט רעאַליסטיש און אינטים געשילדערט דאָס לעבן אין די שוויצפאַבריקן. דאָס ליד האָט קלאָר געמאַכט פאַר־וואָס מען זאָל קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן.

עס איז געווען דער איינשטעל ביי יעדן פּאָעט אין די 80ער, 90ער יאָרן, צו פאַרטראַכטן דאָס ליד ווי אַ ליד צום דעקלאַמירן אָדער זינ־גען. אַזוי האָט אויך רייזגאָלד פאַרטראַכט זיינע לידער.

ער האָט דאָס פאָלקסליד געקענט נאָך אין זיין קינדהייט. און די שטאַרקסטע השפּעה פון פאָלקזינגער איז ביי רייזגאָלדן געווען גאָר אַן אַנדערע. אויף אים האָבן ניט געווירקט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע לידער פון די „נאַראָדניקעס”, ווי דאָס איז געווען מיט עדעלשטאַטן. אויף אים האָבן ניט געווירקט דייטשישע און ענגלישע לידער, ווי דאָס איז געווען מיט אַנדערע יידישע סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן. אין רייזגאָלדן האָבן זיך אָפּגערופן די השפּעות פון איי־גענע יידישע קוואַלן. אַחוץ די אַרבעטער־פּאָעטן האָבן אויף אים גע־ווירקט — אברהם גאָלדפאַדענס און אליקום צונזערס לידער. זיין סאָציאַל ליד האָט זיך במשך יאָרן אויסגעפורעמט גאַנץ אייגנאַרטיק. עס האָט צוגלייך געשאַפן אי דאָס רעאַליסטישע אומהיימלעכע סאָציאַלע ליד, אי דעם לבוש פון אַ פאָלקסליד אין דער צונזער־ און גאָלדפאַדן־טראַ־דיציע.

רעאַליסטיש־צונזעריש און פאָלקסטימלעך קלינגט דאָס ליד „דער עמיגראַנט” (1899, מוזיק פון ג. מענדעלסאָן; אין „לידער־מאַגאַזין” נומ. 20):

דער עמיגראַנט

פון רוסלאַנד אַנטלאָפן אין לעצטן פּאָגראָם,
פון אַלעס באַרויבט און באַריסן,
בין איך קוים מיטן לעבן אַריבער דעם ים, (יאָם; אוקראַיִנישע אויסשפּראַך)
און פרייהייט דאָ היר צו געניסן, —

איך גיי דורך די גאַסן, איך בליק איבעראַל,
דער ווייטיק אין האַרצן איז גרויס,
איך זע דאָ פיל מערער נאָך יאָמער און קוואַל,
דאָ פעלט אויך קיין צרות ניט אויס.

ס׳איז אמת דאָ ווערט ניט פאַרהאַסט מיין נאַציאָן,
דערפאַר איז דאָס לעבן דאָ ענגער,
איך זע דאָ דעם שטרענגען נאַטשאַלניק ניט אָן,
דער דלות איז אָבער נאָך שטרענגער.
געצאַפּט האָט מיר רוסלאַנד, מיין בלוט גאַנץ אומזיסט,
דאָך זע איך קיין אונטערשייד, ניין!
דאָ צאַפּט מיין בלוט טעגלעך, דער קאַפּיטאַליסט,
און נאָגט מיר דעם מאַרך פון מיין ביין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי זאָל איך מיר, מענטשן, ערקלערן די זאַך,
ווען איך נעם דאָס איינע באַדענקען:
מען בויט האָספּיטעלער פאַר קראַנקע אַ סך,
און געזונטע לייט מאַכט מען צום קרענקען...
אַ ברויט ווער עס גנבעט באַקומט באַלד אַסטראַג,
— דאַרויף גיבט געזעצלעכע קנעכט —
און דער וואָס רויבט טויזנטער יעטוידן טאָג,
דעם גיט מען אָפּ כבוד און רעכט!

אין די ווייטערדיקע סטראָפעס גיט ער איבער, אויפן זעלביקן שטייגער, וועגן דער קאָרופּציע ביי די ריכטער, וואָס נייגן דעם קאָפּ פאַרן גביר. ער דערציילט וועגן די גאַסן־טרעמפּס און אומגליקלעכע פרויען, וואָס האַלטן זיך אין איין מערן. ער דערציילט וועגן זיין אייגן אומגליקלעך לעבן. און ער ווענדט זיך צום רבונו־של־עולם: „צי ביסטו דען גאָט אַזאַ אכזר?”. ער טרייסט זיך אָבער דערמיט, וואָס „דאָס פאָלק וועט דאָך ענדלעך דערוואַכן פון שלאָף און פאָדערן דאָס וואָס מ׳איז אים שולדיק”.

פאַראַן ביי ריינגאָלדן אַ בעסערער מוסטער פון אַט־דער באַהעפטונג

— אַן אמתער פּראָלעטאַרישער מאָטיוו מיט דעם פּאָלקסליד־טאָן, לויט דער גאָלדפאַדענישער טראַדיציע. דאָס איז דאָס פּאָפּולערסטע ליד אין יענער צייט — „די מאַשינדלעך". אין אָט־דער באַהעפטונג איז, מעגלעך, געלעגן דער סוד פאַרוואָס דאָס ליד „מאַשינדלעך" איז געוואָרן זייער פּאָפּולער. אין די ערשטע פיר סטראָפעס שילדערט דער פּאָעט דעם שאַפּ, דעם אומגליקלעכן אַרבעטער ביי דער יאָגנדיקער מאַשין. אין דער פאָרלעצטער סטראָפע גייען די אָנגעוואַקסענע שילדערונגען אַריבער אין סך־הכלדיקע באַטראַכטונגען וועגן דעם אַרבעטס־לעבן: „עס וועלקן אין שאַפּ דורך פילע יאָרן, אונדזער יוגנט, אונדזער גליק, און די קראַפט וואָס ווערט פאַרלאָרן, קומט ניט מער צוריק. דער שאַפּ איז אונדזער בית־הקברות, יעדנס קבר — די מאַשין, זי נאָר מאַכט אונדז פריי פון צרות, פריי פון דעם גזר־דין". אין דער לעצטער סטראָפע קומט דער מוסר־השכל. ריינגאָלד שאַפט אים דורך אַן אוניווערסאַל בילד: „מיר צאַפּלען מיט די לעצטע כוחות, טעגלעך ביי דער וועלט־מאַשין". דעם לידס רעפרען פאַרוואַנדלט שוין דאָס ליד נעענטער צו אַ געזעלשאַפטלעכן קופּלעט.

מיר ברענגען דאָ די ערשטע סטראָפע:

די מאַשינדעלעך

פאָרווערטס איילן די מאַשינען,
שמוציק איז אין שאַפּ און הייס,
פונם שטערן זעט מען רינען,
דיקע טראָפּנס שווייס!
שנעל באַוועגן זיך די רעדער,
ס'טרייבט די אַרבעט ראַסטלאָז הין,
און אַ לידל זינגט אַ יעדער,
ביי דער ניי־מאַשין!

איר מאַשינדעלעך, איר דרייט זיך,
און איר רעקעלעך, איר נייט זיך,
און איר באָסעלעך, איר פרייט זיך,
דען פון אונדזער פּראַצע ווערט איר רייך!
און מיר, מיר אָרעמע אַרבעטס־לייט,
מיר, מיר גייען אויס פאַר דער צייט! — (רעפרען).

„די מאַשינדלעך" איז אַ מוסטער ווי אַזוי אַ סאָציאַל ליד ווערט פאַרוואַנדלט אין צ קופּלעט. ווי אַ סצעניש־מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, איז דער קופּלעט געווען באַשטימט מען זאָל אים זינגען אָדער דע־קלאַמירן. האָט די מעלאָדיע געשפּילט דאָ אַ וויכטיקע ראָל. דעריבער האָבן אויך רייִנגאָלדס קופּלעטן שטאַרק אויסגענומען. מען דאַרף אָבער באַטראַכטן עטלעכע שטריכן אין רייִנגאָלדס קופּלעטן כדי אָנ־צואווייזן אויף זייער כאַראַקטער.

הומאָריסטישע, באַלאַגאַנישע לידער וועט מען צווישן זיינע קו־פּלעטן ניט געפינען קיין סך. זיינע קופּלעטן דערמאָנען אין אַן אינ־טערעסאַנטן זשאַנער. זיי געהערן צו יענע אַנטוויקלונגס־סטאַדיע, ווען דער קופּלעט האָט פאַרוואָרפן לצנות, וואָדעווילישע צוגעפּעפערטע געווירצן מיט „אַנצוהערענישן". דער קופּלעט האָט זיך דעמאָלט פאַר־וואַנדלט אין אַ געווער פאַר געזעלשאַפטלעכער אויפקלערונג. זיין פונקציע איז געווען — וואָס ווייטער אָפּצוטרעטן פון ריין־אינטימען ליד און זיך דערנעענטערן צו פּאָליט־ישער סאַטירע.

אינאיינעם מיט דעם איז צוגעקומען — געזעלשאַפטלעכע קריטיק, שילדערן דאָס אָרעמע לעבן, די אַרויסגעשטויסענע און באַליידיקטע, און אַפילו רופן איבעראַנדערשן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

דער פראַנצויזישער קופּלעט האָט געהאַט אַ השפּעה אין אַלע ליטעראַטורן. אָבער צום בולטסטן האָט זיך דאָס געמערקט אַרום דעם מיטן 19טן יאָרהונדערט. דעמאָלט איז אין פראַנקרייך אויפגעקומען דער קופּלעט — אַזוי ווי דער אומפאַרגלייכלעכער בעראַנזשע האָט אים קולטיווירט. בעראַנזשעס דירעקטע השפּעה איז געווען אויף אַזעל־כע ליטעראַטורן, וואָס האָבן געגערט די יידישע סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער, 90ער יאָרן. מיר האָבן דאָ אין זינען די דייטשישע און די רוסישע ליטעראַטורן.

בעראַנזשע איז געווען „דער נאַכטיגאַל מיט די אָדלער־קלאָען". אַזוי האָט אים אָנגערופן הערוועג. בעראַנזשע האָט מער ווי אַנדערע באַאיינפלוסט די דייטשע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּאָעטן אין די 30ער און 40ער יאָרן לעצטן יאָרהונדערט. געווירקט האָבן אויך עבענעזער עליאָט, די טשאַרטיסטן־פּאָעטן, טאָמאַס הוד מיט זיין „ליד פון דער העמד", וואָס פרייליגראַט האָט איבערגעזעצט. אויך פּוירסי ביש שעלי האָט מיט זיין „אָטאָפּיסטישער" ליריק באַאיינפלוסט הערוועגן, אַל־פרעד מייסנערן, ווילהעלם צימערמאַנען און כמעט יעדן איינעם צווישן

די פּאָליטישע דייטשישע פּאָעטן. אָבער — ווען אין דייטשלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן בערנזשעס לידער, אין די איבערזעצונגען פון שאַמיסאָ, פראַנץ פאָן גאַודי, פיליפּ נאַטוסיוס. לודוויג זעעגער א״אַ, האָבן זיך דעמאָלט אויך באַוויזן די רעזולטאַטן פון דער בעראַנזשע־השפּעה. למשל, — הערוועגס „אָרעמער יאַקאָב״ און „די קראַנקע ליזי״, — אויך אַנדערע אומגליקלעכע און געפאַלענע — זיי האָבן באַאיינפלוסט די געשטאַלטן־פּאָעזיע אין 19טן יאָרהונדערט. הערוועג, האָט זיי, מעגלעך, געשריבן אונטער דער בעראַנזשע־השפּעה.

בעראַנזשעס השפּעה אויף די יידישע סאָציאַלע פּאָעטן האָט ניט געמוזט קומען דווקא דירעקט פון בעראַנזשעס פּאָליטישער פּאָעזיע, הגם ווינטשעווסקי האָט גוט געקענט בעראַנזשע. אין ווינטשעווסקיס „לאָנדאָנער סילועטן״ פילט מען אין די געשטאַלטן־לידער אי בעראַנזשעס, אי דעם איינפלוס פון „אָרעמער יאַקאָב״ און „די קראַנקע ליזי״, אַזעלכע לידער ווינטשעווסקיס זיינען „די אָרעמע מאַריע״, „אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט״, „רענט״ („האָט איר געקענט דעם ריוועטער, קליין באַרנעט מאָס פון בערנער סטריט?״), „דזשעק גנב״, „קליין־עטעלע״ א״אַ.

עס איז ניטאָ קיין שום ספק — ריינגאָלד האָט גרינטלעך געקענט ווינטשעווסקיס לידער.

אָן אַנדער בעראַנזשע־איינפלוס אין דער יידישער סאָציאַלער פּאָעזיע איז געקומען דורך די יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך לכתחילה דערצויגן אויף דער רוסישער פּאָעזיע אָדער זי גרינטלעך געקענט. דאָ קומט עדעלשטאַט, וועמעס פּאָעטישע דערציאונג איז געווען דורכאויס אַ רוסישע, דוד גאָלדשטיין, באַבאַד, יצחק זעילין, וויליאַם קאַיזער, בנימין ראָזענבלום א״אַ.

אין די 60ער יאָרן איז אין רוסלאַנד אויפגעקומען די ראַדיקאַלע פאָלקס־אינטעליגענץ („ראַזנאָטשינצי״). האָט זיך דעמאָלט אויך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דער סאַטירישער קופּלעט, ווי בעראַנזשע האָט אים קולטיווירט. און ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען — אין יענע יאָרן איז צווישן דער רוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ בעראַנזשע געווען מער פּאָפּולער ווי וואָסער־עס־איז רוסישער פּאָעט. וואַסילי קוראָטשקין, מער פאַר אַלע, זעצט איבער בעראַנזשע אין רוסיש. דורך דעם ווערט בעראַנזשע אַזוי פּאָפּולער אין רוסלאַנד. דער בעראַנזשע־קופּלעט האָט שטאַרק באַווירקט די דעמאָלטיקע ראַדיקאַלע פּאָעטן.

מינאַיעוו, מיכאַילאָוו, זשולעוו, שוין אָפּגערעדט פֿון וואַסילי קוראָטשקין, שרייבן אָריגינעלע קופּלעטן אויף געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע טעמעס. אַפֿילו נעקראַסאָוו שרייבט סאַטירישע קופּלעטן, ווי, למשל, „בראַווסטוועני טשעלאָוויעק" (דער מאָראַלישער מענטש): „מוזש אי זשענאַ" (מאַן און ווייב); „אַסטאָראָזשנאָסט" (פֿאָרזיכטיקייט) א"אַ.

די יידישע סאָציאַלע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף דער רוסישער פּאָעזיע, האָבן אויך איינגעזאַפּט אין זיך די בעראַנזשעאיינפֿלוסן.

גלייך נאָך זיינע ערשטע דעביוטן האָבן אין רייגנאָלדן צוריק אויפֿגעוואַכט טיפֿע פֿריערדיקע השפּעות. דאָס זיינען געווען: דאָס יידישע פֿאָלקסליד און די פֿאָלקס־זינגער. אָבער צווישן די אַלע פּאָעטישע אָבות איז געווען איינער, וואָס האָט זיכער — הגם אומבאַוואוסט — געפֿירט רייגנאָלדס טריט צום יידישן טעאַטער. דאָס איז געווען אברהם גאָלדפֿאַדן. גאָלדפֿאַדן האָט געקענט אי די יידישע, העברעאישע אי די דייטשע, פֿראַנצויזישע און רוסישע פּאָעזיע פֿון זיין צייט.

און רייגנאָלד, ווי מיר האָבן עס פֿריער געזען, האָט פֿאַרמאָגט דאָס נאַטירלעכע געמיט צו שאַפֿן אַ פֿראָלעטאַריש ליד אין לבוש פֿון אַ בעראַנזשע־קופּלעט.

זיינע קופּלעטן וועגן אַרבעטער־לעבן האָבן אָבער ניט אין זיך קיין הומאָר, אויך ניט קיין סאַטירע. זיי לאָזן איבער אַן איינדרוק ווי סאָציאַלע עלעגיעס, אָדער ווי ביטערע סאָציאַלע אָנקלאָגן.

די השפּעה פֿון „פּאָפּיולער סאָנגס"

נאָך נעענטער צום טעאַטער איז ער צוזעקומען מיט אַנדערע קופּלעטן. זיי זיינען אויפֿגעקומען מחמת די זייער פֿאַרשפּרייטע אַמעריקאַנער פּאָפּולערע לידער (פּאָפּיולער סאָנגס).

די „פּאָפּיולער סאָנגס" האָבן זיך אין די 90ער יאָרן זייער שטאַרק געמערט אין יידישן טעאַטער. יידישע מעלאָדראַמע־שרייבער האָבן פֿראָסט־פּשוט גענומען באַרימטע אַמעריקאַנער „שלאָגערס" צווישן די „פּאָפּיולער סאָנגס" און צוגעפּאַסט יידישע טעקסטן צו די מעלאָדיעס. דאָס האָט זייער שטאַרק אויסגענומען, ביי דעם ברייטן יידישן אימיגראַנטן־עולם. מען זעט עס אין דער גרויסער צאָל לידער, וואָס מען האָט אויף אַזאַ אופֿן געשאַפֿן.

אַ גאַנצע פּלעיאַדע קופּלעטן־שרייבער האָבן קולטיווירט דעם דאָזיקן זשאַנער. צווישן זיי זיינען געווען: לואיס גילראָד, ד. מייעראָוויץ, זיגמונד מאָגולעסקאָ, לואיס קאָפּעלמאַן און אַ סך אַנדערע.

געווען דעמאָלט פּאָעטן, וועמעס עצם געמיט־צושטאַנד איז געווען אינגאַנצן פרעמד דעם קופּלעטן־זשאַנער. אויך זיי האָבן ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון. אויך זיי האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם דאָזיקן זשאַנער. אַ דיכטער ווי מיכל אַראָנסאָן, האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ סטאַטעטשנעם ציון־זינגער. האָט ער דאָך גענומען די באַרימטע מעלאָדיע „דהי גוירל אַי לעפט בעהאַינד אין סאָני טענעסי" און צוגעשריבן צו איר אַ יידישן טעקסט מיטן נאָמען „די שטראָסן־פּרוי". דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן מיטן ליד „וואָן נאַיט אין דזשון". אַזוי אויך מיטן ליד „ציון־מאַרטש" („הייבט אויף ציונס פאָנע הויך...")‚ וואָס ער האָט צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע פון אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלן ליד „מאַרטשינג טרו דזשאָרדזשיאַ". ענלעך צו אַזעלכע מעלאָדיעס, וואָס קינד־און־קייט האָט געזונגען איז געווען, למשל, זיין ליד „די אָפּגעפּליקטע בלום", צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע „וואַיאָלעטס", אָדער „לייזער", וואָס מען האָט געזונגען מיט דער מעלאָדיע „ראָל דהעם אייז".

דער דורכויס פאָלקסטימלעכער דיכטער שלמה שמולעוויטש, דער מחבר פון „אַ בריוועלע דער מאַמען", האָט אויך פּאַרפּאַסט יידישע טעקסטן צו ענגלישע מעלאָדיעס; „איך וואַנדער אין אַ וויסטע" האָט ער געשריבן אויף אַ מעלאָדיע „אַלאַבאַמאַ". „אַ פויגל אין אַ גאָלדן שטייג" — אויף דער מעלאָדיע „עי בוירד אין עי גאָלדן קעידזש". אָדער ער האָט געשריבן אַזעלכע טעקסטן, ווי „פּאָליטיק", אויף דער מעלאָדיע פון סטראָמבערגס „האָיטי, טאָיטי ענד דעפּליוריטי", „ווי צו געפעלן מענער", אויף דער מעלאָדיע „דהי האַוסווייף ענד דהי בי"; „עני מור" אויף זיער מעלאָדיע פון פּלינט „סוויט עני מור "אאַז"ו.

באַקאַנט זיינען אויך געווען מאָריס ראָזענפעלדס „דהי פּאַון־שאַפּ". ער האָט עס פּאַרפּאַסט צו דער מעלאָדיע שוין פון אַ יידיש ליד „פּאַריאָמערט, פּאַרקלאָגט". אָדער „נעם צוריק דיין גאָלד" („אַן אַלטער שוטה ליבט אַ מיידל קוים פון אַכצן יאָר") האָט ער פּאַרפּאַסט אויף דער מעלאָדיע „טעיק בעק יור גאָלד".

אַפילו דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט יוסף באָוושאָווער האָט פּאַרפּאַסט אַזעלכע לידער. צו זיין פּען געהערן: „באַר איין מיידל אין דער

וועלט פאַר מיר״ לויט דער מעלאָדיע פון ליד „אָנלי וואָן גוירל אין דהי וואָירלד פאָר מי״; „אַלטע ליבע״ צו זינגען מיט דער מעלאָדיע „מאַי אָלד ניו־העמשיר האָום״, „סיידי מייןליידי״ לויט דער מעלאָדיע פון ענגלישן ליד „סיידי מאַי ליידי״.

מען דאַרף זיך ניט וואונדערן, וואָס דער טעאַטער־קופּלעט איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט אין די 90ער יאָרן. געווען אויך סיבות, פאַר־וואָס מען האָט אַזוי שטאַרק אויסגענוצט די באַרימטע אַמעריקאַנער פּאָפּולערע לידער. עטלעכע סיבות האָבן געבראַכט צו דער דאָזיקער דערשיינונג. אין די 90ער יאָרן האָט דער יידישער טעאַטער געבליט אין זיין פּרימיטיוון שטייגער, באַזונדערס די מעלאָדראַמע און די מוזיקאַלישע קאָמעדיע. פּונקט אין דער זעלביקער צייט איז אויפגעקומען „די גאָלדענע עפּאָכע״ אין דעם ענגליש־אַמעריקאַנער פּאָפּולערן ליד. די דאָזיקע בלי־עפּאָכע פון די „פּאַפּיולער סאָנגס״ האָט זיך געצויגן העט אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַריין, איידער דער דזשאַז און די ראַדיאָ האָבן איבערגענומען די ממשלה צו פאַרווילן דעם עולם.

די מערסטע „פּאַפּיולער סאָנגס״ אין די 90ער יאָרן זיינען געווען סענטימענטאַלע אָדער גלאַט „פּאַקנדיקע״ לידער. בדרך כלל האָבן זיי באַדאַרפט דערציילן אַ מעשה. זייער אָפּט איז די מעשה געווען געבויט אויף פּאַקטישע געשעענישן. צווישן פּראָפעסיאָנאַלן האָבן זיי געהייסן „סטאָרי־סאָנגס״, מעשה־לידער. דאָס ליד האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַן עפּיזאָד, אַ מעשה. אַז ליד פון מענטשלעכן אינטערעס האָט מער אויסגענומען ווי וואָסער־עס־איז אַנדער ליד.

אויף אָט־דעם הינטערגרונט פון דעם ענגלישן פּאָפּולערן ליד איז אויפגעקומען אַ שלל יידישע פּאָפּולערע לידער, לויט די מעלאָדיעס פון באַרימט־געוואָרענע „פּאַפּיולער סאָנגס״. פאַר דעם קומענדיקן היסטאָריקער פון דעם יידיש־אימיגראַנטישן לעבן אין אַמעריקע ליגט אין די דאָזיקע טעקסטן צוגעגרייט אַן אוצר מאַטעריאַלן. דורך זיי וועט ער זיך באַקענען מיט דער מענטאַליטעט, מיט דעם לעבנסשטייגער, מנהגים פירונגען פון דעם יערנדיקן אימיגראַנטישן יידישן לעבן אין די 90ער יאָרן. ער וועט זיך אויך באַקענען מיט דער דעמאָלטיקער שפּראַך און ווערסיפיקאַציע. די יידישע פאַרפאַסער האָבן דאָך ניט איבערגעזעצט די ענגלישע טעקסטן. זיי האָבן צו די ענגלישע מעלאָדיעס געשריבן אָריגינעלע טעקסטן. נאָענט צום הויפּט־געדאַנק און אָפּט אַזעלכע, וואָס האָבן לחלוטין קיין שום מגע משא ניט געהאַט מיט די ענגלישע טעקסטן.

פאַר ריינגאָלדן, דעם סאָציאַלן פּאָלקסדיכטער איז דאָ געווען אַ ברייט פעלד. די מעלאָדיעס, ווי דערמאָנט, זיינען געווען סענטימענטאַלע, על־פּי־רוב טרויעריקע. די ווערטער האָבן דערציילט וועגן אומגליקלעכער ליבע, אומגליקלעכן לעבן, אָרעמקייט און דורכפאַלן, חרטה און טרערן, רחמנות אויף זיך אַליין, אָפּגענאַרטע האָפענונגען, מאָראַל בכלל אאַז"וו. דאָס אַלץ האָט ריינגאָלדן אָנגערעגט צו שרייבן טעקסטן אין דעם סענטימענטאַלן, עלעגישן טאָן.

אינטערעסאַנט איז דערביי צו באַמערקן, אַז דווקא אין די 90ער יאָרן האָבן ווייניק אַמעריקאַנער פּאָפּולערע לידער זיך אויסגעצייכנט מיט סאַטירע און הומאָר. עס זיינען זיכער געווען אַזעלכע לידער, אויך „נאָן־סענס" לידער, געבויט אויף ספּעציפישע קאָמישע אויסדרוקן. אָבער געהערשט האָט דאָס סענטימענטאַל־טרויעריקע, טראַגישע ליד. אויך ריינגאָלד האָט געשריבן עטלעכע לידער געבויט אויף כלומרשט קאָמישע אויסדרוקן, אָבער ביי אים ווערן זיי — טרויעריקע קריטיק.

ווען מען פאַרגלייכט די טעקסטן פון די אַמעריקאַנער לידער מיט ריינגאָלדס יידישע טעקסטן, זעט מען דעם גרויסן אונטערשייד ניט נאָר אין לעבנסשטייגער־שילדערונג, אין די עפּיזאָדן און אין געמיט.

ביי ריינגאָלדן איז דער לעבנסשטייגער אינגאַנצן אַן אימיגראַנטישער. דער עלעמענט איז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ אין די אַמעריקאַנער־ענגלישע לידער. מיטן אויסנאַם פון די פּאַטריאָטישע לידער, וואָס זיינען אויפגעקומען בעת עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו פורעמען אַן אַמעריקאַנער פאָלק, זיינען אין די 90ער יאָרן כמעט ווי ניט אויפגעקומען קיין נאַציאָנאַל־אַמעריקאַנער לידער. אַמעריקע איז ניט געווען קיין פּראָבלעם פאַרן הי־געבוירענעם אַמעריקאַנער. זי איז אָבער געווען אַ פּראָבלעם, און אַ ביטערע דערצו, פאַרן יידישן אימיגראַנט. און אין ריינגאָלדס לידער האָבן די אימיגראַנטישע תערומות געפונען פולן אויסדרוק. ער שטעלט אַרויס די ברוטאַלקייט, נאַקעטקייט און שווינדל וואָס באַהערשט דאָס אימיגראַנטישע לעבן. און ער גיט עס איבער מיט אַ טאָן פון ביטערקייט און צאָרן. זיינע בירגערלעכע לידער און לידער וועגן אומגליקלעכער ליבע זיינען עלעגיש אין זייער טאָן. די מעלאָדיעס האָבן געפורעמט דעם טאָן און די אינטאָנאַציעס. אין די לידער וואו ער דעקט אויף די קראַנקייטן פון דעם יידישן אימיגראַנטישן לעבן, גייט שוין די מעלאָדיע אין אַן אַנדער טעמפּאָ. אמת, די טעמפּאָ איז טאַקע פון דער ענגלישער מעלאָדיע. אָבער ריינגאָלד איז אין די

דאַזיקע קופּלעטן ביטער, צאַרנדיק, אומדערשראָקן אָפּן. און די טעמ־פּעראַטור אין דער דאָזיקער טעמפּאָ איז אַ העכערע.

נאָך אַ זאַך איז וויכטיק צו באַטאָנען. טאַקע אין אָט־די לידער, וואו ער קריטיקירט דאָס אומגליקלעכע נייע לעבן אין דער אימיגראַ־ציע, דאָרטן טרעפן זיך צונויף צוויי עלעמענטן: שטייגער־לעבן און מאָראַלישער רמז פון דעם „פּאָפּיולער סאָנג", מיט דער בייסנדיקער קריטיק פון אַ בעראַנזשע. הגם אָן בעראַנזשעס געלעכטער און סאַטי־רע, איז אָבער דעריבער דאָ פּאַראַן, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער דאָזיקער שמעלצונג, אַ באַהאַלטענער סענטימענטאַליזם, וואָס רעדט ביטערע רייד.

עס איז אינטערעסאַנט אין דעם פּרט צו נעמען אַ „פּאָפּיולער סאָנג" און זען, וואָס רייזנאָלד האָט געטאָן מיטן נייעם טעקסט, צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע פון ליד.

אין די 90ער יאָרן איז צווישן די קאָמפּאָזיטאָרן פון די „פּאָפּיולער סאָנגס" געווען איינער מיטן נאָמען מאָנראָו א. ראָזענפעלד.

געווען איז ראָזענפעלד אַ זשורנאַליסט, און — אַ קאָמפּאָזיטאָר.

איינע פון מאָנראָו ראָזענפעלדס לידער, וואָס רייזנאָלד האָט אויס־גענוצט פאַר אַ יידישן טעקסט, איז געווען דאָס וואַלס־פאַרשפּרייטע ליד „ענד הויר גאָלדן העיר וואַז האַנגינג דאַון הויר בעק". די ענגלישע ווערטער צו דער מעלאָדיע האָט געשריבן פיליקס מעקגלענאָן. דער ענגלישער טעקסט גיט איבער אַ קורצע מעשה וועגן אַ פּראָווינציעל „פּשוט מיידל" דזשעין, וואָס איז געקומען קיין ניו־יאָרק אַן אומשול־דיק, שעמעוודיק קינד. און ווען זי איז צוריק געקומען אין שטעטל האָט זי שוין געהאַט „אַ שעלמישן שימער אין איר אויג". אין דעם ערשטן טייל פון ליד חזרט זיך איבער די שורה „און אירע גאָלדענע האָר זיינען איר אַראָפּגעהאָנגען פון הינטן". די ווערטער האָבן, פאַר־שטייט זיך, אַ ביסל ציניזם אין זיך. דער איינדרוק איז, אַז אויך מאָנראָו ראָזענפעלד האָט אַזוי געשריבן די מוזיק.

רייזנאָלדס טעקסט איז שוין אינגאַנצן אַן אַנדערער. ביי רייז־נאָלדן איז עס געוואָרן אַ סאָציאַל ליד, אַ מין בעראַנזשע־מאָטיוו. ער קלאָגט אָן אין דעם ליד די קאַרופּטירטע אָרדענונג. ער דעקט אויף די געזעלשאַפטלעכע קראַנקייטן, און אַ ביטערקייט און פּעסימיזם כאַפּט זיך אַריין אין דער שורה „גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט".

אַזוי הייסט טאַקע דאָס ליד „גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט".

די מענטשן זיינען זעהר פאַרדאָרבן, אין דער נייער צייט,
אונ דער ליבער גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט.
מע טוט אָפּ אַלערליי פאַרברעכן, אָפן, פריי פאַר לייט,
און דער ליבער גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט.
מענטשן שלינגען איינס דאָס צווייטע, ווי די פיש אין ים,
שווינדעלהאַפטע בילדער זעט מען, צום באַגרייפן קוים.
פאַלשקייט שפּילט די גרעסטע ראָלע, וואַרהייט ליגט אין תהום,
און דער ליבער גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט.

נאָר ווייל איך בין קיין אפּיקורס ביט,
גלויב איך, און איך רעד אויך יענעם איין,
ווען דער הער גאָט דאָרט, רעדט קיין וואָרט,
איז אַ סימן, אַז עס דאַרף אַזוי צו זיין!...

דאָרט ווערט איינער רייך און גליקלעך, נאָר דורך פרעמדע הענט,
און דער ליבער גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט.
דאָרט וויל איינער גרינג פאַרדינען, צינדעט ער און ברענט,
און דער ליבער גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט.
דאָרט לעבט זיך איינער ווי אַ גראַף, האָט אַלעס אומגעשטערט,
פעלדער, וועלדער, זילבער, גאָלד, קאַרעטן, דינער, פערד,
און דער, וואָס שאַפט אים אַלעס גוטעס, דער ליגט טיף אין ד'ערד!...
און דער ליבער גאָט זעט אַלעס צו און שווייגט.
נאָר ווייל איך בין א. אַ. וו.

עס איז פאַראַן, ווי דערמאָנט, אַן אונטערשייד צווישן פיליקס מעקלעגאָנס ענגלישן און יצחק ריינגאָלדס יידישן טעקסט. דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין דעם ליד „עי האָט טאַיב אין דהי אָלד טאַון". די מוזיק צום טעקסט האָט געשריבן עי. מעטץ און דעם טעקסט גופא — דזשאָו האַידען. דאָס ליד איז באַקאַנט געוואָרן אין יאָר 1896.

אין דעם עי. מעטץ ענגלישן טעקסט זאָגט דער העלד אַן זיין מיידל, אַז זי זאָל אָנטאָן דאָס בעסטע קלייד, ווייל ער נעמט זי מיט אויף אַ מיטינג אין דעם אַלטן שטעטל. ער זאָגט איר אָן ווען דער פרייידיקער וועט אָנהייבן פרייידיקן, זאָל זי זיך איינבייגן, כדי אַרויסצוזאָגן פון זיך די זינד. און ווען זי וועט שוין זיין דורכגענומען מיט „רעליגיע" זאָל

זי שרייען און זינגען „דער׳ל בי עי האָט טאָים אין דהי אָלד טאָון, מיי בעיבי״. און ווייטער דערציילט ער איר — וועגן באַקענען זיך מיט אַלעמען, וועגן דעם גלעקער־געקלאַנג און וועגן זינגען מיט אַלעמען „דער׳ל בי עי האָט טאָים אין דהי אָלד טאָון טו־נאַיט״. אין דער צווייטער סטראָפע דערציילט ער איר, אַז דאָרטן וועלן זיין מיידלעך פאַר יעדן איינעם. ער רעכנט אויס זייערע נעמען, אויך דעם נאָמען מיס דזשאָואַנאַ ביסלי. זי איז אָנגעטאָן אין רויט. ער האָט זי געהאַלדזט און געקושט, און זי האָט אים געזאָגט: זיי אַזוי גוט, אָ, זיי אַזוי גוט, לאָז מיך ניט פאַלן, דו ביסט מיינער, און איך האָב דיר ליב מער פון אַלעמען, און דו דאַרפסט זיין מיין יונגערמאַן אָדער איך וועל איינגאַנצן ניט האָבן קיין געליבטן אַאַז״וו.

ביי יצחק רייזגאָלדן הייסט דאָס ליד „הומבאָג, שווינדל, בלאָף״. זיינע ווערטער זיינען געצילט קעגן אַמעריקע, קעגן פּרומאָקעס. ער רעדט דאָרטן וועגן פאַלשער ליבע. ער באַרירט אויך אַ וויכטיקע געשעעניש אין יענער צייט, „אין האַוואַנער האַפן איז וואָס שרעקלעכעס געשען, די שפּאַניער האָבן עקספּלאָדירט די גרויסע קריגסשיף „מעין״. דאָס איז געווען דער אָנהייב מלחמה צווישן שפּאַניע און אַמעריקע.

אין דער ערשטער סטראָפע זינגט ער:

קום אַהער, גוטער ברודער, און באַטראַכט נאָר גוט די וועלט
און באַמערק ווי אַלעס איז פאַרדרייט און אַלעס איז פאַרשטעלט,
וואו דער שקר האָט קיין אָנהייב ניט, דער שווינדל האָט קיין סוף,
און אויף אַלעס, וואָס מע גיט אַ בליק, איז הומבאָג, שווינדל, בלאָף.
ווען איך הער אַמאָל, איבערהויפּט אין יענקי־לאַנד,
איינער שרייט „אחד״ און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט,
דאַן קומט מיר אויפן זינען דאָס, וואָס אַלעס איז באַקאַנט.
אַז אַלץ איז הומבאָג, שווינדל, בלאָף, — פאַרשטייט איר.
ווען איינער שווערט ביי זיך, ביי ווייב און קינד,
ביי אַלץ וואָס איז אים ליב, זאָגאַר ביי זיין געזינד,
דאַן האָט זיין וואָרט אַ מאַכט, ווי פלעוועס אויפן ווינט,
דען אַלץ איז הומבאָג, שווינדל, בלאָף.

(„לידער־מאַגאַזין״ נומער 3)

סיי אין אָט דער סטראָפע און סיי אין דער דריטער סטראָפע — שפּאַניע פאַרמעסט זיך אויף אַמעריקע און וועט זיכער פאַרשפּילן די

מלחמה, האָט רייַנגאָלד אויסגעדריקט אַ דעמאָלטיקע אַקטועלע טעמאַ־טיק און אַ שטיק אימיגראַנטיש שטייגער־לעבן. אַפילו די טעמע פון אָפּגענאַרטער ליבע (אין דער צווייטער סטראָפע) איז אויך פול מיט וואָדעווילבאַקאַנטע „זיטן״ אין דער אימיגראַנטישער אַמעריקע בעת די 90ער יאָרן.

אויפן זעלביקן שטייגער האָט רייַנגאָלד אָנגעשריבן דעם טעקסט „אַ יענקי לידל״ („לידער־מאַגאַזין״, נומ׳ 1). ער האָט גענומען די מע־לאָדיע פון דער ענגלישער סעירס „טאַ־ראַ־ראַ בום־דער־עי״, וואָס סעיערס האָט אָנגעשריבן פאַר דער פאַרס־קאָמעדיע „טאַקסידאָ״. דאָ איז אַ ליד וועגן אַ טאַקסידאָ־מיידל אין דער העכערער געזעלשאַפט, יעדער קען זיך פאַרליבן אין איר. און וועגן זיך זינגט דער קאַוואַליער — ער איז ניט צו אַלט, ניט צו יונג, ניט צו שעמעוודיק, ניט צו דרייסט אַזױ־װ.

רייַנגאָלד האָט אין דעם דאָזיקן לידל געשילדערט די קרבנות פון אָרעמען אומגליקלעכן לעבן. און הגם די מעלאָדיע איז אַזאַ „ברענעג־דיקע״, וואָס סוגיעסטירט לצנות, זייַנען אָבער אין רייַנגאָלדס טעקסט פאַראַן די אָרעמע געשטאַלטן פון דער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט: „אַ באָמער״, אַן אַפּרייטער, אַ מיידל, וואָס האָט געשטיפט מיט יונגע־לייט, אַ שיכור, און האַצקיל, ווען די ווייב בעט ער זאָל זיצן אין שטוב „ווען דו האָסט מיך ליב״. אין דעם דריטן פערז וועגן אַפּרייטער גייען די שורות אַזוי:

דעם אַפּרייטער וואָס גייט אָן?
טרייבט דעם רעדל ווי ער קאָן
דורך דעם סוועטער לעבט ער ניט,
דאָך צו פרייהייט שטרעבט ער ניט,
פאַרזונקען אין דעם דלות טיף,
און האָט פון לעבן קיין באַגריף,
דאָך זינגט ער זיך ביים גענײַ:
באָם טאַראַראַ באָם טאַריי.

צו דעם זעלביקן מין שטייגער־לידער אויף אַקטועלע טעמעס מיט אַ סאָציאַלן מאָטיוו זייַנען אויך — אַזוינגאַנצן אָדער טיילוויז — די לידער „דו, דו מיין ליבער יעקל דו״ (געדרוקט אין דער „יידישער בינע״, אויך אַרויס אין אַ באַזונדער בלעטל ווי זייַנע אַ סך אַנדערע לידער), צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע פון הערי דילאַנס (מוזיק פון

דזשאַן דילאָן) „דו, דו, מאַי האקלבערי, דו"; „איך מיט מיין שיינע משפּחה" (אין לידער־מאַגאַזין" נומ' 2), געזונגען מיט דער מעלאָדיע „מאַלי ענד איי ענד דהי בעיבי", געשריבן פון הערי קענעדי); „דאָס איבעריקע פאַרשטייט אַליין" („לידער־מאַגאַזין", נומ' 8) אויף דער מעלאָדיע „אָ, עבענעזער"; „דער בעל־טובהניק" („לידער־מאַגאַזין", נומ' 13) אויף דער מעלאָדיע „ריפּ וואן ווינקל" (ווערטער און מוזיק: הענדי, דזשאָרדזש־לעווינסאָן, באַב און האַוארד לידז); „ניט אַלעס איז גאָלד וואָס שיינט" (לידער־מאַגאַזין" נומ' 12) אויף דער מעלאָדיע „דזשאַני, מאַי אָלד פרענד דזשאַן" (ווערטער און מוזיק: וויליאַם קאָרט ראַיט).

צו דעם דאָזיקן מין סאָציאַלע לידער־קופּלעטן געהערט אויך דאָס אַרבעטער־ליד „עס קומען אָן בעסערע טעג". געזונגען מיט דער מעלאָדיע „שי מעי העוו ביאין בעטער דעיז". דעם ענגלישן טעקסט האָט געשריבן דזשעימז טאָרנטאָן. די דאָזיקע פּאַטעטישע באַלאַדע האָט געזונגען וו. ה. ווינדאַם אין „פּרימראָוז ענד וועסט'ס מינסטרעלס". דאָס איז אַ סענטימענטאַלע טרערן־באַלאַדע, וואָס איז געווען באַרימט אין די 90ער יאָרן (געדרוקט אין 1894). אין דעם ענגלישן טעקסט ווערט דערציילט ווי אַזוי ביי אַ שוועל, ליגט אַן אומגליקלעכע פרוי. זי איז אַמאָל געווען „אַ גוטע ווייב, רעספּעקטירט פון אַלעמען". איר מאַן האָט זי פאַרלאָזן „און אָט ליגט זי — ביי אַ שוועל, און דער המון לאַכט פון איר"...

ריינגאָלדס טעקסט איז אינגאַנצן וועגן „דעם אַרבעטס־מאַן, די וועלט־מאַשין": מיר ברענגען דאָ די ערשטע סטראָפע:

וואו נעם איך טאַלאַנט, די פען אין דער האַנט,
די ווערטער, דעם גייסט און דעם זין,
צו טרייסטן אין נויט, דעם קעמפער פיר ברויט,
דעם אַרבעטס־מאַן, די וועלט־מאַשין.
האָפנונגסלאָז האָט אים די אַרמוט געמאַכט,
זיין אייביקער גרויזאַמער פיינד,
דאָך שטאַרק דיך, פאַס מוט, עס וועט נאָך זיין גוט,
פאַרצווייפל ניט, טייערער פריינד.

עס קומען אָן בעסערע טעג, דו ווערסט נאָך אויפגערעכט,
עס קומען אָן בעסערע טעג, ניט אייביק וועט זיין שלעכט,

אַ, די צייט איז ניט ווייט פון יושר און מענטשלעכע רעכט,
די גאָלדענע פרייהייט גייט פאָרווערטס איר וועג,
עס קומען אָן בעסערע טעג.

(„לידער־מאַגאַזין" נומער 3)

אין דעם קופּלעט „אַ, אַנקל סעם", „געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון ענגלישן ליד „אַ, אַנקל דזשאַן" (ווערטער און מוזיק: פיליקס מ׳עקגלענאָן), קומט צום אויסדרוק דעם אימיגראַנטס תערומות און בליק אויף „אַמעריקע גנב". אין דעם ליד גיט ער איבער ווי „ווער עס קומט היר, איז דאָ קונא שם", „דער אין ביזנעס, דער אין פּאָליטיק", „דער אין גלויבן — פאַלש פאַרשטעלט". און אַט ווי אַזוי אַ וואַסערטרעגער פון דער היים, וועמען „דער לאַנגער פראַק און דער צילינדער־הוט, מאַכן אים דאָ פאַר אויס גרין... ניט זאָרגט פאַר אים, זיין פאַך פאַר־שטייט ער גוט, ער איז אַ דאָקטאָר מעדיצין". איינער פאַרזיכערט זיין פאַרמעגן, מאַכט בורא מאורי האש, די ממתקים קריגט ער גאָר ניט שווער, דאָ איז שוין פּאָליטיק פאַרמישט, ווייל ער אַרבעט פאַרן „סיטי מעיאָר", ווערט זיין חטא פאַרווישט..." אאַז"וו.

ניט אַלע קופּלעטן, וואָס ריינגאָלד האָט געשאַפן, זיינען אויף סאָציאַלע טעמעס און לעבנס־שטייגעריש לויט די שילדערונגען. ער האָט אויך געשריבן סענטימענטאַלע קופּלעטן.

דער סענטימענטאַלער באַלאַדיסט

נאָענט צו זיינע לירישע טרערן־לידער שטייען זיינע סענטימענ־טאַלע קופּלעטן. זיי זיינען אייגנטלעך באַלאַדעס געשריבן אין אַ ליריש־עלעגישן טאָן. פּונקט ווי זיין סאַטירע, למשל, איז ביטער, אָבער שווימט ניט אַריבער די גרענעצן, איז ניט צו בייסיק און וואולגאַר, אַזוי זיינען אויך זיינע סענטימענטאַלע קופּלעטן. זיי גיסן זיך ניט איבער די ברעגעס, זיי פאַרוואַנדלען ניט די סענטימענטאַלע קופּלעטן אין וואול־גאַרע נודנע לידער. זיי זיינען ביי אים איינגעהאַלטענע עלעגיעס. אין זיי שטראָמט אמתער סענטימענט. מער ווי אַלץ אָבער נעמען זיי אויס מיט זייער עכטקייט, — אַן אייגנשאַפט, וואָס ליגט אין עצם פון זיין גאַנצן שאַפן.

אין די טרויעריקע מעלאָדיעס פון די ענגלישע לידער האָט ריינ־

גאָלד געלאָזט פליסן יידישע קופּלעטן, למשל, וועגן אומגליקלעכער ליבע אין דעם דעמאָלט באַרימט ליד „עפּטער דהי באָל" (נאָכן באַל), וועגן ניט־געענטפערטער ליבע און ווי אַזוי ער קען ניט פאַרגעסן דעם טרוים פון זיין לעבן אינעם בענקענדיקן ליד „ווען דו וואַרסט זעכצן יאָר" (נאָכן אַמעריקאַנער ענגלישן ליד „סוויט סיקסטין); וועגן אַ צעבראָכן האַרץ „אויף די פעלדער פון ווירדזשיניאַ" (נאָך דער ענגלישער מעלאָדיע „די גרין פילדס אָוו ווירדזשיניאַ"); וועגן אַ פּאַטאַ־ליסטישער ליבע אין ליד מיטן נאָמען „ליבע" (נאָך דער ענגלישער מעלאָדיע (פון העברי קענעדיס „סעי אַ־רעוואַר באַט נאַט גודביי"); אָדער גאָר ווי ער גייט אַוועק פון איר מחמת אייפערזוכט, און ווען ער קומט צוריק — נאָכדעם ווי ער האָט חרטה — געפינט ער זי טויט. דאָס ליד האָט געהייסן „געבאָרן אין קענטאַקי" צוגעפּאַסט צו דער מע־לאָדיע „שי וואַז בּרעד אין אָלד קענטאַקי".

ווען מען פאַרגלייכט די ליבע־קופּלעטן — די ענגלישע און ריינ־גאָלדס יידישע — זעט מען ווידער אַן אונטערשייד אין עצם געמיט און אין דער לאָגישקייט אָדער אין דער מאָטיווירונג פון די געשעענישן, וואָס ווערן געשילדערט אין טעקסט. אין דעם ליד „די בלום" („לידער־מאַגאַזין", נומ' 19) האָט ריינגאָלד אָנגעשריבן אַ טעקסט, וואָס האָט ווייניק שייכות מיטן ענגלישן אָריגינאַל. דאָס ליד זיינס האָט ריינ־גאָלד צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע פונעם באַוואוסטן ליד „דהי גוירל צי לעפט ביהאַינד מי". דאָס ענגלישע ליד איז געווען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די זעלנער בעתן בירגער־קריג אין 1863. דאָס איז געווען דאָס באַליבטסטע ליד פון די „פייפערס". געזונגען האָט מען דאָס ליד על־פּי־רוב ווען מען האָט מאַרשירט צו די שלאַכט־פעלדער. די מעלאָדיע איז אַ פאָלקסליד. ווער עס איז דער מחבר פון די ווערטער איז ניט באַקאַנט, אָבער עס שטאַמט פון אירלאַנד. דער אינהאַלט פון ליד איז אַזאַ:

דער זעלנער דערציילט וועגן די אַלע רייצן און חנען פון פראַנ־צויזישע, פלעמישע, איטאַליענישע יונגפרויען. זיי בינדן אָבער אים ניט צו. זיין האַרץ בענקט נאָכן עריינס אינדזל (אירלאַנד), נאָכן מיידל, וואָס ער האָט דאָרטן געלאָזן. ער באַשרייבט ווי שיין זי איז — ווי די ברעגן ביים שענאָן־טייך, און ריינער פון די שענאָן־וואַסערן, שוין אַ יאָר ווי ער איז אַוועק אין מלחמה קיין פראַנקרייך און אין אירע בריוו בעט זי זיך, ער זאָל קומען אַהיים אָדער ער זאָל איר לאָזן קומען צו אים און זיין לעבן אים. ער קען איר אָבער ניט דערלויבן צו פירן

אַ לעבן פון מלחמה און פּראַצע, און ער קען זיך אַליין ניט דערלויבן צו באַטרעטן דעם באָדן פון זיין היימלאַנד ווי אַ „סקאַלקינג" שקלאַף. אָבער ווען ער וואָלט נאָר געווען פריי אָדער באַפרייט וואָלט ער נאָך דער שלאַכט שוין געווען אויפן וועג קיין אירלאַנד צום מיידל, וואָס ער האָט געלאָזן הינטער זיך.

ביי ריינגאָלדן איז ניטאָ קיין שמץ פון דעם גאַנצן אינהאַלט. דער אינהאַלט פון זיין ליד איז אינגאַנצן סענטימענטאַל־ליריש. דער גאַנצער אינהאַלט דרייט זיך אַרום אַן אומגליקלעכער ליבע מחמת זיין „בלום" האָט אים פאַרלאָזן:

איך האָב אַמאָל געליבט אַ מיידל און זי וואַר אַ וואַרע בלום,
די שענסטע וואָס קען געבן אויף דער וועלט,
פאַרליבט בין איך אין איר געוועזן און זי וואַר מיין אייגנטום,
כ'האָב איר פאַרטרויט מיין הערץ ווי אויך מיין געלט!
גליקלעך בין איך דאַן געוועזן, גליקלעך אָן אַ שיעור,
נאָר פּלוצלונג איינמאָל ווערט די בלום פאַרשוואונדן גאָר פון מיר,
איך זוך זי אויס אין אַלע טיילן, נאָר אומזיסט מיין קאָסט,
ניטאָ די בלום, זי האָט מיך שוין פאַרלאָזט!...

מיין הערץ איז באַטריבט,
איך האָב זי געליבט,
זי וואַר דאָך מיין גאַנצער טראָסט!
איך וואַנדער אָן צאָל,
דאָך טרעף איך קיין מאָל,
די בלום וואָס האָט מיך אַמאָל פאַרלאָזט!...

אין דער צווייטער סטראָפע דערציילט ער וועגן זיין פאַרצווייפלונג, וועגן זיין אַפּאַטיע צום לעבן. געוועזן איז ער זיכער, אַז זי איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן און „אָפּגעשטאָרבן איז מיין זעל, מיין גאַנצער לעבנס־טראָסט". און אין דער דריטער סטראָפע וויקלט זיך פאַר אונדז פונאַנדער דער סוף פון דעם אמתן אומגליק: ער קומט צו דער חתונה פון זיינעם אַ פריינד. אָבער ווען זיין פריינד שטעלט פאַר די כלה, דערזעט ער, אַז „דאָס איז געווען, די בלום וואָס האָט מיך אַמאָל פאַר־לאָזט".

די באַלאַדע „די טרויעריקע האָכצייט" איז שוין אַ סך נעענטער

צום אָריגינאַל. אָבער אויך אין דעם ליד זעט מען אַן אינטערעסאַנטן פּרט. ריינגאָלד מאָטיווירט די געשעענישן אַ סך לאָגישער ווי זיי זיינען אויסגעדריקט אין ענגלישן ליד. נאָך אַ זאַך — ריינגאָלדס אַן עצמדיקע כאַראַקטעריסטיק: אין דעם אָריגינאַל איז פֿאַראַן דראַמאַטישע שטייגערונג, בעת אין ריינגאָלדס טעקסט גייט דורך אַ סענטימענטאַל־עלעגישער נאַראַטיוו. דער אינהאַלט אין דעם אָריגינאַל צווינגט דעם זינגער צו ווערן ליידנשאַפֿטלעך דראַמאַטיש ווען ער זינגט דעם רעפֿרען. מחמת דעם, אָבער, וואָס יצחק ריינגאָלדס ווערטער זיינען זייער סענטימענטאַל, קלינגט די מוזיק ווייניקער דראַמאַטיש, זי איז מער ליריש.

דעם ענגלישן אָריגינאַל האָט געשריבן וו. ה. ווינדאָם און די מוזיק — גאָסי ל. דעיוויס. אין ענגליש האָט דאָס ליד געהייסן „די פֿעיטל וועדינג" און איז געווען איינע פֿון די פּאָפּולערסטע לידער אין די פֿריע 90ער יאָרן.

אין דעם אָריגינאַל ווערט דערציילט ווי אַזוי אַן אָרעמע מוטער מיט אַ פֿרירנדיק קינד אויף דער האַנט בעט זיך ביים אויפֿזעער פֿון דער קירך, ער זאָל זי אַריינלאָזן אין קירך, כאָטש אַ ביסל אָנצואַווערעמען דאָס קינד. ער לאָזט זי ניט אַריין מחמת צו דער חתונה האָט מען פֿאַרבעטן בלויז רייכע און געהויבענע מענטשן. זי רעדט אים אָבער איבער און פֿון גרויס רחמנות אויפֿן קינד, לאָזט ער זי אַריין. אָבער ווען דער בעל־מסדר פֿרעגט צי עס איז פֿאַראַן דאָ עמיצער וואָס קען אָנגעבן אַ סיבה פֿאַרוואָס מען זאָל ניט חתונה מאַכן דאָס פּאָרל, האָט זיך דערהערט דער געשריי פֿון דער אומגליקלעכער אָרעמער פֿרוי מיטן קינד אויף דער האַנט: „דער חתן איז מיין מאַן, סער, און דאָס איז אונדזער קליין קינד". ווען זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס קינד צו ווייזן עס דעם עולם און בעת זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני צו טאָן תּפֿילה, איז דאָס קינד געשטאָרבן. די עלטערן פֿון דער כּלה האָבן צוגעזאָגט צו זאָרגן פֿאַר דער אָרעמער אומגליקלעכער מוטער, ווייל זי האָט אין צייט געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון זייער טאָכטער. דער חתן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און אויף מאָרגנדיקן טאָג נאָך דער „פֿאַטאַלער התונה" האָט מען געגראָבן צוויי קברים — פֿאַרן פֿאָטער און פֿאַרן קינד.

אין ריינגאָלדס יידישן טעקסט איז ניטאָ דאָס אומלאָגישע וועגן דעם קינדס טויט. ניטאָ דאָרטן אויך דער ניט אויסגעהאַלטענער טאָן פֿון פֿרייד מצד די עלטערן. אין סאַמע מאָמענט פֿון גרויסן בראָך, און

דער צוזאָג צו זאָרגן פאַר דער אָרעמער מוטער. ביי אים זיינען די געשעענישן אַ סך לאַגישער און אין הסכם מיט סענטימענטאַלע טרויע־ריקייטן. עס איז אָן שום ספק, לאָגישער: דער חתן זאָל שטאַרבן דורך זיינע אייגענע הענט, און די אָפּגענאַרטע כלה זאָל אויך אויסגיין אין „יענער וויסטער שרעקנס־נאַכט". „און די עלנדע אלמנה, מיט איר איין און איינציק קינד, זיינען אויף דאָס ניי געבליבן, ווי די בעט־לער אויפן ווינט". דאָס סענטימענטאַלע דערגרייכט איר פולסטן אויס־דרוק אין דעם סוף ליד — וועגן דער אלמנה:

„אָפּט באַזוכט זי יענע קברים,
ברענגט אויך בלומען־קרענץ אַרויף,
פריילעך וואר דער אָנפאַנג האָכצייט,
טרויעריק אָבער וואר דער סוף!..."

ענלעך לויטן אינהאַלט פון דעם ליד „דהי פעיטל וועדינג" איז געווען אַן אַנדער באַרימט ליד אין די 90ער — „„דאָוז וועדינג בעלס שעל נאַט רינג אוט" (די חתונה־גלעקער וועלן ניט קלינגען). געשריבן האָט דאָס ליד מאָנראָו ה. ראָוזענפעלד. באַרימט איז דאָס ליד געווען נאָך מער ווי דאָס ליד „דהי פעיטל וועדינג". דאָס ליד איז מעלאָ־דראַמאַטיש, אַ סך מער מעלאָדראַמאַטיש ווי „דהי פעיטל וועדינג", אין געוויסע ערטער ממש שטורמיש.

דער אינהאַלט איז אַזאַ, וואָס מען קען זיך שוין אָנשטויסן אַליין: בעת דאָס פּאָר שטייט פאַרן הייליקן בעל מסדר, און בעת ער פרעגט, כמנהגו, צי עמעץ איז קעגן זייער פאַראייניקונג, דערהערט זיך אַ מע־נערשע שטים פון עולם. און אַלע זעען ווי אַ מאַן דערנעענטערט זיך צו דער פּאָר און וויזט אָן מיטן פינגער אויף דער איבערגעשראָקענער כלה: די חתונה גלעקער וועלן ניט קלינגען, זי איז אַ צווייטנס כלה, געזען האָב איך זי ביים ראַנד פון דעם אַלטאַר, מיר זיינען דאָרט גע־שטאַנען איינער לעבן צווייטן; זי קען ניט חתונה האָבן מיט אַ צווייטן, זי איז אַ צווייטנס פרוי. די כלה לייקנט שטיין און בייך, זי זאָגט, זי קען ניט דעם מענטשן. דער חתן הייסט מען זאָל קלינגען אין די גלאָקן. אָבער דער מאַן פון דער כלה שרייט אויס: „רוקט זיך אָפּ, איך זאָג אייך, זיי וועלן ניט קלינגען, די חתונה־גלעקער וועלן ניט קלינגען!". און גלייך גייט איבער דער גאַראַטיוו צו באַשרייבן ווי עס שטייען צוויי ארונות אין דער קירך, דאָרטן ליגן דער אמתער מאַן און די כלה.

ער האָט געהאַלטן וואָרט — „די חתונה־גלעקער וועלן ניט קלינגען". אאַז"וו...

„ביי דער אָזערע" הייסט ביי רייגנאָלדן דאָס ליד, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער מעלאָדיע פון „דאָון וועדינג בעלס שעל נאָט רינג אַוט", און דער אינהאַלט אינעם ליד איז בעצם אַן אַנדערער. דאָס ליד איז אַ שיינס, נאָך אַלע טראַדיציעס פון סענטימענטאַלע באַלאַדעס. ס'איז כדאַי צו ברענגען דעם אינהאַלט בשלימות. געדרוקט איז עס געווען אין „לידער־מאַגאַזין".

ביי דער אָזערע

ביי דער ברייטער אָזערע, געציילטע טריט פון וועג,
זיצט אַ קליינע מיידעלע, גאַנץ נאָענט פאַזע ברעג,
זיצט און זינגט אַ לידעלע, און זיפצט און וויינט צוגלייך,
און אירע פּערל־טרערעלעך, טריפן גלייך אין טייך,
טרויעריק קלינגט איר לידעלע, יאָ, טרויעריק אָן אַ שיעור,
דאָס בענקט זי נאָך איר מוטערל, וואָס איז אַוועק פון איר,
עס קלאָגט מיט איר דער הימל מיט, און כליפּען העלפט דער ווינט,
דאָס וויינט אַ יונג יתומעלע, דאָס זיפצט אַן עלנד קינד!

כאָר:

עס טריפט אַ דריבנע רעגנדל, עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט,
די וועלן פון דער אָזערע, זיי טראָגן איצט געשווינד,
פיל הייסע דריבנע טרערעלעך, צו אַ מיילן ווייטן אָרט,
וואו די מוטער פונם קינד, רוט פון לאַנג שוין דאָרט.

ביי דערזעלבער אָזערע, זינט לאַנג, גאַנץ לאַנג צוריק,
געשטאַנען צוויי פאַרליבטע דאָרט, געטרוימט פון פרייד און גליק,
נאָר ליבע ווייס קיין רעכנונג ניט, באַגייט גאַנץ אָפט אַ זינד,
אַוועק איז ער, נאָר, אַך, צו שפּעט עס וואר שוין דאָן אַ קינד.
די עלנטע, פאַרצווייפלטע, געבויגן און פאַרשעמט,
האָט לאַנג, גאַנץ לאַנג, ווי טאָג זאָ נאַכט, געוואַלגערט זיך אין פרעמד,
און צנדלעך, ביז איר וואַר צו לאַסט, דאָס לעבן און די נויט,
אין דער זעלבער אָזערע געפינט זי דאָן איר טויט.

כאָר:

עס טריפט אַ דריבנע רעגנדל, עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, א. אַ. וו.

עס בלאָזט אַ פּיכטער ווינטעלע, נאָך זיצט און ווערט ניט מיד,
דאָס עלנט קליינע מיידעלע, און זינגט איר קלאָגעס־ליד,
אָ, גוטע, ליבע מוטער מיין, וואו ביסטו פאָרט אַצינד?
זע, ווי הייס עס בענקט נאָך דיר, דיין אָרעם עלנט קינד.
פּלוצלונג ווערט דער הימל שוואַרץ, אין טרויער אָנגעטאָן,
די וועלן זאָגן אָן דער וועלט, אַ שטורעם קומט באַלד אָן,
מוטנע ווערט די אָזערע, און שטאַרקער ווערט דער ווינט,
און טראָגט אין קאַלטן טייך אַריין, דאָס עלנט קליינע קינד!

כאָר:

עס טריפט אַ דריבנע רעגנדל, עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, א. אַ. וו.

צו ריינגאָלדס סענטימענטאַלע קופּלעטן דאַרף מען גאָר אַנדערש צוגיין. אַזוי אויך — צו זיינע ביטער־געזעלשאַפטלעכע לידער. די ענגלישע מעלאָדיע איז דאָ בלויז געווען אַ מין סיבה, אַ מין פאַרענט־פערונג, צו שרייבן אַ ליד. אָבער די לידער, דער עיקרשט די, וואָס האָבן מיטן ענגלישן טעקסט קיין שום מגע ומשא, זיינען באמת אָריגי־נעלע לידער פון אַ זשאַנער, וואָס ריינגאָלד האָט אַזוי פיין קולטיווירט. אויב ער דעקט אויף אין זיינע טרויעריק־געזעלשאַפטלעכע לידער אַ מאָדנע צעוויטיקטע, ביטערע און דאָך ניט שמייכנדיקע סאַטירע, דעקט ער אויך אויף אין זיינע סענטימענטאַלע לידער אַ ים איינגעהאַלטענע אמתע געפילפולקייט. זיינע סענטימענטאַלע לידער זיינען באמת אָרי־גינעלע סענטימענטאַלע באַלאַדעס און מען דאַרף זיי צורעכענען צו די שענסטע סענטימענטאַלע באַלאַדעס פון זיין צייט. און מיט זייער נאַטירלעכקייט, עכטקייט און איינגעהאַלטנקייט זיינען זיי די בעסטע מוסטערן פון דעם דאָזיקן זשאַנער ביז צום היינטיקן טאָג.

אַהער געהערן אַפילו יענע לידער, וואָס זיינען גאָר נאָענט צום מקור, צום ענגלישן אָריגינאַל. אויך דאָ געפינען מיר שינויים, וואָס פאַרטיפערן דאָס ליד.

איינע פון די גאָר שענסטע באַלאַדן פון דעם מין איז „ביים ברעג

פון מעער״. געזונגען האָט מען דאָס דאָזיקע סענטימענטאַלע ליד מיט דער מעלאָדיע פון ענגלישן ליד „אָן דהי בענקס אָוו וואַבאַש״. דאָס ענגלישע „וואַבאַש״־ליד איז געווען דאָס פאַרשפּרייטסטע און באַליבט־סטע ליד ביי די אַמעריקאַנער פאָלקס־מאַסן. דער מחבר און קאָמפּאָזי־טאָר פון ליד איז געווען דער באַרימטער פאָלקס־זינגער פּאָל דרעסער, דער ברודער פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער נאָוועליסט טהיאָ־דאָר דרייזער. עס איז בוכשטעבלעך ניט געווען קיין איין שיכט אין אַמעריקאַנער לעבן, וואָס זאָל ניט זינגען דאָס „וואַבאַש ליד״. אין „דע מאָינט רעדזשיסטער״ (יולי 5, 1933) איז פאַרצייכנט אַן אינטערעסאַנטער פּרט וועגן דעם דאָזיקן ליד:

ווייניק מענטשן ווייסן אַז טהיאָדאָר דרייזער האָט אָנגערעגט זיין ברודער פּאָל דרעסערן צו שרייבן דאָס באַרימטע ליד „אויף די ברעגן פון וואַבאַש״. דרייזער האָט אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל שרייבן אַ ליד וועגן לבנה־שיין אויף אַ פוילן טייך, „אָבער וואָס פאַר אַ טייך?״ האָט פּאָל געפרעגט. און אַזוי נאָך איז דער ניט־ראָמאַנטישער „וואַבאַש״ פאַראייביקט געוואָרן. די ערשטע סטראָפע און דעם רעפרען האָט אָנ־געשריבן דרייזער.

ביי ריינגאָלדן אין דער באַלאַדע „ביים ברעג פון מעער״ (דער איבערדיכטונג פון דרעסערס „וואַבאַש״־ליד) הערט זיך אַ טיפערער און אַ טרויעריקערער אָפּקלאַנג פון עכטן טונקל־גאָלדענעם ליריזם. עס פאַרשטייט זיך, אַז אינעם ליד האָט געמוזט זיין דער גאַנצער קאָנווענ־ציאָנעלער אַפּאַראַט ווי מען געפינט אים אין סענטימענטאַלן ליד. אָן דעם וואָלט דאָס גאַנצע ליד פאַרלאָרן זיין חן. אָבער ריינגאָלד איז עכט און נאַטירלעך אין די דאָזיקע קאָנווענציאָנעלע סטיל־פאָרמען. זיי זיינען ניט געקינצלט. און טיף ליריש איז זיין פיינער און „טאָק־טישער״ סענטימענטאַליזם. דער דייטשמערישער עלעמענט ווי „מעער״, „דער מאָנד״ — זיי גיבן דאָ צו מער ליריזם דורך העכערן דעם ראָ־מאַנטישן שליסל.

ריינגאָלדס איבערדיכטונג איז אין אַ סך פּרטים פּאָעטישער ווי דרעסערס אָריגינאַל. ריינגאָלד נעמט אַרויס די גאַנצע סצענע פון דעם לאָקאַלן אָרט „מאַי אינדיאַנאַ האָומסטעד״ (מיין אינדיאַנאַ־נחלה) און פאַרוואַנדלט עס אין אַן אוניווערסאַלער סצענע — „האָרט ביים ברעג פון מעער״. ביי דרעסערן איז דאָס נאַטור־בילד ניט פאַרגאַנצט, ווייל ס׳פעלט זיין „מוטער אויף דער שוועל, ווי זי איז דאָרטן געשטאַנען מיט יאָרן צוריק, צו באַגריסן איר זון״. ביי ריינגאָלדן איז דאָס גאַנצע

בילד אינטימער און אפשר עמאָציאָנעלער: „איך זע, און אַך! מיין הערץ ווערט שיער צעשפרונגען, — דאָס אָרט, וואָס פלעגט מיר שאַפן פרייד און לוסט, — דאָרט פלעגט מיר אָפט מיין מוטער לידער זינגען, — קינדוויז ווען זי פלעגט מיך פרעסן צו איר ברוסט". ביי ריינגאָלדן אין ליד זיצט דער סענטימענטאַלער פאַרבענקטער יונגערמאַן „ווי אַ טרוימער, און טרוימט דאָרט פון (זיין) יוגנט". אויך דער רעפרען איז ביי ריינגאָלדן מער אוניווערסאַליזירט, אַרויסגענומען פון די גרענעצן פון אַ לאָקאַליטעט, ער איז אויך דראַמאַטישער און פּאָעטישער. אָט זיינען ביידע ווערסיעס — דרעסערס און ריינגאָלדס:

ON THE BANKS OF THE WABASH

Round my Indiana homestead waves the cornfield,
In the distance loom the woodlands clear and cool.
Oftentimes my thoughts revert to scenes of childhood,
Where I first received my lessons, nature's school.
But one thing there is missing in the picture,
Without her face it seems so incomplete.
I long to see my mother in the doorway,
As she stood there years ago, her boy to greet!

REFRAIN

Oh, the moonlight's fair tonight along the Wabash,
From the fields there comes the breath of a new-mown hay.
Thro' the sycamores the candle lights are gleaming,
On the banks of the Wabash, far away.
Many years have passed since I strolled by the river,
Arm in arm with sweetheart Mary by my side.
It was there I tried to tell her that I loved her,
It was there I begged of her to be my bride.
Long years have passed since I strolled thro' the churchyard,
She's sleeping there, my angel Mary dear.
I loved her but she thought I didn't mean it.
Still I'd give my future were she only here.

ביים ברעג פון מעער

האַרט ביים ברעג פון מעער, אין שטאַמען פון די ביימער,
דאָרטן איז מיין היים און מיין גן־עדן צעלט,
דאָרטן זיץ איך אָפטמאָל איינזאַם, ווי אַ טרוימער,
און טרוים דאָרט פון מיין יוגנט, פון מיין קינדהייט־וועלט,
איך זע, און אך, מיין הערץ ווערט שיעור צעשפרונגען,
דאָס אָרט, וואָס פלעגט מיר שאַפן פרייד און לוסט,
דאָרט פלעגט מיר אָפט מיין מוטער ליהער זינגען,
קינדוויז ווען זי פלעגט מיך פרעסן צו איר ברוסט.

אָ, ווי שטיל איז איצט ביינאַכט אַרום די ברעגן,
פון די ביימער פאַלט אַן אימה און אַ שרעק,
דורך די שיין פון מאָנד באַמערק איך נאָר די שטעגן
אויפן מעער, וואו מיין יוגנט פליט אַוועק!

לאַנג צוריק, שפּאַצירט האָב איך פאַרביי די קאָרן,
מיט מיין היים־געליבטע מערי ביי מיין זייט,
עס וואר דאַן, ווען איך האָב איר הייליק צוגעשוואָרן,
אַז איך ליב איר, אָ, איך ליב איר און איך לייד,
איר ענטפער דאַן, האָט ווי מוזיק געקלונגען,
זאָ ליב און טריי, פון פאַלשקייט ניט קיין שפור,
עס האָבן דאַן די פויגל אונדז באַזונגען
און פאַראייניקט האָט אונדז דעמאָלט די נאַטור.

אָ, ווי שטיל איז איצט ביינאַכט אַרום די ברעגן,
פון די ביימער פאַלט אַן אימה און אַ שרעק,
דורך די שיין פון מאָנד באַמערק איך נאָר די שטעגן
אויפן מעער, וואו מיין יוגנט פליט אַוועק.

נאָר שנעל פאַרביי איז יענער טרוים פון גליק און האָפן,
אַוועק איז דאַן מיין ליבסטע, און ניט מער צוריק,
נאָר איינמאָל האָב איך איר שפּאַצירן אָנגעטראָפן
מיט אַ צווייטן, וועלכער האָט גערויבט מיין גליק.

ניט לאַנג צוריק, בין איך פֿאַרביי די קבֿרים,
דאָרט שלאָפֿט מיין ליבסטע, אַך, ווי שמערצט עס מיר,
איך האָב דורך איר געליטן פֿיל יסורים,
דאָך מאַך איך זי ניט שולדיק און פֿאַרגיב עס איר!

אַ, ווי שטיל איז איצט ביינאַכט אַרום די ברעגן,
פֿון די ביימער פֿאַלט אַן אימה און אַ שרעק,
דורך די שיין פֿון מאָנד באַמערק איך נאָר די שטעגן
אויפֿן מעער, וואו מיין יוגנט פֿליט אַוועק.
(„לידער־מאַגאַזין", נומ. 3)

עס איז אמת, זיין סענטימענטאַל — אַפֿילו איינגעהאַלטן — מיינט מערסטנס — זיין פּרימיטיוו. אָבער סענטימענטאַלקייט שטאַמט ניט פֿון דעם פּרימיטיוו. זי שטאַמט פֿון יענער עמאָציאָנעלער איינגעשאַפֿט, וואָס מיר רופֿן אָן: ליריזם. און דער ליריזם ביי אַ מענטשן איז גורם אויך דעם אופֿן ווי אַזוי ער איז סענטימענטאַל. באַזונדערס איז עס אַזוי ביי פּאָעטן־פּיאָנערן, וואָס הייבן אָן ווי אויפֿסניי אויסצוגעפֿינען אייגענע ייעגן. און ריינגאָלד איז אַ גוטער ביישפּיל פֿאַר אַזעלכע באַטראַכטונגען.

דער ליריקער

ריינגאָלדס ליריזם איז אַ „פֿאָלקסטימלעכער". וואָס פֿאַר אַ ליד זיינס מען זאָל ניט נעמען, איז גלייך דערפֿילט מען עס. סיי מיט די ווערטער, סיי מיט דער מעלאָדיע הייבן זיך אָן זיינע לידער — ווי פֿאָלקסלידער: „עס געבן אין לעבן... מינוטן אַ סך, וואָס בייטן צו ציטן... אַ „ווייך" אויף אַ „לאַך". („אַ זעלטענער פֿאַל"); „ווען איך וואָלט פֿאַרשטאַנען, די שפּראַך פֿון די פֿייגל, וואָס פֿליען און שוועבן איבער ביימער און זעגל" („ווען איך וואָלט פֿאַרשטאַנען"); „דער ווינ־טער קומט, דער ווינטער קומט! און טרייבט אַוועק דעם זומער" („דער ווינטער"). אויך זיינע לידער, די צוגעפּאַסטע צו ענגלישע מעלאָדיעס, הייבן זיך כמעט אַלע אָן אין פֿאָלקסליד־טאָן. און ווי אין פֿאָלקסליד, אַזוי קומט דער ליריזם אויך צו ריינגאָלדן מיטן ריינסטן סענטימענט — ניט געקינצלט, ניט צוגעטראַכט, און ניט פֿאַרליטעראַריש. זיין ליריק איז גרונטיק, עכט, ערלעך, אַזוי ווי ער איז אַליין געווען. און אַנדערש

האָט עס גאָרניט געקענט זיין ביי אַן אויפריכטיקן פרימיטיוון פּאָעט, אַ פּאָעט אַ פּיאָנער. און דעם דאָזיקן טאָן הערט מען אין אַלע זיינע לידער, סיי אין די אויסשליסלעך סאָציאַלע, סיי אין די בירגערלעכע און שטייגערישע, מכל שכן אין די באַלאַדן. ער האָט אויך געשריבן ריין־לירישע לידער, יחידישע, אין מיטן די ניינציקער יאָרן זיינען זיי גאָרניט געווען קיין אָפטע דערשיינונג. זיי געהערן צו די ערשטע בליטן יחידישע לידער, וואָס האָבן געפונען דעם וועג אין דער יידישער פּאָעזיע גראָד דורך די סאָציאַלע פּאָעטן. ריינגאָלדס יחידישע ליריק פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדער אָרט. ער פאַרסימבאָליזירט ניט דעם דאָזיקן מאָטיוו אין געשטאַלטן פון מאַרטירער, העלדן, הערגאָלדן אאַז״וו, ווי דאָס טוט דער מיסטיש־רעוואָלוציאָנערער עדעלשטאַט. ער אוניווערסאַליזירט זיי ניט ווי באָוושאָווער. ער פּערזאָניפיצירט זיי מיט דער נאַטור. און דאָס קומט־אויף אומפאַרמיטלט, סוביעקטיוו. דעריבער דערמאָנט זיין יחידיש ליד די פּערזענלעכע לידער פון די שפּעטערדיקע „יונגע". נאָכמער — אַפילו זייערע פּריוואַט־פּערזענלעכע לידער. ביי ריינגאָלדן איז דאָס יחידישע ליד פאַרבונדן מיט באַטראַכטונגען וועגן נאַטור. קריגט עס דעריבער אַן אַנדער שיין, די שיין פון אַן אויסגעברייטערטן מעטאַפאָר. עס שאַפט זיך די אילוזיע ווי דאָס וואָלט געווען אַ לירישער משל. צו דעם קומט צו ריינגאָלדס באַזונדער־טרויעריקער טאָן, אַ טרויער, וואָס לעבט שטענדיק אין דעם דיכטער:

געדאַנקען צום ערשטן שניי

מיט ווייטיק־ערנסטע ביטערע לידער,
באַגלייט מיט אַ שמערצלעכן וויי,
מיט זיפצן פון הערצן באַגריס איך איצט ווידער
דעם ערשטן געפאַלענעם שניי!

ער וועקט אויף אין הערץ מיר, אַ ביטערן קומער,
די ברוסט ווערט מיט טרערן געפּרעסט,
„אַוועק איז דיין פרילינג, פאַרביי איז דיין זומער,
עס קומען אַן שנייען און פרעסט"!

און אויך אין מיין וועלט פאַנגט אָן דאָרט צו שנייען,
איך שטיי אומבאַוועגלעך און שטום,

ס'ערגרייפן מיך ביטערע שמערצלעכע ווייען,
איך וויין און איך פיל אויך ווארום!...

געווען איז אַ פרילינג, ערקוויקט האָט ער יעדן,
דעם בוים, און די בלום, און דאָס בלאַט;
איך אָבער, עלנדער, זאָגט, וועלכע פריידן
האָב איך דען אין פרילינג געהאַט?...

און פלוצלונג דער פרילינג, די טרייסטונג פון לעבן,
איז שנעל ווי אַ חלום פאַרביי,
אַך, וואָס פיר אַ האָפנונג האָט מיר דען געגעבן,
דער פרילינג, דער זומער, דער מאַי?...

געקנייטשט איז מיין שטערן, און טונקל די אויגן,
דער שפיגל, ער ציינט מיר דאָס: „זע!״
„גראָ איז דיין קאָפּ, אים האָט לאַנג שוין באַצויגן,
דער ערשטער געפאַלענער שניי!״...

(געשריבן דעם 6־טן נאָוועמבער, 1896, געדרוקט אין דעם „טעגלעכער יידישער קוריער״, נאָוועמבער דעם 11־טן, 1896).

אין אַן ענלעך ליריש ליד רירט דער דיכטער אָן אַ רירנדיקע סטרונע. זי קלינגט נאָך אַנדערש אין די לידער ביי אַ פאַרמשפּטן דיכטער, פאַרמשפּט דורך קראַנקייט. ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלע טרערן דערציילן וועגן אַן אומפאַרמיידלעכן גורל. און ווען דער שווינדזיכטיקער פּאָעט בעט זיך, מען זאָל אים לאָזן „צום אָרון זיך זעצן״, צום אָרון פון געשטאָרבענעם פרילינג און ווען ער פרעגט: „ווער זאָגט מיר צי וועל איך דערלעבן דאָס גליק, אַמאָל צו באַגריסן זיין קומען צוריק״ — ווירקט עס, אַזוי עכט איז דער סענטימענט. דער פּאָעט פאַרבינדט דאָס ליד מיט

הערבסט־מעלאָדיען

אומעטיק ציט זיך אַ טויטן־געזאַנג,
ער ציט זיך דורך בערג און דורך טאָלן;
עס טרעטן די זינגער מיט וויימוט און באַנג,

און זינגען זאָ רירנד — קיין פריילעכן קלאַנג,
די טרויער — איז ניט אָפּצומאָלן.
ווער איז דאָס געשטאָרבן? וואָס דייטעט די בויט?
איר ווייסט ניט? דער פרילינג איז טויט?...

ווי רייך איז דאָס פאָרט די נאַטור ערשט געווען!
עס ציטערט אין מיר יעדערס אבר!
אָ, בלומען, און בלעטער, און אַלעס וואָס שיין,
און ראָזן און קווייטן מיט זעלטענעם חן —
דאָס אַלעס גייט מיט אים אין קבר!
און נאַקעט און וויסט בלייבט די גאַנצע נאַטור,
פון שיינקייט — קיין צייכן, קיין שפור!...

אָ, האַלט נאָר אַ ווײַלע, נאָך איין אויגנבליק!
אַך, לאָזט מיך צום אָרון זיך זעצן,
ווער זאָגט מיר, צי וועל איך דערלעבן דאָס גליק,
אַמאָל צו באַגריסן זיין קומען צוריק,
מיט טרערן פון פרייד זיך באַגעצן.
שטיל... פון די הערבסט־מעלאָדיען דער שאַל,
ער פילט אָן מיין זעלע מיט קוואַל.
(„דער טעגלעכער יידישער קוריער”, דעם 25־טן אָקטאָבער, 1896).

אויך דער מאָטיוו איינזאַמקייט פעלט ניט ביי אָט־דעם סענטי־מענטאַלן ליריקער. דער דאָזיקער מאָטיוו איז זעלטן אויפגעקומען ביי סאָציאַלע פאָעטן אין די 90ער יאָרן. מיר געפינען ביי אים אַ סענטי־מענטאַל־געצאַמט ליד אויף דער דאָזיקער טעמע אין זיין ליד

מיין פריינדין

כ׳האָב אַ פריינדין, שיין — אַ פּראַכט,
איך זע איר שטענדיק אַלע נאַכט,
נאָר אימער בייט זי איר געשטאַלט,
אָט איז זי יונג, אָט איז זי אַלט.

זיך זען מיט איר, איז גאָר ניט שווער,
זאָגאַר אין מיטן ברייטן מער,

אַ בליק — אָט ווע איך איר געזיכט,
נאָר קומט דער טאָג, פאַרשווינדט איר ליכט.

זי איז מיין פריינדין, טריי צו מיר,
מיין גרעסטן סוד פאַרטרוי איך איר,
איך קען איר טרויען, פונקט ווי זיך,
דען זי וועט ניט פאַרראַטן מיך...

זי איז זאָ שיין, זאָ ליב, זאָ מילד,
אַ מוסטער וואַרהייט איז איר בילד,
זי טוט איר פליכט אין היץ און קעלט,
„לבנה" הייסט זי ביי דער וועלט...

(„דער טעגלעכער יידישער קוריער", דעם 19־טן אָקטאָבער, 1896).

ריינגאָלד איז אין זיינע לידער טרויעריק־סענטימענטאַל, פול מיט מרה שחורה און אַ מין שטילער נאַאיווער ביטערקייט. דאָס האָט ריינ־גאָלד אַריינגעטראָגן אין דער יידישער פּאָעזיע. דאָס פילן מיר אין זיין סאָציאַלן ליד, אין די בעראַנזשע־צונזער מאָטיוון, אין דער באַלאַדע און אין זיינע ריין־לירישע לידער.

נחום מ. באַבאַד

1903 — 1872

נחום מ. באַבאַד

נאַאום-נחום-נעיטן

די וואונדערלעכע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — דאָס האָבן באַשאַפן די מזרח־אייראָפּעאישע יידישע מאַסן. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז איצט אַ שם־דבר. גרויס זיינען אירע ווערטן אין יידישן און אין אַלגעמיין־אַמעריקאַנער לעבן. געפירט אויף דעם דאָזיקן וועג האָבן עטלעכע כוחות: דאָס אימיגראַנטישע שקלאַפן־לעבן און די שוויץ־פאַבריקן, אויסערגעוויינלעכע מאָראַליש־רעוואָלוציאָנערע ענערגיע און דער יידישער אינסטינקט פאַר יושר. אין די 80ער און 90ער יאָרן, לעצטן יאָרהונדערט, איז דער דאָזיקער וועג געווען אויסגעפלאַסטערט מיט טויזנטער, טויזנטער קרבנות. דאָס האָט דער מלאך המות זיי פאַרזייט אין דעם נייעם באָדן, דורך דער שרעקלעכער פּראָלעטאַרישער קראַנקייט — שווינדזוכט.

דעם גרעסטן טייל קרבנות האָבן צוגעשטעלט די ברייטע אימי־גראַנטישע שיכטן. אויך די יידישע ליטעראַטור האָט בשעתּה געליטן גרויסע אבידות. אירע פיינסטע פּאָעטן זיינען פרי אַוועק פון דער וועלט. אַנדערע זיינען פרי פאַרשוואונדן פון דער ליטעראַטור.

צווישן די דאָזיקע קרבנות איז געווען דער אידעלער פּאָעט נחום מ. באַבאַד. געשטאָרבן איז ער צו 31 יאָר. צען יאָר צייט האָט ער זיך געראַנגלט מיטן מלאך המות. אויפגעהאַלטן האָט אים זיין דיכטע־רישע ענערגיע. דער טרוים וועגן פּאָעטישן באַרוף האָט אים גענערט מיט אַ ניט־איינגעשטילטן לעבנס־דאָרשט. אים האָט אויך גענערט אַן אַנדער כוח: דער טרוים און דאָס גלויבן אין דער ליכטיקער, יושר־דריקער צוקונפט. כמעט אַלע פּאָעטן האָבן בשעתם געגלויבט באמונה שלימה אין דעם אָנקומענדיקן גרויסן יום־הדין — אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פאַר דעם ליכטיקן מאָרגן, וואָס וועט קומען נאָך דעם, זיינען זיי גרייט געווען באַצאָלן מיט ברענגען זיך אַליין פאַר אַ קרבן.

אויף אַזאַ קרבן האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ מאַרטירער. מיט אָט־דער געשטאַלט זיינען געווען פאַרבונדן אַ סך נעפלדיקע באַגריפן: קאָלעקטיווע דערהייבונג, חוב, אידעאַל. און דער לעצטער ציל איז

געוועז — פאַרזיכערן דאָס צוקונפטיקע שיינע לעבן פאַר אַלע מענטשן־קינדער. טייל האָבן עס אויסגעדריקט סענטימענטאַל־זאַכלעך, ווי וויני־טשעווסקי. טייל — עקזאַלטירט, למשל — עדעלשטאַט. באַוושאַווער — אַראַטאָריש־דראַמאַטיש. באַבאַד — מילד און טרויעריק.

באַבאַד איז געוועז צאַרט. דאָך האָט ער אָנגעפירט אַן אומברח־מנותדיקן קאַמף קעגן זיין וויסטן אימיגראַנטישן גורל. געוועז איז עס אַ שטאַרק געפיל — צו וועלן לעבן. ניט געקוקט אויף זיינע שווערע שטימונגען האָט אין אים געגליט אַ שטאַרקער אָפּטימיסטישער פונק. אַ קראַנקער, אַן איבערגעהאַרעוועטער האָט ער אַ סך געשריבן, אַ סך געלערנט. לסוף איז ער געוואָרן אַ דאָקטאָר מעדיצין.

האָט ער פּראַקטיצירט? דאָס איז ניט באַוואוסט. גיכער ניט. דריי יאָר נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן דאָקטער איז ער געשטאָרבן אין סאַן־פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע. געוועז איז עס אין יאָר 1903.

פאַראַן אַ סך פּרטים וועגן באַבאַדן, וואָס זיינען לחלוטין ניט באַ־קאַנט. אַזוי איז ניט באַקאַנט דער נאָמען פון שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. אויך זיין צווייטער יידישער נאָמען איז געבליבן אומבאַקאַנט. אין זיינע רוסישע לידער איז זיין אונטערשריפט געוועז נאַאום מ. באַבאַד. אין זיינע יידישע ווערק — נחום מ. באַבאַד. אין זיינע ענגלישע זאַכן פלעגט ער זיך אונטערשרייבן נעיטן מ. באַבאַד.

זיין מיטלסטער נאָמען אין ענגליש איז גראָד קלאָר און דייטלעך. אין די אַרכיוון פון ווערמאָנט־אוניווערסיטעט („דהי יוניווארסיטי אָוו ווערמאָנט"), אין בוירלינגטאָן, אין שטאַט ווערמאָנט, איז פאַרצייכנט: נעיטן מערעדיטה באַבאַד האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין 1900. ווייסן מיר — פון נחום (נאַאום) איז געוואָרן דער ענגלישער נעיטן. מיר ווייסן זיין צווייטן נאָמען — מערעדיטה. אָבער ווי מערע־דיטה איז פריער געוועז אויף יידיש — דאָס ווייסן מיר ניט.

מיר ברענגען דעם פּרט ניט ווי אַ קוריאָז. הינטער דעם שטייט עפּעס. ס'איז געוועז אַ רוסישער, אַ יידישער און אַן ענגלישער באַבאַד. דאָס איז, אַגב, געוועז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך רוסיש־אַסימי־לירטע אימיגראַנטן. פון רוסיש איז מען איבערגעגאַנגען צו יידיש. און טייל האָבן זיך שפּעטער געריסן פון יידיש צו ענגליש. דאָס איז ניט געוועז דער שפּעטערדיקער באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַל־יידישיסטישער טיפּ. כמעט אַלע סאָציאַליסטן פּאָעטן זיינען בשעתם געוועז קאָסמאָפּאָ־ליטן. נאַאום־נחום־נעיטן, מיט אַ צוגאָב מערעדיטה — אַזוי איז אויך

געווען באַבאַדס ליטעראַריש שאַפן: רוסיש, יידיש און ענגליש. זיינע שאַפונגען האָט קיינער ניט אויפגעהיט. ווי דערמאָנט, ער איז געשטאָרבן אין קאַליפאָרניע, ווייט פון פריינד און קאָלעגן. קיין קרובים האָט ער ניט געהאַט. איז ניט קיין וואונדער, וואָס זיין ליטעראַרישע ירושה איז פאַרפאַלן געגאַנגען. אין ביכל־פאָרם זיינען געבליבן זיינע אומ־באַדייטנדיקע אַרבעטן: אַן אָפּהאַנדלונג וועגן הייגריך היינע; און „די געשיכטע פון אַמעריקע". די „געשיכטע" איז פון קליינעם פאָרמאַט, האָט 96 זייטן און דריי טיילן: 1) די אַנטדעקונג; 2) די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן; און 3) די קאָנסטיטוציע. די אַרבעט איז אַ קאָמ־פילאַטיווע.

דערינערונגען וועגן קינדהייט

נחום באַבאַד איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין בעסאַ־ראַביע, דעמאָלט רוסלאַנד, אין 1872. די משפחה איז געווען אַ חשובע און פאַרמעגלעכע, דורכגעדרונגען מיטן השכלה־גייסט. זיין קינדהייט איז געווען אַ גליקלעכע. ווען ער איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געביטן. ער איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום.

ביז 14 יאָר האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט אַלע שיינקייטן פון דער בעסאַראַבישער נאַטור.

פאַראַן ביי באַבאַדן אַ רוסיש ליד „ראָדינאַ" („היים"), גדערוקט אין ניו־יאָרקער רוסישער צייטונג „ספּראַוואָטשני ליסטאָק" („אינפאָרמאַ־ציע־בלעטל"), דעם ערשטן יאַנואַר, 1893. דערציילט ער אין דעם ליד ווי ער בענקט נאָך זיין היים, נאָך זיין גאָלדענער קינדהייט. באַשרייבט ער אידיליש די שטעטלשע סביבה, ווי זי קומט אין אים אויף אין דער ווייטער פרעמד:

Вот деревенька, Избушки убогия;
Лес обступил живописно вокруг;
Море цветов по степи и дороге,
Где не прошли еще лошадь и плуг.

Бархатом стелются нивы богатыя,
Взор хлебопашца собой веселя;

Солнышко греет. Дремотой объятая
Плещется тихо речная струя.

Дышет все жизнью, здоровьем и силой,
Любо глядеть на луга и поля...
Как не любить тебя, родина милая,
Как не страдать мне вдали от тебя?

(אַט איז דאָס דערפל, די שטיבעלעך אָרעמע; דער וואַלד שטייט אַרום אַזוי שיין ווי אַ בילד; אַ ים בלומען איבער דער סטעפּ און דעם וועג, וואו עס איז נאָך ניט אַדורך קיין פערד און קיין אַקער.

מיט סאַמעט שפּרייטן זיך רייכע פעלדער, פאַרשאַפנדיק פרייד דעם אַקערערס בליק; דאָס זונעלע וואַרעמט, אַרומגענומען מיט דרימל פלעסקעט זיך שטיל אַ טייכלדיק שטרעמל.

אַלץ אָטעמט מיט לעבן, געזונט און קראַפט, ס'איז אַ נחת צו קוקן אויף די לאָנקעס און פעלדער... ווי זאָל מען דיך ניט ליב האָבן, היים, דו ליבע? ווי זאָל איך ניט לײַדן — ווייט פון דיר?).

נאָכן באַשרייבן די נאַטור ווענדט זיך דער דיכטער צו זיין היים:

На черноземе твоем я родился,
И как береза к нему я прирос,
Там я тебя и любить научился
Под обояньем сладостных грез.

(אויף דיין שוואַרצערד בין איך געבוירן געוואָרן, און ווי אַ בערעזע בין איך צו איר צוגעוואַקסן, דאָרטן האָב איך אויך זיך אויסגעלערנט דיך ליב צו האָבן, אונטערן כישוף פון זיסע טרוימען).

אַ קאָנקרעטן פּרט קריגן מיר אַרויס פון דער שורה, וואו ער דערקלערט, אַז דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן זינגען זיין ערשט ליד:

Там моя вера, мой дух укрепились,
Понял цель жизни и свет я узрел,
Там мои лучшие силы развились,
Первую песню свою я пропел.

(דאָרטן האָבן זיך פּאַרפּעסטיקט מײַן גלויבן, מײַן גײַסט, דאָרטן האָב איך באַנומען דעם ציל פֿון לעבן און דאָס ליכט האָב איך דערזען, דאָרטן האָבן זיך אַנטוויקלט מײַנע בעסטע כּוחות, דאָס ערשטע ליד מײַנס האָב איך דאָרטן אויסגעזונגען).

און די לעצטע צוויי סטראָפעס האָבן אויך אַלגעמײַנע פּאָעטיש־ביאָגראַפישע פּרטים. דער דיכטער האָט זיך פֿריער פֿאַרגליכן צו אַ בערעזע. דערציילט ער: אַזוי ווי אַ בערעזע וויאַנעט, זעגנט זיך מיט איר פֿרילינג ווען זי איז צעממיתט ביז די סאַמע וואָרצלען דורכן שטורעם אָדער דורך אַ בייזער אומברחמנותדיקער האַנט, געשרפֿעט דורך דער זון, באַדעקט מיט שמוץ, — אַזוי

Так угнетенный борьбою мучительной,
Чахну и вяну в далеком краю.
Гнет одиночества, грусти томительной
Губит безвременно юность мою.

(אַזוי דערדריקט דורכן מאַטער־געראַנגלען, ווער איך פֿאַרצערט און פֿאַרוועלקט אין ווייטן לאַנד. דער דרוק פֿון איינזאַמקייט, פֿון מרה־שחורה וואָס מאַטערט, ברענגט אום מײַן יוגנט פֿאַר דער צײַט).

זײַן לעבן אין ניו־יאָרק

באַבאַדס מאַטערנישן האָבן זיך ניט אָנגעהויבן אין ניו־יאָרק. ער האָט שוין פֿאַרזוכט זייער טעם ווען ער, דער 14־יעריקער טרוימער און פּאָעט, האָט געמוזט פֿאַרלאָזן זײַן געבוירן־שטעטל. ער האָט זיך איבערגעקליבן צו זײַן חתונה־געהאַטער שוועסטער אין אַקערמאַן. דאָרטן האָט ער דריי יאָר צײַט געלערנט אין גימנאַזיע. ווען ער האָט שוין געהאַלטן גאַנץ ווײַט אין לערנען, איז אויפֿגעקומען אַ סכסוך צווישן אים און זײַנע נאָענטסטע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן תּכלית. די נאָענטסטע האָבן געוואָלט וואָס שנעלער צופּאַסן דעם יונגן טרוימער צו אַ ממשותדיקער באַשעפֿטיקונג. זיי זײַנען באַשטאַנען, ער זאָל ווערן אַן אַפּטייקער. דאָס האָט מען געקענט שנעל דערלערנען. אָבער די פּלענער פֿון זײַנע מקורבים האָבן ניט געשטימט מיט זײַנע אייגענע פּלענער. ער האָט געוואָלט זיך ווײַטער לערנען. ער האָט געטרוימט

צו ווערן אַ פּאָעט, זיך פאַרנעמען מיט ליטעראַטור. דער סכסוך האָט זיך פאַרוואַנדלט ממש אין אַ ברוגז. און אונדזער דיכטער האָט אַליין גע־מוזט לייזן זיין פּראָבלעם. ער האָט פאַרלאָזט דער שוועסטערס היים און איז אַוועק קיין אַמעריקע. אַזוינאַך איז ער צו 17 יאָר אָנגעקומען אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט ניו־יאָרק.

אָן קרובים, פריינד און באַקאַנטע האָט אונדזער טרוימער אָנגע־הויבן זוכן וועגן ווי זיך צו דערנערן. קיין פאַך אין האַנט האָט דער רוסיש־ריידנדיקער אינטעליגענט ניט געהאַט. הונגעריקע אימיגראַנטן האָבן זיך סיי־ווי ניט געקענט אויסקלייבן באַשטימטע אַרבעטן. איז אונדזער דיכטער אַוועק מיטן וועג פון אַלע אימיגראַנטן. ער איז אַריינ־געפאַלן אין דער שוויץ־פאַבריק. געאַרבעט האָט ער דאָרטן צו 14 און 15 שעה אַ טאָג. און פאַר דער שווערער אַרבעט האָט ער געקראָגן צוויי און אַ האַלב דאָלער אַ וואָך. ווי אַזוי ער האָט געקענט אויסהאַלטן די ממש קאַטאָרזשנע אַרבעט, ווי אַזוי ער האָט זיך געקענט דערנערן אויף צוויי און אַ האַלב דאָלער אַ וואָך — דאָס איז פאַר אונדז ניט קיין סוד. עס האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען, בלויז צוויי יאָר צייט, און די צעשטערנדיקע שווינדזוכט האָט שוין אָן רחמנות געמאַטערט אונדזער קרבן, און זי האָט אונטערגעגראָבן זיינע כוחות.

די אַלע דעמאָלטיקע יידישע דיכטער האָבן באַוויזן אי אַרבעטן אין די שוויץ־פאַבריקן אָפט קרוב צו 90 שעה אַ וואָך, אי שטודירן, אי שרייבן. ווי אַזוי זיי האָבן דאָס געקענט טאָן, איז אפשר אַ וואונ־דער. דאָס דערקלערט, אָבער, פאַרוואָס אַזויפיל זיינען יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט. די טרייב־קראַפט ביי אָט די מערקווירדיקע יונגע אידעאַליסטן איז געוואָרן די אילוזיע וועגן בעסערע טעג. דער קינסטלערישער דראַנג, וואָס האָט צוגעהאָלפן דער אילוזיע. נאָכדעם האָט זיך דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ ניט־איינגעשטילטן דאָרשט צו דינען מיטן וואָרט דעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

ווי ביי עדעלשטאַטן, זעלינגען און אַנדערע, איז ביי נחום באַבאַדן געווען נאָך אַ שווערקייט, וואָס האָט נאָך פיינלעכער געמאַכט דאָס לעבן. זייערע קינסטלערישע אימפּולסן, זייערע פּאָעטישע איבערלע־בונגען האָבן זיי געמוזט איבערגעבן אין אַ לשון, וואָס איז זיי געווען פרעמד. זיי האָבן זיך געמוזט איבערברעכן פון זייער נאַטירלעכן רו־סישן אידיאָם אין אַ נייעם אידיאָם. זיי האָבן זיך געמוזט אויסלערנען די שפּראַך פון די מאַסן. זיי האָבן דאָך געטיילט דעם זעלביקן גורל מיט זיי. וועדליק זייך דערציאונג, זיינע בייגונגען און שטרעבונגען

איז באַבאַד ניט געווען צוגעגרייט צו זיין אַ יידישער דיכטער. און דאָך האָט דער גורל אויסגעקליבן עפּעס אַנדערש פאַר דעם רוסיש־אַסימי־לירטן יונגנמאַן. דער גורל האָט פאַר אים אויסגעקליבן דעם וועג פון אַ יידישן דיכטער. און אויך זיין דיכטערישער נאָמען איז געבליבן לעבן בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור, ניט אין דער רוסישער, ניט אין דער ענגלישער, וואו ער האָט זיך געריסן דורכשלאָגן אַ וועג.

בעת ער האָט געאַרבעט אין די שוויץ־פאַבריקן, בעת ער איז שוין געווען קראַנק פון דער אומגעהויער־שווערער אַרבעט, האָט ער נאָך אַלץ געפונען כוח בייקומען אַלע שטערונגען. און ער האָט געחלומט: זיך דערשלאָגן צום ליטעראַרישן דרך המלך. דער דאָזיקער חלום האָט אים ניט פאַרלאָזן אין די פאַרצווייפלטסטע שעהען. דער חלום האָט אים געשטאַרקט מיט אויסערגעוויינלעכע כוחות, אַפילו דעמאָלט בעת ער האָט שוין געשפּיגן מיט בלוט, בעת ער איז שוין געלעגן אין שפּי־טאָל. האָט ער דען ניט צוליב אָט־דעם חלום, פאַרלאָזט זיין היים, סביבה און דעם אייגענעם באָדן, וואָס דאָרטן האָבן זיינע ליטעראַרישע וואָרצלען געפונען יניקה?

אין די ערשטע יוגנט־יאָרן איז באַבאַדן אַפילו ניט איינגעפאַלן — ער וועט ווען עס איז זיין אַ יידישער דיכטער? דאָס גאַנצע יידישע לעבן, די גאַנצע יידישע וועלט, איז געלעגן אויסער דעם גדר פון זיינע אינטערעסן. אָבער זיינע ערשטע לידער האָט ער דערזען געדרוקט אין יידיש. צוויי יאָר נאָך זיין קומען אין באַריר מיט יידישע מאַסן אין די סוועט־שעפּער האָט ער זיך שוין געקענט פריי אויסדריקן אין יידיש. זינט 1891, הייבן זיך אָן ווייזן זיינע לידער אין דער יידישער פּרעסע, על־פּי־רוב אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייער אַרבעטער שטימע". אויך אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" דרוקט ער טייל לידער, ווי, למשל, „מיין פידל" (דעם 29סטן אַפּריל, 1892), „מיין פרילינגס־ליד: וואָרום?" (דעם 3טן יוני, 1892); דאָס ליד אויף עדעלשטאַטס טויט מיטן ענגלישן נאָמען: „אין מעמאָריאַם אָוו ד. עדעלשטאַט" (דעם 18טן נאָוועמבער, 1892).

סוף 1892 נעמען זיך צונויף עטלעכע יידיש־רוסישע אינטעליגענטן צו גרינדן אַ רוסישע צייטונג. זינט דער ערשטער כוואַליע רוסיש־יידישע אימיגראַנטן, אָנהייב 80ער יאָרן, האָט מען שוין אַ סך מאָל געפּרוּווט אַרויסגעבן אַ רוסישע צייטונג. אָבער דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן. די סיבה איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע: די גרויסע מאַסן אימיגראַנטן האָבן גערעדט יידיש און ניט רוסיש; און די צאָל אויס־

שליסלעך רוסיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן איז געווען קליין. דאָס מאָל איז אָנהייב 1893 דערשינען אַ בלעטל „ספּראַוואָטשני ליסטאָק" (איב־פאָרמאַציע־בלעטל). נאָך עטלעכע נומערן איז צוגעקומען נאָך אַ נאָמען: „רוסקאָ־אַמעריקאַנסקי וויעסטניק" (רוסיש־אַמעריקאַנער קוריער). לאַנג האָט זיך די דאָזיקע צייטונג ניט געהאַלטן. זינט זי איז אויפגעקומען איז באַבאַד דאָרטן געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. באַבאַדס לידער האָבן באַשיינט די זייטן פון דער צייטונג, מער ווי די לידער פון אַנדערע שרייבער.

אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן האָט באַבאַד געדרוקט יידישע לידער ביז עס איז דערשינען די דערמאָנטע רוסישע צייטונג. נאָכדעם ווי די דאָזיקע רוסישע צייטונג איז אונטערגעגאַנגען האָט מען זעקס יאָר נאָכאַנאַנד ניט געהערט וועגן אונדזער רוסיש־יידישן פּאָעט. זיין לעבן איז אַוועק גאָר אויף אַן אַנדער שליאַך. געפירט אַהין האָט אים זיין קראַנקייט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשפּאָרט אין די שוויץ־פאַבריקן.

ביים ראַנד פון טויט

צוויי יאָר צייט האָט באַבאַד זיך אינטענסיוו אָפּגעגעבן מיט שרייבן. אָנהייב 1893 איז ער שוין געווען אַ חולה־מסוכן. פאַראַן ביי אים עטלעכע לידער וועגן זיין אומגליק. געשריבן זיינען זיי אין רוסיש. אַפּריל דעם 15טן, 1893, איז אין „ספּראַוואָטשני ליסטאָק" געווען אָפּגעדרוקט זיין ליד „איסכאָדאַ ניעט" (ניטאָ קיין אויסוועג): טרויער, אומעט, דריקט זיין ברוסט, דאָס האַרץ איז אויסגעגעאַנגען אין בענקשאַפט. ווער וועט אָנווייזן אַ ג'יעם וועג, וואו ניט בלויז ענויים זיינען באַשערט דעם אָרעמען? און ער ווענדט זיך צו זיינע פריינד: איז מעגלעך, ס'איז ניטאָ צווישן אייך קיין לעבעדיקע זעל, וואָס וואָלט געקענט פאַרשטיין מיינע יסורים? ווי שרעקלעך ס'איז צו שטאַרבן, זיך לייגן אין קאַלטן קבר, ווען אַלץ אַרום דיר לעבט און פרייט זיך; אומברענגען אין קאַמף דאָס לעבן און אַלץ, וואָס וואַרעמט, אַלץ וואָס ציט... פאַרוואָס? איך האָב ניט אויפגעהערט ליב האָבן די וועלט. מיט אַלע כוחות וויל איך לעבן. איך דאָרשט צו זען ליכט. און פלוצעם קומט באַבאַדס אויסגעשריי:

Спасите, я молю! Ведь я еще не жил.
За что-ж погибну в лучший юности разцвет?

(ראַטעוועט, איך בעט זיך! כ׳האָב דאָך נאָך ניט געלעבט. פאַרוואָס זאָל איך אומקומען אין בעסטן יוגנט־בלי?).

און ער ענטפערט זיך אַליין: ניטאָ קיין תשובה. כ׳בין עלנט, און אומזיסט קוק איך אויף מיינע פריינד מיט תפילה.

זיין געזונט־מצב אין יענער צייט איז געוואָרן זייער געפערלעך. האָט מען אים אַריינגעגעבן אין בית־ישראל שפּיטאָל. פאַראַן זיינס אַ ליד, געשריבן אין שפּיטאָל. ס׳הייסט טאַקע „ווּ׳באָלניצע״ (אין שפּיטאָל). געווען איז דאָס ליד געדרוקט אין „ספּראַוואָטשני ליסטאָק״, דעם 15טן מאַי, 1893.

Быстро уходят последние силы;
Медленей дышет усталая грудь.
Ближе, все ближе сырая могила,
Кончен отравленный жизненный путь!

(גיך גייען אויס די לעצטע כוחות; פּאַמעלעכער אָטעמט די מידע ברוסט. נעענטער, אַלץ נעענטער דער קבר דער נאַסער, פאַרענדיקט דער פאַרסמטער לעבנסוועג).

און ער שליסט דאָס ליד מיטן פאַרלאַנג — כאָטש איינמאָל אַן אָטעם טאָן מיט דער פולער ברוסט, כאָטש איינמאָל פאַרזוכן אַ טראָפּן גליק, אָבער —

Хочется... Глупая мысль и смешная —
Все мне на разные лады твердит...
«Ближе, все ближе могила сырая,
«Час твой последний давно уж пробит».

(ס׳גלוסט זיך... אַ נאַרישער געדאַנק און אַ לעכערלעכער — אַלץ האַלט מיר אין איין זאָגן אויף פאַרשיידענע אופנים... נעענטער, אַלץ נעענטער דער קבר דער נאַסער, דיין שעה, דיין לעצטע, האָט לאַנג שוין געשלאָגן).

אין שפּיטאָל איז ער אַ ביסל געקומען צו זיך. די דאָקטוירים האָבן געעצהט, מען זאָל אים אַוועקשיקן קיין קאַליפאָרניע... אפשר... אולי ירחם...

עטלעכע פריינד זיינע האָבן זיך אונטערגענומען אים באַזאָרגן אויף דער ווייטער נסיעה. אין דעם „ספּראַוואָטשני ליסטאָק", דעם ערשטן יוני, 1893, איז דאָ אַ פאַרצייכענונג „לאָקאַלע כראָניק". דאָס איז אַ נאָטיץ וועגן אַ בענעפיס אין „ווינדזאָר טעאַטער" צו שאַפן פינאַנציעלע מיטלען פאַרן קראַנקן דיכטער. דעם 26סטן מאַי און דעם 2טן יוני, 1893, איז אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" דערשינען די ווייטער־דיקע נאָטיץ: „צו גינסטן דעם יונגן פּאָעט באַבאַד" — אַ בענעפיס, כדי צו קריגן געלט אים צו שיקן אין אַן אַנדער קלימאַט — ווייל ער איז קראַנק".

מען האָט ווי־עס־איז געשאַפן די נייטיקע געלטער און אַוועקגע־שיקט דעם קראַנקן דיכטער קיין קאַליפאָרניע.

קאַליפאָרניע

די ערשטע העלפט פון זיין נסיעה איז אַדורך, קאָנטיק, בשלום. זיינע שטימונגען, אָבער, זיינען געווען געמישטע, דאָך פול מיט האָ־פענונג. אין אַ רוסיש ליד „אין באַן" דריקט ער זיך אויס: „די וואונדן טוען ווי אָן אויפהער, דאָס האַרץ דריקט זיך צונויף פון בענקשאַפט, שווער צו גלויבן אין באַנייאונג! אומעט, צער און ספקות האָבן באַ־הערשט די גאַנצע נשמה". ער באַשרייבט ווי די באַן יאָגט זיך איבער טייכן, טאָלן, וועלדער, צו אומבאַקאַנטע מקומות. די צוקונפט איז פאַר־הוילט אין נעפּל, ס'שמעקט מיט ביטערן געוויטער און שטורעם. יאָג זיך, באַן, יאָג זיך שנעלער, הערסט — דאָס האַרץ קלאַפּט שוואַכער, זעסט — דער בליק ווערט פאַרלאָשן.

דאָך ענדיקט דער דיכטער דאָס ליד מיט ליכטיקערע טענער — אפשר וועט ער אין דער נייער געגנט קענען אָטעמען פרייער, אפשר זיינען דאָרטן פאַראַן וויניקער „פריינד", וויניקער „איסטן", און מער מענטשן.

דאָס ליד האָט ער אָנגעשריבן דעם 10טן יוני, 1893, אין טעקסאַר־קאַנאַ, אַ צווילינג־שטאָט אויף דער גרענעץ צווישן די שטאַטן טעקסעס און אַרקענסאָ. געדרוקט איז דאָס ליד געווען אין „ספּראַוואָטשני ליס־טאָק", דעם ערשטן יולי, 1893.

אויפן וועג ווייטער איז באַבאַד געפערלעך קראַנק געוואָרן. דער באַן־קאָנדוקטאָר און די פּאַסאַזשירן האָבן אים אַרויסגעטראָגן אויף דער

נאָענטסטער סטאַנציע. אַן אַמבולאַנס האָט אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. ס'האָט געגומען שיינע עטלעכע וואָכן ביז דער חולה האָט זיך געקענט שטעלן אויף די פיס. מ'האָט אים אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. אָבער אויף זיין ווייטערדיקער נסיעה איז אים אויסגעקומען זיך איבערפּעקלען פון איין שפּיטאָל אין אַן אַנדערן. דער אמת איז — אַ שפּיטאָל האָט אים ניט געקענט העלפן. אַלץ, וואָס ער האָט געקענט דאָרטן דערגרייכן איז יעדן מאָל אויפסניי קומען אַ ביסל צו זיך.

זיין לאַגע איז געווען אַ געפערלעכע. דער שטאָלצער און איידעלער דיכטער איז געווען געצוואונגען זיך ווענדן נאָך הילף צו זיינע לייענער. דער „ספּראַוואָטשני ליסטאָק" האָט דעמאָלט אפשר צוגעקראָגן מער לייענער. די צייטונג האָט זיך פאַרגרעסערט. זי האָט שוין דעמאָלט געהייסן: „רוסקאָ־אַמעריקאַנסקי וועסטניק" (רוסיש־אַמעריקאַנער קוריער). האָט זיך אין דער אויסגאַבע פון 15טן אויגוסט, 1893, באַוויזן באַבאַדס אַ בריוו אין רעדאַקציע. דאָס איז געווען אַ ווענדונג צו זיינע לייענער: ער האָט זיי געדינט מיט זיין „קראַנקער מוזע". דאָס גיט אים אַ רעכט זיך ווענדן צו זיי נאָך פינאַנציעלער הילף אין שעה פון גרעסטער נויט. גלייך נאָך דער ווענדונג זיינען פאַרצייכנט די סומעס, וואָס מ'האָט תיכף בייגעשטייערט. די רעדאַקציע האָט צוגעטראָגן אַכט דאָלער, איר אַ מיטאַרבעטער — קלענערע סומעס. אינאיינעם האָט מען צונויפגעקליבן עלף דאָלער. נאָך דער פאַרצייכענונג קומען עטלעכע ווערטער פון דער רעדאַקציע, מען זאָל ביישטייערן צו דעם נייטיקן פאָנד. מער קיין פאַרצייכענונג האָבן זיך אין דער צייטונג ניט באַוויזן. די הילף פון ניו־יאָרק איז, קאָנטיק, געווען אַן אומבאַדייטנדיקע.

אין אַ שפּיטאָל אין קאַליפאָרניע, ניט ווייט פון זיין ציל — סאַן־פראַנציסקאָ, איז ער געקומען צו זיך אונטער דער ווירקונג פון נייעם קלימאַט. מ'האָט אים, ווי אין די פריערדיקע פאַלן, אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. קוים שלעפנדיק די פיס האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין סאַן־פראַנציסקאָ.

צו קיין אַרבעט האָט ער זיך ניט געקענט דערשלאָגן. ער האָט געמאַכט זייער אַ שלעכטן איינדרוק אויף די אַרבעט־געבער מיט זיינע הונגעריקע אויגן און מיטן גאַנצן הילוך. זיין פאַלן פון די פיס, זיין אויסזען, האָט נאָך ערגער געווירקט אויף זייער באַשלוס ניט צו געבן אים קיין אַרבעט. ווי אַזוי ער איז ניט געשטאָרבן אויף די פרעמדע גאַסן פון סאַן־פראַנציסקאָ, דאָס איז טאַקע אַ וואונדער.

דערווייל האָט ער זיך דערשלאָגן צו איין סאָרט אַרבעט: אַראָפּצונעמען ווינטרויבן פון די צווייגן. ווען די פּרוכטן ווערן רייף, דאַרף מען זיי וואָס שנעלער אַראָפּנעמען. דעמאָלט ווערן שוין די אַרבעטגעבער ניט איבערקלייבעריש. אַרבעטער, וואָס האָבן שטענדיקע אַרבעט, וואָס האָבן אַ פאַך אין האַנט, קען מען דאָך ניט קריגן. באַנוגנט מען זיך מיט ליידיקגייערס, מיט וואַגאַבונדן, אָרעמע און דערשלאָגענע אימיגראַנטן. מיט אַ גרופּע אָרעמע יאַפּאַנעזער און כינעזער האָט באַבאַד געאַרבעט אויך ביי אַ קאָמפּאַניע גאָלדזוכער אין די בערג, די „ראַקי מאַונטענז". אָפּגעריסן פון דער יידישער און רוסישער סביבה, האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט ענגליש.

דער טרוים וועגן אַ ברייטער ליטעראַרישער טעטיקייט האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. ער האָט געפּרואווט מזל אין דער ענגלישער שפּראַך. בעת דער ערשטער גרויסער וועלט־אויסשטעלונג אין סאַן־פראַנציסקאָ (1894) האָט ער געשריבן פאַר ענגלישע צייטשריפטן. זיינע אַ זאַך איז דערשינען אין דעם „אָווערלענד מאַנטהלי".

דער קאַליפאָרניער קלימאַט האָט גוט געווירקט אויפן קראַנקן דיכטער. ער איז דאָרטן געווען, מן הסתם, אַ 2־3 יאָר. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן זיך פילן בעסער אין געזונט, האָט ער זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק. בלויז אין ניו־יאָרק, האָט זיך אים געדוכט, קען ער האָפן פאַרווירקלעכן גרויסע ליטעראַרישע פּלענער. אין דעם לאַנגגעגאַרטן ניו־יאָרק האָבן זיך זיינע חלומות ניט פאַרווירקלעכט אַזוי ווי ער האָט געהאָפט. זיינע פאַרדינסטן האָט ער געצויגן פון איבערזעצונגען און אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן. אין י. ראָמבראָס אַרטיקל „וואָסכאָד", 1900, 1, זיינען פאַרצייכנט עטלעכע פּרטים וועגן דעם: באַבאַד האָט איבערגעזעצט סענקעוויטשעס ראָמאַנען; זיך געדרוקט אין „סאָנדעי וואָירלד"; וועגן זאַנגווילס אַ דראַמע האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין „האַרפּערס וויקלי".

דעם שרייבער פון די שורות האָט זיך איינגעגעבן געפינען באַבאַדס עטלעכע אַרבעטן אין ענגליש.

אין אַרבעט, „ראָשיאַ ענד דהי פּעער" (רוסלאַנד און די אויסשטעלונג), האָט ער אָנגעשריבן אין סאַן־פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער באַשריבן די רוסישע אָפּטיילונג אין דער וועלט־אויסשטעלונג אין סאַן־פראַנציסקאָ. די זאַך איז געווען געדרוקט אין „אילאָסטרעיטעד אָוואָווערלענד", אַפּריל, 1894. ער גיט דאָרטן איבער געשיכטלעכע פאַקטן, הינטערגרונט, אַ סטאַטיסטישן

און היסטאָרישן איבערבליק וועגן רוסישע אינדוסטריעס. ער דערציילט דאָרטן אויך וועגן רוסישער קונסט.

זיין צווייטע אַרבעט איז „געטאָ: איטס פּאָוס ענד טשעמפּיאָנס" (געטאָ: אירע שונאים און פּאַרטיידיקער). געווען איז עס געדרוקט אין „האַרפּערס וויקלי". דעם 4טן נאָוועמבער, 1899. די ניו־יאָרקער געטאָ איז ניט ענלעך צו די אַמאָליקע געצוואונגענע געטאָס, דערציילט ער אין דעם אַרטיקל. מען דאַרף די ניו־יאָרקער געטאָ ניט אידעאַליזירן און ניט פּאַרדאַמען. די יידן אַליין טרייבן ניט איבער קיין שום זאַכן וועגן דער געטאָ און זיי שעמען זיך ניט מיט זייער איסט־סייד. זיי קריטיקירן זיך אַליין. די יידן גופא זיינען טאָלעראַנט צו זיך אַליין, ניט געקוקט אויף זייער אייגענער קריטיק. אַזוי טוט דער יידישער דיכטער, אַזוי טוט דאָס יידישע טעאַטער. זיי באַמיען זיך איבערגעבן דאָס אמתע לעבן אין געטאָ, אַפילו ווען אין טונקעלע פאַרבן. ער דער־מאָנט אין דעם אַרטיקל יעקב גאָרדינס „די שחיטה", די גרויסקייט פון דער „שחיטה". די געטאָ־איינוואוינער האָבן ליב צו זען אין טעאַטער זייער אייגן לעבן פּאַרגעשטעלט. זיי וויינען און לאַכן דערביי.

די דריטע אַרבעט הייסט „טשיינא ענד ראַשיא" (כינע און רוסלאַנד), געדרוקט אין „אַוטלוק", דעם 28סטן יולי, 1900. דאָס איז אַ פּובליציס־טישער אַרטיקל וועגן רוסלאַנדס ראָל אין כינע אין די 90ער יאָרן, געשילדערט אויפן הינטערגרונט פון היסטאָרישע אַנטוויקלונגען. ער שטעלט זיך אָפּ אויף קולטור־היסטאָרישע און סאָציאַל־פּאָליטישע פּרטים. ער באַציט זיך מיט סימפּאַטיע צו כינע, און ער וואָרנט די אַריינדרינ־גער.

די אַלע אויבן־דערמאָנטע אַרבעטן זיינען גוט געשריבן.

אויסער פאַרשיידענע ליטעראַרישע אַרבעטן האָט ער זיך פאַרנו־מען מיט געבן לעקציעס אין ענגליש. אָט איז אַן אַנאָנס, אין „אבענד־בלאַט", דעם 16טן סעפּטעמבער, 1897:

„נ. מ. באַבאַד, גיט לעסאָנס (לעקציעס) אין ענגליש, 166 ריווינג־טאָן סטריט, 2טער פלאָר (שטאָק)".

ווען, אין וואָסער יאָר, באַבאַד איז אָנגעקומען אין דעם מעדיציניש קאָלעדזש פון דעם ווערמאָנט אוניווערסיטעט, איז ניט באַוואוסט. ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, — אין דעם אוניווערסיטעט־אַרכיוו איז בלויז פאַרצייכנט: נעיטן מערעדיטה באַבאַד האָט געענדיקט דעם מע־דיציניש קאָלעדזש אין יאָר 1900. ער האָט געענדיקט מיטן טיטל דאָקטאָר מעדיצין.

די ערשטע לידער

באַבאַד האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַנטוויקלען ווי אַ פּאָעט. די שטערונגען זיינען געווען — די שוויצפאַבריק, זיין גע־פערלעכע קראַנקייט, די פינאַנציעלע מאַטערנישן, די שווערע אַרבעט אין קאַליפאָרניע און אין די „ראָקי־מאַונטענז". ווען ער איז מער־ווי־ניקער געקומען צו זיך, אַרום 1896, האָט ער זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק, זיך ווידער מאַטערן. שטודירן אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט אים אויך ניט געלאָזן זיך אַנטוויקלען ליטעראַריש. פאַר אַן אימי־גראַנט שטודירן האָט דעמאָלט געמיינט: זיין אַן אַרבעטער און לערנען. דאָס האָט אונטערגעריסן דאָס געזונט פון אַ סך וויסן־דורשטיקע יונגע־לייט. באַבאַד איז ווידער געפערלעך קראַנק געוואָרן ווי נאָר ער האָט געענדיקט אויף דאָקטער. ער האָט זיך ווידער געוואָלט ראַטעווען אין דעם גינסטיקן קאַליפאָרניער קלימאַט. ווי אַזוי ער האָט געלעבט אין קאַליפאָרניע די לעצטע צוויי און אַ האַלב יאָר, איז אונדז ניט באַקאַנט. דער קלימאַט האָט דאָס מאָל ניט געהאָלפן. געשטאָרבן איז ער אין סאַן־פראַנציסקאָ, אין עלטער פון 31 יאָר.

אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן האָט ער זיין ערשט ליד אָפּ־געדרוקט אין יידיש. דאָס איז געווען דאָס ליד „ווי דער וועלט!" (נאָך הענרי מאַקיי), געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע", דעם 18טן דעצעמבער, 1891. באַבאַד איז דעמאָלט אַלט געווען 19 יאָר.

דזשאָן הענרי מאַקיי, דער דייטשישער שרייבער פון שאָטלענדישן אָפּשטאַם, האָט בשעתו באַאיינפלוסט אַ סך אַנאַרכיסטיש־געשטימטע פּאָעטן. אָט־דער סאָציאַל־פּאָליטישער פּאָעט האָט געווירקט אויף יונגע פּאָעטן מיט זיינע אַנאַרכיסטיש־אינדיווידואַליסטישע מאָטיוון. נאָכמער — מיט זיין בונטאַרישקייט. אויך באַבאַד איז געווען באַקאַנט מיט מאַ־קייס לידער.

זיין ערשט אָריגינעל ליד האָט ער אָפּגעדרוקט אין דער זעלבי־קער ציימונג אַ וואָך שפּעטער, דעם 25סטן דעצעמבער, 1891. דאָס דאָזיקע ליד איז געווענדט צום פּאָפּולערסטן פּאָעט אין יענער צייט — צו דוד עדעלשטאַטן. דאָס ליד איז טאַקע געווידמעט דוד עדעלשטאַטן:

> וויין ניט, איך בעט דיך, אומגליקלעכער ברודער,
> וויש אָפּ דיינע טרערן, פאַרגעס אָן דיין שמערץ!

פילסטו ווי דיינע טרויעריקע לידער
שניידן אויף שטיקער מיין אָרעמעס הערץ?

אָ, דו האָסט אויף דיין וועג שוין געליטן
שרעקלעכע צרות, פיל עלנד און נויט —
דיך האָבן געיאָגט און געדריקט פּאַראַזיטן,
האָסט אימער געקעמפט אויף לעבן און טויט.

און קרעכצנדיק, זיפצנדיק קלינגען די סטרונעס
אויף דיין צעבראָכענע, אַלטינקע פידל,
זי שפּיגלט אונדז מעלאָדיעס, ביטערע קינות,
זי זינגט אונדז אַ יאָמערלעך־וויינענדע לידל.

נאָר איך — איך בין יונג און פאַנג אָן צו לעבן
כ'וויל אויף דער ליכטיקער וועלט געבן אַ קוק,
מיין האַרץ וויל אין אַלעס נאָך האָפן און גלייבן,
לאָז מיך, איך בעט דיך, כאָטש טרוימען פון גליק!

הערסטו ווי פריילעך די פייגעלעך זינגען
אין רוישנדע וועלדער, אין בליענדן פעלד?
זעסטו ווי קינדערלעך טאַנצן און שפּרינגען
אַלעס איז מונטער, פרייט זיך און קוועלט!

זינג מיר, ווי זיי, פון דעם פרילינג, דעם זיסן,
פאַרגעס אין דעם ווינטער, ער איז נאָך גאַנץ ווייט!
איך וויל פון דעם לעבן, פון אַלעס געניסן.
ווייל איך בין יונג נאָך, ווייל איך האָב צייט.

דער 19־יעריקער פּאָעט באַבאַד נעמט־אויף עדעלשטאַטס ליד ווי אַ ריין־פּערזענלעכן אויסדרוק. ביז סוף 1891 האָט שוין עדעלשטאַט געשאַפן זיינע מאַרטירער־געשטאַלטן, קאַמפלידער, די עקזאַלטירטע, ראָמאַנטיש־מיסטישע מאַטיוון, וואָס האָבן אויסגעזען ווי סאָציאַלע מיס־טעריעס. דאָס אַלץ האָט דער יונגער באַבאַד ניט אָנגערירט אין זיין ליד צו עדעלשטאַטן. ער רירט־אָן עדעלשטאַטס טרערן־לידער ווי זיי וואָלטן געווען פּערזענלעכע „ביטערע קינות״. באַבאַד בעט עדעלשטאַטן

אויפהערן זינגען דאָס „יאָמערלעך־וויינענדע לידל״. ער, באַבאַד, בעט עס אין נאָמען פון אַן אַנדער לעבנסגעפיל: „איך בין יונג און פאַנג אַן צו לעבן, כ׳וויל אויף דער ליכטיקער וועלט געבן אַ קוק, מיין האַרץ וויל אין אַלעס נאָך האָפן און גלויבן״. און ער ענדיקט די סטראָפע מיט דער בקשה: „לאָז מיך, איך בעט דיך, כאָטש טרוימען פון גליק!״.

אין זיין ליד צו עדעלשטאַטן בעט באַבאַד, מען זאָל אים ניט צעשטערן זיינע שיינע האָפענונגען. ער וויל לעבן. ער וויל מער ניט הערן די טרערן־לידער, די „ביטערע קינות״. אָבער מיט אַ וואָך שפּע־טער לייענען מיר באַבאַדס גאָר אַן אַנדער מין ליד, גאָר מיט אַן אַנדער מאָטיוו. דאָס ליד הייסט „דער נייער יאָר״, געדרוקט דעם ערשטן יאַנואַר, 1892, אין דער זעלביקער אַנאַרכיסטישער „פרייער אַרבעטער שטימע״. אין דעם ליד דערציילט דער דיכטער וועגן דעם רייכן און דעם אָרעמען, וועגן דעם שטאָלצן קייסער און די שקלאַפן. זיי אַלע — „מיט האָפענונג אין דעם הערצן בעגנטשן זיי דעם נייעם יאָר״. וויפל מאָל, שרייבט ער, האָט ער דאָס געהערט.

דער אָרעמאַן טרוימט — „מיר וועלן מער ניט זיין קיין שקלאַפן, פאַלן וועט שוין דער טיראַן״. אָבער ער בלייבט ביי זיינע טרוימען. דער רייכער „גלעט (זיך) דאָס בייכל, קוקט מיט שטאָלץ אויף קופּעס געלט״. דער קנאַקער „האָפט און גלויבט ניט אין דעם טויט״.

און דאָ ווענדט זיך דער דיכטער גיט צו אַ צווייטן, נאָר צו זיך אַליין:

וואָס־זשע ווייִנסטו זאָ מיין פידל
אויף דעם זיסן־נייעם יאָר?
וואָס־זשע שפּילסטו מיר אַ לידל,
וואָס באַטריבט מיין זעלע גאָר.

ניט עדעלשטאַטס פידל וויינט דאָ, נאָר באַבאַדס. ער אַליין ווערט אַ „טרערן־פּאָעט״:

וואָס אַ יאָר נאָר — מערער טרערן,
וואָס אַ יאָר נאָר — מערער בלוט
ווען־זשע וועט דער קאַמף אויסהערן,
וואָס פאָדערט אָפּפער אויף יעדן טריט?

װען־זשע װעט שױן אַמאָל קומען
דער נײַער יאָר, דער נײַער טאָג,
װען די װעלט װעט אין בלוט שװימען
און װעט שרײַען: שױן גענוג!..

אויף דעם זיסן יאָר, דעם נײַעם
װעל איך װאַרטן ביזן טויט,
װען די װעלט װעט זיך באַפרײַען,
ס'װעט ניט זײַן קײן עלנט, נויט!

צװישן באַבאַדס ערשטע לידער איז פֿאַראַן אַ ליד „איך קער ניט”. געװען איז דאָס ליד געדרוקט אונטער באַבאַדס פּסעװדאָנים — ב. א. באַדנאַום, אין דער „פֿרײַער אַרבעטער שטימע”, דעם 8טן יאַנואַר, 1892, אַ װאָך שפּעטער נאָכן נאַרװאָס־ציטירטן ליד. דער טיטל פֿונעם ליד קען אַ ביסל פֿאַרפּירן. „איך קער ניט” — דאָס איז ניט קײן רײן־יידישער זאַץ. באַבאַד נוצט דאָ דאָס ענגלישע װאָרט „קער — אַרן”. דאָס דאָזיקע װאָרט האָט געהערט צום אַמאָליקן אַמעריקאַנישן יידיש. „איך קער ניט” מײנט בײ באַבאַדן — „מיך אַרט ניט”. אַגב, בײ באַבאַדן קען מען טרעפֿן אַ סך אַזעלכע אַמעריקאַניזמען — פּשוט ענגלישע װערטער, װאָס זײַנען בשעתו אַרײַן אין יידיש. בײ אים קען מען געפֿינען דאָס װאָרט „קיקן” (זיך װאַרפֿן) „בעיסמענט” (קעלער) פּאַקעט (קעשענע) און אַנדערע אַזעלכע װערטער. אין דעם נאַרװאָס דערמאָנטן ליד „איך קער ניט...” הײסט בײ באַבאַדן „דער שרעקלעכער קאַמף” — „דער שרעקלעכער פֿאַיט”. אין זײַן יידיש האָבן, קאָנטיק, די פֿרעמדע װערטער געקלונגען גאַנץ נאַטירלעך. בײ אַ סך רוסיש אַסימילירטע אינטעליגענטן איז עס אַזוי געװען. פֿילן יידיש בחוש האָבן זײ ניט געפֿילט. און אַמעריקאַניזמען זײַנען בײ זײ געװען פּונקט אַזעלכע „יידישע” װערטער װי אמת־יידישע. װען עדעלשטאַט האָט זיך אויסגעלערנט יידיש אין די שװיץ־פֿאַבריקן, דעם דעמאָלטיקן אַמעריקאַניזירטן יידיש, האָט ער דאָס דאָזיקע לשון באַטראַכט פֿאַר עכט־יידיש. אַזוי האָט ער אָנגענומען אויך די אַלע דײַטשמעריזמען פֿאַר עכט־יידישע װערטער. די אַנדערע רוסיש־אַסימילירטע אינטעליגענטן האָבן עס אויך אַזוי אָנגענומען. יידיש שרײַבן האָט זיך באַבאַד, קאָנטיק, אויסגעלערנט אין אַמעריקע. באַנוצן זיך מיטן יידישן לשון אין רוסלאַנד, האָט ער זיך ניט באַנוצט. דאָך איז ער געװען גענײגט צו דער בעסאַ־

ראַבישער אויסשפּראַך. ביי אים געפינט מען גראַמען: טאָג (טוג — גענוג), בלוט (בליט) — טריט, יאָר (יור) — שפּור א. אַז. וו.

אין דעם ליד „איך קער ניט" אַרן אים שוין ניט, וואָס „באַלד איז צו ענדע מיין (זיין) לעבן". ער באַקלאָגט שוין ניט זיין „ביטערע לאַגע". די איינציקע טרייסט זיינע איז: ער וועט דערלעבן דעם שרעקלעכן קאַמף, „די ברידער, דאָס פאָלק וועלן ווערן באַפרייט".

איך קער ניט . . .

איך קער ניט דאָס באַלד איז צו ענדע מיין לעבן,
און קיינמאָל האָב איך ניט געוואוסט פון קיין גליק —
פאַרשוואונדן די גאָלדענע האָפענונגען, שטרעבן,
און טרויעריק איז מיין פאַרטונקלטער בליק.

דאָס אימער פון פיינדע געיאָגט און געטריבן,
געוואַנדערט האָב איך אויף דער גרויזאַמער וועלט,
דאָס אייביקע שמערץ האָט מיין זעלע באַטריבן,
די ברוסט איינגעפאַלן פון הונגער און קעלט.

אָ, ניין! איך באַקלאָג ניט מיין ביטערע לאַגע,
מיין לעבן האָט ווייניק וואָס נוצן געבראַכט:
מיר וועט ניט פאַרשאַפן קייןליידן די פראַגע —
וואָרום האָב איך עלנט אין קנעכטשאַפט געשמאַכט?

נאָר איך, ווען דער טויט וועט אַנטקעגן מיר שטייען,
אַלץ שטילער און שטילער וועט קלאַפן דאָס הערץ,
און בּיסלעכווייז וועלן די כוחות אויסגייען,
איך וועל ניט מער פילן קיין פרייד און קיין שמערץ.

אויך דאַן וועט ניט שווייגן דער ריינער געוויסן,
וואָס שווייגט ניט און שטראָפט ביז דער לעצטער מינוט;
ער וועט מיר פאַרטרייבן דעם חלום דעם זיסן,
דאָס אימער געלעבט האָב איך ערלעך און גוט.

ער וועט מיר דערמאָנען, דאָס בלוט האָט געגאָסן,
געפייערט דעם זיג האָט דער בלוטיקער פריינד,
געפאַלן אין קאַמף זיינען ברידער־גענאָסן,
און איך האָב געפירבטעט זיי שטרעקן די האַנט.

און הערשער־טיראַנען געדריקט און געטריבן,
באַשימפּט און באַשמוצט פון די אייגענע ברידער,
געשמאַכט האָבן זיי אין געפענגניש אין קייטן
און איך האָב געזונגען זיי זיסינקע לידער!

איך קער ניט, דאָס באַלד איז צו ענדע מיין לעבן,
און באַלד וועט שוין קלאַפּן מיין לעצטע מינוט,
נאָר טיף אין מיין זעלע האַרט לעבט נאָך אַ שטרעבן,
פילט אָן מיינע גלידער, דערוואַרעמט מיין בלוט —

איך וועל נאָך דערלעבן די גליקלעכע שעה,
ווען סוועט זיך אָנהייבן דער שרעקלעכער פּייט;
מיר וועט דער געוויסן דאָך לאָזן צורו —
די ברידער, דאָס פאָלק וועלן ווערן באַפרייט!

אינגאַנצן מיליטאַנטיש, אַפילו פאַרטייאיש, איז ער אין דעם ווייטערדיקן ליד „ברידער, שטייט־אויף!" געדרוקט אין „פרייער אַרבעטער שטימע", דעם 15טן יאַנואַר, 1892. דאָס איז אַ רופליד צו די אַרבעטער־מאַסן זיך אָנבנעמען, קאַנטיק, פאַר די אַנאַרכיסטן, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן דעמאָלט שטאַרק אַטאַקירט.

ברידער, שטייט אויף!

ברידער, וואָס שלאָפט איר, וואָס שטייט איר פון ווייטן,
הערט איר ניט אונדזער אויפרוף, געשריי?
קענט איר פאַרלאָזן, דאָס פון אַלע זייטן
זאָל אונטערדריקט ווערן אונדזער פּאַרטיי?
קענט איר דען שווייגן, ווען אונדזערע ברידער
שימפּפן איך, שמוצן, ווי שרעקלעכע פיינד?

קענט איר דען צוזען, ווי בוזלערס, באַטריגערס
הייבן אויף אייך זייער שמוציקע האַנט ? ;
שווער אונדז צו קעמפן מיט גרויזאַמע פלאַמען,
ווען זיי אַרומרינגלען אונדז, ברענען די הויט !
אומעטום זוכט מען אונדז דריקן, פאַרהאַמען,
שאַפן אונדז אייביקן הונגער און נויט !
ווייל מיר דערלאָזן ניט זיך צו פאַרשקלאַפן,
מוטנטערן־אויף אייער מוטלאָזעס הערץ,
ווייל מיר אויסשטרעקן די הענט צו די וואפן,
ווילן ניט ליידן מער עלנט און שמערץ.
ס'איז ניט קיין וואונדער, ווען קאַפּיטאַליסטן
דריקן אונדז, יאָגן אונדז, קערן די וועלט,
ווען זיי פאַרפאָלגן פאַרשיידענע „איסטן",
רויבן זייער לעבן, זייער אַרבעט און געלט.
נאָר ווען די היימישע הינט ווילן שרייען
שטערן אייער אַרבעט, פאַרצאַמען אייער וועג,
ברידער, פון זיי איז נאָך גרינג צו באַפרייען,
אָפּווישן ווידער דעם שענדלעכן פלעק.
שלאָפט־זשע ניט ווייטער, טרעט איין אין די רייען —
פאָרווערטס אין ביטערן צווייפאַכן פייט,
אויב אייער שטרעבן איז זיך צו באַפרייען,
יעצט איז געקומען די ווירקלעכע צייט !
ציייגט, אַז איר קענט ניט נאָר ריידן פון פרייהייט,
שטרענגט אָן די קרעפטן, און נעמט אייך צונויף !..
זאָלן זיי זען אייער הייליקע טרייהייט —
הערט איר ניט, ברידער, מיין רופן : שטייט אויף ?!
שטייט אויף קעגן הערשער און פּאַראַזיטן,
שטייט אויף קעגן ברידער — נידעריקע פיינד,
שטייט אויף, אום אייער לעבן, אייער גליק צו פאַרהיטן
וועקט אויף צו דער אַרבעט די צאָלרייכע פריינד !

אין אָט־דעם ליד שטייט שוין פאַר אונדז אַ קעמפער. און די אַנטוויקלונג איז דאָ, קאָנטיק, געווען אַ האַסטיקע. אָט־ערשט, מיט אַ חודש צוריק, האָט ער אָפּגעדרוקט זיין ליד צו עדעלשטאַטן און אים געבעטן, ער זאָל אים לאָזן „כאָטש טרוימען פון גליק". און איצט איז ער אַ וועקער, אַ רופער.

זיינע מאַטיוון

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף באַבאַדס ערשטע לידער ניט בלויז צוליב ליטעראַטור־היסטאָרישע טעמים. אין זיינע ערשטע לידער גע־פינען מיר זיינע הויפּט־מאַטיוון. מען מוז צוגעבן: דריי גורמים האָבן שטאַרק באַווירקט זיינע לידער, זיין גאַנצן גאַנג אין דער פּאָעזיע. זיי זיינען: דער דראַנג נאָכן אייגענעם, יחידישן גליק — „די ליכטיקע וועלט"; די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע ווירקלעכקייט; און — זיין קראַנקייט. די דריי גורמים זיינען אויך די וויכטיקסטע מאַטיוון אין זיין פּאָעזיע.

לאַנג האָט באַבאַד ניט געשריבן. אינגאַנצן אַרום פינף — פינף און אַ האַלב יאָר, אויף וויפל דאָס לאָזט זיך פעסטשטעלן. עס זיינען געווען צוויי פעריאָדן אין זיין שרייבן. דער ערשטער פעריאָד — פון סוף 1891 ביז עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי מען האָט אים אַוועקגעשיקט אַ געפערלעך קראַנקן קיין קאַליפאָרניע, אין מיטן 1893. זיין לעצט ליד אין ניו־יאָרק האָט ער געשריבן אין בית־ישראל שפּיטאָל. דאָס ליד הייסט: „מיין לעצטע בקשה" („פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 19טן מאַי, 1893). זיין לעצטע בקשה איז, מען זאָל אים ניט מקבר זיין מיט „די גרויסע, די רייכע". ער בעט זיך:

> אָ, טראָגט מיך אַהין צו די פעלדער די פרייע,
> וואו יעדן יאָר קומען די שקלאַפן די טרייע,
> באַגיסן מיט שווייס די פאַרשאָלטענע ערד —

און אויב עס איז אמת, אַז דער גייסט לעבט אייביק, וועט ער רופן צו זיי, זיי שיקן אַ גרוס:

> איך וועל זיי דערציילן, אַז כל־זמן זיי לעבן —
> מוזן זיי קעמפן, מוזן זיי שטרעבן
> צו וויסן פון פרייהייט און פרייען גענוס.

באַקאַנט זיינען פיר לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין סאַן־פראַנ־ציסקאָ, אויך אין 1893. איינס איז אַ יידיש ליד „צום פּאָעט" (פריי נאָך מינסקי), געשריבן אויך אין 1893, דעם 26סטן אויגוסט. געדרוקט איז דאָס ליד גראָד ניט אין דער אַנאַרכיסטישער „פרייער אַרבעטער שטי־מע", וואָס אין איר נאָמען האָט ער געשריבן דאָס ליד „ברידער, שטייט־

אויף!". דאָס ליד איז געדרוקט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „אַרבייטער צייטונג", דעם 15טן סעפּטעמבער, 1893.

דאָס צווייטע ליד איז אין רוסיש „מעטשטי אי דעיסטוויטעלנאָסט", געשריבן דעם 18טן אויגוסט, 1893, געדרוקט מיט אַ חודש שפּעטער, דעם 20סטן סעפּטעמבער, אין „רוסקאָ־אַמעריקאַנסקי וועסטניק". דאָס דריטע ליד „איז דניעווניקאַ" (פון טאָגבוך) האָט ער אָנגעשריבן דעם 24סטן יולי, 1893. געדרוקט איז דאָס ליד אין דער זעלביקער צייטונג, דעם 15טן אויגוסט, 1893. צום טייל איז דאָס ליד פריי איבערגעאַרבעט פון יידיש — „פון מיין אַלבאָם", „פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 11טן מערץ, 1892. דאָס פערטע ליד, אויך אין רוסיש — „מאָיאַ פּעסניאַ" (מיין ליד) איז געווען געדרוקט אין דער דערמאָנטער צייטונג, דעם ערשטן נאָוועמבער, 1893.

דער צווייטער פּעריאָד אין זיין שרייבן געדויערט, אַן ערך, פון סוף 1896 ביז מיטן 1900.

זיין בעסט רוסיש ליד איז „זימניאַ מאָטיווי", (ווינטער־מאָטיוון), געדרוקט אין „ספּראַוואָטשני ליסטאָק", דעם 15טן יאַנואַר, 1893. מיר ציטירן דאָס ליד בשלימות:

Зачем, дитя, дрожишь, испуганно взирая,
На мрачный вид полей пустынных и лесов,
Как тихо, в ледянных оковах замирая,
Уснул ручей, замолкли песни соловьев?

Как снег валит, мятель и вьюга злится,
И кровь твою младую стужа леденит,
Сверкая, как алмазы, иней серебрится,
Уныло ветер свищет, воет и гудит.

Ты помнишь миг: шумел зеленый бор,
Сияло солнце, всходы согревая;
Журча, звеня, неслися речки с гор,
Волной лилася песня вольная, живая.

И все душой изнемогая, плачешь ты
И в даль глядишь с уныньем и тоской,

И ждешь прихода золотой весны,
Как ждет ее, надеясь, гаснущий больной...

Не плачь, дитя, скорей пройдет зима
И вновь настанет время чудное, былое,
Проснется степь и лучше зацветет она;
Теплом согреет землю солнце золотое, —

Чем мрак души твоей рассеется во прах,
Чем яркий луч пробьет душевный лед,
Когда кругом с надеждой светлою в сердцах
Все мирно заживут, не ведая забот,

И только ты один, душой стремясь на волю
Не веря в правду, в идеал людской,
Томиться будешь, проклиная долю —
О, плачь тогда! — уж не согреешься весной!

אין אַ פרייער איבערזעצונג, אָן גראַמען, וועט עס קלינגען אַזוי:

וואָס ציטערסטו, קינד, קוקנדיק מיט שרעק
אויפן חושכדיקן אויסזען פון מדברדיקע פעלדער און וועלדער,
ווי שטיל, אָפּשטאַרבנדיק אין אייז־קייטן
איז דאָס טייכל אַנטשלאָפן; אַנטשוויגן — די לידער פון די נאַכטיגאַלן.

ווי ס'וואַליעט עס אַ שניי, עס בייזערט זיך אַ שטורעם און אַ זאַווערוכע
און דיין יונג בלוט פרירט די קעלט,
פינקלענדיק ווי דימענטן, זילבערט זיך דער פאַרפרוירענער טוי,
אומעטיק סווישטשעט דער ווינט, וואָיעט און הודיעט.

געדענקסט די רגע: גערוישט האָט דער גרינער סאָסנע־וואַלד
די זון — געשיינט, וואַרעמענדיק שפּראָצנדיקע פלאַנצן;
מיט מורמל און געקלאַנג, האָבן זיך געטראָגן טייכלעך פון די בערג,
ווי אַ כוואַליע האָט זיך געגאָסן דאָס פרייע, לעבעדיקע ליד.

און דו ווײנסט פּאַרט — אויסגײיענדיק מיט דער נשמה,
און קוקסט אין דער ווײַט מיט אומעט און מיט בענקשאַפֿט,
און וואַרטסט אויפֿן אָנקומען פֿון פֿרילינג גאָלדענעם,
ווי ס׳וואַרט אויף אים, מיט האָפֿענונג, אַ צאַנקענדיקער חולה...

ניט וויין, מײַן קינד, גיך אַוועקגיין וועט דער ווינטער,
און ווידער וועט אויפֿקומען די פֿריערדיקע וואונדערלעכע צײַט,
ס׳וועט אויפֿוואַכן די סטעפּ און אויפֿבליִען נאָך בעסער;
מיט וואַרעמקייט וועט די זון, די גאָלדענע, דערוואַרעמען די ערד —

מיט וואָס דאָס חשבות פֿון דײַן נשמה וועט זיך אין שטויב צעזייען,
מיט וואָס דער העלער שטראַל וועט דורכברעכן דער נשמהס אייז, —
ווען אַרום מיט האָפֿענונג ליכטיקער אין הערצער
וועלן אַלע אָנהייבן פֿרײלעך לעבן, ניט וויסנדיק פֿון זאָרג.

און דו אַליין בלויז, מיט דער נשמה שטרעבנדיק צו פֿרײַהייט,
ניט גלויבנדיק אין אמת, אין מענטש־אידעאַל,
וועסט שמאַכטן, פֿאַרשילטנדיק דעם גורל —
אָ דעמאָלט, וויין! — דער פֿרילינג וועט דיך שוין ניט דערוואַרעמען!

אין ענגליש האָט באַבאַד, קאָנטיק, ניט געשריבן קיין לידער. אין ענגליש האָט ער מן הסתם געשריבן בלויז עטלעכע אַרטיקלען, אפֿשר דערציילונגען, און געאַרבעט אויף איבערזעצונגען.

וועגן באַבאַדס רוסישע לידער קען מען קיין סך ניט שרייבן. זיי געהערן צו זײַן ערשטן פּעריאָד. עס זײַנען ניט באַקאַנט זײַנע רוסישע לידער שפּעטער פֿון 1893. די לידער, וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען האָבן בשעתו געמאַכט זייער אַ גוטן אײַנדרוק אויף די רוסיש־רײדנדיקע קרייזן אין אַמעריקע. באַבאַדס פּערז איז געווען אַ מוזיקאַלישער, אַ ריטמיש־פֿליסיקער, פֿול מיט טרויער און אומעט. די לידער האָבן על־פּי רוב געטראָגן אַן אויטאָביאָגראַפֿישן, אַן אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער. מ׳הערט אין זיי אַ נאַדסאָן־טאָן, אַ פֿאַרצווייפֿלט־אַפּשטאַרבנדיקן נאָכקלאַנג. זיי זײַנען געווען עכט און אייגן, אָבער ניט אָריגינעל.

באַבאַדס נאַדסאָן־טאָן טרעט אָפּ אין זײַנע יידישע לידער. דאָס אָרט פֿאַרנעמט דער סאָציאַלער מאָטיוו, מיט דער גאַנצער אָנגענומענער לעק־

סיק פון דער דעמאָלטיקער סאָציאַלער פּאָעזיע. זיין סאָציאַלער מאָטיוו איז, אָבער, זייער שטאַרק צונויפגעוועבט מיט זיין יחידישקייט. און זיין יחידישקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין דראַנג נאָך פּערזענלעכן גליק. נאָכמער — אין זיין דראַנג בייצוקומען זיין קראַנקייט.

די ליכטיקע וועלט

דער מאָטיוו „די ליכטיקע וועלט" איז ביי באַבאַדן זייער ניכּר. ער ווערט אויסגעדריקט אויף פאַרשיידענע אופנים. „נאָר איך — איך בין יונג... מיין האַרץ וויל אין אַלעם נאָך האָפן און גלויבן", אַזוי דריקט ער אויס דעם דאָזיקן מאָטיוו אין זיין ליד געווידמעט עדעלשטאַטן. ער וויל „פאַרגעסן... דעם ווינטער". ער וויל לעבן מיט „דעם פרילינג דעם זיסן".

אין זיין ליד „צום נייעם יאָר" הערן זיך טענער פון אַן עפּיקור־רייער:

הייבט די גלעזער, שוועסטער, ברידער!
לוסטיק זינגט פאַרגניגנס־לידער
דענקט ניט נאָך, וואָס איז געוועזן,
זאָרגט ניט, דאָס פיליכט נאָך שלימער
וועט זיין מאָרגן שפּעטער, אימער,
וואָס העלפט יאָמער און געחיין?

ניט געקוקט אויף די האָפערדיקע טענער, פאַרגעסט ער ניט וועגן ווערן „באַפרייט". וועגן דעם וואָס קעמפט. ניט אינגאַנצן קלאָר איז זיין סאָציאַלער אויספיר. ער איז אָבער פאַראַן. אין דעם דאָזיקן טרינק־ליד הייסט ער — „גלייכט פאַר איינמאָל אויס די גלידער! פאַנגט־אָן היינט — די בעסטע צייט". ווען יעדער „היינט" וועט ווערן פרייער, וועט שוין במילא דער נייער יאָר זען אַלעמען באַפרייט. איז זאָל מען קעמפן „היינט": „ווער עס קעמפט — דעם דינט די צייט". אין אָט־דעם ליד איז באַבאַד אַ מין סאָציאַלער עפּיקורייער.

אין אַן אַנדער ליד „פון מיין אַלבאָם" („פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 12טן פעברואַר, 1892) הערט זיך ווידער דער זעלביקער מאָטיוו —

אַך, שטאַרבן ווען אַלעס איז גליקלעך, צופרידן,
זאָ פראַכטפול, זאָ שיין איז די ליכטיקע וועלט

פאַראַן ביי אים אַ ליד „אין איין אַלבום" („פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 20סטן אָקטאָבער, 1899) וואו ער רעדט צום מוטיקן אַרבעטער — „ווען דו לאַכסט און דו טאַנצסט און דו זינגסט פול מיט פרייד". זיך, און זיינס גלייכן באַטראַכט באַבאַד ווי מענטשן, וואָס „צעפליסן אין טרערן, און פאַרלייגן די הענט און באַקלאָגן דיין יאָך". ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיט אָנזאָגן:

לעב און לאַך און געדענק, דאָס (אַז) פאַר יענע, וואָס קלאָגן —
דער בית עולם אַליין האַלט אָפן די טיר...

אויך אין זיין רוסיש ליד „זימניאַ מאָטיווי" (ווינטער־מאָטיוון), פריער ציטירט, געפינען מיר דעם דיכטערס שטאַרקן גלויבן: „שנעל וועט אַריבער דער ווינטער, און ווידער וועט אויפקומען די פריערדיקע וואונדערלעכע צייט, ס'וועט די סטעפּ דערוואַכן און בעסער וועט זי אָנהייבן בליען; און די גאָלדענע זון וועט מיט וואַרעמקייט דערוואַרעמען די ערד".

דער מאָטיוו „די ליכטיקע וועלט", קומט־אויף זייער אָפט אין זיינע לידער. דער דראַנג צו לעבן איז ביי אים אַ הויפּט־מאָטיוו. שטענדיק, אָבער, איז דער מאָטיוו צונויפגעוועבט מיטן סאָציאַלן מאָטיוו. מיר הערן אים שטענדיק אויפן הינטערגרונט פון סאָציאַלן לעבן.

די סאָציאַלעווירקלעכקייט

דער כלומרשטער עפּיקורייער באַבאַד האָט פאַרמאָגט דאָס, וואָס מיר קענען אָנרופן מיטן נאָמען — סאָציאַל געוויסן. אָט־דאָס געפיל האָט געשאַפן אין אים פאַרשיידענע קאָנפליקטן. זיין שטאַרקער יחידישער פאַרלאַנג, דער דראַנג צום לעבן, צום „פרילינג דעם זיסן", צו דער „ליכטיקער וועלט" — דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער אימיגראַנטישער שוויץ־פאַבריק. דאָס איז געווען אַ שוידערלעכע ווירקלעכקייט פאַר דעם אַסימילירטן אינטעליגענט. ער האָט דערזען די דאָזיקע וועלט אין איר גאַנצער גרויל. נאָכמער — ער איז געוואָרן איר קרבן.

דאָס יחידישע און דאָס סאָציאַלע האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויף אַן אופן, וואָס איז אָן אויסגאַנג. ביי באַבאַדן איז דאָס געוואָרן אַ פראַגע וועגן זיך, וועגן זיין אייגענעם גורל. דאָס איז, אָבער, אויך געוואָרן אַ

סאָציאַלע פּראָבלעם. מער ווי דאָס — אַ פּראָבלעם פון „ריינעם געוויסן", „וואָס שווייגט ניט און שטראָפט ביז דער לעצטער מינוט".

אין זיין פריער־דערמאָנט ליד „איך קער ניט" דריקט ער אַפילו אויס אַ מאָדנע שולד־געפיל לגבי זיינע „ברידער־גענאָסן". „בלוט האָט געגאָסן", „געפייערט דעם זיג האָט דער בלוטיקער פיינד", „געפאַלן אין קאַמף זיינען ברידער־גענאָסן" — און איך, זאָגט דער פּאָעט אויף זיך, „איך האָב געפירכטעט (מורא געהאַט) זיי שטרעקן די הענט.". און ווען זיי האָבן „געשמאַכט... אין געפענגעניש, אין קייטן", האָט ער זיי בלויז „געזונגען... זיסינקע לידער".

דאָס געוויסן־געפיל האָט דעם יחידישן באַבאַדן געטריבן צום סאָציאַלן מאָטיוו.

און ווען די ליבע, יונג און רייצנד שיין,
פלעגט צאַרטלעך, פריינדלעך צואווינקען צו מיר,
האָב איך געענטפערט שטאָלץ „איך קען ניט גיין
זאָ לאַנג דער קאַמף זידט, שטורעמט ביי מיין טיר".

פאַראַן ביי איב רגעס, ווען ער וויל „פאַרגעסן די פליכט, צו ליידן מיט אַלע, וואָס קעמפן און פאַלן". ער ווענדט זיך צו זיין פידל, זי זאָל אים זינגען אַ פרילינג־ליד. די סטרונעס שוויגן. גאָר אַנדערע טענער „פאַרהילכטן די לופט".

קעמפט ביז עס שלאָגט נאָך אין בוזעם דאָס הערץ,
— — — — — — — — — — — — — — — —
קעמפט פאַר אַ פרילינג, וואו אַלעס איז פריי.

(„פרילינגס־ליד")

און אין דעם זעלביקן גייסט האָט ער געשריבן אַזעלכע לידער ווי, למשל, דאָס ליד וועגן די שיקאַגע־מאַרטירער —

צום 11טן נאָוועמבער

און ווידער איז דאָ שוין דער יאָרצייט דער זעלבער,
ווען טויט האָט פינף קעמפער, פינף העלדן באַפרייט.

אַ טויט אַזאַ שענדלעכער, דאָך אַזאַ הייליקער —
דער טויט פון מאַרטירער וואָס פאַלן אין שטרייט.

עס בייטן זיך צייטן, עס פליען די יאָרן
פיל ברענענדע פראַגן צערייסן דעם מוח ;
עס ווערן באַגייסטערטע קעמפער געבאָרן —
סאָלדאַטן דער פרייהייט מיט מוט און מיט כוח.

טיראַנען פאַרשווינדן און אַנדערע קומען.
דאָס לעבן — עס גייט דעם געוויינלעכן גאַנג:
פאַר איינעם — ברענגט פראַכטפולע שמעקנדע בלומען
פאַר אַנדערע — פינצטערניש, מאַנגל און צוואַנג.

נאָר יעדן יאָר הערט זיך אַ שטימע אַ זעליקע
אַ וועקנדע שטימע פון קבר אַרויס :
דאָס וועקן די טויטע, מאַרטירער, די הייליקע,
די לעבנדע שקלאַפן — זאָ קליין און זאָ גרויס :

זאָ קליין, ווען פאַרמוטשעט פון אַרבעט ערדריקנדע,
זאָ גרויס, ווען זיי נעמען זיך מוטיק צום שטרייט,
זאָ קליין, ווען צופרידן צו אָטמען ערשטיקנדע
גיפטיקע לופט, — גרויס, ווען זיי ווערן באַפרייט.

אָ, ברידער, פאַרגעסט ניט דעם יאָרצייט, דעם זעליקן !
אָ, הערט אויס די שטימע, וואָס רופט אייך און וועקט :
גוט איז דער טויט אין אַ קאַמף, אין אַ הייליקן,
פיל בעסער ווי לעבן מיט שאַנדע באַדעקט !...

זיין קראַנקייט

בעת באַבאַד איז געווען געפערלעך קראַנק, האָבן אין אים ווידער אָנגעהויבן אויפקומען יחידישע טענער. די סאָציאַלע מאָטיוון זיינען ניט פאַרשוואונדן פון זיין ליד. זיי זיינען אָבער געוואָרן באַ־פאַרבט מיט זיין אייגענעם „איך”. די צוויי לידער (אַ יידיש און אַ

רוסיש ליד), וואָס ער האָט געשריבן אין בית־ישראל שפּיטאָל, און עס־לעכע לידער אײדער מ'האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל, — דאָס זײַנען יחידישע פאַרצווייפלונג־אויסגעשרייען און בקשות. פאַראַן ביי אים אַ רוסיש ליד „מעטשטי אי דעיסטוויטעלנאָסט". דאָס געהערט צו די לעצטע רוסישע לידער, געשריבן אין סאַן־פראַנציסקאָ. קאָנטיק, דאָס ליד האָט ער געשריבן וועגן אַ קינדהייט־געליבטע, וואָס איר קבר האָט ער געלאָזן אין רוסלאַנד. זי, שרייבט ער, האָט אים באַגייסטערט און גערופן, ער זאָל זיך אַרײַנוואַרפן אין קאַמף פאַר די ברידער, פאַרן הייליקן אידעאַל. „און איך בין אַוועק — וואַרפט ער זיך פאָר — אַרום איז דער קאַמף געווען אין ברען, די ליידנשאַפטן האָבן געזאָדן, אַ ברו־דער איז אויפגעשטאַנען קעגן אַ ברודער". און — דער הייליקער אי־דעאַל איז געווען „פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט".

„איך האָב געהאַסט דעם שטורעם". אַן אַנדערן זון־אויפגאַנג האָט ער אָנגעזאָגט. די שונאים פון פרייהייט האָט ער פאַרשאָלטן. ער האָט געמונטערט די שוואַכע און געליטענע מיט זיין ליד. „איך האָב, שרייבט ער, געלעבט זייער לעבן, מיט זייער חולאת געליטן". „די ברידער האָבן ניט אָפּגעשאַצט, און אין שעה פון אומגליק, אַ פאַרלאָזענער, האָב איך אומזיסט גערופן זיי... דער קאַמף איז געווען אַ גרויזאַמער! און אַן אויסגעמאַטערטער בין איך געפאַלן". ער ווענדט זיך צו זיין פאַר־שטאָרבענער געליבטער, וואָס האָט אים געשטויסן אין קאַמף. און איצט, אין דער פרייער קאַליפאָרניע, וואו אַלץ איז פול מיט לעבן, לעבט ער אַ פאַרשטויסענער, אַ קראַנקער און בענקט אַהיים. „דיין יונגער פריינד, דער פאַרמאַטערטער, וואַרט אויף דער רעטונג — טויט". און דער דיכ־טער פאַרגלייכט זיך צו אַ געשמידטן אָדלער, וואָס האָט פאַרלוירן די כוחות. דאָך רייסט ער זיך צו די שפּיצן בערג.

דאָס רייסן זיך צום לעבן איז געוואָרן אַ פאַרשאַרפט, אַ שטענדיק געמיט, וואָס האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט דעם דאָזיקן צושטאַנד אויסגעדריקט אין אַזעלכע לידער, ווי —

טויט און לעבן

ניין. ניט דער טויט איז שרעקלעך; ס'גיבט אַ צייט
ווען צו זיין שאַרפן חלף שטרעק איך אויס די הענט,
ווען יעדער נערוו פון הערצן בעט און שרייט:
קום שנעל, דערלייזער, מאַך צו אַלעמען אַן ענד!

צו גוטע האָפענונג, וואָס שפּילן זיך מיט מיר,
פּונקט ווי אַ קאַץ שפּילט אָפּט זיך מיט אַ מויז;
צו שיינע פאַנטאַזיען, רייצנד גאָר אָן אַ שיעור —
וואָס מאַכן אַ פּאַלאַץ פונעם געמיינסטן הויז!

צו פרייטיקשאַפּטס שבועות — הערלעך, טריי און זיס,
דאָס ווייםוטס זיפצן שטומען פון זייער קלאַנג —
די שלאַנגען, וועלכע קריכן, קושן דיר די פיס,
אום בעסער דיך צו דריקן אין זייער ווילדן צוואַנג.

צו ליבעס שמייכל — ליכטיק, ווי דער ערשטער שטראַל,
וואָס שיקט אַ שטראָם פון לעבן דורך זיין מידעס הערץ,
אום נאַכער עס צו פילן מיט דער ביטער גאַל,
אויף אייביק לאָזן עס — אַ נעסט פון בלוט און שמערץ!

ניין, ניט דער טויט איז שרעקלעך! ער אַליין
ברענגט פרידן אַלע — אָרעם זאָ ווי רייך.
די מאָנומענטן מעגן גרויס זיין אָדער קליין,
דאָך אונטער זיי די מתים שלאָפן אַלע גלייך!

ניין, שרעקלעך איז דאָס לעבן: יעדן טאָג
אַ נייער טויט מיט אַלע זיינע שווערע שמערצן,
בלויז אָן דעם שלאָף, וואָס לאַכט פון קלאָג
וואָס מאַכן דעם וואָרעם שטיל דאָרט טיף אין הערצן.

און דאָך, ווי ווילט זיך לעבן — לעבן לאַנג!
אַ ווילדע לוסט אָן לאָגיק, אָן פאַרשטאַנד!..
און ווען איך דענק, איך הער זיין חלפס קלאַנג,
ווי דום איך בעט: „אָ, טויט, האַלט אָפּ דיין האַנט!”

אין די לעצטע לידער זיינע איז ער סקעפּטיש און פאַרלוירן. אין זיינע סאָציאַלע לידער ווערן בולטער די פערזענלעכע טענער, טענער פון אַ זייער סענסיטיוון מענטש. באַבאַד איז שטענדיק געווען געניגט צו ראָמאַנטיזם. „די ביטערע ווירקלעכקייט” פאַרוואַנדלט ער אין כמו־

אַבסטראַקטע אַלעגאָריעס. ווען עס קלייבט זיך דער לאַנג־דערוואַרטער שטורעם, האָפט ער:

— אַז דער רעגן זאָל גיסן אָן ענד
און פאַרפלייצן די וועלט, ווי דער מבול פאַרצייטן,
און פאַרוואשן דאָס בלוט, וועלכע מענטשלעכע הענט
גיסן טעגלעך, ווי וואַסער, אין נוצלאָזע שטרייטן...

און ווען דער שטורעם גייט פאַרביי, ווערט ער צעריסן צווישן צוויי געפילן: געפאַלנקייט און האָפענונג:

און בלויז דאָ אָדער דאָרט קרעכצט אַ נאַקעטער בוים,
פון די לעצטע פאָר גרינינקע בלעטלעך באַרויבט...
און בלויז דאָ אָדער דאָרט הערט זיך ווי אַ טרוים
שוואַכעס פישטשען פון פייגעלעך — נאַס און באַטויבט...

און מיין נאַריש האַרץ ווייס ניט, צי זאָל עס באַחויערן
ווייל עס האָט ניט דעם פייגלס שיקזאַל געטיילט,
אָדער אויפהערן וויינען, אויפהערן טרויערן,
פון אַ וואונק נייער האָפנונג געשטאַרק און געהיילט?..

דאָס זעלביקע געפיל דריקט ער אויס אין זיין ליד „צו פרי... צו שפעט...”. דאָס איז, מן הסתם, זיין לעצט ליד. געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע”, דעם 4טן מאַי, 1900. דאָס ליד קען מען צושרייבן צו זיינע יחידיש־סאָציאַלע לידער. פאַראַן אין דעם ליד דער טאָן פון מאַרטירערשאַפט. ווען מ׳לייענט דאָס ליד דוכט זיך אויס: אָט מיינט ער זיך, אָט מיינט ער עדעלשטאַט, און, מעגלעך, יעדן קעמפער, פאַרשאָלטן „מיט אַ זעלע, וואָס פילט און וואָס דענקט”.

צו פרי . . . צו שפעט

ער האָט, ווי איר אַלע, געלעבט און געליטן
געקעמפט און געפאַלן, געשטיגן אויפסניי.
דאָך אים האָט דער קאַמף אויף אַ האָר ניט פאַרביטן;
ער איז זיין פרינציפ, ווי אַ שקלאַף געווען טריי.

אין עלנט און נויט איז זיין יוגנט פֿאַרפֿלויגן...
אך, ווען פֿון אייך איז די צייט ניט באַקאַנט,
ווען עס לעכערט די ברוסט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן,
ווען ס'פֿלאַטערט די זעלע און ציטערט די האַנט?

ווען אַלעס שיינט שיין צו זיין ערלעך, ענטציקנד,
ווען ס'גלויבט זיך אין יענעם, אין זיך — אין דער וועלט,
ווען פֿינצטערע נויט, אַלעס ריינעס ערדריקנד,
מאַכט דאָ ניט דעם גייסט פֿאַלן כורעים צו געלט?

ער האָט, ווי איר אַלע, געאָפּפֿערט די יאָרן,
אין גוטלאָזן יאָגן נאָך אַ „העכערן צוועק".
און דאָך ניט פֿאַרצווייפֿלט, און מוט ניט פֿאַרלאָרן,
ווען שווער איז דער יאָך געווען, פֿינצטער דער וועג.

איין טרייסט האָט באַשטענדיק מוט, לוסט אים געגעבן
איין האָפֿנונג זיין וועג געמאַכט ליכטיק און ריין;
די פֿריינד, וועמען ער האָט געווידמעט זיין לעבן —
זיי וועלן אים שעצן, דערקענען, פֿאַרשטיין.

אָ, זעליקע דומהייט, גאַנץ וויכט ליגט זיין קבר
מיט דערנער און גראָז טיף באַוואָקסן אַרום
פֿון מעכטיקן גוף ניט געבליבן קיין אבר,
זיין מעכטיקער גייסט ווי דער טויט אַליין — שטום.

די פֿריינד, וועמען ער האָט זיין יוגנט געגעבן
זיין בלוט און זיין פֿלייש, זיין מוט און זיין מאַכט,
זיי האָבן פֿאַרפֿאָלגט אים, געטריבן ביים לעבן
זיי האָבן פֿון אים נאָך זיין שטאַרבן געלאַכט.

און בלויז זיין מצבה צו דר'ערד איינגעבויגן
(אַ טרוימער, ווי ער, האָט דעם שטיין וועקגעשטעלט)
טראָגט דיזע לעגענדע וואָס שטעכט אייך די אויגן:
„געקומען צו פּרי און צו שפּעט אויף דער וועלט".

צו פּרי, זיינע פֿריינד זאָלן שעצן און וויסן
פֿאַר וועמען ער האָט זיינע כוחות געשענקט;
צו שפּעט — ער זאָל קענען, ווי איר, אַלץ גענִיסן,
געפּלוכט מיט אַ זעלע, וואָס פֿילט און וואָס דענקט.

די זעל, וואָס פילט און דענקט

נחום באַבאַד איז געווען באַשאַנקען „מיט אַ זעלע, וואָס פילט און וואָס דענקט". ער פאַרקערפערט מיט זיך אַ באַשטימטן טיפּ יידישן רוסיש־אַסימילירטן יונגנמאַן. אַזעלכע יונגעלייט האָבן ערשט אין אַמע־ריקע זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט יידישע מאַסן. טייל אַזעלכע יונגעלייט זיינען געוואָרן דאָ בויער, פירער און שרייבער. די יידישע מאַסן האָבן אַזעלכע יונגעלייט אויסגעלערנט פריער ווי אַלץ — יידיש, סאָציאַלן קאַמף און העכערע סאָציאַלע פּראַקטישע אינטערעסן. די מער ראָמאַנטישע און סענסיטיווע האָבן געפונען אַ וועג צו זייערע פריער־דיקע נטיות — צו קונסט.

באַבאַד איז געווען אַן אידעלע ראָמאַנטישע געשטאַלט. געניגט צו חלומען וועגן שיינקייט און יושר, האָט ער זיינע באַוואוסטזיניקע יאָרן געמוזט לעבן אין מיאוסקייט און אומיושר. אינאיינעם מיט טויזנטער, טויזנטער קרבנות פון די שוויץ־פאַבריקן האָט ער דורכגעלעבט די גרויזאַמסטע יאָרן אין דער אימיגראַנטישער צייט אין די 80ער און 90ער יאָרן.

הײמאַן סטראָנסקי

1942 — 1871

הײמאַן סטרונסקי

ביאָגראַפֿישע פּרטים

„סטרונסקיס קאַפּע" איז אַמאָל געווען אַ שם דבר אויף דער צווײ־טער עוועניו אין ניו־יאָרק. געווען איז דאָס בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָרטן האָט מען געזען אויף די ווענט אברהם וואַלקאָ־וויטשעס בילדער, וואָס זײנען דעמאָלט געווען „אומפֿאַרשטענדלעך" און ממש מיסטעריעז. שפּעטער זײנען זײ געוואָרן באַרימט און מאָ־דערניסטיש קלאַסיש. אין דער דאָזיקער ליטעראַריש־קינסטלערישער קאַפּע האָט מען געפֿירט שמועסן וועגן מאָדערנעם טעאַטער. די „יונגע" און די „אינזיכיסטן" האָבן דאָרטן געחלומט זײערע חלומות, באַטראַכט זײערע כלי־זין און זיך געגרייט צו נײַע קאַמפֿן. די גאַנצע יידישע און ניט־יידישע קינסטלערישע וועלט, ממש די גאַנצע ניו־יאָרקער אינטעלי־ליגענץ האָט מען געקענט באַגעגענען אין דער דאָזיקער קאַפּע.

זײער ווייניק מענטשן פֿון דעם גאַנצן טומלדיקן עולם האָבן גע־וואוסט וועגן דעם אייגנטימערס שייכות צו יידישער פּאָעזיע. דער אײגנטימער איז געווען דער סאָציאַלער פּאָעט הײמאַן סטרונסקי. אָבער הײמאַן סטרונסקיס נאָמען ווי אַ דיכטער האָט מען געוואוסט אין די 90ער יאָרן פֿאַריקן יאָרהונדערט.

אין ניו־יאָרק זײנען די סטרונסקיס געווען זײער באַוואוסט. ס'איז כדאַי צו פֿאַרצייכענען עטלעכע פּרטים וועגן זײ. דאָס וועט אונדז געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן די קולטורעלע נטיות אין דער דאָזיקער משפּחה. הײמאַנס עלטערער ברודער, אַלבערט, איז געווען אַ לעגענ־דאַרע פֿיגור. אין דעם קינסטלערישן קוואַרטאַל, אין גרעניטש ווילעדזש, איז ער געווען באַקאַנט ווי דער הײזער־אייגנטימער, וואָס האָט נישט גענומען קיין דירה־געלט פֿון אָרעמע קינסטלער. נאָכמער — ער האָט הונגעריקע קינסטלער געהאָלפֿן מיט געלט. הײמאַנס ייִנגערער ברו־דער ד"ר מאַקס סטרונסקי איז געווען אַ באַוואוסטער כירורג און מע־דיקער אין סאַן־פֿראַנציסקאָ, שפּעטער — אין ניו־יאָרק. אײן שוועס־טער, אַנאַ סטרונסקי־וואַלינג, האָט צוזאַמען מיט דזשעק לאָנדאָנען אָנגעשריבן דאָס בוך „דהי קעמפּטאָן וועיס לעטערס". אַנאַ סטרונסקי

איז די פרוי פון באַרימטן אַמעריקאַנער סאָציאַליסט און דענקער אינגליש וואַלינג. אַן אַנדער שוועסטער, ראָוז סטרונסקי, די פרוי פון באַוואוסטן געלערנטן ד״ר לייאָיס לאָרווין, איז די פאַרפאַסערין פון אַ בוך וועגן אייבערעהעם לינקאָלן. זייער שוועסטערקינד סימעאָן סטרונסקי איז וועגן דער זייער חשובער און באַוואוסטער מיטאַרבעטער פון דער „ניו־יאָרקער טיימז״. ער איז געווען אַ מחבר, רעדאַקטאָר, און שרייבער פון באַרימטן טעגלעכן קאָלום „טאָפּיקס אָוו דהי טיימז״.

היימאַן סטרונסקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1871, אין באַביניץ, וויטעבסקער גובערניע. דאָס שטעטל האָט זיך געפונען ניט ווייט פון פּאָלאָצק. ער איז אַלט געווען פופצן יאָר, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט דער גאַנצער משפחה. דער פאָטער איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ משכיל. די מוטער איז געווען אַן אשת־חיל. צו 86 יאָר האָט זי אָנגעשריבן קאַפּיטלעך זכרונות וועגן דעם צוריקגעשטאַנענעם שטעטל און וועגן די פּינקלדיקע האָפענונגען אין אַמעריקע, אין דעם לאַנד פון גרויסע מעגלעכקייטן. אויך דער פאָטער האָט זייער אַ סך געהאַלטן פון אַמעריקע. דאָס נייע לאַנד איז ביי זיי געווען ווי אַ טרוים וועגן אַ פריי און העכער לעבן. דעם ביטערן וועג פון די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן האָבן זיי באַטראַכט ווי צייטווייליקע שוועריקייטן, וואָס מען מוז בייקומען. און די ערשטע אימיגראַנטישע יאָרן האָבן געפירט צו דער שוויצפאַבריק — נייען העמדער. אַלע האָבן געאַרבעט: דער 17־יאָריקער אַלבערט, דער 15־יאָריקער היימאַן, און אַפילו דער גאָר יונגער מאַקס. געאַרבעט האָט מען פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט. און די מוטער, די אשת־חיל, האָט געקאָכט און געראַמט פאַר זיי. אין איר אָפן הויז האָט זי מיט דער ברייטער האַנט געשטילט דעם הונגער פון אַ סך אידעאַליסטישע יונגעלייט, וואָס האָבן דאָרטן געפונען אַ מקום־מקלט. און ווען מ׳האָט באַדאַרפט האָט זי געגרייט פאַר זיי אַ געלעגער אויפן דיל. געוואוינט האָט די משפחה אין האַרץ פון דער איסט־סייד, אין אַ טענעמענט־הויז, אויף מעדיסאָן סטריט.

אין 1888 האָט זיך די משפחה אַריבערגעקליבן קיין ראָהוועי, ניו־דזשוירזי. געטאָן האָבן דאָס די סטרונסקיס מחמת צוויי סיבות. ראשית, דאָרטן האָט זיך געעפנט אַ נייע פאַבריק צו נייען העמדער. שנית, מ׳האָט געהאָפט, היימאַן וועט זיך אויסהיילן פון זיין כראָנישן בראָנכיט. אַגב, פון דער דאָזיקער קראַנקייט האָט ער געליטן זיין גאַנץ לעבן.

אין 1889 איז די סטרונסקי־משפחה שוין געווען צוריק אין ניו־יאָרק. דער פאָטער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ סוחר, די קינדער זאָלן אָנהייבן שטודירן. נאָכדעם ווי מ׳האָט אָפּגעוואוינט אַ יאָר צייט אין אַ דירה אויף איסט 35סטער גאַס, האָט דער פאָטער געעפנט אַ שפּייז־קראָם. די קינדער האָבן אויפגעהערט אַרבעטן אין דער פאַבריק, און זיי האָבן גענומען צום לערנען. פאַרשטייט זיך, אין די פרייע שעהן האָבן זיי געהאָלפן דעם טאַטן אין קראָם. דאָס סטרונסקי־הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פון יונגע שרייבער און פּאָעטן. כמעט יעדן אָוונט האָט מען דאָרטן געטראָפן יונגעלייט, וואָס זיינען געווען פאַרטאָן אין ליטעראַטור. צווישן די שטאָם־געסט איז געווען מאָריס ראָזענפעלד.

היימאַן סטרונסקיס תשוקה צו שרייבן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ סך פריער. ווען ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר, בעת זיי האָבן געוואוינט אין ראַהוועי, האָט היימאַן פאַרעפנטלעכט פאַר דער משפחה זיינע לידער און זיין ראָמאַן וועגן דעם אימיגראַנטן־לעבן.

אין 1894 האָט היימאַן סטרונסקי חתונה געהאַט. ער האָט זיך דעמאָלט מפרנס געווען פון אַ שפּייז־קראָם. אין 1895 האָט זיך די גאַנצע סטרונסקי־משפחה איבערגעקליבן קיין סאַן־פראַנציסקאָ. אויך היימאַן סטרונסקי איז אַהין אוועק מיט דער משפחה. דער פאָטער האָט אין סאַן־פראַנציסקאָ געעפנט אַ געשעפט פון וויין און ליקער. די זין האָבן געאַרבעט אין פאָטערס געשעפט, אַחוץ מאַקס סטרונסקין. ער האָט זיך שוין פאַרנומען מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק. ווען אונדזער ד״כטער איז געווען אויף אַ געשעפט־רייזע אין ניו־יאָרק, איז אים זיין פרוי געשטאָרבן. זי האָט אים איבערגעלאָזן מיט צוויי קליינע מיידעלעך. אַ צווייט מאָל האָט ער ניט חתונה געהאַט.

די סטרונסקיס האָבן געוואוינט אין סאַן־פראַנציסקאָ פון 1895 ביז 1906, ווען אין סאַן־פראַנציסקאָ איז פאָרגעקומען די ערד־ציטערניש, באַגלייט פון אַ גרויסער שרפה. אין דער דאָזיקער שרפה זיינען פאַרברענט געוואָרן דעם דיכטערס אַלע שריפטן. און ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן די דאָזיקע אבידה.

ווען היימאַן סטרונסקי איז געקומען צוריק קיין ניו־יאָרק, אין 1906, איז ער געוואָרן אַ רעפּאָרטער פון דער ענגלישער סאָציאַליסטישער צייטונג „דזהי ניו יאָרק קאָל״. ער האָט דעמאָלט געשריבן אויסשליסלעך אין ענגליש — דערציילונגען פאַר „סטריט ענד סמיטה״,

צ. פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פּאָפּולערע זשורנאַלן. ער האָט זיך אויך געדרוקט אין „קאָסמאָפּאָליטען", „וועניטי פעיר" און אַנדערע זשורנאַלן. היימאַן סטרונסקי האָט אויך געשריבן אַ סך פּיעסן אין ענגליש.

זיבן יאָר איז ער געווען אַ „פרי לענס" שרייבער. די אָנשטרענגונג איז געווען צו גרויס פאַר אים. האָט ער אין 1913 געעפנט אַ האָטעל ביים ים, אין בעלמאַר, ניו דזשוירזי. שפּעטער — אַן אַנדער האָטעל אין עלבעראָן. אויף דער צווייטער עוועניו האָט ער געהאַט זיין באַ־רימטע קאַפע, אַ פּלאַץ פאַר קינסטלער און אינטעלעקטואַלן, פּונקט ווי דאָס זיינען געווען זיינע האָטעלן. אין 1924 האָט ער זיך פאַרנומען מיט „ריל עסטעיט", באָדן־מסחר. ער האָט אָפּגעדונגען הייזער אויף וואַשינגטאָן סקווער, וואָס האָבן געהערט צו קאָלאָמביע אוניווערסיטעט. די הייזער האָט ער איבערגעבויט און זיי פאַרדונגען. אַגב, — אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ געפינט זיך איצט די יורידישע שולע פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, אויך די יורידישע ביבליאָטעק.

היימאַן סטרונסקי איז געווען אַ לב טוב. ער האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט. ער איז געווען מער טרוימער ווי געשעפטסמאַן. קיין נחת האָט דאָס ניט צוגעגעבן זיין לעבן. דערצו האָט ער שטענדיק געליטן פון די אָפטע עקאָנאָמישע קריזיסן אין לאַנד. אויף זיינע געשעפטן האָבן זיך די קריזיסן שטאַרק אָפּגערופן.

געשטאָרבן איז סטרונסקי אַן אַנטוישטער מענטש, אין עלטער פון 71 יאָר, דעם 10טן אַפּריל, 1942. געווען איז ער אַ טאַלאַנטירטער מענטש, אַן עמאָציאָנעלער מענטש, אַ טרוימער. זיין אַנטוישונג איז זיכער באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן האָבן ניט געפונען קיין תיקון.

דעם שרייבער פון די שורות זיינען באַקאַנט היימאַן סטרונסקיס לידער פון יאָר 1891 ביז 1893, אַ פּראָזע־זאַך „די אויטאָ־ביאָגראַפיע פון אַ ראַק" (אין „אַרבייטער צייטונג", דעם 27סטן אַפּריל, 1895), ווי אויך רעצענזיעס, אין ענגליש, וועגן מאָריס ראָזענפעלדן און וועגן יהוא־שעס בוך „געזאַמלטע לידער" (אין „דזשואיש קאָמענט", באַלטימאָר, אויגוסט 23, און אָקטאָבער 11, 1907).

זיינע לידער

היימאַן סטרונסקיס ערשט ליד, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז: „אַ פראַגע“ (אָן [צו] דעם פאָלקס־דיכטער אונד פּאָעט מאָררים ראָזענפעלד). געדרוקט איז געווען דאָס ליד אין „פאָלקסאַדוואָקאַט“, דעם 26סטן יוני, 1891. אין יענע יאָרן זיינען די באַרימטע יידישע פּאָעטן געווען ווינטשעווסקי, דעמאָלט נאָך אין לאָנדאָן, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד. ראָזענפעלד האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן צוויי זאַמלונגען לידער: „די גלאָקע“ און „די בלומענקעטע“. אין דער „אַרבייטער צייטונג“ איז ער געוואָרן דער וויכטיקסטער, דער אָפּיציעלער דיכטער. זיינע לידער האָט מען געזונגען אין די שעפּער, אין די טענעמענט־הייזער, אויף קאָנצערטן און אויף אַרבעטער־פאַר־זאַמלונגען. מען האָט אים באַטראַכט פאַרן דיכטער, וואָס מיט זיין פּאָעטיש וואָרט העלפט ער דערנענטערן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. פלוצעם האָט ראָזענפעלד אויפגעהערט פאַרעפנטלעכן זיינע לידער אין דער „אַרבייטער צייטונג“ — פון אַפּריל 1891 ביז אַפּריל 1892. דאָס האָט אַרויסגערופן שטוינונג מצד זיינע אָנהענגער, אויך טענות. היימאַן סטרונסקי דריקט זיי אויס אויף אַזאַ אופן:

זאָג, ועסטו ניט מערער
דעם אַרבעטערס צרות,
זיין ליידן, זיין קוואַל, און זיין שמערץ?
אָדער פאַרגליווערט,
פאַרשטיינערט געוואָרן
איז דיין פילנדע ליידנדע הערץ?
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
דו האָסט דורך דיין זינגען
אונדז שטענדיק געוויזן
דעם וועג צו באַפרייאונג, צו ליכט,
הערקלער מיר וואָס ביסטו
אַנטשוויגן געוואָרן!
זאָג, האָסטו פאַרגעסן דיין פליכט?

„דער וועג צו באַפרייאונג“ — דאָס איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע מאָטיוון אין סטרונסקיס לידער. דעם טריבון ראָזענפעלדן

פֿאָדערט ער אויף צו דערקלערן פֿאַרוואָס דער דיכטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווען זינגען איז זיין פֿליכט, אַ פֿליכט וואָס פֿירט צו „ליכט", „צו באַפֿרייאונג".

צו די קעמפֿער פֿאַר אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט ווענדט ער זיך אין דעם זעלביקן גייסט. אין זיין ליד „דער פֿערטער דזשולאַי" דערציילט ער ווי אַזוי עס האָבן געציטערט די הערשער, די טיראַנען, ווען די אַמעריקאַנער קעמפֿער פֿאַר פֿרייהייט האָבן געריסן „פֿון זיך דעם יאָך, וואָס האָט זיי... אַן אויפֿהער געדריקט". „צו ליכט", „צו באַפֿרייאונג" — דאָס איז דער הויפּט־געדאַנק אין זיינע לידער, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען. די טעמאַטיק אין זיי איז אָבער אַ פֿאַרשיידענע. מיר געפֿינען ביי אים דאָס רוב לידער, וואָס דריקן אויס סאָציאַלע עלנט, אַ צוויי לידער סאַטירישע און איין ליד, וואָס איז באמת אַ רעוואָלוציאָנער ליד.

לידער פֿון סאָציאַלער עלנט

טרערן־לידער זיינען געווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט ביי אַ סך סאָציאַלע פּאָעטן. ווען נאָר מען האָט באַשריבן דאָס אינעוויניקסטע לעבן פֿון געליטענע, האָט דער רחמנות צו זיך אַליין אַרויסגערופֿן טרערן. דאָס לעבן איז טאַקע געווען אַזוי ביטער, אַז בלויז טרערן האָבן אויסגעדריקט דעם שקלאַפֿס אַנגעווייטיקט האַרץ.

סטרונסקיס ליד „מיין פּראַגע" („די אַרבייטער צייטונג", דעם 3טן יולי, 1891) דערמאָנט אונדז אין אליקום צונזערס פֿאָרם און ריטם. דער אינהאַלט אָבער איז אַן אייגענער. דעם אַרבעטער ביי דער מאַשין מאַטערט איין פּראַגע: ווען ער וועט אַלט ווערן — „אַ, דאַמאַלסט, אַ, דאַן וואָס וועט זיין?"

מיין פּראַגע

זיצנדיק נייענדיק,
שטענדיק שווער־דרייענדיק
מיט טרערן די ראָד פֿון מאַשין —
אַ ווייטיקע פּראַגע
דאַן איבער מיין לאַגע
אין צוקונפֿט באַשעפֿטיקט מיין זין:

דאַן ווען פֿאַראומערטע,
יאָרן פֿאַרקומערטע,
פֿיל יאָרן פֿון צרות און פּיין
וועלן מיך אַלץ מאַכן
צום קראַנקן און שוואַכן,
אָ, דאַמאָלסט, אָ, דאַן וואָס וועט זיין ?״

ווען פֿראַצעווען, שאַפֿן שווער
וועל איך ניט קענען מער;
ווען אויסגעסמאצקעט ביז אין ביין,
ווען אַ גוצלאָזער שקלאַף,
אויסגעאַרבעט און שלאַף
וועל איך זיין, — אָ, דאַן וואָס וועט זיין ?

וואָס וועט מיך באַשיצן,
ערנערן און שטיצן ?
פֿאַרמאַטערט אַלטינקערהייט —
זיאו וועל איך פֿאַרשמאַכטערהייט,
קראַנקער פֿאַרשמאַכטערהייט,
געפֿינען אַ שטיקעלע ברויט ?

⁂

עס לויפֿן די יאָרן,
דעם אַרבעטערס יאָרן,
פֿאַרפֿינצטערט פֿון צרות און פּיין !
זיי לויפֿן געשווינד
און לאָזן אָן געזינד,
און דאַמאָלסט — אָ, דאַן וואָס וועט זיין ?

נאָך שטאַרקער ווערט דער טרערן־מאָטיוו ביי סטרונסקין אויס־געדריקט אין ליד „דער שלעכטער וועטער״ („די אַרבייטער צייטונג״, דעם 24סטן פֿעברואַר, 1893). די פֿינצטערע כמאַרעס ביי אים אין האַרצן ווערן „צעשמאָלצן אין רעגן פֿון טרערן, אין מבול פֿון בלוט און פֿון גאַל״. דאָס ליד עפֿנט זיך מיט אַ שורה, וואָס דערמאָנט אונדז אין ווינטשעווסקיס אַקאָרד „אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט״. ביי סטרונ־

סקי גייט די שורה: „עס רעגנט, עס שנייט און עס ווייעט״. די טעמעס ביי די צוויי פּאָעטן זיינען פאַרשיידענע. ביי ווינטשעווסקין איז דאָס ליד וועגן צוויי „עופעלעך״, צוויי „יתומימלעך״. ביי סטרונסקין איז דאָס ליד וועגן זיך אַליין. סטרונסקי פאַרגלייכט זיין אייגן פאַרוואָלקנט געמיט מיט נאַטור־בילדער, וואָס רופן אַרויס אַזאַ געמיט. פאַרגלייכן נאַטור־דערשיינונגען מיט סאָציאַלן צושטאַנד — דאָס איז געווען אַ באַליבטער מיטל ביי כמעט אַלע סאָציאַלע פּאָעטן. סיי קאַמף אין נאַטור־אויסברוכן, סיי געפּאַלנקייט אין געמיט האָבן די פּאָעטן פאַרגליכן מיט זייער אייגענעם גורל.

שלעכטער וועטער

עס רעגנט, עס שנייט און עס ווייעט,
 דער הימל איז פינצטער און שוואַרץ.
און שוואַרצער, נאָך פינצטערער שוואַרצער
 איז איצטער ביי מיר אין מיין האַרץ.
עס שלעפּן זיך פינצטערע כמאַרעס —
 וואָלקנס וואָס האָבן פאַרשטעלט
די שיין פון דעם אַרבעטערס לעבן,
 דאָס לעבן פון אַרבעטער־וועלט.

עס רעגנט, עס שנייט און עס ווייעט,
 יי וואָלקנס צעשמעלצן אין פלוס.
און, בילדער, ביי מיר אין מיין האַרצן
 די וואָלקנס פון לייד און פאַרדרוס.
די כמאַרעס, די פינצטערע כמאַרעס
 פון צרות, פון הונגער און קוואַל,
צעשמאַלצן אין רעגן פון טרערן,
 אין מבול פון בלוט און פון גאַל...

פאַראַן ביי סטרונסקין נאָך אַ ליד, וואָס דריקט אויס געפּאַלנקייט דורך נאַטור־בילדער. דאָס ליד הייסט „צו דער פרייהייט״. אויך אין דעם ליד באַנוצט זיך סטרונסקי מיט פאַרגלייכן — ווינט, שטראַלן, וואָלקנס. די דאָזיקע דריי נאַטור־דערשיינונגען שטעלן מיט זיך פאָר:

שטראַלן מיינט שטראַלן פון פרייהייט. וואָלקנס — זיי פאַרהילן די פרייהייט. דער ווינט — ער קען פאַריאָגן די פינצטערע מאַכט פון די וואָלקנס. דאָס ליד דריקט, אָבער, אויס געפאַלנקייט. דער ווינט, וואָס דאַרף פאַרטרייבן די פינצטערע כוחות „איז בלויז אַ זיפץ פון אַ קרענק־לעכן האַרץ”.

צו דער פרייהייט

ווי איך דענק פון די שיינענדע ליכטיקע שטראַלן,
וואָס זיינען פאַרוויקלט אין וואָלקנס אַצינד,
ווערט מיר מיין האַרץ אויף שטיקער צעפאַלן,
ווערט אין מיין בוזעם אַ שטורמענדער ווינט.

אַ ווינט וועלכער וואָלט, דאַכט מיר, קענען צעשלאָגן,
צערייסן די וואָלקנס, פאַרטרייבן זיי ווייט;
אַ ווינט וועלכער וואָלט, דאַכט מיר, קענען פאַריאָגן
די שרעקלעכע שוואַרצקייט, די פינצטערע צייט.

נאָר אומזיסט! אָך, עס העלפט ניט! די וואָלקנס, זיי בלייבן;
איך פרעג זיך וואָרום? און ווי גרויס איז מיין שמאַרץ!
איך זע, אַז דער ווינט, וועלכער וויל זיי פאַרטרייבן,
איז בלויז אַ זיפץ פון אַ קרענקלעכן האַרץ...

דאָס גלויבן אין „ליכטיקע שטראַלן” האָט סטרונסקי אויסגעדריקט אין זיין לאַנג ליד „די צוקונפט”. אין דעם ליד איז ניטאָ קיין שום ספק וועגן דער בליענדיקער פרייהייט. ניטאָ קיין שום כוחות אויף דער וועלט, וואָס וועלן קענען אָפּהאַלטן די „צייט, ווען די מענטשהייט וועט ווערן באַפרייט”.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג און די יאָרן, זיי פליען!
עס פליען די יאָרן און שלעפּן מיט זיך
מיין לעבן, מיין שטרעבן, מיין קליינינקן איך,
אַלעס אַהין־צו — אַהין זע איך ציען...
און ציענדיק, לויפנדיק, יאָגנדיק גיך,

זע איך דערווײַלע, ווי טראָגן מיט זיך
אַ נײַאינקע, ליבינקע, פֿריילעכע צײַט:
אַ צײַט ווען די מענטשהייט וועט ווערן דערקוויקט,
אַ צײַט ווען די מענטשהייט וועט ווערן באַפֿרײַט.

אין דער צווייטער סטראָפֿע בעט דער דיכטער, די צײַט זאָל בלײַבן שטיין אויף אַ ווײַל. ער וויל זען ווי „גליקלעך און פֿרײַ, די מענטשהייט וועט לעבן אין גליקלעכער צײַט". ער וויל נאָך „געניסן פֿון געטלעכער פֿרײַהייט דעם זיסינקן שטראַל, — און לאָזן די פֿריילעכע ליבלעכע שטונדן, פֿאַרזיסן די שמערצלעכע ביטערע וואונדן, מײַן איצטיקע צרות און קוואַל!"

דער דיכטער כאַפּט זיך אָבער גלײַך: ער פֿאַרהאַלט „די נײַאינקע צײַט פֿון צופֿרידנקייט, גליק, פֿון פֿרײַהייט פֿאַר פֿאַרשקלאַפֿטע לײַט". ער בעט זי, זי זאָלן לויפֿן וואָס שנעלער, כּדי די צוקונפֿט זאָל קומען וואָס שנעלער, הגם „דער אַלמעכטיקער שטראָם" וועט אים אַלײן מיטרײַסן און אַוועקטראָגן אין „אַלוועלטלעכן, אײביקייט־תּהום".

און דער דיכטער ענדיקט דאָס ליד מיט גלויבן אין דעם „האָפֿענונג־שטראַל", מיט גרויסער בענקשאַפֿט צו „שמעקן די בלומען פֿון מײַן אידעאַל". דאָך ענדיקט זיך דאָס ליד מיט אַ געפֿיל פֿון פּערזענלעכער געפֿאַלנקייט. דער דיכטער ווערט צו אַלט. ער וועט ניט דערלעבן זען ווי עס ווערט פֿאַרווירקלעכט זײַן טרוים. דער טרוים וועט ווערן ווירקלעכקייט פֿאַר דעם קומענדיקן דור.

אָ, ליבינקע צוקונפֿט! מײַן האָפֿענונגס־שטראַל!
ווי וואָלט איך וועלן נאָך לעבן, נאָך זײַן,
געניסן די ליכטיקע, ליבינקע שײַן,
שמעקן די בלומען פֿון מײַן אידעאַל!
אך, אָבער אומזיסט! יאָ, אַ ביסל צו ווײַט
האָט דיך פֿון מײַן לעבן געשטעלט אונדזער צײַט:
די צײַט וואָס פֿאַרשלעפּט מיך אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
שטראַלסטו אַלץ וואַרעמער, ווער איך אַלץ קעלטער,
קומסטו אַלץ נענטער, ווער איך אַלץ עלטער —
דו ביסט פֿאַר דעם קומענדן דור!...

די ווירקלעכקייט איז פֿאַר אים אָבער אַ ביטערע. ער הערט אַרום זיך בלויז „זיפֿצן און קרעכצן". ער גלויבט טאַקע אין דער צוקונפֿט.

אָבער געדאַנקען וועגן דעם „איצט" לאָזן אים ניט רוען. ניט געקוקט אויף דעם מונטערן גלויבן, לעבט ער אין אַן אַפּאַטישער שטימונג. ער קען אַפילו ניט זיין אָריגינעל. ער וויל אָנשרייבן „אַ ניי ליד". אומע־טום האָט מען טענות צום דיכטער, ער זאָל אויפהערן שרייבן די אַלטע לידער. אָבער דער דיכטער קען ניט געפינען קיין שום נייע טעמעס. זייער גוט באַקאַנט זיינען די טעמעס — „זיפצן און קרעכצן... צרות, און הונגער, און קעלט". דאָס ליד הייסט טאַקע „ניטאָ וואָס צו שרייבן" („די אַרבייטער צייטונג", דעם 18טן נאָוועמבער, 1892):

איך וואָלט עפּעס וועלן איצט שרייבן אַ נייעס,
אַ לידל — זאָל זיין אָריגינאַל.
דען „צו־אַלטע לידער איצט שרייבן די דיכטער",
הער איך ווי מען זאָגט איבעראַל.

נון, קוק איך אַריין אין דער וועלט און איך זוך דאָרט
אַ טעמע, וואָס איך וואָלט געוואָלט.
געפין איך ניט מער דאָרט ווי זיפצן און קרעכצן,
ווי צרות, פון הונגער און קעלט.

און טעמעס פון זיפצן און קרעכצן,
פון צרות, פון הונגער און קעלט,
איז שוין קיין נייס פאַר די מענטשלעכע מאַסן,
איז צו באַקאַנט אונדזער וועלט...

זיין אַפּאַטישע, דערשלאָגענע שטימונג לינדערט ער מיט זיינע חלומות. אין רגעס פון ביטערן לעבן אַנטלויפט ער אינגאַנצן אין צו־קונפט־טרוימען. בלויז אין די חלומות לעבט ער אויף. ער לעבט בלויז אין דעם „באַצויבערטן לעבן, וואָס וועט אַמאָל זיין". אָט־די שטימונג דריקט ער אויס אין זיין ליד „איך לעב אַמאָל" („די אַרבייטער צייטונג", דעם 3טן פעברואַר, 1893):

איך לעב אַמאָל

איך לעב אין מינוטן, ווען ס'טראַכט זיך פון גוטן
באַצויבערטן לעבן, וואָס וועט אַמאָל זיין,

איך לעב אין סעקונדן, ווען שמערצלעכע וואונדן
פאַרטריבענע ווערן פון האָפענונג־שיין.

איך לעב אין די ווילעס, וואו טויזנטער מעלות
פון גליקלעכער צוקונפט פאַרנעמען מיין זין.
איך לעב ווען איך דרימל, און זע זיך אין הימל,
אַוועק פון דער וועלט, און פאַרגעס וואו איך בין...

און דאָס איז, אייגנטלעך, דער הויפּט־געדאַנק אין סטרונסקיס לידער. דיווירקלעכקייט איז ניט אַריבערצוטראָגן. דאָס איינציקע איז — דער טרוים, וואָס פאַרגרינגערט אונדזער לעבן. אין דעם טרוים גלויבט ער אָן שום ספקות. אָבער דער טרוים איז ניט סתם — „אַ פרייע מענטשהייט". דאָס איז אַ „פרייע מענטשהייט", וואָס איז פריי אין אַלץ, אָן שום אויסנאַמען. פריי — פּאָליטיש, פריי — סאָציאַל. ביידע פרייהייטן מוזן מיר האָבן: די פּאָליטישע און די אינדוסטריעלע. בלויז די צוויי דעמאָקראַטישע פרייהייטן, שרייבט דער דיכטער, קענען אונדז „מאַכן אויף אימער און אייביק... גליקלעך, און פרידלעך, און פריי".

אין זיין ליד „דער פערטער דזשולאַי" („די אַרבייטער צייטונג", דעם 3טן יולי, 1891) שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער דאָזיקער פּראָבלעם. ער דערציילט אונדז וועגן דעם אויפשטאַנד פון די אַמעריקאַנער קעגן דער ענגלישער הערשאַפט. זיי האָבן העלדיש געקעמפט. אַראָפּגעריסן פון זיך די שקלאַפן־קייטן פון פרעמדן יאָך. זיי האָבן טאַקע געזיגט. און אין אַזאַ גייסט באַשרייבט ער דעם קאַמף. דער קאַמף קעגן דעם ענגלישן קעניג דזשאָרדזש דעם דריטן און דער זיג זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. דאָס איז דער יום־טוב — דער פערטער יולי. אין שייכות מיט אָט־דעם טאָג דערמאָנט דער דיכטער די אַמעריקאַנער קעמפער. וועגן דעם שרייבט אין ערשטן טייל ליד:

דער פערטער דזשולאַי

עס ציטערן הערשער, עס ציטערן טראַנען!
עס שרעקט זיך פאַרדאָרבנקייט און טיראַניי.
דאָס פאָלק פון אַמעריקע וויל ניט מער ליידן
און רופט צו זיין פרייהייט דעם פערטן דזשולאַי!

ס׳וויל ניט מער לאָזן ווי ביז הער זיך טרעטן
פון הורשטיקע רויבער, פון ווילדע באַנדיטן ;
עס וויל ניט מער בייגן זיין קאָפּ און זיין רוקן
פאַר באַרמלאָזן טיגער פאַרן דזשאָרדזש פאַר דעם דריטן.

אָט שטייען זיי העלדיש און מוטיק, די קריגער !
זיי זיינען ניט מער קיין געהאָרכזאַמע קנעכט ;
זיי טרעטן אַרויס קעגן געזאַלבטע דעספּאָטן
זיי קעמפן פאַר פרייהייט, פאַר גליק און פאַר רעכט.

זיי קעמפן און רייסן פון זיך זייער יאָך,
וואָס האָט זיי ביז איצט אָן אַן אויפהער געדריקט.
עס שאַלן טראָמפּייטן, עס קלינגען געשרייען :
„אַ סוף פון די קייטן, מיר האָבן געזיגט !“

די אַמעריקאַנער פרייהייט־קעמפער האָבן זיך טאַקע באַפרייט פון פרעמדן יאָך. אָבער אַנדערע הערשער זיינען אויפגעקומען. זיי זיינען שוין אויפגעקומען ביי זיך אין דער היים, אין אייגענעם לאַנד. דאָס זיינען די „בלוט־זויגערס“, וואָס באַרויבן דאָס אָרעמע פאָלק „ערגער ווי פריער נאָך טויזנטער מאָל“. און דער דיכטער ווענדט זיך צו די געפאַלענע קעמפער : ווען איר וואָלט געזען די עלנט, וואָלט איר געוואוסט, אַז אומזיסט האָט איר פאַרגאָסן אייער בלוט אין קאַמף. און מיט אָט־דער ווענדונג הייבט דער דיכטער אָן דעם צווייטן טייל ליד :

אך, ערלעכע קעמפער! וואָלט איר אָבער אויפשטיין
אַ קוק טאָן אַצינד אויף דער וועלט,
וואָלט איר איצט געזען, אַז צום וואָרן בצחון
האָט אַ סך גאָך, אַ סך נאָך געפעלט.

איר וואָלט איצט געזען דאָ הערשער :
בלוט־זויגער גאָר אָן אַ צאָל
רייסן דאָס אָרעמע פאָלק און באַרויבן
ערגער ווי פריער נאָך טויזנטער מאָל.

איר וואָלט איצט געזען אונדזער עלנט
און אונדזערע צרות אין הייינטיקער צייט,

וואָלט איר דאַן געוואוסט, אַז ס'איז אַן עבירה
דאָס בלוט, וואָס איר האָט דאַן פאַרגאָסן אין שטרייט.

איר וואָלט אונדז געהאָלפן דאַן ברענגען וואָס שנעלער
אַ צווייטן, אַ נייאינקן פערטן דזשולאַי,
וואָס זאָל אונדז דאָ מאַכן אויף אימער און אייביק
אונדז גליקלעך און פריידלעך און פריי.

סאַטירישע לידער

צווישן סטרונסקיס לידער, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונדז, גע־פינען זיך צווי סאַטירישע לידער. די דאָזיקע לידער זיינען פאַרבונדן מיטן יום־טוב פסח. פסח איז דער יום־טוב פון באַפרייאונג. אין יענעם יום־טוב דאַנקען די יידן דעם אייבערשטן, וואָס האָט זיי אַרויס־געפירט פון מצרים, דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט. דער דיכטער טראַגט אַריבער דעם געדאַנק וועגן באַפרייאונג אויף דער וואָר אין דעם לאַנד אַמעריקע, וואו יידן האָבן געקראָגן „די פרייהייט... צו ווערן פאַר־שקלאַפט". ער הייסט די אַרבעטער אַרויס פון די שוויצפאַבריקן, זיי זאָלן דאַנקען דעם אייבערשטן איידער דאָס פייפל רופט זיי צוריק אין שאַפּ. וואָרן ווען די מאַשינען וועלן אָנהייבן זייער געפּילדער קענען זיי נאָך אינעם טומל פאַרגעסן, אַז זיי זיינען באַפרייט... דאָס סאַטירישע ליד „פסח" איז געווען געדרוקט אין „אַרבייטער צייטונג", דעם 31סטן מערץ, 1893.

פ ס ח

יידן, וואָס שטייט איר! קומט, נעמט די הגדה;
און לאָמיר האָרט לערנען מיט פלייס און התמדה
די ניסים, וואָס זיינען געשען.
מיר זיינען שוין פריי איצט! יאָ, פריי ווי געווען —
ביי פרעהן אַמאָל אין מצרים.

קומט דאַווענען, זאָגט הלל,
קומט, זייט ניט מחלל
דעם נאָמען פון אים, וואָס באַהיט אייך,
באַשיצט אייך, און גיט אייך
די פרייהייט... צו ווערן פאַרשקלאַפט!

קומט, ברידער! קריכט, שלעפּער,
אַרויס פון די שעפּער
און הייבט אויף די הענט — די וואָס זיינען געקעטעט (געקייטעט)
צום בורא, און דאַנקט וואָס ער האָט אייך געראַטעוועט —
פון קייטן, פון הערשער און דריקער.

קומט, יידן, צום סדר.
קומט, שנעלער, קומט, איידער
עס פאַנגט אָן דער וויסל (פּייפל — נ. ב. מ.) צו רופן אין שאָפּ.
דען דאַן, ווען ס׳וועט אָנפאַנגען קלאַפּן אין קאָפּ
אייך די אייזערנע גרויסע מאַשין,
קענט איר אין טומל פאַרלירן דעם זין,
פאַרגעסן, אַז איר זייט באַפרייט...

דאָס צווייטע סאַטירישע ליד הייסט „ברוך אשר גאלנו". דער מאָ־טיוו איז דער זעלביקער ווי אין פריערדיקן ליד. דער סוף ליד איז געבויט אויפן פּסוק אין דער הגדה: „אשר גאלנו וגאל את אבותינו ממצרים" (וואָס דו האָסט אונדז און אונדזערע עלטערן אויסגעלייזט פון מצרים). אין דעם דאָזיקן ליד איז פאַראַן ווייניקער שפּאָט און מער ביטערקייט. דער דיכטער דריקט אויס זיין טיפן מיטלייד געמישט מיט וויטיק און סאַטירע.

„ברוך אשר גאלנו"

איך זע דעם שקלאַף פון אַלע שקלאַפן,
איך זע דעם קנעכט פון אַלע קנעכט,
איך זע דעם מענטש וואָס איז באַשאַפן
ניט פאַר פרייהייט, ניט פאַר רעכט —

שטייט, ווי אימער, איצט פאַרבונדן
אין זיין שווערער שקלאַפן־קייט;
שטייט אין שמערצן און אין וואונדן,
שטייט אין צרות און אין נויט.

און שטייענדיק אין קייטן פאַנגט ער
אָן צו קרעכצן, מורמלען זאַכט:
„מיין ליבער, זיסער גאָט! איך דאַנק דיר
וואָס דו האָסט מיך פריי געמאַכט..."

דער רעוואָלוציאָנערער מאָטיוו

אין אַלע פּרטים איז סטרונסקי אַן אַרבעטער־פּאָעט. זײַן שקלאַפֿן־ליד איז פֿול מיט צער. די טענער זײַנען פֿול מיט טרערן. ער באַװײנט און באַקלאָגט דאָס אומגליקלעכע לעבן פֿון דעם שקלאַף אין דער שוויץ־פֿאַבריק. ער גלויבט טאַקע אין דער באַפֿרײַטער צוקונפֿט. דערווײַל אָבער איז זײַן ליד דורכגענומען מיט אַ געפֿאַלענעם געמיט. בלויז אין ליד ביי אים קענען מיר באמת אָנרופֿן מיטן נאָמען — רעוואָלוציאָנער ליד. דאָס ליד איז פֿאַרבונדן מיטן אָפֿיציעלן אַמעריקאַנער יום־טובֿ לכּבֿוד די אַרבעטער. אין דעם טאָג געווידמעט דער אַרבעט — „לעי־באָר דעי" — זעט ער דעם שרעקלעכן עמק הבכא. ער זעט אָבער אויך ווי עס קומען־אָן מחנות „פֿון העלדישע אַרבעטער־לײַט". זיי וועלן פֿאַריאָגן דעם גאָט — קאַפּיטאַל. זיי וועלן פֿאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַן אמתן גן־עדן. דאָס ליד הייסט —

וואָס איך זע אַם לעיבאָר־דעי

אין אַ גרויסן טאָל פֿון צרות און שמערצן,
פֿון זיפֿצן, פֿון קרעכצן, פֿון מאַרך און פֿון גאַל,
זע איך דאָרט לויפֿן מיט שרעקלעכער שנעלקייט
אין אַ בלוטיקן וואָגן דעם גאָט קאַפּיטאַל.

עס שלעפּן אים מעכטיקע קרעפֿטן פֿון שקלאַפֿן,
די אײַזערנע הענט פֿון פֿאַרמאַטערטע קנעכט;
עס שלעפּט אים דער נאַרישער לאַנגער געדולד
פֿון נאַרישע קינדער פֿון מענטשן געשלעכט.

ער רײַט אויף געבויגענע קעפּ און אויף רוקנס
פֿון קליינע קינדער, פֿון שוואַכע אלמנות,
און לאָזט נאָך זיך איבער אַ פֿליסנדן שטראָם
פֿון פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון פֿילע קרבנות.

נאָר הינטער דאָרט זע איך אַ מעכטיקע מחנה,
אַ מחנה פֿון העלדישע אַרבעטער־לײַט:

זיי ווילן פֿאַריאָגן דעם בלוטיקן גאָט,
דעם גרויזאַמען הערשער פֿון היינטיקער צייט.

זיי טרעטן אַרויס מיט ענערגישע קרעפֿטן.
איך זע ווי זיי יאָגן שוין באַלד דאָרטן אָן
און ווילן פֿאַרניכטן דעם בלוטיקן הערשער,
דעם בלוטיקן קעניג, דעם קעניג מאַמאָן.

זיי קלייבן זיך מאַכן פֿון עמק הבכא,
פֿון דיזע וועלט, פֿול מיט שמערצן און ליידן,
אַ ליכטיקע וועלט, פֿול מיט ליבע און פֿרייהייט,
אַ פּראַכטפֿולן גאָרטן, אַ וואָרן גן־עדן.

די דיכטער פֿון די 80ער און 90ער יאָרן לעצטן יאָרהונדערט האָבן פֿאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך און אייגנאַרטיקע בילדער. זייער שפּראַך און בילדער האָבן געשטימט מיט זייערע שטימונגען און מיט דער דעמאָלטיקער ווירקלעכקייט. סטרונסקי איז געווען אַן אויפֿריכטיקער דיכטער און ער האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיינע לידער דאָס געמיט פֿון די יידישע אַרבעטער אין זיין צייט.

פון דעם זעלבן מחבר

לידער, פאַרלאַג אינזיך

אונדזער פּיערא (לידער), פאַרלאַג יידיש לעבן.

מסעות פון לעצטן שאָטן (לידער), פאַרלאַג יידיש לעבן.

ביים ראַנד (לידער), פאַרלאַג באָדן.

אַ שטערן בליט (לידער), פאַרלאַג מ. וואַקסער, מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד.

יידישע קלאַסיקער פּאָעטן, פאַרלאַג באָדן.

סיסטעם און רעלאַטיוויטעט אין פּאָעזיע (וועגן מיכל ליכטן). פאַרלאַג יידיש לעבן.

אברהם רייזען (דער דיכטער פון ליד), פאַרלאַג באָדן.

אליהו בחור און זיין בבא־בוך, פאַרלאַג מ. וואַקסער.

גליקל האַמעל (1645־1724), פאַרלאַג מ. וואַקסער. מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד.

זעקס יידישע קריטיקער (א. צעדערבוים, י. י. לערנער, י. ח. ראַווניצקי, יואל ענטין, בעל־מחשבות, ש. ניגער), פאַרלאַג „יידבוך".

ליטעראַרישע וועגן (עסייען: — מענדעלע, אברהם גאָלדפאַדן, י. ל. פּרץ, דוד פּינסקי, יוסף ראָלניק, ה. רויזענבלאַט, א. לעיעלעס, בערנאַרד לואיס), צבי קעסעל־פאָנד ביי דער קולטור־קאָמיסיע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע.

פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע:

באַנד 1 — מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָווּשאָווער, דוד גאָלדשטיין, יצחק רייגאָלד, היימאַן סטרונסקי;

באַנד 2 — נחום מ. באַבאַד, בנימין ראָזענבלום, י. ש. פּרענאָוויץ, אברהם ראַדוצקי, ס. לאַפּוכאָוו־קאַרמען, יצחק זיילין, חיים אַלעקסאַנדראָוו;

באַנד 3 — עוזר סמאָלענסקין, וויליאַם קאַיזער, מאַטוועי ראַם, אַננאַ ראַפּאַפּאָרט יעקב מאַרינאָוו, א. ל. וואָלפסאָן, נעיטן לעמפּערט, ש. ז. רובין.

N. B. MINKOFF

PYONERN FUN YIDDISHER POEZIE IN AMERIKE

Dos Sotziale Lied

Ershter Band

New York, 1956

N. B. MINKOFF

PIONEERS OF YIDDISH POETRY IN AMERICA

THE SOCIAL POETRY

Volume I

New York, 1956